STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09753

YON-TEV UN VOKH IN YISROEL

Bracha Kopstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברכה קאָפּשטיין / יום־טוב און וואָך אין ישראל

„שטאַרק ביז איך" — לידער — ניו־יאָרק 1939

„זינג מיין האַרץ" — לידער — ניו־יאָרק 1945
(צווייטע אויפלאַגע, 1946)

„דאָס פאָלק איז דאָ" — לידער — געשריבן אין ישראל 1951

„משמש אל שמש" — שירים — תל־אביב, 1959
(איבערזעצונגען)

„יום־טוב און וואָך אין ישראל" — רעפּאָרטאַזשעס—נ"י 1965

[illegible] די ליבהאבער [illegible] חברים,
[illegible] [illegible] [illegible].
וואָס [illegible] [illegible] אין [illegible]
מיט [illegible] [illegible]
ארבעט פאר ישראל און יידישן קולטור
לעבן.
מיט [illegible] [illegible]
און אנערקענונג
[illegible]

ברכה קאַפּשטיין

יום־טוב און וואָך אין ישראל

רעפּאָרטאַזשעס

ניו־יאָרק

1965

BRACHA KOPSTEIN

YONTEV UN VOCH IN YISROEL

(*Days and Holidays in Israel*)

הילע געצייכנט פון ע. מ. וויינער

Copyright 1965 by Bracha Kopstein, New York, N.Y.

363

PRINTED IN U.S.A.

אינהאַלט

	זייט
ווי איז כ׳בין אָנגעקומען	9
אַ ״פאַרשטערטער פסח״ אין תל־יוסף	17
אַ טאָג אין תל־אביב	23
די הייליקע חתונה	30
יידישע מוטערס אין דינסט פון זעלנער	36
יעזור	42
די זון שיינט שוין	55
געזאַנג פון שטיין	59
מיין באַזוך אין בית אינטערנעשאַנאַל	65
דריי יום־טובים אויף איין מאָל	69
אין אַ מעברה	74
אין עמק	82
די לוויה פון באַראָן עדמאונד דע רוטשילד—אבי הישוב	88
שומרים אין גרינע באַרעטן	95
אין ביאַליקס בית־היוצר	100
דער יום־טוב פון בלום	107
דובינסקיס ערשטער מעת־לעת אין ישראל	111
דובינסקי אין חיפה	121
אַ באַזוך אין עיינות	131
אויף די פעלדער פון בית־שאָן	136
דער פאָטער פון כותנה אין ישראל	141
״ווייסער גאָלד״	147
סוכות ביים נשיא המדינה	151
די לעגענדאַרע און רעאַלע באר־שבע	155
חג הקציר	162
אַנטאָניני און זיין גרופּע אין ישראל	166
בראשיתדיקער מדבר	172
״לא ינום ולא יישן שומר ישראל״	179

	זייט
נייגטער יארטאג פון אונדזער מדינה	185
א יום־טוב אויף מיין גאס	190
א וואלד ווערט פארפלאנצט אין עזה־פאס	193
צום צענטן יום־עצמאות	198
אן אויסשטעלונג פון קיבוצים	205
אין די בערג פון אפרים	212
וויסנשאפטלעכע ביבליאטעק פון וייצמאן אינסטיטוט	219
ערשטער יוגנט־קאנגרעס אין ישראל	225
אונדזערע אמעריקאנער פריינט	230
"ערשטע ליבע"	236
איזידאר נאגלער—צוגאסט אין ישראל	241
"א לאנד אז גרויע מינוטן"	244
דאס לעצטע מאל מיט יוסף שפרינצאק	249
פתח תקוה—80 יאר יונג	253
נאך א שיף קומט אן . . .	259
א שפאציר אין כפר בילו	264
א ניט־געוויינלעכע מסיבה אין אגודת עתונאים	272
חולתה	277
מצבת הרצל	282
אויף א ליטעראַרישער שמחה	286
חנוכת הבית פון אינטערנעשאנאל שפיטאל אין באר־שבע	290
אויף א ליידיקער שיף	303
פרדס אלישבע	308
די פרוי פון יאהאנעסבורג	312
בית דבורה בארא	316
אן אקאדעמיע פאר חזנות	320
דער סאטמער פארט דורך . . .	325
פרייטיק אין תל־אביב	329
אינדעקס	343

ווען כ׳בין אָנגעקומען

דעם לעצטן אוונט אויף דער שיף האָט יעדער זיך אָנגעטאָן אין בגדי־יום־טוב. אַ גאַנצע נאַכט איז מען אומגעגאַנגען און שפּאַצירט איבערן דעק ווי אין אַ שטאָטישן פּאַרק. די לופט איז געווען זייער וואַרעם, אַז אַ סימן פון אַ ווינטל. דער ים, ווי אַ זיידענער טוך, האָט געגלעט דאָס געמיט וואָס איז אומרואיק געווען פון פרייד . . .

דער טאָג האָט געעפנט די אויגן. מיר האָבן געזען די חבלי־לידה פון אַ ניי־געבוירענעם טאָג אויף דער וועלט, און מיר זיינען אים אַנטקעגנגעקומען מיט אויפגעלויכטענע בליקן. אַט וועלן מיר באַטרעטן די ישראל־ערד! קיינער האָט די ווערטער נישט אַרויסגערעדט, נאָר יעדער איינער האָט זיי אַרויסגעלייענט פון צווייטנס בליק . . .

ביסלעכווייס האָט די שיף צערוישט זיך מיט אומרו און טומל. מ׳האָט גענומען רופן און זוכן די משפחה־מיטגלידער, איילן אין די קאַבינעס אויפצוקלייבן די לעצטע פּעקלעך, כדי זיך אינגאַנצן איצט ״אַרויסציען״ אויפן דעק.

ווען כ׳בין אַרויף אויפן דעק, מיט מיין יינגעלע ביי דער האַנט, האָב איך דערזען, אַז אַלע שטולן זיינען ליידיק. כ׳האָב זיך דערשראָקן. ווען כ׳וואָלט נישט געפילט, אַז די שיף רירט זיך, וואָלט איך געמיינט אַז אַלע זיינען שוין אַרונטער . . . אַן אומפאַרגעסלעך בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן: אַריבערגעבויגן איבער די שיף־שטאַנגען,

האָבן מ׳ענגטשן געקוקט דורך בינאָקלען, געפּאַכעט מיט טיכלעך אין דע־ווייטקייט פון ים. אַ פאַרגליווערטע שטילקייט . . . כ׳האָב אַ נייגעריקע געפרעגט: ״וואָס זעט מען דאָרטן?״

״אַ יידישע שיף. אַט פלאַטערט די יידישע פאָן״.

כ׳האָב די פאָן נ׳ט געזען, נאָר פינטעלעך מענטשן־קעפּ.

״פון וואַנען ווייסט איר אַז דאָס איז אַ יידישע שיף?״ האָב איך גע־וואַגט צו פרעגן.

עמיצער האָט אַ ברוגזער מיר אויסגעשטרעקט זיין בינאָקל און גע־זאָגט: ״אדרבה, זע! . . .״

דער איינציקער וואָס איז געשטאַנען נ׳ט אַריבערגעבויגן, איז געווען דער העברייאישער דיכטער יעקב כהן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון אַמעריקע. מיר האָבן זיך אויף דער שיף שטאַרק באַפריינדעט און די פריינטשאַפט האַלט אָן. ער האָט מיין צעטומלטקייט איינגעשטילט מיט זיין געלייטערטן בליק, ווי איינער רעדט: ״יאָ, יאָ, אַ יידישע שיף״.

כ׳האָב דערזען דאָס פלאַטערן פון דער בלוי־ווייסער פאָן אין דער לופטן. אויך דאָרטן זיינען מענטשן געשטאַנען אָנגעשפּאַרט איבער די שטאַנגען, געקוקט צו אונדז, געגריסט . . .

״פאַרוואָס פאָרן זיי נישט צו נעענטער?״ האָט עמיצער פון עולם גע־פרעגט. אַלע זיינען געשטאַנען פאַרכישופט, ווי מ׳וואָלט פאַרגעסן, אַז באַלד, באַלד גייען מיר אַרונטער אויף דער יבשה . . . אויף ישראלער ערד . . .

דערווייל האָבן זיך די בערג פון חיפה דערנענטערט צו אונדז . . . ס׳איז געווען ווי אַ וואונדערלעכע מאָזאַיק אויסגעקריצט אונטערן הימל. קוקנדיק אויף דער יידישער שיף, האָבן מיר פאַרפעלט צו זען דאָס אויסשיילן זיך פון יעדן באַרג באַזונדער. פאַר די אויגן איז שוין גע־שטאַנען אַ גאַנץ ווערק, אַ קעניגרייך פון גרין־געקייטלטע בערג, — און פון ווייסע, האַלב־פאַרשלאָפענע דעכער.

אַ גרילצנדיקע שטים פונעם הילכער האָט גערופן דעם עולם צו דער קאָנטראָל פון פּאַספּאָרטן. דאָס געוועזענע עס־צימער פון דער ״מאַרין קאַרפּ״ איז איצטער נישט געווען צו דערקאָנען. אַרום און אַרום די ווענט זיינען געשטאַנען טישלעך און אויף זיי, לעדערנע טעקעס, פון

וועלכע די ישראל־באמטע האבן געהאלטן אין איין ארויסציען פאפירן, און געהייסן די אומגעדולדיקע אימיגראנטן ווארטן . . . דערנאך האט זיך אנגעהייבן דאס אונטערשרייבן, דאס אויספילן פאפירן, און ווידער — אונטערשרייבן, אזוי פיל חתימות . . . די לופט איז געווארן היים, שטיקנדיק. דער טומל גרויס און דאס אונטערשרייבן אזוי לאנג . . . מענטשן האבן זיך געשטופט ווי פארלוירענע שאף — אז א פאסטעך — מיט פעק פאפירן אין די הענט, פון איין טישל צו א צווייטן, צו א דריטן, טאמער האט איינער זיך אויפגעהויבן, געמיינט ער איז שוין פארטיק, און גענומען זוכן — די ארויסגאנג־טיר, — האט אים ערשט "א טישל" אפגעשטעלט, און אים געשיקט צוריק — ער האט פארגעסן נאך עפעס אונטערשרייבן . . . עס האבן זיך געהערט דינגעדישן וועגן וואליוטע, אומצופרידענע און אומהעפלעכע באמערקונגען צו די באמטע . . .

איך האב זיך אויפגעהייבן פונעם לעצטן טישל, מיינע פאפירן האבן שוין געהאט אלע אונטערשריפטן, — כ'האב געזוכט די ארויסגאנג־טיר, און פלוצלונג, אינעם גרויסן טומל, דערהער איך ווי עמעצער רופט מיך. כ'נעם דרייען דעם קאפ, זוכן — פון וועלכער ריכטונג די שטים קומט. דער עולם שטופט זיך, מ'לאזט קיין מינוט נישט שטיין אין וועג. און ווידער הער איך ווי עמעצער רופט אז מיין נאמען, און כ'דערפיל א ריר פון א האנט איבערן אקסל, עמעצער ווייזט מיר אן, אז דארטן, אין יענער ריכטונג, רופט מען מיך! כ'נעם ציען דעם האלדז צו יענער ריכטונג, כ'פארשטיי נישט ווער קאן מיך איצטער רופן. כ'האב דאך שוין אונטערגעשריבן אלע פאפירן, מ'האט דאך מיר שוין בפירוש געזאגט: "יא, איר מעגט שוין ארונטערגיין". עמעצער האט מיך גענומען ציען ביי דער האנט, און מיטן בליק מיר אנגעוויזן, אז "דארטן" רופט מען מיך. כ'האב דערזען ווי עמיצער פאכעט צו מיר מיט איין האנט, און אין דער צווייטער האלט ער א פעקל. כ'ווייס נישט ווער ער איז, און פארוואס דווקא רופט ער מיך . . . איך פרעג אים מיט מיין בליק און מיט א כאד מיט דער האנט: "מיך?" ער שאקלט מיטן קאפ אויף יא, און ער רופט מיך. אין דעם אויגנבליק, גיב איך א געשריי אי־בער די קעפ פון עולם: "פעטער הערשל?" ס'איז מיר ווי א בליץ איינגעפאלן א גדאנק, אז יענע יידישע שיף, וועלכע האט ארומגעשפא־

צירט אין ים — עפּעס ווי אַ סימבאָל צו באַגריסן די אָנקומער קיין ישׂראל — אַז אויף יענער שיף איז אפשר אויך געווען מיין פּעטער הערשל פון תל־אביב — און אפשר איז ער דער, וואָס רופט מיך . . . קיין שום רוּאיקע לאָגיק . . . פּשוט, אַ געשריי געטאָן: פּעטער הערשל! פאַרפאַלן! און כ'זע ווי ער גריסט מיך און רופט מיך . . . כ'האָב זיך גענומען שטופּן דורכן שטאַרקן געדרענג, און עפּעס ווי דער עולם וואָלט מיר איצט געוואָלט העלפן זיך צושטופּן צום חשובן גאַסט, וועלכער איז געקומען אויף דער שיף באַגעגענען זיין פּלימעניצע פון אַמעריקע...

מיט מיין יינגעלע ביי דער האַנט בין איך געבליבן שטיין נאָענט לעבן אים און געשמייכלט. ער האָט מיר געגעבן די האַנט און געזאָגט שלום! אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויס פּעקל שאָקאָלאַד, מיט אַן אויפשריפט: "ברוכים הבאים!" ער דערלאַנגט דאָס דעם קינד און זאָגט: "קום!" — "וואוהין?" — מיר שפּאַנען אוועק עטלעכע טריט פונעם געדיכטן עולם. ס'איז מיר אַזוי גוט גע־וואָרן . . . כ'האָב גענומען אויספרעגן זיך אויף דער משפּחה. כ'האָב אָנגערופן נאָמען נאָך נאָמען. — יאָ, האָב איך געהערט פון מיין פּעטער, אַלע, אַלע זיינען אויף דער שיף געווען, איצט וואַרטן זיי ביים ברעג אויף אונדז — אונטן.

— "אויף וועלכער שיף? אויף יענער? אין ים?" אַ הייסע כוואַליע האָט פאַרטרונקען מיין אָטעם — כ'בין געבליבן מיט אַן אָפענעם מויל קעגנאיבער מיין "פרעמדן־נאָענטן פּעטער".

— "ווי אַזוי קומסטו אַהער?" — האָב איך קוים אַרויסגערעדט.

— "מיט דער הילף פון אונדזערע צוויי שיף־מאַטראָסן".

ער ווייזט מיר אַן אויף צוויי יונגע בחורים, אין טונקל־בלויע ים־מונדירן — מיט ווייסע מגן־דודס אויף די היטלען — זיי קומען צו נאָענט און באַגריסן מיך. מיין בליק ווערט צעפּלאָמט. כ'זע שוין ניט דעם עולם אַרום מיר, נאָר צוויי היטלען מיט מגן־דודס אויף מילדע פּנימער און פון זיי קוקן אַרויס שמייכלענדיקע בליקן וואָס צינדן מיך אין גאַנצן אָן . . . איך פּלאַפּל אַרויס: "אַ דאַנק!" . ..

— "ביסט פאַרטיק מיט די פּאַפּירן?" — פרעגט ביי מיר מיין פּעטער פּאַטערלעך.

— "יאָ", — ענטפער איך אַ שטראַלנדיקע.

— "טאַ קום, לאָמיר אַרונטערגיין !"

די ווערטער קלינגען ווי אַ כישוף. "אַרונטערגיין" . . .

מיר נעמען זוכן דעם אַראָפּגאַנג־טויער, אָבער וואו איז ער? מענטשן שטופּן זיך אין אַלע זייטן, קיינער ווייסט נישט אין וועלכער ריכטונג מ'דאַרף גיין. אומעטום איז ענג. איינער פרעגט דעם צווייטן וואו עס זיינען די טרעפּ, און מ'שטופּט זיך ווייטער . . .

פון אַ גרויסער ענגשאַפט קוקן אַרויס צוויי היטלען מיט מגן־דודס. מיר פאַרשטייען אַז דאָרטן דאַרף זיין דער אַראָפּגאַנג . . . מיר ווערן אַהין צוגעשטופּט און קאָנען זיך ווייטער נישט רירן. די יידישע פּאָלי־צייַ־לייט האַלטן אין איין בעטן זיך: "רואיק, רואיק, באַלד שטעלט מען צו די טרעפּ". דער עולם איז אין כעס . . . די פּאָליציי רעדט שטיל, אַזוי שטיל אַז כ'הערט זיי קוים. עס ווערן פאַרוואָרפן שטריק, ס'קייט־לען זיך צו טרעפּ. דער עולם טוט זיך אַ לאָז צו זיי. די פּאָליציי בעט זיך ווידער: "איין מינוט, איין מינוט".

— "מ'קאָן נאָך נישט אַרונטערגיין — פאַרוואָס?" — הערן זיך גע־שרייען, — "מיר האָבן דאָך שוין אַלץ אונטערגעשריבן !"

די צוויי פּאָליציי־לייט האַלטן מיט די לעצטע כוחות דאָס דין פאַר־צוימטע שטריקל איבער די אַראָפּגאַנג־טרעפּ, זיי ווערן געשטויסן פון דער ענגשאַפט — אַט פאַלן זיי אַרונטער . . . זיי בעטן זיך רחמים, זיי וואַגן נישט צו שטופּן דעם עולם צוריק, זיי אַפּעלירן . . . דער טומל פאַרטויבט זייערע שטילע רייד. יעדער פון די פּאַסאַזשירן הייבט אין דער הויך זיין פּאַספּאָרט, און "באַווייזט" אַז ער דאַרף איצט אַרונטער־גיין . . .

איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין פעטער, ער איז נעבעך אַ צונויפגעקוועטש־טער צווישן עולם, — ער באַרואיקט מיך מיט אַ שמייכל . . . איך דער־פיל זיך פלוצלונג שולדיק פאַר אים. פאַרוואָס קומט אים אַזאַ מאַטערניש איצט?

די ענגשאַפט ווערט גרעסער און גרעסער. עס הערן זיך שוין באַליי־דיקונגען. די פּאָליציי־לייט מאַכן זיך נישט־הערנדיק . . . איך פאַרשעם זיך פאַר מיינע אַמעריקאַנער "דזשענטלמענער", וועלכע פאַרלירן וואָס אַמאָל מער זייערע "מאַניערן" . . . איך ווייס נישט וואָס מיין פעטער טראַכט איצטער. ער שווייגט. "ביסט געוואָרן אַן אימיגראַנט", נעם איך

אים שוין טרייסטן . . . איך זע ווי ער ווערט געשטויסן ווייטער, באַלד פֿאַרליר איך אים פֿון בליק. איך האַלט דערביי מיט אַלע כּוחות דאָס הענטעלע פֿון מיין יינגעלע, וואָס קאָן איצט קוים דעם אָטעם כאַפּן, איך היט זיין קעפּעלע . . . ס'ווערט שרעקלעך שווער דאָס לאַנגע וואַרטן. איך ווער אויך אומגעדולדיק און בייז. מיין פֿעטער וואַרפֿט מיר צו אַ קלוגן שמייכל און שטילט מיך איין, אָבער טיף אין זיך בין איך צערודערט, אַנטוישט . . . וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אוממעכטיקייט? פֿאַרוואָס קאָן מען נישט האַלטן קיין אָרדענונג?

געווען איז שוין שטאָק פֿינצטער, ווען מיר זיינען געגאַנגען איבער דעם הילצערנעם ברעטל מיט דינע טרעפּ, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין איין שאָקלען אונטער די טריט. ווען כ'בין שוין געשטאַנען מיט ביידע פֿיס אונטן, האָב איך גענומען טופּען איבערן אַספֿאַלט. מיין פֿעטער האָט מיך אַנגעקוקט . . . די פּאָליציי־באַאַמטע האָבן מיך געפֿרעגט אויף יידיש: "וואָס טופּעט איר?" דערהערנדיק זיי רעדן יידיש, בין איך שוין גאָר צעטומלט געוואָרן און אויסגעשריגן: — "וואָס? פּאָליציי רעדט יידיש?" — "פֿאַרוואָס נישט, מאַדאַם? ס'איז דאָך אַ יידיש לאַנד". אַ הייסע כוואַליע פֿרייד — די ערשטע פֿרייד — האָט זיך צעגאָסן אין בלוט! איך בין נישט געוואוינט צו רעדן מיט פּאָליציי אויף יידיש — האָב איך געלאַכט. מיין פֿעטער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט. — "קום, לאָמיר גיין, די משפּחה וואַרט."

אין דער געדיכטער פֿינצטערניש האָב איך נאָר געזען סילועטן פֿון מענטשן. און מיט אַמאָל, כ'וואַרפֿט זיך מיר אויפֿן האַלדז קושן . . . ס'איז געווען מיין שוועסטער, כ'האָב זי נישט געזען אַ סך יאָרן. זי איז געקומען מיט איר מאַן און קינדער. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ בוקעט ווייסע בלומען, און שטיל געזאָגט:

— "זיי זיינען פֿון תּל־יוסף, כ'האָב זיי פֿאַרטאָג אָנגעריסן פֿאַר דיר, ס'איז מיר אַזאַ פּאַרדרוס וואָס זיי זיינען שוין אַביסל פֿאַרוועלקט פֿון אַ גאַנצן טאָג האַלטן זיי אויף דער שיף".

— "ווי קומט איר אויף יענער שיף?" — האָב איך געפֿרעגט.

— "ווּעסט זיך שפּעטער דערוויסן נאָך אַ סך זאַכן", — ענטפֿערט מיר אַ שטאָלצע מיין שוועסטער, "אונדזער קאָזין גרשון איז דער אַדמי־

ראַל פון פּלאַט, האָט ער אַרויפגעזעצט די משפּחה אויף דער "נגבה" אַרויספאָרן אייך באַגעגענען".

כ'האָב געהאַלטן די בלומען מיט מיין שוועסטערס האַנט פעסט אין איין האַנט; אין דער צווייטער, מיין יינגעלעס הענטעלע, ניט אומצו־פאַלן. צי חלום איך, צי — — —

מיין שוועסטער האָט איינגעשטילט מיין צעטומלטקייט מיט דעם וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין באַדויערן וועגן די בלומען . . . כ'האָב געהערט דאָס ערשטע מאָל אַ טרויער־טאָן פון אַ יידישער טאָכטער אי־בער אירע בלומען . . . דאָס וואַרעמע אַרומנעמען און קושן זיך מיט משפּחה־מיטגלידער איז געווען אַן אויסלייזונג פאַרן צעברויזטן געמיט. כ'בין צוביסלעך אַראָפּגעקומען אויף דער ערד . . .

דאָס אויפשליסן און פאַרשליסן די רענצלעך פאַר די באַאַמטע איז פאַר מיר געווען איצט אינגאַנצן אַן איבעריקע זאַך . . . עפּעס האָט מען געפרעגט אַזויפיל פראַגן, כ'האָבן נישט פאַרשטאַנען, און געהייסן זיי אַליין קוקן. דערנאָך האָבן זיי מיר געהייסן אַלץ צוריק פאַרמאַכן, — "איר קאָנט שוין גיין — דאָס אַלץ!" מיין פעטער האָט מיך גערופן דורך דער גרויסער ענגשאַפט מיט די בליקן, — כ'בין אים נאָכגעגאַנ־גען מיט קינדערישע טריט.

אין דרויסן האָט שוין געוואַרט אַ געדונגענע "טעקסי". מ'האָט אַרויפגעלייגט און צוגעבונדן דעם באַגאַזש. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער משפּחה, אויך מיטן פעטער וועלכער איז מיר אַזוי נאָענט געוואָרן...

מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין עמק.

מיין יינגעלע האָט מיך געפרעגט:

— "דאָס איז טאַקע ארץ־ישראל, מאַמע?"

גרינע פעלדער האָבן געשמייכלט און געגלעט דעם בליק פון ביידע זייטן וועג. אַזויפיל פרישע שפע. די נאַכט האָט געזונגען מיט פרילינג. די דינע לופט האָט געשיכורט מיט ריח פון ערד און אַראַנזשן־בליטן. דער אָטעם האָט געטרונקען און געטרונקען.

— "דאָס זיינען אייגענע פעלדער", — האָט פּלוצלונג מיין שוועס־טער איבערגעריסן די שטילקייט.

כ'האָב נישט געענטפערט, נאָר אַריינגעקלאַמערט מיין בליק אין דער

דרויסנדיקער פינצטערניש ביז אַלץ איז אַזוי קלאָר געוואָרן . . . די לופט איז געווען וואַרעם, אַז אַ סימן פון אַ ווינטל.

— "ס'איז נאָך די רעגנס", — האָט ווידער מיין שוועסטער געזאָגט.

כ'האָב תפילה געטאָן, קיינער זאָל איצטער נישט רעדן. יעדעס צוגע־געבן וואָרט — צו דער ערשטער אַנטפּלעקונג פונעם עמק — איז גע־ווען אַ חטא! דאָס אויג האָט געשלונגען די שטרעקעס, וועלכע האָבן אויסגעקוקט אַזוי ווייט, און אַזוי נאָענט.

כ'האָב דערהערט אַ שטילן געשפּרעך אויף עברית צווישן מיין שוועס־טער און שוואָגער. זייער געשפּרעך האָט מיך איצטער טיף געערגערט, כ'האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי אויסצודריקן מיין פאַרדרוס, און זיך אָנגערופן:

— "פאַרוואָס רעדט איר אַזוי גיך. ווער קען פאַרשטיין?"

זיי האָבן זיך צעלאַכט.

— "אַז מ'קאָן נישט קיין שפּראַך, ווייזט זיך אויס אַז מ'רעדט גיך".

ס'האָט מיך פאַרדאָסן פאַרוואָס זיי קאָנען אַזוי גוט די שפּראַך . . .

— "ס'שמעקט מיט ערב־פּסח, אמת?" — האָט מיין שוועסטער גע־פרעגט.

— "עס שמעקט מיט ישראל", — האָב איך געענטפערט, און פאַר־זונקען מיין בליק אין דער קלאָרער פינצטערניש . . .

אין אַ פּאָר יאָר אַרום, אין טומל פון תל־אביבער גאַסן, האָט מיך פלוצלונג אַ פּאָליציי־מאַן אָפּגעשטעלט, געזאָגט "שלום", און געפרעגט:

— "נו, עס ברענט נאָך אַלץ אונטער אייך די ערד?"

כ'האָב אים אָנגעקוקט. ער האָט געזען מיין פאַרוואונדערונג און מיר דערמאָנט:

— "איר געדענקט ווען איר זענט אָנגעקומען קיין חיפה? די ערד האָט דאָך געברענט אונטער אייערע טריט!"

— "אָ, איר געדענקט מיך פון . . . ניין, די ערד ברענט נישט מער — זי גליט שוין מיט אַלע פייערן . . ."

אַ „פֿאַרשטערטער פּסח“ אין תל־יוסף

נאָכדעם ווי עטלעכע שיינע טעג האָבן שוין אויסגעטריקנט די בלאָטעס און מ'האָט געקאָנט אַפּוואַשן און אָוועקלייגן די שווערע שטיוול ביזן צווייטן ווינטער (דעם רעגן־סעזאָן) — האָט די גאַנצע וואָך פֿון ערבֿ־פּסח ווידער אָנגעהויבן צו רעגענען.

יעדער נייער פֿאַרכמאַרעטער פֿרימאָרגן האָט אָנגעוואָרפֿן שרעק און אימתן כעס אויפֿן רבונו של עולם, וואָס דווקא איצט שיקט ער אָן דעם "מלקוש" — דעם לעצטן פֿאַרשפּעטיקטן רעגן (אפֿשר שטאַמט דערפֿון דער נאָמען "לעקיש" אויף איינעם וואָס פֿאַרשפּעטיקט כסדר?).

"עס וועט זיין אַ פֿאַרשטערטער פּסח", האָט מען געקאָנט הערן אויף טריט און שריט. דעם סאַמע לעצטן טאָג ערבֿ־פּסח האָט דער רעגן, ווי נאָר צו רייצן זיך, אָנגעהויבן און — אויפֿגעהערט. ווי נאָר די זון האָט אַ שיין געטאָן, האָבן קליין און גרויס זיך דערפֿרייט: "יהי עומר!" מען וועט הייַנטיקס יאָר אויך קאָנען שניידן דעם ערשטן סנאָפּ אין פֿעלד און אים אויסלייזן פֿאַרן קרן־קימת (אַמאָל פֿלעגן אונדזערע עלטערן אים אויסלייזן ביי די כוהנים).

"דאָס איז די גרעסטע שמחה ערבֿ־פּסח",—דערציילט מיר מיין שוואָגער יהושע, דער לערער אין תל־יוסף־עין־חרוד — "בשעת גרויס און קליין, אויסגעפּוצט אין ווייסן, זאַמלען זיך צונויף ערבֿ זון־אונטערגאַנג אַרום דעם חדר־האוכל, אויפֿן רוף פֿון טראָמפּייט, פֿאַרויס טראָגט אַ

עלטערער חבר אַז אויסגעפּוצטן קויש, אין וועלכן מ'וועט אַריינלייגן דעם ערשט־געשניטענעם עומר. נאָך אים — חברים־שניטער מיט קאָסעס, פּרויען מיט גראַבליעס אויף די אַקסלען, נאָך זיי—די קינדער מיט קראַנצן אויף די קעפּ, די לערער און די אויפּפּאַסערס. אַן אייגענער אָרקעסטער באַגלייט דעם גאַנצן וועג מיט מוזיק. אין פעלד, איבער דער גרויסער בינע, וואָס ווערט צוגעגרייט פאַרן עומר — הענגט אַן אויפשריפט: "שנת תבואה חדשה". באַלד הייבט זיך אָן די צערעמאָניע פון שניידן און אויסלייזן דעם ערשטן סנאָפּ: עס הייבט אָן שאַלן דער טראָמפּייט, נאָכדעם פאָלגן נאָך פאַרלעזונגען פון תנ"ך, פון דער היינטיקער ליטעראַטור. אַן אזכרה פאַר די אומגעקומענע קדושים, קעמפער, פאַר אַלע מעפּילים, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו זען דאָס לאַנד; אַ געבעט פאַר שלום אויף דער וועלט, אויף משיחס צייטן. דערנאָך ברעכט דער גאַנצער עולם אויס אין עקסטאַזן האָראַ־טאַנץ, וואָס גיסט זיך צונויף מיטן אָרקעסטער, און אַזוי דעם גאַנצן וועג צוריק, אַריינטאַנצנדיק אין גרויסן עס־צימער מיטן אויסגעלייזטן סנאָפּ. מען ווינטשט זיך "בשנת תבואה חדשה", קינדערלעך צעטיילן זאַנגען צו די עלטערן, און ערשט ביים אויפגיין פון די שטערן גייט מען זיך פונאַנדער אַהיים — מוכן ומזומן צו פּראַוון דעם סדר".

"אַט־די פרייד", — פאַרענדיקט דער לערער שיר־ניט מיט גרויס טרויער, — "וואָס וואָלט היינטיקס יאָר נאָך פיל שטאַרקער געווען, האָט דער 'מלקוש' אָוועקגערויבט!" . . .

אַז מ'האָט זיך בייטאָג באַגעגנט אין חדר־האוכל, האָט איינער נאָך געדאַרפט כאַפּן אַ קוק אויפן צווייטנס בלאַטיקע שטיוול, און די בליקן האָבן שוין געענטפערט: "ס'וועט ניט זיין קיין עומר". אַ מער־ניי־געריקער, האָט דווקא געשטרעקט דעם קאָפּ צום הימל, געזוכט אַ סימן זון, און זייער שטאַרק באַמיט זיך צו טרייסטן דעם גאַסט פון אַמעריקע, אַז וואָלט זי, די זון, זיך נאָר באַוויזן כאָטש אויף איין שעה, איז אַ סוף צו די בלאָטעס און . . . נאָר דערווייל — רעגן און כמאַרעס, און דער זייגער רוקט זיך . . .

אין קיך, וואו סאַלקע חרודי, איינער פון די סאַמע ערשטע בויער פון תל־יוסף, אַן אָפּיציר אין דער הגנה, אין וועמענס אויגן מ'זעט נאָך

באהאלטענעם טרויער אויף דעם טויט פון זיין איינציגן זון, חיים, וואס איז געפאלן פון אן אראבישער קויל לעבן שטאל, וואו ער האט געארבעט, אין דעם "שווארצן פרייטיק" — אט דער אינערלעך־פארוואונדעטער פא־טער, דער תמיד־יונגער חלוץ, האט מיט א גוטמוטיקן שמייכל ארומגע־פירט כ'יך איבער דער קיך, צו באווייזן דעם ערב־פסח. אט שטייען פרויען אין שטיוול און קאכן און באקן, ווייל אז מ'גרייט א סדר פאר איבער צוועלף־הונדערט מענטשן, דארף מען אפט ארויסגיין אין דער־בייאיקע שייערן עפעס אריינצונעמען, און די בלאטע איז גרויס . . .

צו די טירן פון קיך פארן צו חברים מיט פערד־און־וואגן, לאדן־אויס נאסע זעק מיט ציבעלעס און קארטאפל, דורכגעווייקט זיינען די מלבו־שים פון די טרעגער, פארבלאטיקט זיינען די שווערע שטיוול, נאר פלינק בייגן זיך די פלייצעס, און אן אוממיטלבארע פרייד נעמט דיך ארום צו וויסן, אז סיי די, וואס מישן קאכעדיקע קעסלען, וועמעס ריחות פארשיכורן דיך מיטן גוטן טעם, סיי די, וואס קלאפן און כ'ישן אייער אין גרויסע מולטערס צום באקן, סיי די וואס וואשן־אפ די פרישע בלאטע פון די בוראקעס פארן פסחדיקן בארשטש, און סיי די "שקצים", וואס ברענגען זעק מיט שפע, — אז אלע זיינען זיי איין גרויסע יידישע משפחה, וואס גרייט זיך היינט — צום צווייטן מאל נאך צוויי טויזנט יאר, מקיים צו זיין די ברכה פון "זמן חרותנו" . . .

פיר אזייגער נאכמיטיק זיינען עלטערן געלאדן אין "גן־ילדים" צום סדר פון די קליינע קינדער. וואס פאר א מין סדר קאנען קלייניקע קינ־דער פראוען, און נאך אין א רעגנדיקן טאג דערצו?

פון אלע זייטן קומען־אן באשטיוולטע געסט צום גן ילדים. די עלטערן פון די קינדער טוען־אויס די שטיוול פון דער זייט שוועל, און קומען אריין אינעווייניק אין זאקן. ארום ווייס־פארשפרייטע לאנגע טישן זיצן שטראלנדיקע קינדערלעך, פארפוצט אין ווייס־בלוי, מיט קראנצן־זאנגען ארום די קעפלעך. איך זוך אינעם לעבעדיקן בלומענגראטן מיין פיר־ריקע פלימעניצע נחמה'לע, און איידער כ'דערקען זי, דערהערט זיך: "שמש־שמש!" (די זון! די זון!). א ווילדע פרייד הייבט פון די ערטער, און אין דער בעסטער ארדענונג מארשירן שוין קינדערשע רייען, צו־צוויי, אין גאס ארויס. אויפן שפיל־פלאץ, אונטערן דאך לעבן קינדערהיים,ווארט די לערערין אויפן "ראד" קינדער, און ווי פלינק זי דרייט זיך

מיט זיי: ווי ריטמיש זיי טאנצן! און ווי וואַרעם די זון שיינט! . . . קינדערשע קעפּלעך, ווי זאַנגען, הוידען זיך אין דער לופט, זינגענדיק: "שבולת בשדה, כורעה ברוח". זיי לאַדן־איין אינעם געזאַנג אַלע אורחים פון דער וועלט, צו קומען נעמען פון אַלעם בעסטן וואָס זיי האָבן אָנגע־גרייט. זיי זינגען "שבת אחים גם יחד", עס פילט זיך דער אָטעם פון משיחס צייטן!

טאַטע־מאַמע קוועלן ווי קליינוואַרג כאַפּט זיך צו, נאָכן לאַנגן זינגען ביי די טישן, צום עסן און צום טרינקען "לחיים" מיטן אַראַנזש־זאַפט... זיי באַקומען קווישעלער מתנות פון ראַזשינקעס און ניס, און זיי גייען צו די עלטערן אַהיים — צו־גאַסט.

דעם גרויסן חדר־האוכל איז איצט נישט צו דערקענען. ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָבן חברה געוואַשן מיט באַרשטן און קאַכעדיק וואַ־סער די טישן מיט די לאַנגע בענק, דעם פּאַרבלאַטיקטן דיל. אַפילו די נייע בילדער, וואָס מ׳האָט ספּעציעל געמאָלן און אויפגעהאַנגען אין אַלע פיר ווינקלען פון חדר־האוכל לכבוד פּסח, האָבן ביז איצט נישט אַזוי אַרויסגעשיינט מיט די אויפשריפטן: "זכור את היום הזה אשר יצאנו ממצרים מבית עבדים".

פּסח, ווי יעדן יום־טוב, עסן די קינדער צוזאַמען מיט די עלטערן, מיט זייערע געסט. "טיש" מיט "טיש" דערקענען זיך, באַגריסן זיך, און דעם יום־טובדיקן טומל שטילט איין אַן ערנסט און קלאָר קול: "הננו מוכנים ומזומנים לקיים את הסדר השני במדינת ישראל!" אַ הייליקער ציטער נעמט־דורך. דער צוועלף הונדערט־קעפּיקער שטראַלנדיקער עולם נעמט מישן די הגדה של פּסח, וואָס איז פאַרפּאַסט געוואָרן פאַראַ־יאָרן פון די לערער: "הגדה שנת א׳ למדינת ישראל". די הגדה נעמט אַריין טיילן פון שיר־השירים, לויבגעזאַנגען דעם פרילינג, געזאַנג וועגן באַפרייאונג, און ס׳פעלט אויך נישט דער "הא לחמא עניא . . . כל דכפין ייתי ויאכל", און מ׳פאַרענדיקט — "השתא בני חורין" . . . צוויי "טישן" פרעגן די קשיות קאָלעקטיוו — דאָס זיינען די ייגנסטע ביים סדר. איינע פון די קשיות איז: "פאַרוואָס אַלע יאָרן דערציילן מיר ווי אַזוי יידן זיינען אַרויס פון מצרים, און היינטיקן יאָר—ווי אַזוי די מצרים זיינען אַרויס פון ישראל?..." ס׳ברעכט אויס אַ הילכיק געלעכטער.

אליעזר כנעני, פון די ערשטע גרינדער פון תל־יוסף און א מיטגליד פון ועד החינוך איבערן לאנד, פון "זרם העובדים שולן". אליין אין קיבוץ, אלע יארן א וויינגערטנער, האט אין נגב פארלוירן א זון, יוחנן, א "געבוירענעם דעמב פון תל־יוסף" — ער ענטפערט מיט "עבדים היינו", מיט אן איבערבליק פון יידישע וואנדערונגען איבער דער וועלט, וועגן דער אייביקער האפענונג, ביז דעם היינטיקן נס . . . ווידער גע־זאנג, אנגעפירט פון שדמיון, וואס שטייט אויף א באנק, ווי א דיריגענט פון א גרויסן כאר אויף א בינע. אלע "טישן" זינגען. ס׳איז א נײַ פאלק, וואס זינגט א נײַ ליד!

מ׳נעמט זיך צו די מאכלים. צוועלף הונדערט פאר הענט שטרעקן זיך צו די לאנגע פלעשער וויין, צו טרינקען די ערשטע כוסה פונעם צווייטן פסח אין באפרייטן לאנד פון די אבות — נישט נאר לשנה הבא בירושלים . . .

ווידער געזאנג בציבור, מוזיקאלישע נומערן, פארלעזונגען, פסוקים פון תנ״ך. דער לערער יהושע, וואס איז היינט א "מלצר", א קעל־נער, בלייבט שטיין מיטן ווייסן פארטוך לעבן מיקראפאן, און לייענט־פאר דאס פרעכטיקע ליד פון נתן אלטערמאן "אויף א זילבערנער טאץ" — דער עולם "שטימט־איין" מיט ספאנטאנעם אויפשטיין!

די קעלנער כאפן פון די טישן, עס איז נישטא קיין צייט, מ׳טאנצט שוין שטייענדיק, די ענגשאפט פירט ארויס אין דרויסן אויפן באלקאן פון חדר־האוכל, דער רעגן האט שוין אויפגעהערט, א שטילע קילקייט דערפרישט, מ׳זוכט אין הימל שטערן, מ׳וויל דערזען די גלבוע־בערג, וואס ליגן רחבותדיק אין מערב־זייט פון עמק, פונקט קעגנאיבער תל־יוסף און עין־חרוד, און זיי שווייגן . . . מ׳וויל זיך מיט זיי איצט צעקושן, מ׳וויל זיי דאנקען — וואס אויך זיי האבן אויסגעהאלטן!

אינעווייניק פלעכטן זיך טאנצנדיקע קייטן, אויף טיש און אויף בענק, ווי ביי א חתונה אין שטעטל שטייען נייגעריקע, שמייכלענדיקע מחו־תנים, מיימלען מיט די פינגער אלעמאל אויף אן אנדערן פון עולם, וועגן יעדן איז דא צו דערציילן עפעס גוטס. זיי זייגען שטאלץ מיט די לאנג־יאריקע מיטגלידער פון תל־יוסף, וואס איטלעכער באזונדער האט גרוי־סע פארדינסטן פארן קיבוץ און פארן לאנד.

דאָס אויג פאַלט אויף אַ בחור מיט אַ הילצערנעם פוס, דאָס פּנים יונג און אינטערעסאַנט. "ווער איז יענער דאָרטן?" מיין שוועסטער דער־ציילט: "דאָס איז אַן אַמעריקאַנער בחור, 'אונדזער דוד'".

דער בחור, וואָס איז אַגב אַ גרויסער כעמיקער, האָט אין אַ שיינעם טאָג וואָלונטירט אין אַמעריקע צו פאָרן העלפן אַריבערפירן מעפּילים מיט אומלעגאַלע שיפן פון אייראָפּע. צען חדשים געאַרבעט אויפן ים . . . ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן און איז פאַרבליבן אין ציפּערן, האָט ער בשום אופן ניט איינגעשטימט צו אַנטלויפן מיט דער הילף פון דער "הגנה", ער האָט געוואָלט מיטלעבן און מיטליידן מיט די יידן אין די לאַגערן. שפּעטער איז ער געקומען קיין תל־יוסף און אויסגעקליבן דאָרטן צו בלייבן אַ צייט. באַלד האָט ער ווידער וואָלונטירט אין דער אַרמיי, פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ מינע אין עמק הירדן, פאַרלוירן אַ האַלבן פוס, און איצט טראָגט ער אַ פּראָטעזע, לעבט און "איז גליקלעך" צווישן יידן, ווייל "זייער לעבן אויפן לאַנד האָט אינהאַלט". ער איז דער בעס־טער העברייאיש־לערנער אין קיבוץ. חברים ריידן וועגן דודן מיט אַ סך ליבשאַפט און מיט שטאָלץ.

און אָט זיינען די איבעריקע פּלמחניקעס, אָרום צוואַנציק אין צאָל, זיי זיינען זיך צונויפגעקומען איצט אויף יום־טוב אַהיים. זיבן געבוירע־נע אין תל־יוסף זיינען אומגעקומען! אָבער ווי אַזוי די לעבנגעבליבענע טאַנצן איצט, ווי זיי וויגן זיך ריטמיש, ווי אמתע טענצער! זייערע שלאַנקע, ברוינע קערפּערס זיינען באַגליקט פון אייגענעם עקסטאַז, עס צעגיסט זיך די פרייד פון נצחון איבער זיי — און די פיס הייבן זיך מיט ברען, מיט גבורה. ווען ס'צעקלינגט זיך דאָס געזאַנג "מלך דוד ישראל חי, חי וקים", דוכט זיך דיר, אַז יעדער טענצער איז אַ מלך, אַן אויס־לייזער . . .

"מלך דוד ישראל חי, חי וקים", דאָס געזאַנג באַגלייט דיך ביז צו דער שטוב. דורך די הויכע פּאַלמען־ביימער זעען זיך קלאָרע שטיקער הימל אין דעם ערשטן פרישן קאַיאָר, נאָך דער נאַכט פון דעם "פאַרשטערטן פסח" אין תל־יוסף.

אַ טאָג אין תּל־אביב

קיין וועקזייגערס האָבן דאָ קיין שום שליטה ניט, — די גרעסטע קאָנקורענטן זיינען די פייגעלעך. כאַפּסט זיך אויף אינדערפרי און ווילסט שוין מער ניט איינשלאָפן, דיר דוכט זיך זיי שטייען אומיסטן אונטער דיין פענצטער און זינגען . . .

גייסט אַרויס אין גאַס, קומען די ערשטע דיר אַנטקעגן די ווייסע פירשטאָקיקע הייזער, מיט זייערע, ווי מיט ווירעס געמאָסטענע, גלייכע באַלקאָנען. די וואַזאָנעס, די בלומען, וואָס רינגלען זיי אַרום, שווייגן און שמייכלען. אין די הענט האַלטסטו די שוואַרצע זונברילן און האָסט זיי קיין חשק ניט אָנצוטאָן, האָט מען דיך אָבער געוואָרנט דאָ, אַז די זון איז צו־שטאַרק, מ׳מוז טראָגן ברילן. גייסטו אויף די ריינע טראָטואַרן, וואָס זעען איצט אויס טונקעלער, און טרינקסט די פרישע לופט.

ווילסט קויפן אַ צייטונג, נאָר אַז דו גיסט אַ קוק אויף דער לאַנגער ריי וואַרטער לעבן אויטאָבוס, פאַרגינסטו זיך ניט די צייט, לויפסט אַריבער דעם וועג, מיט אַמעריקאַנער "ספּיד", און עס געשעט דיר דער ערשטער נס: דו ביזט ערשט ניצל געוואָרן פון טויט. דאָ פאָרט מען ווי מ׳וויל (אָן ליכט־סיגנאַלן), גלייך, קרום. ס׳אַז אייגענע מדינה . . .

דו שטייסט אויפֿן לעצטן טרעפּל פֿון אויטאָבוס, וואָס נעמט זיך רירן נאָך איידער דו ביזט אינעווייניק; האַלטסט זיך אָן מיט אַלע כּוחות ניט אַראָפּצופֿאַלן, און דער עולם אינעווייניק רירט זיך ניט ווייטער.

ביי דער צווייטער סטאַנציע הערסטו: "לֹא לעלות!", און מ'גייט ניט. ביי דער דריטער סטאַנציע, די זעלבע רייד. די מענטשן אין די לאַנגע רייען שטייען און וואַרטן. שפּעטער שטעלט זיך דער אויטאָבוס שוין אינגאַנצן ניט אָפּ. ווי אַזוי און ווען וועלן די מענטשן אָנקומען צו דער אַרבעט? טראַכסטו ביי זיך.

איך קום אָן אין "ועד הפועל". איך פֿרעג זיך נאָך אויף מערעמינסקין.

— וואַרט ער אויף אייך? — פֿרעגט מיך דער חבר אין די קורצע הויזן גלייך ביים אַריינגאַנג.

— ער האָט מער גאָרניט וואָס צו טאָן טאָקע ווי צו וואַרטן אויף מיר? — פֿאַלט מיך איין צו ענטפֿערן.

איך דערזע אַ ברוינעם שמייכל דורך זיינע ווייסע ציין. ער הייסט מיר וואַרטן. ס'מיינט זיך אָוועקזעצן אויף די לאַנגע בענק מיט נאָך אַ פּאָר טוץ וואַרטער. אַרום זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. כ'באַמי זיך צווינגען מיין אומגעדולד, און איך האָב זיך דערוואַרט. איך דערהער מערימינ־סקיס שטים נאָך פֿון דער זייט טיר, אַ סימן, אַז ער איז ניט פֿריי. איך עפֿן אויף פּאַוואַליע זיין טיר: "שלום עליכם, ברכקה!" און ער שטרעקט מיר אויס די לינקע האַנט פֿון איבערן אַנגעוואָרפֿענעם שרייבטיש, מיט דער רעכטער האַנט האַלט ער דעם טעלעפֿאָן. אין זיין צימער זיינען דאָ נאָך צוויי באַזוכער. מען רעדט וועגן גרויסע אונטערנעמונגען . . . די טיר רוט נים אַ מינוט, קעפּ, בלאָנדע, שוואַרצע, עפּענען זי, שטעקן אַריין די נעז, ווילן אים כאַפּן אַליין . . . — וואָס הערט זיך? ווען אָנגעקומען? וואַרפֿט ער מיר צו אַ פֿראַגע. דער טעלעפֿאָן לאָזט ניט לעבן. כ'קוק אויפֿן זייגער. איך האָב דאָך נאָך אַזאַ גרויסע פּראָגראַם היינט, און אָט זיץ איך גאָר און וואַרט ביז גרויסע האָטעלן וועלן דאָ אין אָפּים אויפֿ־געשטעלט ווערן ביים ברעג ים אין תּל־אָביב, צי אין חיפה אויף די צע־שטערטע שטחים ערד . . . איך הער זיך צו צום געשפּרעך מיט גרויס אינטערעס, שיר ניט ווי צוליב דעם ביז איך אויך אַהער געקומען.

חבר שפרינצאק עפנט די טיר, קומט אריין, בלייבט שטיין מיט א פאק פאפירן. מערעמינסקי שענקט אים א שמייכל, מיט אן הסכמה אים צו זען. דער טעלעפאן רוט ניט, און די האטעלן שטעלן זיך אויך ניט אויף אזוי גרינג . . . "כ'דארף דאך עפעסריידן מיט דיר" — פאדערט שפרינצאק. ווארטן מיר שוין ביידע. מיינע שאנסן ווערן שוואך כ'כאפ א קוק אויפן זייגער, ס'טוט א הייב פון בענקל. — ווארט צו, באלד ריידן מיר א מינוט — בעט זיך שיר ניט מערעמינסקי. כ'דערשרעק זיך פאר זיין צוזאג. וואס וועלן מיר אין א מינוט ריידן?—כ'וועל נאכאמאל אריינקומען, — א צווייטן מאל! — נו גוט, אז איר זענט שוין דא ביי אונדז, וועלן מיר זיך נאך זען, צען מאל — פארזיכערט מיך מערעמינסקי.

כ'פארמאך די טיר מיט א "שלום!" אויף דער שוועל, ביים ארויסגיין, פרעגט מיך דער חבר: — נו, ער האט אייך געזען? — יא, ענטפער איך, און צו זיך טראכט איך: טאקע נאר געזען . . .

כ'דארף האבן א פאוסט־אפיס. איך האב אין זינען די "שטרייפן און שטערן"־פאן, וואס אין ניו־יארק. גיי איך אויף די ענגע גאסן, און זוך. איך דערזע די בלוי־ווייסע פאן טוט א פלאטער איבער א קליינער געביידע. צום ערשטן מאל בין איך אין א יידישן פאוסט־אפיס . . . דער געפיל שטעלט אפ דעם גאנג. כ'זע אז מארקעס רייסט מען אוים פון א ביכעלע צום פארקויף. דער "רעזערוו" איז א קליינער, און די לאנגע שורות ווארטער פארגרעסערן זיך, יעדער פרעגט די פרייזן אין אן אנדער מדינה . . . ניטא אינעווייניק קיין "מיילער אין די ווענט", וואס וועלן אריינשלינגען די בריוו. אין גאס שטייט א גרויסער, רויטער אייזערנער קאסטן, וואס דערמאנט אין די פעסער פון דער "פאזשארנע קאמאנדע", און אהין ווארפט מען אריין די בריוו.

כ'בין הונגעריק. כ'דערזע איבערן וועג א רעסטאראן און איך לאז זיך גיין, אבער מ'לאזט ניט! שוין עטלעכע מאל אראפגעשטעלט דעם פוס פון טראטואר, און רעדלעך — טראגן זיך דורך לעבן דיר ווי וויכערס. אויטאס פייפן, און זיי פארן . . . שטייסט און ווארטסט, זוכסט א ליכטסיגנאל, א פאליציאנט — נישטא אזעלכע "נארישקייטן" — די פארער ווייטן אליין דעם וועג . . . ראטעוועסט זיך קיים מיטן לעבן דורכגייענדיק דעם שליאך אויף אלענבי און ראטשילד, מאכסט ניט קיין איין

גלייכן טראַט, נאָר קרום־קיילעכדיק. דיר דוכט זיך די גאַנצע וועלט גייט אויף רעדלעך . . .

כ'האָב שוין איבערגעלייענט אַ האַלבע צייטונג און דאָס מיידל קוקט נאָך אַלץ ניט אויף מיר. איך האָב שוין עטלעכע מאָל באַגעגנט די זעלבע בליקן פון די וואָס זיצן געמיטלעך ביי אַ גלאָז ביר, און איך האָב שוין ניט איינמאָל געקוקט צו דער מיידל, אָבער אומזיסט. מ'מוז לייענען ווייטער. — "כן" — דערהער איך פּלוצלונג שטיל. "אָ, כ'וויל עסן" — זאָג איך אַ דערפרייטע. זי גייט אַוועק. כ'וואַרט שוין ווידער. כ'לייען די צווייטע העלפט צייטונג. קיין "מעניו" קומט ניט, דאָס עסן קומט. וואָס איז דאָס — טראַכט איך בייז, מ'פרעגט גאַרניט וואָס מ'וויל? דער פאַרשפּייז זעט אויס געשמאַק, און הונגעריק בין איך גענוג, נעם איך זיך עסן. ס'קומט זופּ, און פיש. — איך וויל פלייש. — ניטאָ! — וואָס איז פאַראַן אויסער פיש? — גאַרניט! אין וואָס פאַר אַ מין רעס־טאָראַן בין איך דאָס אַריינגעפאַלן? אַזוי טראַכט איך בשעת איך עס די פיש מיט אַפּעטיט. די קאַווע איז אין אַ גלאָז און זייער מילד, און ניט איבעריק הייס. ס'פאַרבענקט זיך מיר איצט נאָך אַ הייסער, שוואַרצער קאַווע. כ'וואַרט אויפן "קוויטל". כ'וועל שוין ערגעץ אָפּטרינקען אַ גוטע קאַווע. דעם לאַנגן חשבון פון הונדערט מיל האָב איך אין אַ האַלבער שעה אַרום באַקומען. אַ שעה און אַ האַלב בין איך געזעסן ביים מאַלצייט. איך בין אַרויס אין כעס. ס'וועט מיינען אַרויסלאָזן אַ טייל פון אַנגעצייכנטן פּראָגראַם . . .

איך דאַרף זיין אין כנסת פאַר פיר אַזייגער. איך ווייס נאָך ניט דעם וועג. פאָרן מיטן אויטאָבוס מיינט ווייטער לאַנג וואַרטן. דורך די ברילן זע איך אַ לאַנגע ריי — און באַלד וועט מען הערן "לא לעלות". כך הוה. איינער, און צוויי, און דריי פאָרן צו, נעמען אַרויף עטלעכע מענטשן, זאָגן "אין מקום" און פאָרן ווייטער. כאָטש אינעווייניק זעט מען ליידיק אָרט. וואָס שטייען זיי און רירן זיך ניט? עפּעס אַ מין גראַ־בישע פוילקייט באַשלאָגט זיי. ווי נאָר זיי טרעטן איבער דאָס ערשטע טרעפּל — און וואו איז אחריות פאַר די איבעריקע, וואָס זיינען געבליבן אין דער ריי אונטער דער זון?

אַ פערטל צו פיר בין איך ביים טויער פון כנסת. ניט איך גיי צו, נאָר מ'שטופּט מיך צו צו אים. פּאָליציי — אין טונקל־בלויע מונדירן, מיט

ווייסע קנעפּ — האַלטן אַז אויג אויף דעם גרויסן עולם. קינדערלעך, מיט ביכלעך און בלייפעדערס אין די הענט, באַפאַלן ווי די היישעריקן יעדערן וואָס וויל אַריינגייען, פאַר אַן אונטערשריפט. די "ווייסע חברניקעס" ציילן די נעמען ווער פון זיי עס האָט מער פון מפּא"י אונטערשריפטן, און ווער פון מפ"ם . . . דער טומל איז יום־טובדיק, דער טומל איז ניי!

איך נעם אַרויס מיין קאָרעספּאָנדענטן־קאַרטל און לאָז זיך גיין.

— "כרטים בבקשה".

— וואָס הייסט? כ'האָב דאָך דאָס קאַרטל.

יאָ, אָבער צו דעם איז נייטיק אַ בילעט, דערקלערט מיר דער יידישער פּאָליציאַנט. עס ווערט מיר אמת אומעטיק. וואו וועל איך איצט באַווייזן גיין נאָך אַ בילעט? ס'אַרא "מאָדנע אָרדענונג", בין איך גרייט פּראָווּר־טיילן. איך טרעט ניט אָפּ פון טויער. ס'איז שוין באַלד פיר . . . די פּאָ־ליציאַנטן, די "יידישע גזלנים", דערזעען מיין אַנטוישונג און מיין אומ־דערפּאַרנקייט, און לאָזן מיך אַריינגיין. איך שפּאַן איבער די שוועל אין הויף אַריין. די פרישע ים־לופט קומט די ערשטע מיך אויפנעמען. אַט זיינען די טרעפּ, וואָס פירן אינעווייניק . . . דאָס האַרץ הייבט אָן קלאַפּן שטאַרק. אַט שטעלט עס זיך אָפּ . . . איך דערזע דורך דער טיר די ווענט פון כנסת, דערנאָך די גרויסע בינע, דראַפּירט מיט אַ בילד־קרעמעווען פאַרהאַנג, און אין סאַמע מיטן — הערצלס בילד . . . קיינע אַנדערע בילדער, קיין מאַלערייען, אויסער די צוועלף שבטים אין דער ברייט אויבן איבער דער בינע. ווייטער, נידעריקער, אַ קליינע "בינע" פאַר די באַטייליקטע, און פאַר דעם "הויך רעדנער". אַרום אים אַ מנורה אין זילבער אויף בלויען אונטערשלאַק, זאַנגען איןביידע זייטן, און אונטן: "ישראל". העל קרעמעווע ווענט, פריש ברוינע לאַנגע טישן, טערקישע טעפּיכער אויפן דיל.

די בענקלעך זיינען נאָך ניט באַזעצט. דער לאַנגער טיש אין מיטן — פאַר דער רעגירונג — אויך ניט. די אויגן טרינקען די פרישע ווייסקייט, די קילע ליידיקייט, און אין די אויערן זינגט די שטילקייט . . . עס קלינגט אַ גלעקל. אַזאַ קלינגען האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט . . . אַ צווייבער געמיש פון מוזיק, אַ געליבטנס אַ קוש, אַ טאַטנס שטרענגער קוק, אַ מאַמעס גלעט . . . פון אַלע טירן קומען זיי, די חברי הכנסת, זעצן זיך אויף זייערע ערטער. די מפּא"י, אין דער רעכטער זייט, אַנט־

קעגן דער בינע, די מפ״ם, לעבן דער מזרחי. ווייטער צו לינקס, די חירות, און אנדערע פּארטיי־פראַקציעס — זיי אַלעמען — נעמט אַרום די פרעסע, אין גראַמע קיילעכדיקע ווינקלען, זיצן זיי די הערער, זעער און פאַרשרייבער. וואו האָבן זיי געזען אַט די אַלע מיניסטאַרן אין אַ פריערדיקן יידישן פאַרלאַמענט?

שפּרינצאַק קומט אַן, פאַרנעמט זיין שטול פון יושב ראש. ער קלאַפּט מיטן האַמער, אַ יידישער האַמער, שטילט איין דעם לייכטן טומל, גיכער דעם צאַפּל אין לופט! מ׳פאַרנעמט זיך מיט דורכפירן די פראַצעדורע פון דער דיסקוסיע וועגן ״צנע״. כלערליי רעקאָמענדאַציעס. פון אַכט שעה צייט פאַלט אַ פאַרשלאַג אויף צוועלף. דערנאָך וויפל מינוט יעדע פאַר־טיי זאָל האָבן צו רעדן. שפּרינצאַק לייענט פאָר אַ געשריבענעם צעטל — עס ווערט אַ טומל. אונטערברעכונגען פעלן ניט. שפּרינצאַק קלאַפּט מיטן האַמער. מ׳דערלאַנגט אַ נייעם צעטל. ער לייענט, און מיטאַמאָל צעלאַכט ער זיך. פון די מאַטעמאַטישע ציפערן (גענוי ווילאַנג מען זאָל ריידן) זאָגט ער, אַז ער פילט זיך שיר ניט ווי עפּעס אויף אַ בירזשע איצט . . . דער עולם לאַכט מיט . . .

ס׳איז דער אָנהייב פון דער דיסקוסיע נאָך דאָקטאָר דזשאָזעפס רעדע וועגן ״צנע״. עס רעדן די געגנער, די אויסבעסערער. אַט רעדט פּיטער בערגסאָן פון די רעוויזיאָניסטן. ער הייבט אָן גלאַסן, פאַרפּעסטיקט שפּעטער זיין טאָן מיט קאָנקרעטן אויסדרוק פון וואָרט און מיינונג. די ניט־יידישע וואָנצעס זיינע האַרמאָנירן ניט אַמבעסטן מיט זיין שיין העברייאיש רעדן, מיט זיינע יידישע זשעסטן.

און אַט רעדט ציזלינג. דאָ איז אַ קאָמבינאַציע פון פּאַטאָס, דינאַמיק, איראָניע און קאַמף. וואָס דריקט זיך אויס אין אַפּטן אַ קלאַפּ טאָן איבער דער קליינער בימה . . . זיין ווייסער קאָלנער איבערן גרויען אָנצוג, און דער זילבערנער קאָפּ, איז נאָך איינער פון די ״בילדער״ פון דעם ווי אַזוי עס קוקן אויס אונדזערע יידישע מיניסטאַרן. עס זיצן אויך אַ סך יונגע, איינער פון זיי, דער ארץ־ישראל־געבוירענער דערציילער יזהר סמילאַנסקי, אַנטקעגן אים — לעבן די יידן מיט בערד — דער דיכטער אורי צבי גרינבערג. ס׳אַרא וואונדערלעכער געמיש פון יידישן גייסט. אַ גאַנצן וואָרימען נאַכמיטיק לערנט מען אַ קאַפּיטל ״צנע״. שפּרינצאַק לאָזט ניט די צווישנרופן קומען צו קיין אונטערברעכונגען, כאָטש ווייט

דערפון איז ניט . . . ער קלאַפּט מיטן האַמער, ניט מיטן גאַנצן כוח, אָבער ער קלאַפּט. פון עולם זעט מען אַרויס די גרויסע צאָל פּרוויזן־דעפּוטאַטן.

די שפּעטע זון, וואָס צינדט אָן דעם ים, אַנטקעגנאיבער דער כנסת, רופט מאַגנעטיש אַרויס אין גאַס, ווערסט דערפרישט מיטן קילן ווינט. די כוואַליעס צוזיבערן דיך אַריבער אויף יענער זייט, וואו עס ליגט אויס־געגאָסן אַ ווייסער טראָטואַר, און דו קאָנסט שפּאַנען מיט זיך אַליין. איצט, אין פּאַרנאַכטיקער לויטערקייט, דערזעסטו קלאָר דאָס, וואָס דו האָסט אין זוניקן טאָג ניט געזען. דו שטוינסט ממש אויף דיין (ענגן) שכל, וואָס האָט ניט געקאָנט זען דעם היינטיקן טאָג אַנדערש.

אָט, למשל, דערזעסטו, אַז גאָר ניט דער נהג, דער שאָפער, פון באָס דערזעסטו מיטאַמאָל, אַז גאָר ניט דער "נהג", דער שאָפער פון באָס, איז אַזוי "שלעכט", נאָר די מענטשן זיינען אַזוי גוט און געהאָרכזאַם, און דווקא דאָס וואָס דיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן קיין דאגה ניט פאַרן צווייטן, ווייל ווי נאָר זיי קומען אַריין אינעווייניק בלייבן זיי שטיין, איז אַביסל גאָר אַנדערש. טאַקע צוליב אחריות ווילן זיי זיך ניט קריגן מיטן נהג, וועלכער זאָגט זיי שטיל, "אין מקום". צוליב טיפער אינערלעכער דיסציפּלין ווילן זיי שטיין און וואַרטן. זיי האָבן אָט די דאָזיקע מלאכה זיך גוט אויסגעלערנט אין משך פון טויזנטער יאָרן . . . עס קומט אויפן זינען דער "לא אזוז מפה!" — מיר ווילן ניט אָפּטרעטן פון דאַנען! אָט דער אייזערנער געדולד וואָס האָט געבוירן אַ מדינה, און איצט ווילן זיי דאָס קינד, דאָס יונגע, דאָס געזעצלעכע, פון גרויסער ליבע געבוירן, ניט דערשטיקן אין ענגשאַפט . . .

שפּאַנסט אין דעם לויטערן פאַרנאַכט, און דיר ווערט וואַרעם אויף דער נשמה, כאָטש די לופט איז שוין גוט קיל איצט. האַלטסט אין די הענט די שוואַרצעברילן, דרייסט זיי הין און קריק, און דו טראַכסט: מאָרגן וועסטו זיי ניט אָנטאָן. אַ שאָד טאַקע וואָס וועסט דאַרפן אַביסל צומאַטערן די אויגן, אָבער אַלץ בעסער צו קוקן דער זון גלייך אין פּנים אַריין, איידער זען דעם אמת — דורך שוואַרצע ברילן . . .

די הייליקע חתונה

פון צוועלף בייטאָג האָט שוין לוד (דאָס לופטפעלד) געפֿרוישט מיט די געסט, מיט די יחידי סגולה, וואָס זיינען געקומען היינט, אינעם גרויסן טאָג פון יידישן פאָלק — מיט די אייגענע אויגן זען דאָקטאָר הערצלס ביינער אָנקומען אהיים . . .

אינעם גרויסן עס־צימער זיצט אַ יום־טובדיקער עולם. מ׳טרינקט ביר און מ׳באַשטעלט אַ גוטן מאָלצייט. די קעלנערס באַדינען געהאַרכזאַם, און די טעלער ווערן אָנגעפילט מיט מאכלים, וואָס שמעקן באַטעמט צום גומען. נאָר אַט! און עס טוט אַ הייב אָלעמען, ווי אַ מאַגנעט, פון די בענקלעך. מ׳דערהערט אַ ווייטן גערויש אין דער לופטן. מ׳לויפט אַרויס אין דרויסן און מ׳שטרעקט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון וואַנען דער גערויש קומט. מ׳דערזעט אַ פינטעלע! נאָר אַ פייגעלע פלאַטערן . . . די אויגן רופן עס, שלינגען עס — מיט יעדער רגע מאַכן זיי עס נעענטער, גרעסער! און אַט זעט מען שוין קלאָר דעם זילבערנעם פויגל פלאַטערן אַנטקעגן דער גאָלדענער זון . . . (אל־על — ישראלס נאַציאָנאַלער לופט־וועג). עס פליען דר. הערצלס ביינער, און דער דור זיינער, וואָס האָט זוכה געווען דאָס צו זען — זיין האַרץ צאַפּלט ווען דער גערויש אין דער לופט שטילט זיך איין, און „דער חלום" קומט אַראָפּ אויף דער ערד, אויף ישראלס ערד!

מ׳טוט אַ קוק אויפן זייגער, עס איז עטלעכע מינוט נאָך צוויי. אין אמתן — שוין עטלעכע טויזנט יאָר איז די שעה איצט אַלט . . . נאָך פון

ימי יוסף הצדיק פון מצרים ציט זי זיך — ביז ר׳ בנימין־זאב הערצל אין מדינת ישראל!

צום עראפלאן ווערן צוגערוקט טרעפ. פונעם לײדיקן פעלד קומט אן די ערשטע מיליטערישע ערן־וואך. דורך ״צוויי ווענט״ מושטירטע סאלדאטן גייען זיי און בלײבן שטיין קעגן איבער דער פארמאכטער טיר פונעם עראפלאן. מיט יראת הכבוד שפאנען אנטקעגן די צוויי רבנים, הרב טאלידאנו און הרב אונטערמאן. זיי שטייען ביי דער טיר און ווארטן . . . די טיר עפנט זיך, אבער קיינער קומט נאך ניט ארויס! לוד פלאטערט מיט שטילקייט — ס׳א בלוי ווייסע אייביקייט . . . מיט א בינטל זילבערנע שווערדן איילט אימעצער צום עראפלאן. אלע אויגן באגלייטן אים און זיינע אנגעהאנגען אן דער טיר . . . די שטילקייט אין דער לופט שניידט דורך א סאלוט פון פיר ״ספיט־פייער״ עראפלאנען. דאס איז א שטאלצער און קרעפטיקער ברוך־הבא. אזא האט דאך דר. הערצל געחלומט . . . דאס דאזיקע געזאנג אין דער לופטן וועקט אויף אביסל דעם פארכישופטן עולם. פאטאגראפער גיבן זיך א יאג ווי וויכערס מיט אנגעשטעלטע אפאראטן און זיי ווילן כאפן דעם וואונדער. דאס אויג פאלט אויף די חשובע געסט, אויף די חברי הכנסת, אויף די אויסדערוויילטע פון דעם דור, וואס האבן זוכה געווען צו דערלעבן די וואר !

דער ערשטער פונעם עולם שטראלט ארויס אין שווארצן אנצוג מ״מ הנשיא, י. שפרינצאק. גאר יום־טובדיק, אין א העלן אנצוג, איז אנגעטאן דער ראש הממשלה, דוד בן־גוריון. און אזוי די איבעריקע געהייבענע מחותנים וואס שטייען איצט מיט פארכאפטן אטעם און מיט א פריידיקן בליק . . .

דוד רמז, דער ערשטער מיניסטער פון טראנספארטאציע, קומט דער ערשטער ארויס פונעם עראפלאן. נאך אים, דער קאפיטאן אין ווייסן. מ׳שטעלט זיך אין ריי לעבן די רבנים אין שווארצן, און לעבן דער ערן־וואך. און אט, דערזעט מען דעם ארון . . . עס טוט א בלענד דער ווייסער פרוכת מיטן מגן דוד אין דער רעכטער זייט. לינקס, אויף א בלוי־זיידענעם צודעק, זיבן שטערן! פון ביידע זייטן אין גרויסער שריפט, פסוקים פון יחזקאל וואס הייבן זיך אן: ״הנה אני פתח את קבורותיכם, והעליתי אתכם מקבורתכם עמי והביאותי אתכם אל אדמת ישראל, הזרעים

בדמעה ברנה יקצרו" (דעם דאַזיקן פּרוכת האָבן יידישע פרויען אין ווין אויסגעניייט).

דער ארון בלייבט רוען אויפן לעצטן טרעפּל. מ'קייטלט אים אָפּ פון־נעם עראָפּלאַן. ער איז אויף דער ערד . . . אַ שווארצער אויטאָ־וואָגן פאָרט צו נאָענט. ס'נעמט דורך אַ ציטער! אַ מיליטערישער סאַלוט דער־הערט זיך און די וואך פירט אים צו צום וואָגן. דאָס האַרץ שטעלט זיך שיר ניט אָפּ, וואָס אָט און מ'איז אַזוי נאָענט — גרויס איז די זכיה . . . מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן בלייבט זיצן די ערן־וואך פון ביידע זייטן פונעם ארון, וואָס נעמט זיך רירן שטיל, קוים־קוים. מיט גרויס יראת הכבוד גייט נאך דער עולם נאָכן שווארצן וואָגן, וואָס פאָרט פון לודער פלי־פעלד ארויס מיט דעם שליאך וואָס קעגנאיבער די הרי בנימין אויפן וועג קיין תל־אביב. לאַנגע רייען אויטאָס, מיט חשובע געסט ציען זיך אין דער בלענדנדיקער זון!

פיר אַזייגער בייטאָג איז מען ביי דער כנסת. אַ גרויסער עולם איז שוין פאַרזאַמלט און וואַרט אויפן ארון. אויף סוף־אַלענבי, קעגנאיבער דעם ים, שטייט אין שווארצן אַ גרויסע בימה . . . זיבן ליכט זיינען ווי אַ וואַנט אויפגעשטעלט צו באַשיצן די בימה, וואָס מיט פרישע רויזן זיינען באַדעקט אַלע טרעפּ ארויף. אַ מיליטערישע וואך בלייבט צוגעקאָ־וועט שטיין.

אַ צייכן ווערט געגעבן דעם וואַרטנדיקן עולם צו קומען אָפּגעבן דעם ערשטן כבוד דעם גרויסן פאָטער פון ציוניזם, וואָס אָט רוט ער קעגנ־איבער דער כנסת ישראל.

פאַרנאַכט, ווען די זון זעצט זיך און פאַלט אריין אין ים, צינדן זיך אָן די שווארצע לירס און ווארפן אַ הייליקן ציטער אויפן הימל. יידן אין די טויזנטער שטראָמען צום הויפּט־אריינגאַנג וואָס אויף סוף אַלענבי. ענגער און געדיכטער ווערט דער שטראָם פון די וואָס קומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד צו דר. הערצל! ביז שפּעט, ביז פאַרטאָג ציט זיך די לוויה, דורך דער לענג פון רחוב ירקון, צעגייט מען זיך. דער ים וואָס ליגט אַנטקעגן, רוישט און קוועלט, ווי דאָס האַרץ פון יעדן יידן אַצינד, אין דער גרויסער שעה פון זיין געשיכטע.

ירושלים. — ס'איז יום־טוב אין די בערג פון יהודה. אַ טויזנט קעפּי־קער עולם זיצט שוין אויף די בענק אונטער דער גליענדיקער זון אויפן

הר־הרצל, ווען די עשאַלאַנען אויטאָבוסן, "משאי האָרון", קומען אָן פון תל־אביב. אין דער לופט אַנטקעגן פּאַבעט אַ האַלב קיילעכדיקע שורה פאַנען, לעבן דער גרויסער חופּה מיט שטאַנגען, וואָס איז איבערן קבר אויפגעשטעלט. אַלצדינג איז אין בלוי און ווייס איינגעטונקען. אַרום דער ברייט און לענג פון דעם דאַך וואָס איבערן קבר, הענגען אַרונטער קלייניניקע טלית־קטנדלעך, מיט זיידענע ציצית געקושט פון ווינט.

אין גוטער אָרדענונג געפינען מיר אונדזערע ערטער, ניט ווייט פון דער מיליטערישער וואַך. ביקסן שטרעקן זיך אין דער לופטן, אין די הענט פון ברוינע יידישע זין. אָט די ביקסן, וואָס האָבן געשאָסן און גע־טראָפן . . . זעקס טויזנט געסט זיינען געקומען אויף דער חתונה. אַלע זיינען איצטער די סאַמע גליקלעכסטע מחותנים אין דער יידישער גע־שיכטע . . . עס הערשט פולע אָרדענונג. עס ווייסט שוין דער יונגער בירגער פון ישראל ווי צו האַלטן זיך! פאַר דעם גרויסן פּרייז וואָס ער האָט באַצאָלט אין ערשטן יום עצמאות, ווען ער אַליין האָט די שמחה געשטערט, האָט ער שוין זינט דעמאָלט איינגעמאָנט אַ גרויסן פּראָ־צענט . . .

4:45 קומט אָן די משמר הכבוד. אויף די ליידיקע בענק וואָס וואַרטן אויף זיי, אַרום און אַרום דעם קבר, זעצן זיי זיך, די חשובסטע, די שענסטע זין און טעכטער פון מדינת ישראל. די פון זיי וועלכע האָבן נאָך צוזאַמען מיט דר. הערצל אַליין געזען דעם חלום געבוירן ווערן, און די וועלכע האָבן שפּעטער, דורך די יאָרן, געפורעמט דעם חלום און אים פאַר אַ ווירקלעכקייט געמאַכט! מ'טאַנצט ניט אויף דער שמחה, נאָר שווייגנדיק גיסט אַלעמענס פּלאַטער זיך צונויף מיטן ווינט וואָס גלעט, און מיט דער זון וואָס שטראַלט מיט ליכט.

פון מזרח־זייט קומט אָן דער אָרון, געטראָגן אויף די הענט פון יונגע חילים. לאַנגזאַם גייען די טרעגער, מיט הייליקע טריט! אויסגעפּוצט אין זייערע ווייס־בלויע קליידער, זעען זיי אויס, ווי זיי וואָלטן אונטער־פירעכץ איצט גענומען. ירושלים, די אַלטע און די נייע שטאָט, ליגט אַנטקעגן און שמייכלט אַ מאַרמאָרנעם וואונדער־שמייכל . . . און בשעת דער אָרון ווערט אַזוי געטראָגן אין דער ריכטונג צו מערב, וואו עס איז דער אַריינגאַנג צום קבר, זעט זיך דאָס גרויסע אַראַבישע דאָרף "דיר

יאַסיון", וואָס שווייגט מיט פאַרניכטונג — אויך אַ געהייבענער גאַסט אויף דער חתונה.

טיף־פאַרהאַלטענער אַטעם און ציטערדיקער בליק באַגלייטן דעם אָרון ביז ער ווערט לאַנגזאַם אַוועקגעלייגט אויף אַ געל־שוואַרצער, דראַ־פירטער הסה־בעט, דאָס איז דער 'עלעווייטאַר', וואָס מיט פיר זילבערנע שטריק הייבט ער זיך פּאַוואָלינקע אויף העכער און העכער, כּדי אַלע זאָלן אים זען. קעפּ שטרעקן זיך אין דער לופטן, דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי גיך . . . אַז אייביקייט די סעקונדן, ווען דר. הערצל הענגט אין דער לופטן . . . פון ביידע זייטן שטייט מיט נאַקעטע שווערדן די ערן־וואַך — פון ים, לופט און מיליטער! ס'אַרע וואונדערלעכער חלום אויף דער וואָר! דר. הערצלסביינער אין אויסגעפּוצטן פּאַלאַץ פון ווייס און בלוי, היטן יידישע קצינים (אָפיצערן), און וואו? — אין די באַפרייטע בערג פון ירושלים!

עס דערהערט זיך אַ טרויעריק טראָמפּייטן, פּייקלען קלאַפּן־צו . . . דערנאָך איז שטיל, נאָר זילבערנע שטריק פּרעפּלען, פּרעפּלען . . . דעם אָרון לאָזט מען אַראָפּ אין קבר . . . דער עולם בלייבט שטיין פאַר־כּישופט. דאָס פּרעפּלען הערט אויף. אַזאַ טויטע שטילקייט האָט נאָך קיין בית־עולם ניט געבוירן. אַ לאַנגער לייטער ווערט אַרויסגעצויגן פון דער טיף — מ'האָט דר. הערצל געבראַכט צו זיין אייביקער רו אין די הרי יהודה, יום ה', כ"ג אָב, תש"ט.

צום אָפענעם קבר נעמען שטראָמען מכּל פּינות הארץ מענטשן פון אַלע גרויסע און קליינע באַוואוינטע ערטער פון לאַנד, מיט ווייסע זעקע־לעך ערד אין די ברוינע מוסקולירטע הענט. מיט פּשוטע אַרבעטער־קליי־דער קומען די יונגע און די וותיקים, די בויער פונעם לאַנד, און ברענגען איצט דרשה־געשאַנק צו דער חתונה. אין אָפענעם קבר וואַרפן זיי אַריין די זעקעלעך און מיט דער מזרח־זייט קערן זיי זיך אום.

עס דערהערט זיך קדיש זאָגן פון הרב גאָלד. מיט שלום עלינו ועל כּל ישראל, פאַרענדיקט ער! חזן ברזכאי מאַכט אַן אל מלא רחמים. אין די בערג פון ירושלים צעטראָגט זיך דער הייליקער ציטער, דאָס געבעט צום הימל. עס זינגט אַ כאָר "בשיבת ציון", פון תהילים. די שפּעטע זון וואָס גילדט שוין איצט די מערב בערג, נעמט־מיט מיט זיך דאָס געזאַנג, אויף מאָרגן ווידער אויפצוגיין.

מ׳זינגט ״התקוה״. דורך די זעקס טויזנט גליקלעכע זינגערס זינגט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, דאָס לעבעדיקע און דאָס אויסגעהרגעטע. עס דוכט זיך אַז די מוטער רחל קומט אַרויס פון איר קבר און זינגט אויך . . . און זי קוועלט, און זי שעפּט גרויס נחת פון די קינדער אירע, און זי שטרעקט אויס אירע אָרעמס אויפצונעמען איר ליבן, איר מידן זון — בנימין זאב הערצל.

דעם לעצטן כבוד אָפּגעגעבן, טוט דער עולם זיך אַ לאָז צום אָפענעם קבר. עס איז אַ הייליקער טומל. די בערג נעמען שוין רוישן מיט כלערליי קלאַנגען. די ערשטע לאָזט זיך די אַרמיי מיט געזאַנג אַרונטער דעם שמאָלן וועג צווישן די בערג צום שליאַך. דורך אַלע וועגן שטראָמען מחותנים צוריק פון דער חתונה. דורך פּאַרלאָזטע אַראַבישע פּרדסים גייען זיי; דורך ניי־געפלאַסטערטע וועגן, וואָס פירן דורך די ישובים בית־וגן, בית הכרם, וועמעס הייזער עס קוקן איצט תמימותדיק צו ווי די שפּעטע זון בלענדעט דעם שטויב וואָס הייבט זיך פון אונטער די טריט פון די וואָס קערן זיך צוריק פון דער הייליקער חתונה. גרויס איז זייער זכות, גרויס איז די שעה.

אַז ערן־וואַך בלייבט היטן דאָס געביין און דעם כבוד פון דר. הערצל אין די אויסגעלייזטע בערג פון יהודה.

יידישע מוטערס אין דינסט פון זעלנער

וועגן דער ממש לעגענדאַרער אַרבעט פון געזעלשאַפטלעכע פרויען, וואָס האָבן אין ישראל אַריינגעשריבן אַ קאַפּיטל פּאַרטיזאַנישע געשיכטע, וויל איך דערציילן. געזען די פּרוכט פון דער אַרבעט האָב איך אין איינעם אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען כ'בין געווען גאַסט־רעדנערין ביים עונג־שבת אין "מועדון חיילים" (זעלנער־קלוב) אויף באַלפור־גאַס אין חיפה. איך מוז מודה זיין, אַז דערזעענדיק פאַר זיך דעם "ברוינעם" עולם, מיט און אָן מעדאַלן, די שטראַלנדיקע און מאַנענדיקע אויגן וואָס קוקן אַרויס פון יונגע פּנימער, האָב איך זיך אַביסל פאַרשעמט. וואָס וועל איך די דאָזיקע זין און טעכטער פון קאַמף דערציילן? איצטער וועט דווקא וועגן מיין אַנגענעמענער איבערראַשונג וויל איך דערציילן, נאָר וועגן די באַלערנדיקע ידיעות וואָס איך האָב באַקומען פון די אַקטיווע מיטגלידער פון "ועד למען החייל" (קאָמיטעט פאַר זעלנער).

"פאַר אייך שווימט געווים אויף אַ בילד פון די וועלדער און בערג, ווען איר הערט 'פּאַרטיזאַנער' "—ווענדן זיך צו מיר מיט אַ שמייכל חנה חושי און זהבה אָרטשטיין. "וועלן מיר אייך דערציילן פון אַנדערע פּאַרטיזאַנער, ניט דווקא אין וועלדער, נאָר אין קעלערס און אויף בוידעמער, אין שטאָט און אין שטעטלעך. אונטער אָפּטן האָגל פון קוילן און אין געדיכטער פינצטערניש האָבן אונדזערע פרויען פאַרלאָזט אייגענעם מאַן און קינדער, און זיך אַרויסגעלאָזט צו די פּאָסטנס. מערסטנטייל איז די פרוי אַרויסגעגאַנגען מיטן געדאַנק: ווער ווייסט

צי וועט מען היינט אַהיימקומען צוריק? . . . אָבער גענאַנגען איז מען יעדן טאָג — ווייל יעדערן פון זיי האָט באַהערשט דער געדאַנק: דער זעלנער וואַרט אויף מיר — און ווער ווייסט צי וועלן אַנדערע היינט קומען? — מוז איך יאָ גיין!"

"געקומען איז מען אין בית־חלוצות, וואו ס'איז דעמאָלט געווען די ערשטע צייטווייליקע קיך. אויף קליינע פּרימוסעס, וואָס מ'האָט צונויפגעקליבן אין די היימען, האָט מען דריי מאָל אַ טאָג געקאָכט מאָלצייטן, און זיי געטראָגן צו די סאָלדאַטן אויף זייערע פאַרשיידענע עמדות (פּאָזיציעס), און געווען זיינען די פּאָזיציעס אין כלערליי באַהעלטענישן, וואָס נאָר די געטרייע פּאַרטיזאַנקעס האָבן וועגן זיי געמעגט וויסן . . . דורך לייטערס איז מען געקראָכן מיטן טעפּל אין האַנט, אין גריבער האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט, און אין דער פינצטערניש איבערגעגעבן ניט נאָר דעם וואַרעמען מאָלצייט, נאָר אויך דאָס וואַרעם וואָרט, דעם גרוס, אַז דער סאָלדאַט איז ניט אַליין אויף זיין פּאָסטן . . ."

— "און אָפט" — גיט צו מנשה אמיר, דער אַקטיוועל קולטור־טוער פון ועד למען החייל, — "אָפט האָבן זיך אונדזערע פּאָזיציעס געפונען ממש אין די אויגן פון אַראַבישע סטאַנציעס . . . נאָר די העלדישקייט וואָס די פרויען האָבן דעמאָלט אַרויסגעוויזן האָט איבערשטיגן יעדע געפאַר". ס'ווערט מיר וואַרעם אויף דער נשמה פון די עטלעכע ווערטער וואָס קומען דווקא פון אַ חברס מויל — וועגן פרויען . . .

אַזוי האָט זיך די אַרבעט צעוואַקסן און עס זיינען באַלד צוגעטראָטן פרויען פון "וויצאָ", פון רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס און אַ סך יחידים. ערשט שפּעטער, נאָך דער דעראָבערונג פון חיפה, אין דעם אומפאַרגעסלעכן ערב־פּסח פון 1948, זיינען די אַראַבער שוין אָפּגעטראָטן. די פאַרבליבענע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ספּעציעלע קוואַרטאַלן, און די ענגלענדער האָבן זיך פאַרקליבן באַלד אויפן כרמל, איידער זיי פאַרלאָזן "נייטראַל" . . .

גלייך מיטן אָרגאַניזירן פון דעם יידישן מיליטער האָט זיך געגרינדעט אַ בירגערלעכע גרופּע, דער "ועד למען החייל", וואָס האָט געזאָרגט פאַר די נויטן פון מיליטער. זי האָט באַלד געשאַפן אַ פאָנד (דער צענטער איז געווען אין תל־אביב). פון די ערשטע גרינדער איז געווען און איז נאָך ביז היינט, יוסף באַראַץ, איינער פון די גרינדער פון

דגניה, אַז אַמתער געטרייער חבר פון סאָלדאַט, אַ שטענדיק־יונגער מיט־באַטייליקטער אין דער פאַרצווייגטער אַרבעט. די פּאַנדן קומען פון משרד הבטחון (פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום) און אויך פון אָרגאַניזאַציעס. און אומגעפער אין יענער צייט, האָט זיך געשאַפן אַ פרייוויליקע אָרגאַניזאַציע פון פרויען אונטערן זעלבן נאָמען "למען החייל". און באַטש די ערשטע צו עפענען אַ מועדון (קלוב) פאַר די זעלנער איז געווען די הסתדרות אין חיפה, זיינען אָבער די פרויען (פרויען פון דער הסתדרות זיינען אויך חברות פון דער מועצת הפועלות) באַלד געוואָרן דער ר'קנביין פון דער אונטערנעמונג. זיי האָבן דעם קלוב אויף רחוב ירושלים, אינעם צענטער פון דעמאָלסטדיקן "הפועל", פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער היים — פריילעך געמאַכט די צימערן מיט ראַדיאָס, מיט צייטונגען און זשורנאַלן, מיט בילדער אויף די ווענט, און דערלאַנגט אַ געקאָכטן מאַלצייט פאַר די מינימאַלסטע פּרייזן. די פרויען האָבן צוגעצויגן אַזעלכע אַרבעטאַרינס וואָס קענען אַ סך שפּראַכן, און האָבן אָנגעפירט פּריוואַטע, אָפט מוטערלעכע געשפּרעכן מיט די סאָלדאַטן. דאָס האָט דערנאָך באַווירקט און דערנענטערט דעם זעלנער ניט נאָר צו דער געזעלשאַפט, נאָר אַפילו געהאָלפן דעם ניי־געקומענעם זעלנער גיכער איינגן ווערן מיטן לאַנד. ביכער און זשורנאַלן האָט מען פאַרשאַפן אויף אַלע מעגלעכע און נייטיקע שפּראַכן, און — טאַקע אין אָט דעם ערשטן קלוב האָט זיך געגרינדעט די ביבליאָטעק וואָס איז איצט אין דעם נייעם קלוב אויף רחוב באַלפור 5 — די רייכסטע און גרעסטע ביבליאָטעק פאַר זעלנער.

בשעת די "עמדות" האָבן פרויען מיטגעטראָגן מיט זיך צוזאַמען מיט אַ מאַלצייט אויך אַ בוך, אַ זשורנאַל, און געוואוסט ווען און וועמען מ'דאַרף אויסבייטן דעם לייען־שטאָף. געווען איז דאָס אַ "גייענדיקע" ביבליאָטעק.

די אַרבעט איז אויך געווען דורכגעזאַפּט מיט צער. ווען עס זיינען געווען אַ סך געפאַלענע אין באַזונדערע ערטער, האָט מען זיי צונויפגעקליבן אין קלוב און מ'האָט געפּראַוועט געזעלשאַפטלעכע לוויות . . . אַזוי האָט מען אין לייד און אין פרייד געאַרבעט, און עס האָבן זיך באַלד געעפנט אַ צאָל נייע קלובן.

אין דער תקופה פון "נחל" האָבן מיטגעאַרבעט פאַרשיידענע פרויען,

אבער שפּעטער, מיט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה און דער סטאַ־בילער אַרמיי, זיינען געבליבן געטרייע אַרבעטאַרינס פון "ארגון אמהות עובדות" און פון "וויצאָ". זיי איז צו פאַרדאַנקען די סיסטעמאַטישע און איבערגעגעבענע אַרבעט וואָס גייט אָן ביזן היינטיקן טאָג.

די עקזעקוטיווע, אין וועלכער עס געפינען זיך אויך אַ טייל מענער, ווערט דערוויילט פון דער עיריה (מוניציפּאַליטעט), פון הסתדרות, פון מיניסטעריום און פון וואָלונטירן. די אַרבעט ווערט צעטיילט צווישן די סוב־קאָמיטעטן, ווי פינאַנץ, הויז, שפּייז, קולטור־ און שפּיטאָל־קאָמיסיע.

אַרום חיפה איז דאָ אַ שפּיטאָל פאַר זעלנער, וואו עס געפינען זיך לייכט־פאַרוואונדעטע און אָפּגעשוואַכטע, פאַר אַ געוויסער צייט. אַ דאַנק דער איבערגעבנקייט פון די פרויען איז דער שפּיטאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ צייטווייליקן גן־עדן! ער געפינט זיך אין אַ גר־טער געגנט מיט פרישער לופט, און די קראַנקע ווערן באַהאַנדלט פון שטענדיקע דאָקטוירים. פאַר די "קינדער" ווערט געזאָרגט זיי זאָלן זיך ניט לאַנגווייליקן, חלילה, ניט בענקען און ניט זאָרגן. איז אַ חוץ אַפּטע באַזוכן, פּריוואַטע געשפּרעכן און מוטערלעכע עצות, באַקומען זיי אָפּטע מתנות, און ס׳ווערן דורכגעפירט עונג שבתים מיט פאַרוויילונגען. אָבער פון דער אַרבעט איז ווי פון זיך אַליין אַרויסגעוואַקסן אַ גאַנץ באַזונדע־רער צווייג, וואָס איז אָריגינעל אין זיין כאַראַקטער. יעדן יום־טוב קו־מען צופאָרן קינדער פון פאַרשיידענע שולן (לויט זייערע רייען), צו־געגרייט מיט פּאַסיקע פּראָגראַמען, קאָסטיומען, כלי־נגינה, דעקאָראַ־ציעס, מיט זייערע לערערס און דערציערס, כדי צו געבן אַ גאַנצע פאָרשטעלונג, וואָס איז תמיד צוגעפּאַסט צום יום־טוב. פאָלקס־טענץ און איבונגען שליסן זיי איין אין פּראָגראַם.

מיר איז צוגעטיילט געוואָרן דאָס פאַרגעניגן צו זען און פילן ווי אַזוי דאָס קליינוואַרג דערפרייט די הערצער פונעם זעלנער. געווען איז דאָס חנוכה — איך בין געלאַדן געוואָרן צו לייענען פאַר די זעלנער יידישע לידער. די קינדער האָבן געצונדן ליכט. אין זאַל זיינען געזעסן, אין זייערע טונקל־בלויע כאַלאַטן, די בלאַנדע און שוואַרצע קעמפער, וואָס האָבן אין שיין פון די חנוכה־ליכט אויסגעזען ווי אמתע מכבייער איי־ניקלעך . . . זייער טיפע הנאה און דאַנקבאַרקייט האָט דערפרייט דאָס

הארץ פון די באַטייליקטע, בפרט טאַקע פון קינדער, וואָס פילן זיך אַזעלכע "גרויסע" מיט דעם וואָס זיי קענען ברענגען ממשותדיקעס פאַר זעלנער. דערצו קומט פאַר נאָך יעדער פאַרשטעלונג אַ צערעמאָניע פון פאַרשאַפן די סאָלדאַטן פרייד דורך אַזוינע מתנות ווי ביכער, קונסט־אַלבאָמען, בלומען אָדער נאַשערייען. דער אופן פון איבערגעבן דאָס דורך דעם מפקד (אָפיציר) איז אַ רירנדער, באַזונדערס דער זשעסט פון די זעלנער צוריקצוגעבן די קינדער אַ מתנה. אַ געפיל פון טיפער פאַר־ברידערונג נעמט דיך דורך, און ווען דו פאַרלאָזסט דעם זאַל, באַגלייטן דיך ניט נאָר וואַרעמע בליקן, נאָר דו פילסט אַז די זעלנער זיינען דיך שוין איינגן געוואָרן, כאָטש פרעמד איז אָפט זייער אויסקוק און זייער שפראַך . . .

אין דעם מועדון פאַרן געזונטן זעלנער אויף באַלפור גאַס ווערט אויך יעדן פרייטיק דורכגעפירט אַן עונג שבת פון העכסט קינסטלערישן כאַ־ראַקטער. "די עונג שבתים", — דערציילט מיר מנשה אמיר, "זיינען געוואָרן ביי אונדז אַ שם דבר, ווייל אונדזער אויפגאַבע איז ניט נאָר צו פאַרוויילן דעם זעלנער, נאָר צו דערהייבן אינערלעך זיין געמיט, געבן אים בעסערע מוזיק, תנ"ך פאַרלייענונגען, פאַסיקע לעקציעס, אַזוי גוט ווי פאָלקס־טענץ. אויף יעדן יום־טוב נעמען מיר אַ פאַרשטעלונג אין טעאַטער. עס גייט אויך מיט דער "קצין העיר" רב־סגן נתן זיל־בערמאַן. אָפט גייען אויך מיט פרויען־באַגלייטערינס פון "ועד למען החייל" און גיבן צו דעם שפּאַציר זיין באַשטימטע היימישקייט . . . אויך די מחנות און מיליטערישע פונקטן ווערן אויף אַן ענלעכן אופן באַדינט. אַזוי אַז דער פערזענלעכער קאָנטאַקט מיטן זעלנער ווערט בסדר אָנגעהאַלטן".

"אויף יעדן פסח ווערט אין שטאָט איינגעאָרדנט אַ סדר, וואו עס קו־מען זעלנער אויך פון אויסער דער שטאָט. די סדרים ווערן דורכגעפירט אויף אַ העכסט נאַציאָנאַלן, קינסטלערישן און אַמוזירנדיקן אופן, און דער עולם איז תמיד אַ גרויסער. אויב עס געפינען זיך אַזעלכע וואָס ווילן דווקא עסן ביי היימישע טישן, ווערט פאַר זיי פאַרזאָרגט אַ היים און אַ נאַכטלעגער". "אָט אַזוי ווי איר הערט" — כאַפּט אונטער מנשה אמיר — "איז שוין כמעט שווער איצט אונטערצושיידן וואו עס הייבט זיך אָן די קולטור־אַרבעט און וואו עס הייבט זיך אָן די גע־

זעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַרן זעלנער. און צוגעבן ווילן מיר, אַז די קאָאָפּעראַציע וואָס מיר באַקומען די לעצטע צייט פון אַלע שולן, סעמינאַרן און זייערע לערער, איז קאָלאָסאַל וויכטיק, און ברענגט גרויס באַפרידיקונג אין אונדזער אַרבעט".

"און וואָס איז מכוח דער זעלנערין?" — רייסט איבער דעם אינטערעסאַנטן געשפּרעך מיין פּרויען־נייגעריקייט. וועגן דער "בת־חן" — איר חלק און צושטייער צו דער אַרמיי בכלל — וועל איך דערציילן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, נאָר בנוגע אַ קלוב איז כדאי צו וויסן, אַז שוין אַ לאַנגע צייט ווי עס עקזיסטירט פאַר זיי אַ באַזונדערער קלוב אין דער געוועזענער דייטשער קאָלאָניע. אין "בית־חן" קומען זיך צונויף זעלנערינס און טרעפן אַ באַקוועמע היים, אַ לייען־צימער, אַ גאָרטן מיט בלומען, אַן אָרט צו שלאָפן און אַ גאַסט־צימער פאַר זייערע צייטווייליקע באַזוכער אין שטאָט. דער געפיל איז דאָ ביי זיי, אַז זיי האָבן אונטערוועגנס אַ סך שוועסטער מיט וועמען זיי קאָנען גאַנץ שטאָלץ זיין. "און שווער איז צו וויסן ווער מיט וועמען ס'דאַרף מער שטאָלצירן!"

יעזור

(א באזוך ביי א יידישן שרייבער)

שוין עטלעכע מאָל האָט מיך געלאָדן צו זיך מענדל מאַן.

"קומט צו פאָרן וועט איר זען ווי עס לעבט א שרייבער, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אין פּוילן און אין דייטשלאַנד. וועט איר שוין אויך וויסן פאַרוואָס איך איל זיך תמיד אהיים — נאָך מיין ארבעט אין דער "גאָל־דענער קייט".

עטלעכע מאָל האָב איך שוין צוגעזאָגט קומען און תמיד איז געווען "א וויכטיקער אפּהאַלט". דעריבער שטיי איך איצט אַזוי פאַרעקשנט אין "תור" (אין דער ריי) שוין באַלד א שעה צייט און וואַרט אויפן אויטאָבוס פון דעם קאָאָפּעראַטיוו דרום־יהודה. כ'בין בייז אויף מאַנען, פאַרוואָס ער האָט מיך פאַרזיכערט אַז "ס'איז גרינג צו פאָרן אהין". איך וויל אַרויסגיין פון ריי, זיך אומקערן אהיים, נאָר איך גיי נישט. עפּעס א כוח האַלט מיך היינט אין דער ברענענדיקער היץ אויפן רוישיקן כביש (שליאַך).

ענדלעך בין איך אין אויטאָבוס. דער קאָנדוקטאָר פרעגט מיך: "לאָן?" — "יעזור", ענטפער איך, און כ'ווייס נישט וואו יעזור איז, כ'ווייס נאָר, כ'דאַרף אַראָפּגיין אויף רחוב "ט" און זיך פרעגן אויף מענדל מאַן.

ביים אַנקומען טרעף איך א גרופּע בולגאַרישע יידן, וועלכע האָבן באַלד פאַרפירט א געשפרעך מיט מיר אויף רוסיש. זיי פירן מיך איבערן שטויביקן וועג וואָס הייסט רחוב "ט" און זייער פרייד וואַקסט מיט יעדן

שפאן, ווען זיי דערוויסן זיך אז אן אמעריקאנערין קאן בלאנדזשען אין ישראל — אויף רוסיש . . .

פון ווייטנס האב איך דערקאנט דעם הויכן דארן מענדל מאן, וועלכער איז ארויסגעקומען מיר באגעגענען מיט א גרופע געסט פון שטוב. דער שרייבער איבער ארבישע ענינים, מיכאל אסף און ק. שבתאי, וועלכער שרייבט וועגן די באזונדערע פראבלעמען פון נייע עולים אין לאנד. מיר באגריסן זיך "ווי אלטע גוטע פריינט", כאטש מיר טרעפן זיך דאס ערשטע מאל.

באלד טוט אסף א נעם אוועק ביי מיר מיין טעקע, פארשטויבט פון וועג, און זאגט: "קומט, מירן שפאצירן אביסל, זען די פרדסים". איך מאך א קרומע מינע: "שוין שפאצירן? כ'בין אביסל מיד".

מיכאל אסף, א זייער צוגעלאזענער מענטש, דערציילט מיט איבערצייגנדיקן טאן וואס אזוינס מיר וועלן באלד זען. ער ווייזט אן אויף דעם שאסיי פון וואנען כ'קום אן:

"ווייסט איר אז דא ניט ווייט, איבער דעם כביש ירושלים זיינען געהרגעט געווארן 'די זיבן'? הײנט הייסט שוין יעזור 'משכר השבע', אויפן נאמען פון די געפאלענע זיבן בחורים וועלכע האבן די ערשטע געוואלט דורכפאן די ארבישע פעסטונג" . . .

איך הער זיך צו ווי אסף דערציילט ווייטער:

"אט דארטן ניט ווייט שטייט דער דענקמאל זייערער".

"זיינען זיי דען דא באגראבן?" — רייס איך איבער.

"ניין, ניט דא. זיי האט מען שטיקלעכווייז געבראכט קיין ראשון . . . נאר דארט וואו זייער אויטא איז פארברענט געווארן, שטייט א דענקמאל" . . .

אזוי ריידנדיק זיינען מיר שוין פון יענער זייט שאסיי. עס טוען א שטראל צו אונדז די פרדסים, איינגעפאלענע, צעקרישלטע ווענט, בערג מיט שטיינער, פון וועלכע ווילדע גראזן שפראצן . . . קרומע וועגן, וואס דורך זיי שפאנען מיר, און כ'וויים ניט ווי אזוי מיר זיינען פלוצלינג לעבן א שטוב, און אט לעבן א גאנצער גאס וואו מ'זעט שוין קליינע שטיבלעך, די דעכלעך באדעקט מיט נייע שינדלען, אפילו א קליין צוגעבויט קיכעלע פון רויטע ציגל מיט ווייסע פאסיקלעך זעט מען דא און דארט.

איך עפן אויף איז אַ הויף אַ טירל וואָס סקריפּעט נאָך, אָבער וואָס ווייזט בפירוש אַז דאָ וואוינט שוין אַ משפּחה אין איר נייער היים. אַזוי שטוב נאָך שטוב, באַוואוינטע, באַהויכטע מיט לעבן . . . אַט הענגט פאַרגעלטע וועש אויף אַ שטריק, אַט לופטערט זיך אַ קאָלדרע. ווייטער אַביסל הוידעט אַ פאָטער אַ קינד אויף אַ הוידעלקע אונטער אַן אַלטן בוים . . . איך גיב אַ קוק אויף די אַלטע טירן, אויף די פאַרזשאַווערטע גראַטעס אַרום די פענצטער, אויף די לעכער אין אַ סך ווענט. "סימנים פון נעכטיקע קוילן", און אין געדאַנק קומט אויף געבירטיקס אַ ליד, "וויין ניט, יינגעלע, מירן אריינשטעלן שויבן, מירן פאַרריכטן די טירן, וויין ניט, יינגעלע !"

"באַלד וועט איר זען ווי מ'בויט שוין צו אַפילו אַ צווייטן שטאָק", שלאָגט איבער די שטילקייט מענדל מאַן. "און גערטנער וועט איר דען ניט זען?" זיינע רייד טוען אַ מאָדנעם קלונג. "דאָ קאָן עפּעס וואַקסן?"

מיר גייען שוין מער ניט צוזאַמען, נאָר יעדערער ווערט "פאַרפאַלן" אין אַן אַנדער ווינקל. מיר באַגעגענען זיך באַלד לעבן אַ "פּאַלאַץ". אי־נעווייניק — אַ שטיינערנעם הויכן פּאַרקן, צוויי גרויסע ריין־געקאַלכ־טע צימערן, מיט אַ געפלאַסטערן דיל, אויף די פענצטער הענגען פאָר־הענגלעך, דאָס מעבל איז פאַרדעקט . . . דער מאַן קומט אָן, דערזעט געסט, און בעט אריינקומען אינעווייניק.

"וויפיל מענטשן זענט איר דאָ?"

"פיר נפשות".

"ווער בויט אייך צו די קיך?"

"די סוכנות", ענטפערט די פרוי רואיק.

מיר גייען אַרום אויפן וועג וואָס צווישן איין רעמאָנטירטער חורבה און אַ צווייטער. אונדז דוכט זיך, אַז מענדל מאַן בלאָנדזשעט מיט אונדז צוגלייך, נאָר באַלד זעען מיר איין דעם טעות.

מיר זיינען לעבן אַ גאָרטן. ממש עס שפּראָצן יונגע ציבעלקעס. דאָס גערטנדל — אַ גאַנצע די גרויס — איין קוואַדראַט ערד. עס שטייט אָנ־געבויגן אַ קורץ־געוויקסיקער ייד און רייסט די ווילדע גראָזן. ער גלייכט אויס זיין גוף מיט אַ מינע פון אַ פאָטער וואָס וואַכט איבער זיין קראַנק קינד.

"ניטאָ מער קיין ערד?" פרעגן מיר.

"ניטאַ, אָבער עס וואַקסט . . ."

אַביסל ווייטער, טאַקע אַן אמתער גאָרטן. הויכע שפּראָצונגען אויף שטעקלעך געצויגן, פריש באַגאָסן גראָז, און ווי נאָר אַ סימבאָל פון מענטשלעכער מי וואָלט איצט דערגענצט דעם 'יש', באַוועגט זיך אַ גוף פון אַן אַלטיטשקער פרוי, וועלכער דערציילט אונדז אַז זי איז 90 יאָר אַלט. אַן האַרבאַטע, אַ דאַרינקע און קליינינקע, מיט אַ פאַרטוך פון אַ זאַק געמאַכט, מיט אַ גרויסער קעשענע אין אים, וואוהין אַריינצולייגן די שטיינדעלעך, קאָן זי דעריבער לאַנג אַזוי שטיין אָנגעבויגן און אַר־בעטן . . . צוויי קליינינקע בולגאַרישע אויגעלעך וואָס סילעווען דורך אירע אויערן, ווער ווייס וויפיל יאָרן שוין אַזוי, הענגען אַרונטער איצט ווי פאַרצייטיקע צוויי עדות . . .

"ווער פלאַנצט דאָ?"

— זי אַליין, ענטפערט זי אויף רוסיש, — ס'איז איר פאַרמעגן. זי קוקט אויף אונדזער פאַרוואונדערונג און זי זאָגט:

"וואָס ווייסט איר, קינדערלעך, וואָס מ'קאָן פון אַ שטיקל ערד אַרויס־כישופן? . . ."

קעגנאיבער דעם גאָרטן זעען מיר אַ יונג מיידעלע פון אַ יאָר 15. זי שטייט און מישט לוים מיט אַ לאָפּעטע. אַ קליין ייִנגעלע טראָגט די לוים אַריין אינעווייניק, וואו דער פאָטער שטייט אויף אַ לייטער און פלאַסטערט די ווענט. ער אַרבעט געשווינדט ווי אַן אמתער פאַכמאַן. מיר פרואוון פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך, נאָר ער לאָזט זיך נישט. אויף דער שוועל פון אַ צווייטן צימער זיצט אַ קלענער ייִנגעלע, עסט וויים־געשיילטע קאַרטאָפל פון אַן אייזערנעם טעלער און קוקט אויף אונדז מיט גרויסע שוואַרצע אויגן . . . לעבן אים אַ וועגעלע, וואו ס'שלאָפט אַ פּיצעלע קינד.

"וועמענס קינד איז דאָס?" — פאַלט אונדז איין צו פרעגן.

"מיין שוועסטערל", ענטפערט די גרויסע שוועסטער וואָס מישט קאַלעך מיט לוים שוין ביים טונקעלן שיין. דער פאָטער לאָזט נאָך זיין כעס און נעמט ריידן. ער נעמט אויסגיסן זיין האַרץ אויף דער סוכנות (דער יידישער אַגענטור): "מ'בויט נישט און מ'לאָזט נאָך אַליין אויך נישט בויען. כ'האָב אַ ברודער אין דער אַרמיי. צוליב דעם האָט ער גע־קעמפט, אַז איך זאָל אפילו קיין היים פאַר מיין פאַמיליע נישט האָבן? ער

האט מיר געבראכט זיינע אפגעשפארטע פאר פונט און געזאגט: 'בוי זיך אויף א היים!' אלע האבן גענומען הייזער, האב איך אויך גענומען. אבער פארוואס פארבויט "זי" אזוי די פענצטער? כ'וועל ניט לאזן," צעשרייט זיך דער יונגערמאן.

שבתאי בעט אים אביסל רואיקערריידן, "איך בין א שרייבער אין א צייטונג, איך וויל וויסן . . ."

צוריק גייען מיר שוין ניט דורכן זעלבן וועג, נאר דורך בייוועגן. דא זעען זיך ארויס קאלירטע איבערבלייבעכצן פון די אראבישע "ווילעס".

"דאס איז דאך געווען די אראבישע פאריז," דערציילט מיכאל אסף, "לאנגע יארן האבן דא געוואוינט די רייכע אראבער, דאס גרעסטע דארף ארט לעבן תל־אביב, און זיי, די אראבער, האבן דאס די זיבן יידישע קינדער לעבעדיקערהייט אויף שטיקער צעשניטן . . ."

"ווען די ידיעה איז אנגעקומען קיין ראשון, איז די זעלבע נאכט אויפ־געריסן געווארן די הויפט אראבישע קאפעהויז, וואו די מערדער פלעגן הוליען. דערנאך, אלע נאכט שטראף. די אראבישע באפעלקערונג איז באשטאנען פון 7־8 טויזנט, דערצו האבן זיי געהאט ביי זיך פיר טויזנט סאלדאטן. און נאר א גרופע פון א 12־15 יידישע בחורים פלעגן, קריכנ־דיק דורך שטיינער און ווילדע גראזן, אנקומען ביינאכט און אויפרייסן הייזער . . . פינף חדשים אזוי. יעדע נאכט האט אן אנדער ווינקל "גע־האט געסט". דער פאסאזשיר־פארקער אויפן כביש ירושלים איז אנ־געגאנגען "נארמאל". אין די גרעסטע געפארן איז מיט יעדער אויטאבוס מיטגעפארן א סאלדאט (מער האט מען זיך ניט געקאנט פארגינען) מיט א מאשין־ביקס און די געפלאנטע אנפאלן פון די אראבער פארטריבן. ביז איין נאכט — שוין נאכן פאלן פון רמלה און לוד, זיינען זיי אלע אנטלאפן פון יעזור, דורך א וועג, וואס די הגנה האט ספעציעל געלאזן אפן פאר זיי . . . די איינציקע נקמה וואס די אראבער האבן גענומען פארן אנטלויפן איז געווען דאס אויפרייסן פון דעם בנין פון דער סוכנות אין דער סביבה. זיי האבן אויף דעם בנין כסדר געלויערט בשעת דער מלחמה. ס'איז דער הגנה מיט גרויסע קרבנות געלונגען דעם בנין אנצוהאלטן, אבער דער לעצטער פארצווייפלטער שריט פון די אראבער איז געווען צו ווארפן א פאס אויפרייס־שטאף און מצליח זיין . . . איצט איז דער בנין ווידער גאנץ. דארט איז די לשכת עבודה (די ארבעט־

ביורא) פון דער סוכנות. פון דארט ווערט ווידער אויפגעריכט יידיש לעבן.

פוןביידע זייטן שאסיי שטייען לאנגע רייען קראמען. ס'איז לעבעדיק און טומלדיק, ווי מ'וואלט שוין דא יארן לאנג געהאנדלט. אין אמתן זיינען די קראמען אריבער א יאר אלט, אט־די "גאלדענע פענצטער" פון זייגערמאכערס, שיך־געשעפטן, קראמען, שלאסער, מעבל, קינדערשע וויגעלעך, קליידער, פיש און גרינס קראמען, — שיר ניט א שטאט ווי אלע שטעט.

"מיט וועלכע מיטלען האט מען דאס באוויזן?"

"וואס הייסט? מיט אייערע מיליאנען! — ענטפערט מיר מענדל כאן שיר ניט ערנסט, — "דאס שטעלט דאך אלץ אויף די סוכנות פון אייערע פאנדן".

איך טראכט: הלוואי וואלטן "מיינע מיליאנערן", די וועלכע גיבן געלט מיט רייכע הערצער, אליין געקאנט זען וואס מיט זייער הילף ווערט דא אויפגעטאן, ווי גוט עס וואלט געווען . . .

מיכאל אסף, מיט זיין פרוי מרים, געזעגענען זיך מיט אונדז זייער פריינטלעך. זיי דארפן נאך זיין ערגעץ היינט.

"נו", פרעגט מיך אסף, "איר זענט נאך בייז וואס מיר האבן אייך 'א מידע' געפירט אהער?"

"א מידע? ווען בין איך געווען מיד? צי רעדט איר ניט אראביש איצט מיט מיר? . . ."

די זון איז שוין נידעריק. זי פאלט אריין אין די טרוקענע פארשטויבטע פרדסים וואס פון ביידע זייטן שליאך, וואס הייסט איצט רחוב "ט".

מיר קומען צו צו א בנין, ארומגעבויט מיט א הויכן שטיינערנעם פארקאן. מענדל מאן עפנט אויף, מעשה באלעבאס, דאס טירל און פירט אונדז אריין אינעווייניק. מיר זיינען גאר אין אן אנדער מלוכה. א פריש שפראצנדיקער גארטן קומט אונדז אנטקעגן מיט זיין קילקייט. מיר ווילן א מינוט בלייבן שטיין און באוואונדערן, פירט א סטעזשקע צו א צווייטן גארטן לעבן דער שטוב. ניט ווייט זעען זיך הינער־שטייגן און ווייסע הינדעלעך מיט רויטע קעמעלעך גיבן אונדז א קוואקעדיקן ברוך־הבא. דערנאך קומט אן מיט א ברייטן שמייכל די פרוי, סאניא מאן, אויפצונעמען די געסט פון דער "עקספעדיציע".

דאס ערשטע פארבעט זי זייער פריינטלעך זען "די דירה". זי עפנט אויף א הויכע אראבישע טיר. מיר בלייבן שטיין אויף דער שוועל פון צוויי גרויסע ציכטיק־ווייס געקאלעכטע צימערן, מיט הויכע גראטעס ארום די פענצטער וואס מיט פארהאנגלעך באהאנגען. ווייסע שפריימ־לעך אויף דעם נייעם מעבל וואס זיי האבן אהער געבראכט מיט זיך. אויף דער וואנט — א גרויסער פארטרעט פון מענדל מאן, געמאלן פו־נעם מאלער שילים, וועלכער איז געבליבן אין דייטשלאנד. דאס אויג פאלט אויף קלענערע מאלערייען, "שטיל לעבן".

"און ווער האט יענע געמאלן?"

מאן פארדרייטלט זיך אביסל און דערציילט:

"ס'איז מיין ארבעט; כ'האב ליב אמאל צו מאלן".

מיר באוואונדערן דעם דיל וואס איז געפלאסטערט מיט נייע ווייסע שטיינער, אין מיטן ווי א טעפיך פון קאלירטע שטיינער און שטיינ־דעלעך. סאניע באמערקט אונדזער באוואונדערונג און זי דערציילט:

"איר מיינט אזוי איז געווען ווען מיר האבן זיך ארייננגעצויגן? ס'איז געווען א דאך מיט פיר צעבראכענע ווענט. איצט זעט איר אט דעם קאָ־לירטן דיל? יעדעם שטיינדעלע האט מען מיט די הענט געריסן, געקליבן זיי אין די חורבות און געבראכט צוטראגן יעדן טאג א 'שטיקל דיל'. חדשים זיינען מיר געזעסן אויף זאמד. און די ווענט, מיינט איר, זיינען דען געווען אזוי גאנץ, אזוי געקאלעכט? דאס האבן מיר אלצדינג אליין געמאכט. נאך א טאג ארבעט אין שטאט קומט מאן צופארן און באלד, מיט פולן ברען, ווערט ער א בויער, א פלאסטערער, א גערטנער און א הינער־האדעווער . . ."

"ווי לאנג וואוינט איר שוין דא?"

"זעקס חדשים. אין יאנואר, אין סאמע מיטן פון די רעגנס זיינען מיר אהער אריין . . . די זעקסטע פאמיליע געווען".

"און היינט; וויפיל פאמיליעס וואוינען דא?"

"היינט, שוין איבער זעקס הונדערט . . . אבער לאמיר גיין עפעס עסן!" רייסט סאניע איבער דעם געשפרעך.

מיר זעצן זיך ארום א לאנגן טיש אויף דער שטיינערנער טעראסע. סאניע דערלאנגט הערינג, א סאלאד פון פרישע גרינצייג, ערשט פון גארטן געריסן. מיר כאפן זיך צו און דער טעלער ווערט ליידיק. מענדל

מאן מאכט צוויי שפאן צום גארטן און מיר האבן שוין פרישע טאמאטן. מיר טרינקען הייסע טיי פון דער נייער קיך.

"וואס מיינט איר 'נייע קיך'?" פרעג איך.

"קיינער האט דאך ניט געפונען קיין גאנצע דירה. נאכדעם ווי מען ארדנט זיך אביסל איין, בויט שוין דערנאך צו די סוכנות א קיך, א וואש־צימער".

"ווי לאנג האט איר געווארט דערויף?"

"א, זייער לאנג! כ'האב דערווייל מיין גאנצן גארטן פארזייט".

"לאזט מען א פאמיליע אזוי לאנג ווארטן אויף א קיך, אויף א וואש־צימער?"

"דאס, זעט איר, איז שוין גארניט אזוי פשוט צו פארענטפערן. ווייסט איר וויפיל עס שטייען אין ריי נאך א קיך?"

"און וואס איז מכוח פאנדן?"

"אוודאי גיבן אייערע אמעריקאנער יידן א סך — און געבענטשט זאלן זיי זיין דערפאר, נאר ווען זיי קומען אהער און זעען מיט די אייגענע אויגן אויף וואס זיי גיבן, און וויפיל מען דארף, וואלטן שוין אלע קיכן געווען אויפגעבויט און אפשר אביסעלע גרעסערע אויך . . ."

"איז דאס אייער פארמעגן? צאלט איר דירה־געלט?"

מאן דערקלערט: אזוי גיך ווי מ'באזעצט שוין דעם באדן, ווערט עס דאס אייגנטום פון סוכנות. איך צאל דריי פונט א חודש דירה־געלט. כ'האב געמאכט מיט זיי א קאנטראקט אויף א יאר צייט.

"דאס ליידיקע לאנד, צו וועמען באלאנגט איצט?"

"פארשטייט זיך, אז צו דער רעגירונג, אבער זי וועט מיט דער צייט ב..צאלן דערפאר צו די אראבישע באלעבאטים".

"און אייער גארטן וואקסט שוין אליין?"

"ניין, ביי א גארטן דארף מען שווער ארבעטן, נאך מער ווי ביי שרייבן," צעשמייכלט ער זיך.

דאס זעקס־יאריקע יינגעלע, צביקע, וואס איז געבוירן געווארן אין רוסלאנד, 30 קילאמעטער פון פראנט, און צו דריי וואכן האט אים שוין די מוטער, א געוועזענע לערערין, און וואס קוקט אויס ווי אן אמת'ע אוקראינקע, איבערגעלאזן מיט א קריסטלעכער פרוי און אליין געגאנגען ארבעטן, אט דאס קינד, וואס האט געערדט צו פינף יאר אויף עטלעכע

שפּראַכן, שטייט איצט און בעט זיך: "טאַטע, טו מיך איבער, כ'דאַרף שוין גיין".

"וואוהין דאַרף ער גיין?"

"אין קול־נוע, דאָ באַלד טאַקע, לעבן אונדז".

"איז שוין דאָ אין אַזאַ נייעם ישוב אַ קול־נוע?"

"וואָס וואונדערט איר זיך?"

"אויב אַזוי איז טאַקע כדאי," זאָגט מאַן, "איר זאָלט וויסן וואָס עס טוט אויף דער ועד החינוך".

ק. שבתאי, וועלכער הערט זיך צו די גאַנצע צייט צו מיינע "קלאָץ־קאַשעס", שלאָגט איבער און ראָט מיר פּריינטלעך איבערלייענען אַן אַרטיקל אין לעצטן נומער "דבר", וואו ער באַשרייבט דאָס לעבן פון נייע עולים.

"דאַרף מען דאָך קענען לייענען עברית", — ענטפער איך אים.

ד אָ ס איז אים גאָרניט איינגעפאַלן . . .

עס ווערט שוין טונקל. מאַן באַמערקט מיין דריי מיטן קאָפּ אַרויף צו, צו דער סטעליע צו . . .

"פאַרשטייט זיך, אַז איר זוכט עלעקטרישע ליכט. דערווייל איז נאָך קיין עלעקטריק ביי אונדז ניטאָ, אָבער מיר'ן דאָס אויך האָבן!"

סאָניע דערלאַנגט פלינק אַן אָנגעצונדענעם קעראָסין־לאָמפּ, זעצט זיך מיט אונדז אַוועק ביים טיש, אַביסל מיד און זי רעדט שמייכלענדיק:

"איר זאָגט ליכט? נו, און וואַסער איז דען יאָ געווען? זעקס וואָכן נאָכאַנאַנד האָב איך טעגלעך געבראַכט וואַסער פון דער ווייט, אין רעגנדיקע טעג. דאָס קינד־אייוועלע איז געשטאַנען אין שטוב און גע־האָלפן אַביסל טריקענען די הויכע פּייכטע ווענט".

"ווי האָט איר איינגעשטימט צו לעבן מיט אַ קינד אין אַזעלכע באַדינגונגען" — פרעג איך איר. "האָט איר ניט קיין שום קרובים אין שטאָט".

"מיר האָבן גוטע קרובים, אָבער ס'איז ניט קיין גאַנצע היים מיט אַ קינד . . . און קיין "שליסל־געלט" פאַר אַ דירה האָבן מיר אויך ניט, האָבן מיר געהערט: 'מ'נעמט' הייזער, זיינען מיר אויך געגאַנגען. מיר האָבן ניט געמיינט צו בלייבן דאָ. אָבער, ווייל איך אייך זאָגן," באַווייזט זיך אַ טרויעריק שמייכעלע אויף איר פּנים, "קיינער האָט ניט מיטן

גאנצן האַרצן גענומען אַ שטוב . . . ערשטנס האָבן מיר מורא געהאַט. פּאַרוואָס, מיינט איר, וואָוינען מיר דאָ און ניט ווייטער, וואו עס זיינען דווקא דאָ בעסערע הייזער? ווייל מיר האָבן מורא געהאַט צו גיין ווייטער. מיר זיינען צוגעקומען אַהער, האָב איך געזאָגט: 'דאָ בלייבן מיר!' ״

״פאַר וועמען מורא? עס זיינען דען נאָך דאָ אַראַבער?״

״קיין אַראַבער טאַקע נישט, אָבער אויפשריפטן: 'היט זיך, מינען!' זעט מען נאָך אַפילו ביז היינט. נאָכמער, די רעגירונג האָט בכיוון די אויפשריפטן געלאָזן. זי וואָרנט אויך אין דער פרעסע זיך צו היטן״.

״בשעת כ׳האָב געאַרבעט אין גאָרטן,״ זאָגט מאַן, ״מיינט איר אַז איך בין געווען זיכער אַז כ׳וועל זיך צוריקקערן לעבעדיק? ניט איין מאָל פלעג איך טראַכטן אַז כ׳וועל בלייבן ליגן דאָ מיט אַ ציבעלע אין האַנט . . .״

דער עולם לאַכט און איך באַטראַכט דעם יידישן שרייבער, דעם געוועזענעם לערער אין ראָוונער געגנט, דעם וואָס האָט איבערגעלעבט חורבן־פּוילן, און מיט זיין פאַמיליע שוין געלעבט נאָך דער מלחמה אין ציריך, געווען דער לייטער פון בילדונג־אָפּטייל ביים יידישן קאָמיטעט, שפּעטער דאָרטן אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער, נאָך דער מלחמה, ״די שטילקייט מאַנט״, געשריבן דערציילונגען, פון ״פּראָסטע יידן אין די וועלדער״, געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, און אַט זיצט מען ביי אַ נאַפט־לאָמפּ, אויף אַן אייגן־אויפגעבויט ווינקל ערד אין ישראל, און מ׳דערציילט פון ניסים, ווי אַזוי מ׳האָט געדאַרפט פירן אַ קליין קינד אין שול ווייטע קילאָמעטערס און טראַכטן פון טויט, ווי אַזוי מ׳האָט אַפילו ביים אויפהענגען וועש צו טריקענען, איינגעשטעלט דאָס לעבן. און איצט גייט דאָס לעבן שוין אַזוי אימפּולסיוו. ״טראַכט איר שוין ניט פון טויט?

״מ׳טראַכט שוין ניט פון טויט!״ רופט זיך פּלוצלינג אָן מאַנס אַ קרוב, אַ יונגער מיליטערמאַן, וואָס איז שפּעטער אָנגעקומען צו גאַסט מיט זיין פרוי און קינד.

כ׳זיץ און כ׳גלויב זיך ניט אַז כ׳לעב און כ׳הער זיך טאַקע צו צו אַזאַ געשפּרעך״, זאָגט ער. ״ווי לאַנג צוריק בין איך אַט דאָ טאַקע, אין די

גרעסטע געפאַרן, אין דער פינצטער, געקראָכן מיט מיינע קאָלעגן און אויפגעריסן הייזער?"

"איר האָט זיך דאָ באַטייליקט?"

"יאָ, מיר דוכט איך הער נאָך אַלץ די געשרייען : 'האַלאָ!" אין די פלאַמענדיקע נעכט . . ."

"אַ סך אונדזערע זיינען אומגעקומען?"

"ניט קיין סך, לויט זייערע קרבנות, אָבער . . . איך אַליין האָב אין דער אויטאָ מיינער (ער טוט אַ דריי דעם קאָפּ אין ריכטונג פון שליאַד), געפירט 24 טויטע מיט איין מאָל. אין משך פון קאַמף זיי געבראַכט קיין חולון און פון דאָרט האָט מען זיי געפירט ווייטער".

"וואָס איז אייער נאָמען?"

"איך בין אַ מיליטער מאַן, מיין נאָמען זאָג איך ניט. נאָר מיין ברודערס נאָמען וואָלט איך געוואָלט דערמאָנען. ער איז געווען אַ גרויסער העלד, ער איז געפאַלן אין תל־עזיז. איצט ליגט ער באַגראָבן אין תל־חי".

ער נעמט ריידן און דערציילן איין העלדישן טאַט נאָך אַ צווייטן וועגן זיין געפאַלענעם ברודער, וועגן זיין טראַגישן טויט . . .

מיר האָבן געהערט מיט דער שטילסטער שטילקייט. דער איינציקער לעבעדיקער שאָרך איז געווען דאָס זשומען פון די פליגעלעך אַרום קעראָסין־לאָמפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געפרייט וואָס זיי זיינען יידישע פלאַמען . . .

סאָניע האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'איז שוין צייט די קינדער זאָלן קומען פון קולנוע, מאָרגן איז שול און ער האָט ניט ליב צו פאַרשפּעטיקן . . .

אַ שטאַרק לעבעדיקער טומל אין דרויסן האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

"מ'האָט שוין געענדיקט!" האָבן זיך יונגע מאַמעס דערפרייט.

"איר גייט זיי ניט אָפּנעמען? אין אַזאַ פינצטערער נאַכט?"

"פאַר די וואָס וואוינען דאָ איז ניט פינצטער".

און אָט זיינען זיי שוין דאָ! איך הייב זיך אויף, וויל "דערזען" דעם פריילעכן טומל, נאָר אומזיסט. ס'איז שטאָק פינצטער, נאָר פון שליאַד הערט זיך אַ פריילעכער "שלום" צו די מאַנס.

"איר קאָנט די מענטשן דאָ?"

זיי צעשמייכלען זיך. "צי מיר קענען זיי? — מיר האָבן דאָך צענד־ליקער פאַמיליעס דאָ 'באַזעצט' אויפן באָדן".

"ווי אַזוי?"

"פּשוט. ווען מיר פלעגן זען ווי זיי גייען און בלייבן שטיין, 'האָבן מורא', האָבן מיר זיך דערמאָנט ווי אַזוי מיר זיינען געגאַנגען זוכן . . . פלעגן מיר צוגיין צו זיי, רעדן מיט זיי און זיי דערמוטיקן . . . איצט ווייסן זיי שוין ווי צו דאַנקען . . ."

"יאָ, און איך דאַנק אייך אויך פאַר אייער עקשנותדיקן לאָדן מיך, כאָטש איך האָב שוין עטלעכע מאָל אייך אַנטוישט".

"און מיר דאַנקען אייך פאַר באַזוכן אונדז. און יאָ, איידער איר גייט אַוועק, וויל איך אייך אָפּגעבן 'אַ פאַטש פאַר אַ פאַטש' " — און מענדל מאַן ברענגט מיר צו אַ דין ביכעלע לידער, עפנט אויף די בלויע טאַוולען און שרייבט אַז: "צום באַזוך אין יעזור". ביים קעראָסין־ליכט זע איך דעם נאָמען פון בוך וואָס הייסט, "ירושה", אַרויסגעגעבן אין רעגנסבורג 1947, פאַרלאַג "יידישע זעצער". כ'וואָג ניט צו לייענען איצט אַ ליד. כ'פאַרמאַך די צוויי טאַוולען פון דער "ירושה". כ'טראַכט פון דער אויטאָ מיט די 24 טויטע קעמפער, אין וועלכער, אַזוי משונה־דיק צופעליק, איך נעם איצט אַן די איינלאַדונג אָפּגעפּירט ווערן אַהיים.

מיר נעמען זיך געזעגענען. סאָניע פאַרשווינדט ערגעץ אין דער פינצטער. מיטאַמאָל, און זי דערלאַנגט מיר אַ "בוקעט".

"נעמט מיט אַהיים עפּעס פון אונדזער גאָרטן".

איך דערזע פרישע גרינע ציבעלעס. זאַמדיקע ערד זעט זיך אַרויס פון דער יידישער צייטונג אין וועלכער זיי זיינען געוויקלט. איך נעם זיי צו מיט גרויס דאַנק.

"אפשר אויך עטלעכע בורעקעס," כאַפּט זיך מאַן, אויפן וועג שוין צום טירל. ער בויגט זיך אין דער פינצטער, אין גאָרטן, און רייסט בוריקעס.

"ברענגט אַהיים צו אייער משפּחה אַ גרוס".

איך טראַכט, עס וועט טאַקע זיין מער ווי אַ גרוס, אַ מתנה פאַר מיין מומען נחמה, וואָס זאָרגט זיך אַזוי וואָס איך שאָנעווע ניט דאָס געזונט אין די היצן אין ישראל און וואָס איך פאָר אַזוי אָפּט אויף "עקספּעדי־ציעס". זאָל זי היינט אויך הנאה האָבן און טאַקע זאָל זיך אַ וותיקה,

א לאנג־יאריקע איינוואוינעריין אין לאנד, איינשפארן אביסל צייט פון שטיין אין "תור" (אין דער ריי), נאך א ציבעלע . . .

כ'שפאן אריבער דעם פארקאן מיט פולע הענט און מיט נאך א פולער הארץ. די ליכט־סיגנאלן פון אויטא באווייזן דעם וועג. דער "שלום, שלום" באגלייט אונדז אין דער פינצטער. דער שטויב הייבט זיך אויפן שליאך און מיר שניידן אים דורך. כ'האלט די צוויי מתנות — די "ירושה" און אייגענע געפלאנצטע גרינצייג, — מי און גייסט פון א יידישן שרייבער אויף ישראלער ערד.

כ'טו א קוק אויף דעם קליינעם מיידעלע וואס דרעמלט איצט אויף דער מאמעס שויס, און כ'טראכט וועגן די 24 טויטע אין דערזעלביקער אויטא וואס פירט אונדז איצט אהיים.

"אט איז דער דענקמאל פון 'די זיבן' " — טוט ווי א דונער א קלונג די שטים פון דעם מיליטערמאן. ער פארט פאמעלעך דורך דעם דענקמאל, וועלכער איז באלויכטן און מיט בלומען ארומגעלייגט.

"ווער האט זיך געריכט, אז מיר'ן אין א שפעטן אוונט אזוי פריי קאנען דא דורכפארן?"

איך שווייג איצט מיט א טיפער שטומעניש. וואס קאן איך אים זאגן? וואס איז מיין צושטייער צו דעם פרייען וועג?

אלע שווייגן מיר שוין איצט ביז אין שטאט אריין, ביז דער טיר. איך קום אריין אין שטוב, ס'איז שטיל — מ'שלאפט. מיין הארץ איז וואך פון פרייד און פון לויטערן צער.

די זון שיינט שוין

(א באזוך אין בית עולים פון די תימנער יידן)

ארויסגעפארן זיינען מיר א גרופע שרייבער פון "דבר" און "דבר לילדים" אויף א באזוך צו די תימנער קינדער אין מחנה בית־ליד, פרייטיק גאנצפרי, און באגלייט אהיים צוריק האט שוין דער ערב־שבת, אין כלערליי קאלירן און ניואנסן, וואס אויף די פנימער און די בגדי־שבת פון די תימנער יידן.

אויב ביז איצט האב איך געמיינט, אז די זון קען נאר אויפגיין אין מזרח, אין א בלויען קאיאר, האב איך דעם פרייטיק געזען ווי די זון גייט אויף אין א מיטן טאג, אין גרויסע, שווארצע, טרויעריק־פריילעכע אויגן, און צווישן ווייסע ציין פון הונדערטער קינדער אין בית־ליד.

נאך פארנדיק אין אויטא, דערזעען מיר פונווייטנס א קרייז מיט קינדער. מיר ווערן מיטגעריסן פון די פילע פארבן, וואס זעען אויס פון ווייטנס ווי א בוקעט ווילדע פעלד־בלומען, אבער פון דער נאענט דערזעען מיר: עס לערנט א חנעוודיקע תימנער גננת (קינדערגערטנעריז) מיט איר קבוצה אין פעלד. צענדליקער פאר אויגן שמייכלען צו אונדז, און דארע הענטעלעך הייבן זיך פון זיי ארויס מיט "שלום!" מיר באמערקן, אז זיי זיינען נאך ניט ווי געהעריק אנגעטאן פאר דעם ווינט, וואס בלאזט נאך אביסל קאלט, אבער "די זון שיינט שוין", דערציילט אונדז די גננת, "ווי גוט עס איז צו קענען לערנען אין פעלד . . ."

מיר באַטראַכטן די גרופּע קינדער, און אונדז דאַכט זיך, אַז זיי זיינען נאָך גאָר קלייניניקע פאַר שול־עלטער, אָבער די גננת פאַרזיכערט אונדז, אַז זיי זיינען אַלע אין שול־עלטער, כאָטש זיי קוקן אויס אַזוי קליין... זיי זינגען און טוליען זיך צו אונדז מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט. אין זייערע אויגן זעט מען ווי דער פרילינג וואַכט־אויף. זיי ווילן זיך צע־בליען און אויסוואַקסן גרעסער און שטאַרקער, צוזאַמען מיטן יונגן לאַנד.

פון ווייטנס, אין פעלד, איז אַ צווייטע גרופּע. דאָרט שטייט אַ יונגער בחור, אַן עולה פון פראַנקרייך, וואָס רעדט גוט עברית און לערנט מיט זיין קבוצה. די קינדער (נאָר מיידלעך) זיינען שוין גרעסערע. זיי לער־נען זיך שרייבן, לייענען, רעכענען, זינגען און טאַנצן. עס זיינען דאָ פּייאיקע קינדער צווישן זיי. די קינדער רוקן זיך צו איינציקווייז צו אונדז, זיי ווילן אויך רעדן מיט די געסט, כאָטש שווער איז נאָך צו פאַר־שטיין זייער שפּראַך. מיר בעטן זיי זינגען. זיי שעמען זיך אַביסל, און דער לערער העלפט אַרויס. מ׳זינגט, און מיר דערהערן דעם ספּעציפישן תימנער טאָן... זיי ווילן אויך, אַז מיר זאָלן וויסן אַז זיי קענען טאַנצן, און דווקא אַ הארא. מיר באַמערקן אין דער ראָד שוין ״גרויסע מייד־לעך״, מסתם אַ יאָר 10־12. אין תימן וואָלטן זיי שוין געווים חתונה געהאַט און כאַמעס געוואָרן... דאָ זיינען זיי קינדער מיט קינדער גלייך. די זון שיינט און דער ווינט בלאָזט די קאָלירטע קליידלעך און די פאַטשיילעס אין דער לופט, בשעת די ראָד וויברירט אונטערן פרייען הימל.

מיר לאָזן זיך אַריינגיין אינעווייניק אין טויער פון מחנה. עס באַ־געגנט אונדז דער שומר, וואָס שטעלט זיך פאָר פאַר דעם ״נגיד פון דער היים״. ביי אים אין געצעלט איז זויבער. עס הענגען קאָלירטע טע־פּיכער אויף די ווענט, און צווישן די ברעטער אינעם דאַך — ספרים, ספרים... דער גוטמוטיקער שומר נעמט אונדז אויף מיט קאַלטער טיי.

מיר לאָזן זיך אין דער ריכטונג פון דער מחנה. עס באַגעגענען אונדז נייגעריקע, בלייכע און זייער חנעוודיקע פּרויען, מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט; יונגע מענער מיט קורצע רעקלעך און לאַנגע, געקרייזל־טע פּיאות. אַלע קרייזן אונדז אַרום און זיי זיינען גרייט צו הערן עפּעס פון די ״ברידער״. מיר פרעגן מער ווי מיר דערציילן. מיר ווילן וויסן

ווי ס׳לעבט זיך זיי אין ישראל, צי אַרבעטן שוין די מענער; לערנען זיך די קינדער. — יאָ, די קינדער לערנען! מיר זיינען נייגעריק צו זען ווי עס זעען אויס די בנינים, דער גן־ילדים.

אונדזער גרופע ווערט פון זיך אַליין צעטיילט. אַ האַלבע גייט אַוועק זען די קיך, דעם שפּיטאָל, דעם בית־מדרש. מיר, פון "דבר לילדים" (קינדער־זשורנאַל פון דער הסתדרות), ווערן מיטגעריסן פונעם געזאַנג וואָס טראָגט זיך דורך די אָפענע פענצטער. עס שטייט אַ לערערין און פירט אָן מיטן געזאַנג. די לערערין, אַ בחורה פון ווילנע, וואָס איז צען יאָר אין אַ שווערן וועג געווען, ביז זי איז אָנגעקומען קיין ישראל. זי לערנט שוין מיט די קינדער אַ לענגערע צייט, שטייט זי איצט און זינגט מיט איר קלאַס מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זי באַמערקט אונדז כמעט ניט. די לידער קלינגען מיט אַ באַזונדער תימנער חן. דאָס זיינען גרעסערע שול־קינדער. און וואו איז דער קינדערגאָרטן? אָט געפינען מיר זיך אין טויער. טומל און שפּיל געוועלטיקט דאָ. דער "שלום" פון אַלע זייטן פאַרהאַלט אונדז דעם וועג צום בנין. דאָ געפינען זיך די צימערן פון גן־ילדים (קינדערגאָרטן), וואָס די יידישע אַגענטור האָט אויסגעשטאַט און באַזאָרגט אויך מיט לערערס.

מיר דערזעען אינעם "שוואַרצן" גאָרטן אַ העל־בלאַנדן פּנים פון אַ מיידל. דאָס איז אַ גננת פון ירושלים, וואָס אַרבעט שוין דאָ פיר חדשים, און זי האָט די אַרבעט זייער ליב, כאָטש ס׳איז שווער. זי לאַדט אונדז איין אינעווייניק. מיר דערזעען אַ וואונדערלעך, אומפאַרגעסלעך בילד.

אין אַ גרויסן, ציכטיקן צימער, אויסגעפּוצט מיט בילדער אויף די ווענט (אַרבעט פון די קינדער) זיצט דאָס קליינוואַרג אין אַ גרויסער ראָד, אויף קלייניקע בענקעלעך. שטיל זיינען זיי ווי טייבעלעך, און זייערע אָרימע, דינע קליידעלעך זעען אויס ווי צעפליקטע פליגעלך . . . אַלע אויגן זיינען געווענדט אויבנאָן, וואו עס זיצט אַ צווייטע גננת, אַ ליכטיקע בחורה פון זכרון יעקב, און זינגט שבתדיקע לידער מיט אַ מילדער שטים. אויף אַ קליין טישעלע, מיט אַ ווייסן טישטעכל באַדעקט, ברענען צוויי ליכט, אַנגעשמעלצט אויף איבערגעקערטע צוויי ווייסע טעפּעלעך, אַלס לייכטער . . . אַ כוס מיט רויטן ווייַן שטייט אָנגעגאָסן פאַר קידוש. אַ גרויסע פולע שיסל מיט צוקערקעס — פאַר כיבוד. די

בני־משפחה זיצט אויבנאַן, אַ "טאַטע מיט אַ מאַמען" (יעדן פּריטיק קלייבט מען אויס אַנדערע פון צווישן די קינדער). ס'פעלן אויך ניט זייערע "קינדער": צוויי ליאַלקעס אין וויגעלעך לעבן טיש. די קינדער זינגען־מיט: "היום יום שישי, מחר שבת קודש" און "אביב הגיע, יום־טוב בא". און די "מאַמע" טראָגט דערוויל אַרום דעם כיבוד. מיר דאַנקען זייער פאַר דער הנאה פון בייזיין ביי אַזאַ קבלת־שבת, און מיר גייען אַרויס אין דרויסן, וואו דער טומל איז גרויס.

איצט טאַנצט אַ ריזיקע ראָד קינדער פון יעדן עלטער. די לערערס, אין זייער עקסטאַז, זעען אויך אויס ווי קינדער. ארץ־ישראלדיקע ליד־דער קלינגען פריש און קלאָר. "מים, מים", טאַנצן זיי אויס ריטמיש און מיט פיל פאַרשטענדעניש. זיי טאַנצן אַ האָרע קרעפטיק, פריילעך. טאַנצנדיק פאַרלירן זיי די צעריסענע שיך פון די פיס . . . און אינעם געזאַנג "מלך דוד ישראל חי, חי וקים" ווייזט זיך אויס, ווי קליינינקע מלאכימלעך, באָרוויסע אויסלייזער, ווירבלען . . .

עס שטייען מאַמעס ביי די זייטן, מיט פיצעלעך קינדער אויף די הענט, און אויף זייערע בלייכע פּנימער שטראַלט אַ דינע פרייד. זיי זעען אויס ווי די גרויסע קינדער, זיי וואַקסן אַריין אין לאַנד, אין דער שפּראַך, אין געזאַנג . . . מיר נעמען בילדער און זיי קלאַמערן זיך, זיי זיינען גרייט צו קושן זיך מיט די געסט. מיר גייען ניט אַוועק, נאָר רייסן זיך אַרויס. מיר פּרעזענלעך פאַרטרויט אַ לערערין אַ סוד: די קינדער פרעגן פון וועלכן טייל תימן קום איך . . . (לויטן טונקעלן קאָליר פון מיין הויט בין איך אַ "זייעריקע"). איך פאַרזיכער זיי, אַז מיר זיי־נען אַלע אייגענע. זיי ענטפערן אין איין קול: "יהודים, יהודים אנחנו".

מיר קומען אַריין אין אויטאָ אָנגעשעפּט מיט פרייד פון דעם שפּאַציר. יעדערער האָט צו דערציילן עפּעס אַנדערש. מען דערפילט זיך רייכער מיט אַמאָל מיט די אַלע נייע ברידער. און אַט — צום צווייטן פרי־לינג — וועלן מיר זיי שוין ניט דערקענען. זיי וועלן טראָגן אַנדערע קליידעלעך און רעדן אַ גוטן עברית. און טאַטע־מאַמע, די וועלכע שטייען איצט און רעדן שווייגנדיק, און שווייגן רעדנדיק, און באַ־גלייטן אונדז מיט "שבת שלום" — זיי וועלן נאָך פון זיי האָבן אַ סך נחת אין ישראל.

געזאַנג פון שטיין

(אַביסעלע געשיכטע פון ישראלער שטיין־אינדוסטריע)

„מיר וועלן אייך נעמען אויף אַ שפּאַציר איבער אונדזערע שטיינברוכן", — אַזוי זאָגט צו מיר אינזשעניר גלעדי פון סולל בונה אין חיפה, וואוהין איך בין געלאַדן געוואָרן זיך באַקאַנען אַביסל מיט קאָנקרעטער אַרבעט פון דער דאָזיקער וויכטיקער בוי־געזעלשאַפט אין לאַנד.

און אָט געפינען מיר זיך אין דער אויטאָ, וואָס פירט אונדז אויגנבליקלעך אַוועק צו אַן אָפענעם באַרג, וואָס באַלד ביים אָנהייב אַז מ'דערזעט אים, וואַרפט ער אָן די שרעק, אַז ס'איז מסתם נאָך איין לעבעדיקער גרוס פון נעכטיקע אויפרייסן פונעם שונא . . . אָבער לאַנג לאָזט ניט גלעדי זיך פאַרטראַכטן, און ער ווייזט אָן מיט שטראַלנדיקן בליק: „אָט דאָס וואָס איר זעט איצט איז אַמאָל געווען אויסער שטאָט, און היינט — דער צענטער פון חיפה!"

בשעת די אויטאָ שטעלט זיך אָפּ, דערהערן מיר די קלאַנגען פון קרישלדיקע שטיינער וואָס גיבן אונדז דעם ערשטן ברוך־הבא.

„דאָס איז די סאַמע ערשטע שטיינברעכעריי (מחצבה) אין חיפה. דאָ האָבן יידן אין ארץ־ישראל צום ערשטן מאָל געקלאַפּט שטיינער און זיך גענומען בויען נייע געביידעס".

אין רעיון ביי מיר טוט אַ וואַקס אויס דער כותל המערבי, וועלכער

שטייט שוין איבער צוויי טויזנט יאָר אויסגעקריצט פון שטיין, און אין גערדאַנק פרעגט זיך: טאַקע צום ערשטן מאָל?

"ווי לאַנג אַז איר האָט אייער אַרבעט דאָ אָנגעהייבן?"

"אין 1926", — קומט פלינק דער ענטפער.

"אָנגעהויבן האָט מען זייער פּרימיטיוו, מיט גראָב־אייזנס און מיט עק. ווי פליגן קעגן אַז העלפאַנט האָט מען אויסגעזעו, ווען מ'האָט זיך גע־שטעלט דעליבען דעם באַרג . . . און ביז מ'האָט געמאַכט חצץ (גרעוול), האָט מען ווי אין אברהם אבינוס צייטן, שטיינער מיט די הענט גע־גראָבן און זיי געטראָגן, — און היינט, — איר וועט זען אויף אונדזער ווייטערדיקן שפּאַציר ווי אַנדערש . . . אפילו דאָ, טוט אַ קוק, שטייען שוין אויך לאַנג מאָדערנע מאַשינען. אָט איז דער "מעקאַדאַן־סטאָון־קרעשער", וואָס צעמאָלט און גיט אַרויס אַלע סאָרטן חצץ פאַר קאָנ־קריט. און די אַרבעט גייט אַן זומער און ווינטער."

"ווי אַזוי," פרעג איך אַ דערשטוינטע, "קאָן מען אַרבעטן ווינטער אין די רעגנס?"

"מיט דער אויסנאַם נאָר פון גרויסע רעגנס אַרבעט מען ניט, אָבער באַצאָלט באַקומט מען סיי־ווי," — גיט צו גלעדי מיט אַ שמייכל.

איך באַמערק פונוווייטנס, אין דער האַלבער לבנה פונעם באַרג, שטייען ווי כּהנים ביים דוכענען, די חוצבים (שטיינברעכער), אָנגע־טאָן אין זייערע בגדי־עבודה. אין די הענט די לאַנגע קראַפט־רערן, וואָס ציען זיך ווייט פונעם זעלבן באַרג, וואו עס איז שוין אויפגעבויט די קראַפט־סטאַנציע. אַזוי שטייען זיי געדולדיק און בויערן . . . ביז זיי האָבן שוין צעבויערט דעם נויטיקן ווינקל וואוהין מ'קאָן אַריינלייגן דינאַמיט און אויפרייסן אַ שטיק באַרג, דעמאָלט צעלויפן זיי זיך (ווי קינדער אין אַ שפּיל) און דער באַרג נעמט פּלאַצן . . . דערפאַרענע און רואיקע קערן זיי זיך באַלד צוריק, קלייבן אויף די שטיינער, פילן אָן די וועגענער וואָס וואַרטן אָפּצופירן זיי צו דער "מיל", ד.ה., צו דער מאַ־שין אין מויל אַריין, וועלכע שלינגט זיי איין טיף, טיף . . .

"און איצט וועט איר זען דעם המשך פון דער דאָזיקער אינדוסטריע, די נייע גרויסע מחצבה, וואָס הייסט "פיר און אַ האַלב".

"וואָס עפּעס דווקא אַזאַ נאָמען?"

"גאַנץ פּשוט, ווייל אַזוי פיל קילאָמעטער איז אַהער פון חיפה!"

און אַט וואַקסט אויס פאַר די אויגן גאָר אַן אַנדער הר הכרמל. אין דעם טיף־אויפגעריסענעם בויך, ווי לעבעדיקע געדערים מיט הייסער פאַרע, קוקן אַרויס די ״טרעפּ״ — די ליימיקע גריבער אין אים.

דער פרישער אָטעם פון רויען שטיין וואַרפט אַן אַ מאָדנע שטימונג. וואָס טוען די מענטשן צום באַרג? וואָס קומען זיי שטערן די רו פון דער נאַטור? ווען דו דערנעענטערסט זיך אַביסל, דערזעסטו די מאַ־דערנע מאַשינען וואָס אַרבעטן ווי ווײַכערס. אָט עפענען זיי אויף אַ מויל מיט ריזיקע ציין און שלינגען איין די גרויסע שטיינער. ריטמיש דרייען זיי זיך, לאָדן אויס די משא, און באַלד, מיטן אויגנבליק, וועלן זיי צעמאָלט ווערן. דער לייטער מיט געקייטלטע קעסטעלעך וועט זיי טראָגן אין דער הויך, וואָס אַז דו קוקסט אים נאָך, דוכט זיך דיר, אַז אָט רירט ער אַן דעם הימל . . . און פאַר די אויגן נעמען באַלד קרישלדיקע שטיינער פאַלן דורך טריפנדיקע זיפּן, ווער ווייסט אין וויפלטן גילגול שוין אַזוי? ס'ווערט דיר אַפילו אַביסל אומעטיק אויף דער נשמה. דו טראַכסט אַ רגע וועגן גורל פון אַ שטיין . . . נאָר ווען דו דערזעסט די לאַנגע רייען אויטאָס געגוי אונטער די זיפּן, וואָס פילן זיך אָן מיטן חנעוודיקן חצץ (כאַצאַץ), וואָס אָט און זיי פירן אים אַוועק צו ליידיקע שטחים ערד, וואו די זעלביקע הענט פון אַרבעטער וואָס ״צעשטערן דאָ״ — וואַרטן איצטער אויפצובויען נייע בנינים. און ווען דו טוסט אַ טראַכט, אַז די אַלע נייע ״שטיינערנע פּאַלאַצן״, וואָס וואַקסן אויס ממש ווי איבער נאַכט אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, אַז זיי זיינען אייגנטלעך ״דאָס בלוט און פלייש״ פון אָט די וויים־צע־מאָלענע שטיינדעלעך, ווערט דיר גרינגער אויף דער נשמה . . . און עס ווערט דער טומל פון ברעכערייי אויס טומל, נאָר געזאַנג פון שטיין, און די גריבער אינעם באַרג — אויס גריבער, נאָר ווינקעלעך וואָס אַנט־דעקן טיפע סודות פון דער נאַטור,—סודות, וועלכע זיינען פאַר לאַנגע דורות געווען פאַרבאָרגן פאַר אונדז . . . און איצט עפענען יידן טיר און טויער און דרינגען אַריין אינעווייניק... דיר דוכט זיך אַפילו, אַז ניט מיט גראָב־אייזנס גראָבן זיי, נאָר מיט עקשנותדיקן גלויבן עגבערן זיי און דעראָבערן דעם פאַרמעגן וועלכער איז איצט זייערער . . .

אָט דער כרמל, אויף וועלכן יידן האָבן אַמאָל, אַמאָל געפלאַנצט געריט־נער און וויין פון זיי געטרונקען, — דער ״באַרג פון שטאָלץ״, אָדער

„שטאַלצער באַרג", אויף וועלכן אליהו הנביא האָט געקעמפט און ביי־געקומען די נביאי־הבעל — איז היינט אינגאַנצן אין יידישע הענט, און די זעלביקע הענט וואָס בויערן אים, האָבן אים אָט־ערשט נעכטן אויס־געקעמפט פון שונא. צי איז ער אפשר דערפאַר ניט געלעגן די אַלע יאָרן אַזוי געהאַרכזאַם און געוואַרט עס זאָלן קומען יידישע אויסלייזער זיינע געדערים אויפעפענען און אוצרות אַרויסציען?

אָט שטייען איצט די תושבים, אַלטע און נייע, בשכנות מיטן אַראַ־ביש־פאַרלאָזטן דאָרף וואָס הייסט איצטער „תל חנן", אויפן נאָמען פון אַ חבר פון קיבוץ יגור, וואָס איז העלדיש געגאַנגען נקמה נעמען אין די באַנדעס, וואָס האָבן לאַנג געלעבט אין דער אַראַבישער פעסטונג „בלד־א־שיך", און האָבן אַז אויפהער, בשעת דער מלחמה, געשאָסן אויף פאַרבייפאַרנדיקע אַרבעטער. דער סולל בונה האָט געמוזט, מיט דער הסכמה פון דער אַרמיי, האָבן ספּעציעלע שמירה, (שוטרים אָדער גפירים, ווי מ'האָט זיי דעמאָלט גערופן), וועלכע פלעגן היטן די וועגן... און ניט איינמאָל האָבן די זעלביקע אַרבעטער וואָס האָבן געדאַרפט אינדערפרי אויפרייסן דעם כרמל, ביינאַכט געדאַרפט אויפרייסן שונאַ־שע פעסטונגען . . . איצט ליגט דאָס דאָזיקע דאָרף שטיל. ניטאָ דאָרטן קיין אַראַבער, נאָר יידן וואוינען דאָרט און אַ שטענדיק דרילן און קראַכן פון שטיינער הערט מען אין דער לופט. און אין דעם טומל דוכט זיך, ווי דער כרמל, וואָס ליגט געדולדיק און שטיל, וואָלט זאָגן: „טוט מיט מיר, קינדערלעך, וואָס איר ווילט; איך בין אין אייערע הענט, — קיין אומרעכט וועט איר מיט מיר געוויס ניט טאָן . . ."

ווען חבר גלעדי שלאָגט־פאָר צו פאָרן ווייטער, איז מיין בליק און מחשבה נאָך אַלץ אין דער דאָזיקער שטיינערנער פעסטונג.

„און איצט וועלן מיר אייך ווייזן אַ דריטע שטיינברעכעריי, „מחצבה בנימינה", וועלכע האָט ניט קיין גלייכן ניט נאָר אין מיטעלן מזרח, נאָר אפילו ניט אין פיל גרויסע לענדער".

די אויטאָ פאַרקערעוועט זיך אין דער ריכטונג פון דער מושבה בנימינה, וועלכע ליגט קעגן איבער דעם סאַמע אָנהייב פון כרמל, און וואָס אויף איר נאָמען טאָקע הייסט די נייע גרויסע שטיינברעכעריי. (די מושבה בנימינה איז מיט אַרום 28 יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן פון

רוסישע יידן אויפֿן נאָמען און מיט דער הילף פֿון באַראָן בנימין ראָטשליד.)

און אַט אין דעם זעלבן רעש און געקרישל פֿון שטיינער הער איך און זע אַ שפּאָגל נײַ קאַפּיטל געשיכטע וועגן דער דאָזיקער שטיין־אינדוסטריע.

אויך דאָ האָט מען יאָרן נאָכאַנאַנד מיט די הוילע הענט געגראָבן דעם סאַמע אָנהייב פֿון כרמל, וועלכער קוקט אַריבער צום ים. איצט ווערן געשטאַלטיקט און באַלד וועלן שוין דאָ געוועלטיקן אַלע מאָדערנע מאַשינען. אַט די "באַנערס" פֿון אַמעריקע (די רויט־הײַזעריקע העלפֿאַנטן) שלעפּן איצט מיט כוח די שטיינער און די שטײַפֿע הענט וואָס באַוועגן זיך אַרום זײַ צום ריטעם פֿון מאָטאָרן, זעען אויך אויס ווי אײַזערנע גלידער. ווי לאַנג ערשט האָט מען געזאָגט, הונדערטער יאָרן אַזוי, אַז יידן קאָנען ניט און ווילן ניט טאָן קיין שווערע פֿיזישע אַרבעט? אַט ווי זײַ טראָגן דאָס איצט רעלסן, ווי זײַ ציען שטאַנגען און פֿאַרוואַרפֿן בריקן אין דער לופֿטן, און פֿון איין עלעוויִיטער צום צווייטן, ציען זיך שוין, גלײַך און קרום, רויטע קייטן הויך און העכער . . .

ווען דו באַטראַכסט די ערד אויף וועלכער דו שטייסט איצטער, און דו ווייסט, אַז ערשט ניט לאַנג איז דאָ געווען הויכער באַרג און איצט איז דער פֿלאַכער שטח דורכגעוועבט און דורכגעשניטן מיט אײַזערנע אַדערן, מיט בלעכליי רעלסן, כדי איבער אים זאָלן פֿאָרן אַלע נויטיקע דאַמף־מאַשינען און ברענגען די שטיינער וואָס ווערן סאָרטירט און צעריבן אויף שטיינדעלעך מעל, וואָס פֿאַלט אַרויס דורך די רעשעטעס אין די וועגענער, וועלכע וואַרטן אָפּצופֿירן אַט די "ווײַכע גרויע בערג" אַהין, וואו די באַרגיקע נשמה זאָל באַקומען אַ תיקון . . . ווערט דיר קלאָר הערצלס נבואה: "אויב איר ווילט איז דאָס ניט קיין לעגענדע!"

דער בליק באַפֿרייט זיך אַביסל פֿון דער רויט־אײַזערנער וועלט און פֿאַלט צוריק אויפֿן צעהאַקטן רוקן פֿון כרמל, פֿון וועלכן עס סטאַרטשען אַרויס דינע כישוף־פֿעדעמלעך פֿון דער "פּאַור־האַוז" (דאַמף־הויז), וואו עס שטייט שוין אַן אײַנגעריכטעטע עלעקטרישע קראַפֿט־סטאַנציע און באַדינט אַלע נויטיקע מאַשינען. דו זעסט ווי מייעסטעטיש עס קוקט אַרויס פֿון ווײַטנס דער נײַער בנין פֿונעם קאָמפּרעסאָר, און דו טראַכסט: דאָס האָבן יידן מיט אייגענער מי געבויט (אפֿילו אַז אַלע וויכטיקע מאַ־

שין־טײלן קומען פֿון אַמעריקע), דערפֿילסטו ווי דײַן האַרץ גײט אויף פֿון פֿרײד, שיִר ניט דעם כּרמל צו דערגרײכן . . .

אגב, דערצײלט מיר שטיל טראַכטנבערג, אַן אוקראַינער ייִד, אײנער פֿון די ערשטע אײנוואוינער פֿון מושבֿה בנימינה און דער עלטסטער אַרבעטער אין דער מחצבֿה, איצט דער מנהל (פֿאַרוואַלטער) : "ביז ניט לאַנג צוריק האָבן מיר נאָך געקאָנט צושטעלן געגוג בוי־מאַטעריאַלן פֿאַרן גאַנצן לאַנד, אָבער שוין ניט איצט . . . די באַדערפֿענישן האָבן, ברוך השם, אונדז איבערגעוואָקסן . . ."

דו זעסט ווי דער געל־גרויער אײַנגעווייד פֿון כּרמל ציט זיך ווײַט צו צפֿון, צו די גרענעצן פֿון לבנון, און דערפֿילסט באַשײנפּערלעך : אָט־דאָ אין דער צעשטערונג ווערט געבויט ארץ ישראל.

מיין באַזוך אין בית אינטערנעשאָנאַל

בּרית חיים, איז איינע פון די פיל פּאָרשטעטע, וואָס געפינען זיך אַרום חיפה. דאָרט וואוינען אַרבעטער, וואָס מערסטע פון זיי זיינען באַשעפ־טיקט אין די פאַרשיידענע אינדוסטריעס וואָס געפינען זיך אין "מפרץ חיפה". וועגן דעם אופן ווי אַזוי די דאָזיקע פּאָרשטעטע אין די בערג האָבן זיך אויפגעבויט, און ווי אַזוי די איינוואוינער לעבן דאָרט, איז כדאַי צו דערציילן מער ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. איצט וויל איך דערציילן וואָס איך האָב געזען אין דער בית אינטערנעשאָנאַל, נאָכדעם ווי ישראל מערעמינסקי, דער שטענדיקער לייטער פון די פּאַר־שולן וואָס די הסתדרות בויט אין ישראל, האָט מיר געראָטן: "כאַפּט זיך צו און זעט".

פון אַמעריקע נאָך האָב איך געוואוסט, אַז אין 1946 האָט די אינ־טערנעשאָנאַל, אַדאַנק דער באַמיאונג טאַקע פון דעמאָלסטדיקן שליח פון הסתדרות אין אַמעריקע, ישראל מערעמינסקי, ביי געשטייערט צען טויזנט דאָלער, אַז די הסתדרות זאָל גרינדן אַ פּאַר־שול (דעמאָלט די צווייטע אין לאַנד), וואו יונגע בחורים זאָלן זיך לערנען דעם פאַך פון אינדוסטריעלע מאַשינערייַ. מער קיין איינצלהייטן האָב איך נישט געוואוסט. און אַט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט מקיים צו זיין דעם פסוק: "סיאינג איז בעליווינג" . . .

אויף אַ שטח פון צוואַנציק דונאַם לאַנד, צווישן דעם כרמל אין דרום

און הרי גליל־התחתון פון מזרח — געפינט זיך א פרעכטיקע געביידע,
וואָס ביים סאַמע אַריינגאַנג טוט אַ בלענד אַ שילד : „בית אינטרנשו־
נאַל — בית־ספר למקצוע". מיר מאַכן אַ שפּאַציר, אין דער באַגלייטונג
פון אַ שוואַרצחנעוודיקער סעקרעטאַריז, פריער אין די לערן־צימערן.
זי עפנט אויף טיר נאָך טיר פון די צימערן, וואו עס זיצן יונגע בחורים
פון 15־14 יאָר און הערן זיך איין מיט הסמדה צו די לערער. דאָס זיינען
די פרימאָרגן שעהן, וואו די שילער באַקומען זייער נאָרמאַלע בילדונג,
און ערשט בייטאָג גייען זיי איבער אין די פאַך־קלאַסן.

שפּעטער געפינסטו זיך שוין אין אַ קעניגרייך פון מאַשינען. די גע־
ביידעס זיינען נייע, געראַמע, אָפּגעטיילט פון די שול־געביידעס. נייגע־
ריקע בליקן פון יונגע חברה קומען דיר אַנטקעגן. זיי שמייכלען אַרויס
פון די פאַרסאַזשעטע, פאַרשוואַרצטע פּנימער און אַרבעט־קליידער.
זיי זיינען זייער פריילעך און דערציילן ווי זיי לערנען זיך די אַרבעט.
בפרט אַז זיי הערן, אַז דער גאַסט איז אַ מיטגליד פון דער אינטערנע־
שאַנאַל, דערפרייען זיי זיך נאָך מער, און הענט נעמען זיך באַוועגן אין
פאַרשיידענע ווינקלעך. „דאָס זיינען אייערע מאַשינען", און „אָט יענע
אויך". מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ באַווייזן זיי די מתנה פון לאָקאַל 10,
וואָס מאָו פּאָליקמאַן האָט נאָך זיין באַזוך אין ארץ־ישראל, נאָך פאַר דער
אַנטשטייאונג פון דער מדינה, געשיקט אַהער אַלס אויסדרוק פון זיין
טיפער סימפּאַטיע פאַר דער שול און אירע ציּלן. דאָס איז אַ „שייפּער"
— איינע פון די וויכטיקסטע מאַשינען, און פּאָליקמאַנס נאָמען דער־
מאָנען זיי טאָקע מיט גרויס אָנערקענונג און ליבשאַפט.

איך דערוויס זיך, אַז עס זיינען דאָ דערווייל אַרום הונדערט שי־
לער, כאָטש מען קען אַריינגעמען עטלעכע הונדערט. די לייטונג איז
פאַראינטערעסירט אַריינצונעמען וואָס מער נייע עולים, איז דאָס אָבער
נאָכניט גרינג, ווייל די קינדער מוזן פריער האָבן אַ היים אין דער געגנט
פון חיפה וואו צו וואוינען (זיי קומען אַלע צו דער אַרבעט אויף זייערע
„בייסיקלעך"), איז דעריבער דערווייל דאָ אַ קליינע צאָל פון די עולים.
אויך פאָדערט דאָס גרויסע פאָנדן. אַביסל פאַרנעמט זיך דערמיט די
„עלית הנוער"־אָרגאַניזאַציע, וועמענס אויפגאַבע עס איז איינצואָרדע־
נען די יוגנט איבערן לאַנד ביי קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. אויסער זייער
נאָרמאַלער בילדונג לערנען זיי די אינדוסטריע פון מעטאַל אין אַלע אירע

פאַרמען: שלאָסערײַ, אינסטאַלאַציע, פּאָמפּעס, דרייַ־אַרבעט. איצט פאַרענדיקט זיך אַ נײַע געבײַדע פאַר אַזעלכע פאַכן ווי סימעטרישע צייכעניש, טעכנישע מאַשינערײַ, און א. וו.

פאַראַיאָרן, — דערציילט מיר דער דירעקטאָר — איז אַ גאַנצער קלאַס אַוועק צום מיליטער, אָבער די באַפרייטע קומען צוריק פאַרצווזעצן דאָס לערנען.

אַרום דעם 15טן יולי פאַרענדיקט זיך געווײנלעך די ווערקשטאַט־אַרבעט (די געווײנלעכע לימודים אַביסל פריער נאָך), ביז אָנהייב סעפּטעמבער. דער עלטסטער קלאַס ווערט דערמוטיקט דורכן זומער זיך צו באַקאַנען מיט בוי־אַרבעט אין לאַנד, אָבער מערסטנס נוצן זיי אויס די צייט פאַר אַרמיי־איבונגען.

אינעם ברייטן מאַרמאָרנעם קאָרידאָר פון דער הויפּט־געבײַדע, דורך וועלכן דער דירעקטאָר פירט מיך צו באַווײַזן דעם מוזיי־צימער, וואָס איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן צו זאַמלען כלערליי מאַטעריאַלן וועגן דער אינטערנעשאַנאַל, וועמענס נאָמען די פאַך־שול טראָגט מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ — באַמערק איך אויפן וואַנט אַ גרויס בילד אין אַ שוואַרצער ראַם.

"דאָס איז אונדזער געוועזענער תלמיד משה אלקנבה. צוויי יאָר האָט ער געלערנט פּלייסיק. געווען אַ ספרדישער ייִד, געגלויבט אין גאָט און — אין לאַנד, געפאַלן אין גליל, דער ערשטער פון דער שול . . . די תלמידים געדענקען אים בכבוד!"

און אַט עפנט זיך די טיר פונעם מוזיי־צימער. אַנטקעגן קוקט אַראָפּ פון דער וואַנט אַ "באַקאַנט פּנים" — אַ גרויסער פאָרטרעט פון דוד דובינסקי (אַ געלונגענע מאַלערײַ פונעם קינסטלער פּעליפּע).

"די קינדער ווילן וויסן וואָס מער וועגן די פירער און גרינדער פון דער אינטערנעשאַנאַל" — דערציילט מיר דער דירעקטאָר און באַקלאָגט זיך, וואָס ביז היינט איז נאָך אַזוי ווייניק מאַטעריאַל צוגעשיקט געוואָרן אַהער, חוץ דאָס וואָס זיי אַליין געלינגט צו זאַמלען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. (געפינט זיך אינעם גרויסן ליכטיקן צימער) — "אַ שאָד וואָס די אַלע שופלאָדן און פּאָליצעס זיינען נאָך ליידיקלעך . . ." דער דירעקטאָר פאַרענדיקט זיין באַריכט מיט אַ ביטע: "זאָל מען שיקן ביכער, זאָל מען אונדז שיקן מאַטעריאַל".

אין הויף זעט מען ווי מען האַלט אין בויען. אַט בויט מען אַ נייעם ספּאָרט־פּלאַץ, און אַט בויט מען אַ ספּעציעלן "גאַראַדזש" פאַר די הונדערטער בייסיקלען, וואָס זאָלן זיין באַשיצט פון רעגן און גליענדי־קער זון.

נאָך דער אַרבעט וואַשן זיך די תּלמידים אונטער די באַקוועמע טושן, לאָזן איבער די אַרבעט־קליידער און פאָרן אַהיים.

ס'איז כדאַי צו דערמאָנען די באַזונדערע סאַניטאַרישע איינריכ־טונגען, דער ספּעציעלער שפּיטאָל, וואו יעדן חודש קומט אַ דאָקטאָר צו אונטערזוכן די קינדער. ערשטע הילף ווערט געגעבן אויפן פּלאַץ. זון און לופט דורך אַלע פענצטער.

גערטנער פלאַנצן בלומען, גלייכן אוים די זאַמדן, שטעלן אויף בענק אין שאָטנס פוןביימער. דו האָסט דעם איינדרוק ווי דאָס וואָלט גאָר ערשט זיך אָנגעהויבן צו בויען, ווען אין אמתן עקזיסטירט שוין די שול זינט 1946. און אויפן געדאַנק קומען די ווערטער פון ישראל מערי־מינסקי : "כאַפּט זיך צו און זעט", ווייל ניט נאָר גרינדן אַליין איז וויכטיק — נאָר אויפהאַלטן, און ווייטער בויען !

דריי יום־טובים אויף איין מאָל

די דאָזיקע שול טראָגט דעם נאָמען "בית אינטערנעשאָנאַל" נישט צופֿעליק. דער נאָמען איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דער אינטערנעשאַנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און מיט איר פּרעזידענט דוד דובינסקי — אַ דאַנק דער פֿאַרשטענדעניש צווישן זיי און דעם הסתדרות־שליח ישראל מערימינסקי, נאָך פֿון די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זינט יענעם ערשטן צושטייער פֿון דער א.ל.ג.וו. יוניאָן פֿון צען טויזנט דאָלער, איז די דאָזיקע פֿאַך־שול געגרינדעט געוואָרן. זי הייסט "ע מ ל" (אַרבעט), און איז אַ ליבלעכע און שטאָלצע קרובה פֿון דער גרויסער אַרבעטער־משפּחה אין אַמעריקע.

איך בין געלאַדן געוואָרן צו אַ דרייפֿאַכן יום־טוב אין בית־אינטערנעשאַנאַל טאַקע פֿון ישראל מערימינסקי, וואָס נישט נאָר איז ער דער גרינדער פֿון די פֿאַך־שולן פֿון דער הסתדרות, נאָר אויך דער שטענדיקער גוטער עלטערער חבר פֿון די תּלמידים און לערער פֿון די דאָזיקע שולן.

ערשטנס, דער יום־טוב פֿון דער צווייטער גראַדואירונג פֿון דער שול. קינדער וואָס האָבן געלערנט דריי יאָר, גייען איצט אַרויס גוטע פֿאַכלייט, וואָס קענען שוין ווערן שליסל־מענטשן אין דער אַרבעט פֿון לאַנד. צווייטנס, דער יום־טוב פֿון לייגן אַ ווינקלשטיין פֿאַר אַ נייעם אַרבעטס־בנין. ביז איצט זיינען דאָ אויסער דער גרויסער צענטראַלער געביידע,

וואָס דינט פאַר דער שול פון אַלגעמיינער בילדונג, נאָך צוויי בנינים פאַר ווערקשטאַטן, פאַר האַנט־אַרבעט און מאַשינעריי. אַהין קומען לויט זייערע וואַקסעס תּלמידים צו לערנען "תּורת העבודה". איצט איז אָנגעקומען די נייע מתּנה פון דער אינטערנעשאָנאַל — 35,000 דאָלער — צו בויען דעם נייעם בנין, צו דערמעגלעכן דער שול צו אַנטוויקלען נייע פאַכן, צושטעלן נייע מאַשינען, און איינאָרדענען אָוונט־קורסן, וואָס זאָלן אַריינעמען נייע עולים.

איבער די יונגע גרינע אַלייען שטראָמט דער עולם אין דער ריכטונג פון די "שאָפּס" אין די בתּי־מלאכה. דאָרט באַגעגענען מיר זיך מיט יוגנט און — יום־טוב. די תּלמידים אין ווייסע בלוזקעס און קורצע הויזן, ניטאָ קיין סימן פון "שוואַרצע אַרבעט־קליידער". די מאַשינען גלאַנצן און שווייגן יום־טובדיק . . . די גראַדואַנטן נעמען זיך בילדער, און עס דוכט זיך — גאָר מיט אַ באַזונדערער צערטלעכקייט און ליבשאַפט קוקן זיי זיך איצט איין אין די שוין אייגן־געוואָרענע מאַשינען, מיט וועמען זיי דאַרפן זיך באַלד געזעגענען . . . אויף די טישן פון האַנט־ווערקשטאַט ליגן אייניקע אַרבעטן פון די תּלמידים, ווי: שטיקער אייזן, צוואַנגען — פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט.

אינדרויסן, אין שאָטן פון ביימער, וואַרט אַ ווייס־געדעקטער טיש אויף די לערערס, גראַדואַנטן און פריינט. דער דירעקטאָר, אינזשעניר גאַנאַני עפנט די פייערונג און ער דערציילט אַביסל געשיכטע. זינט לעצטן יאָר זיינען צוגעקומען צו דער שול צוויי מאָל אַזוי פיל תּלמידים. ליידער ניט קיין גרויסע צאָל נייע עולים, דערפאַר ווייל די תּלמידים מוזן האָבן פריער געענדיקט אַ עלעמענטאַר־שול און באַזיצן די שפּראַך, כדי צו קאָנען פאַרשטיין און באַנעמען אַלגעברע און אַנדערע געגנשטאַנדן. אַ צאָל נייע עולים לערנען אויף ספּעציעלע אָוונט־קורסן, וואָס ווערן דערמעגלעכט פון אַרבעט־מיניסטעריום צוזאַמען מיט דער הסתּדרות.

דער דירעקטאָר דערציילט אויך אַביסל פון "חדר", פון די פאַרשיידענע שוועריקייטן וואָס די "הנהלה" (די פאַרוואַלטונג) מאַכט כּסדר דורך אין דער אַרבעט, "אָבער מיר האָבן די פרייד פון שניידן מיט געזאַנג". ער שיקט אַרויס די תּלמידים־גראַדואַנטן צו לעבן און אַרבעטן מיט אַ פאַטערלעכער ברכה אויף די ליפּן.

חבר שאפשטיין, איינער פון די ערשטע פון קרית חיים (די ארבעטער־פארשטאט פון חיפה, וואס טראגט דעם נאמען פון חיים ארלאזאראוו), זאגט: "אליין וואלטן מיר ניט געקאנט געווען מאכן דעם דאזיקן גן־עדן. די פירער פון דער אינטערנעשאנאל, מיט דוד דובינסקי בראש, זיינען צווישן די 'מיטשולדיקע'". אזוי אויך ישראל מערימינסקי, וועלכער זעצט־פאר מיט ברען צו בויען וואס מער פאר־שולן אין לאנד.

א ברייט־פלייציקער בלאנדער בחור, מיט א גוטמוטיקן שמייכל, איז דער רעדנער פון די גראדואנטן. ער הייבט אן אין אזא נוסח:

"איך וויל אייך זאגן עפעס אנדערש: ווייזט אויס אז דווקא איצט איילן מיר זיך ניט אוועקצוגיין. עס איז גוט אין דער שול. די ערשטע צייט האבן מיר נאר געוואלט 'איבערקומען'... איצט זיינען אונדז טייער די לערערס און די מדריכים (פאר־אינסטרוקטארן). מיר ווייסן וואס עס האט צוגעטראגן צום ווערק די אינטערנעשאנאל, און מיר וועלן זי אויך אין אונדזער פריוואטן לעבן געדענקען. מיר האבן דא געלעבט 3 יאר (דריי יוגנט־יארן). מיר וועלן קומען זען דאס ארט, וואו מיר זיינען געווען די ערשטע. עס פרייט דאס הארץ צו זען ווי עס וואקסט... זיי, די לערערס, וואס האבן אונדז אזוי אפט געזען ווי "לא יוצלחס" און איצט זעען זיי אונדז ווי מענטשן, וואס באלד וועלן זיי אונדז געבן די הענט ווי ז י י ע ר גלייכן — זיי ווינטשן מיר, אז זיי זאלן קאנען ווייטער ארייננעמען "שלימזלס" און ארויסלאזן יאטן ווי מיר!"

ביז דער זיבצנטער שילער האט געענדיקט דריקן די הענט פון די לערערס און געסט, באקומענדיק די דיפלאמעס, האט שוין דער עולם זיך געלאזט גיין אין דער ריכטונג וואו דער ווינקלשטיין ווערט געלייגט פארן נייעם בנין.

א לויטערער פארנאכטיקער הימל קוקט אראפ אויף דעם כרמל־בארג וואס זעט אויס אזוי נאענט פונעם באדן דא, און א פריש ווינטל העלפט מישן דעם נאסן צעמענט ארום דעם פריש־צעגראבענעם באדן.

דא איז אויף דער שמחה דער הויפט־מחותן י ש ר א ל מ ע ר י ־ מ י נ ס ק י, וועלכער דערציילט פון די נייע פלענער פון דער אינטערנעשאנאל שול. דא זיצן די ערשטע גראדואנטן, די חלוצים פון דער שול, די וועלכע האבן אנגעהייבן לערנען אויף זאמד; זיי האבן היינט נחת פונעם וואוקס און אביסל קנאה אויך... און ווי מערימינסקי

וואָלט געהערט וואָס זיי טראַכטן, זאָגט: "פונקט ווי מ'וועט ניט פאַר־געסן די ערשטע פון עמק יזראעל, די וועלכע האָבן פאַר זייערע אויגן אפילו קיין טראַקטאָר ניט געזען . . . אַזוי וועט מען תמיד געדענקען די ערשטע". און ער זעצט פאָר: "ניט קיין צדקה גיבן אייך די אַר־בעטער אין אַמעריקע, נאָר הילף. זיי, די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, וואָס זיינען אין ז י י ע ר צ י י ט געוועזן חלוצים דאָרטן וואו זיי האָבן געבויט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — האָבן איצט אַריינגע־וועבט דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל אין זייער האַרץ, מיט מעשים."

מערימינסקי לייענט פאָר אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע פון פּרעזידענט דוד דובינסקי, פון מילאַנאָ, איטאַליע. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט הערט מען:

"די אינטערנעשאַנאַל, און איך פּערזענלעך שיקן די גראַדואַנטן האַר־ציקע וואונטשן. מיר פאַלגן־נאָך דאָס וואַקסן און אַנטוויקלונג פון דער פאַר־שול און פאַרשפּרעכן ווייטערדיקע הילף און פריינטשאַפט".

דידאַזיקע ווערטער דרינגען אַריין אין אַלעמענס הערצער מיט זייער אמתער קרובהשאַפט פון דעם גרויסן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין אַמע־ריקע.

די צערעמאָניע פון אייַנטיילן אַלעמען וועט עס זאָל פריער אַריינ־וואַרפן די ערשטע לאַפּעטע נאַסן צעמענט, פאַרמאַגט אמתן חן. דער סאַמע ערשטער וואָס איז זוכה איז אַ גראַדואַנט און דווקא דער קלענס־טער אין וואוקס . . . דער צווייטער איז דער פאַרוואַלטער פון בית אינ־טערנעשאַנאַל, איז ער ניט גרעסער אין וואוקס פון זיין שילער . . . דערנאָך קומען לערערס, עלטערן, פריינט. עס דערפילט זיך די ערש־טער אָטעם פון באַשאַף! אויף אַלעמענס ליפּן הענגט אַ תפילה: גע־בענטשט זאָל זיין דער גייסט פון אַרבעט און נאָך טיפערע וואָרצלען זאָל שלאָגן די פריינטשאַפט פון אַמעריקאַנער אַרבעטער מיט די אַרבע־טער פון מדינת ישראל!

אחרון אחרון:

לאָזט זיך דער גרויסער עולם אין עקסטאַז גיין צום בנין, וואו ווייַ־סע מאַרמאָרנע טרעפּ פירן אַרויף צום ביבליאָטעק־צימער. אויף דער טיר דער אויפשריפט: "דוד דובינסקי ביבליאָטעק". אַ פרישע ברוינע קילקייט נעמט אונדז אויף. מיר געפינען זיך אין אַ רחבותדיקן צימער

וואָס קוקט אַרויס צום כרמל, צום מפרץ חיפה — און עס זעט זיך דער אייגענער גרינער שטח לאַנד, וואָס ערשט ני.ט לאַנג איז ער געווען הוילע וויסטעניש.

די נייע ביכער, אַלע אויפן געביט פון פאַר־אינדוסטריע — שמייכלען אַרונטער מיט זייערע קאָלירטע טאָוולען פון די טונקל־גרינע נייע פּאַ־ליצעס, און ס'נעמט אַן אַ חשק זיי צו נעמען אין האַנט אַריין . . . דער צימער מיט זיין גאַנצער אויסשטאַטונג איז אַ מתנה פון דער אינטער־נעשאַנאַל. עס געפינען זיך דאָרטן אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר טעכני־שער שטודיע, פאַר לייענען און קאָנצענטרירן זיך. אַ וויכטיקער ביי־שטייער צו דער פאַר־שול, און ניט צופעליק טראָגט דידאָזיקע ערשטע ביבליאָטעק דעם נאָמען פון דוד דובינסקי.

גאָר אַנדערש איז דער דריטער יום־טוב געפייערט געוואָרן. איינפאַך, אָן שום באַזונדערער אויפקלערונג. דער עולם האָט אַרומגעשפּאַנט אין דעם געשמאַקפולן צימער, געזען און פאַרשטאַנען . . . טיפע דאַנק־באַרקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון אַלעמענס אויגן. מיט שמייכלענ־דיקן געמיט האָט מען פאַרלאָזט די "דערעפנטע ביבליאָטעק", וואוהין עס וועלן פון היינט אָן קומען יוגנטלעכע און עלטערע צו שעפּן "תורת העבודה".

מיט גרינער פרישקייט האָט באַגעגנט דער קילער פאַרנאַכט דעם יום־טובדיקן עולם, וואָס האָט זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען געלאָזט אהיים. דער גרויסער שטח לאַנד (פון צוואַנציק דונאַם), האָט זיך איצ־טער, דאַכט זיך, גרינער און שענער געצויגן און זיך געגרויסט וואָס אויך ער איז אַ טייל פון דעם ווערק וואָס הייסט "בית אינטערנעשאַנאַל".

אין אַ מעברה

דער ישוב אין ישראל לעבט אין אינטענסיווער בויאונג. יעדער טאָג שאַפט ווי פון זיך אַליין נייע נעמען, נייע באַגריפן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. וועגן איינעם אַזאַ נאָמען וואָס פאַרן רוב יידן, לײדער אַפילו אין ישראל, איז דאָס דערוויייל נאָך אַ ניי־קלינגענדיקער באַגריף, וויל איך איצט דערציילן. דער נאָמען איז "מעברה". איך האָב געוואָלט מאַכן אַ שפּאַציר אין איינער פון די "מעברות", זען וואָס ס'גיבן צושטייער די חברות פון ארגון אמהות עובדות (אַרבעטנדיקע מוטערס פון דער מועצת הפועלות) און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פרויען צו דער נייער תקופה. האָב איך זיך געווענדט צו דעם אַרגון אמהות עובדות אין חיפה. מיט באַזונדער וואַרעמקייט האָבן די חברות סאָניע דינער, צפורה חושי און עליזה חלפון אויפגענומען מיין אָנבאָט און זיי האָבן מיך איינגע־לאַדן קיין טירה, איינע פון די ערשטע מעברות לעבן חיפה.

אין מיין פאַרשטעלונג וועגן טירה (איך האָב צופעליק פאַראַיאָרן דאָרטן געלערנט אין אַ אולפּן עברית) האָב איך דאָס מאָל דערוואַרט צו זען ביים אָנקומען דעם זעלבן גרויסן ליידיקן שטח לאַנד, וואו עס שטייען נאָך טיף אין וואַלד אַ צאָל מיליטערישע באַראַקן נאָך פון "ימי ענג־לאַנד". האָט אָבער אַ בלענד געטאָן אין די אויגן אַ "וואַלד מיט גע־צעלטן", אין שורות, ווי גאַסן געשטעלט. אויף זייערע שפּיציקע דעכער

די ווייטיקדיקע תקופה פון "מחנות עולים" אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה, באַשרייב איך ניט אין דעם בוך. די טעמע האָף איך ערשט באַזונדערס צו שילדערן.

האט די זון געשיינט, אויף דער ערד איז געווען לוידיק און שטיל, גאָר־ניט ווי איך בין געוואוינט צו זען אַ מחנה . . .

דאָס ערשטע האָבן מיך די חברות באַקאַנט מיט שושנה כספי, וואָס איז דער קאָאָרדינירנדיקער כוח פאַר אַלע פרויען־וואָלונטירן. וועגן איר פערזענלעכקייט איז כדאַי עפּעס צו דערציילן, כאָטש זי לאָזט ווייניק וועגן זיך ריידן, און וויל נאָר דערציילן וועגן דער אַלגעמיינער אַרבעט דאָ. איר פרישער שמייכל מיט איר ענערגיע, וואָס זי גיט אַוועק שוין פינף און צוואַנציק יאָר אין פרייוויליקער "סאָשעל וואָירק", ווייעט תמיד אָן אַ געלייטערטקייט, און ס'איז שווער זיך אָפּצוזאָגן פון איר איינלאַדונג צו זיך אין אַפּיס. אין מחנה דאַרף מען אָבער פריער ריידן מיטן מנהל, מיט די וואָס שטייען כסדר ביי דער אַרבעט, ווייל זיי ווייסן פאַקטן . . .

אַט געפין איך זיך אין משרד פונעם מנהל, און ער דערציילט מיר אַ קאַפּיטל נייע יידישע געשיכטע:

דעם 15טן יולי האָט מען דערעפנט די מעברה, וואָס איז, אגב, איינע פון די ערשטע אין לאַנד. 2,200 פאַמיליעס וואוינען איצט אין 630 צעלטן — צום ערשטן מאָל, אַז אַ פאַמיליע וואוינט שוין אַליין אין אַ צעלט. (ווער עס ווייסט דעם מצב אין די מחנות, אַז ביז איצט האָבן געוואוינט און עס וואוינען נאָך ליידער אַ געוויסע צאָל פאַמיליעס אין איין צעלט — דער קאָן באַגרייפן די גרויסע באַדייטונג פון דער ענדערונג). די מענטשן קומען אַז פון פאַרשיידענע ערטער, אַ סך פון זיי אויך דירעקט פון "שער עליה" (דער טויער פון אימיגראַציע)). דאָס איז דער ערשטער "פאַרפאַר־אדרעס", וואו די רעגירונג נעמט אויף און האַלט אירע נייע אימיגראַנטן אַרום צען טעג, און גאָר לעצטנס קומען פאַר די ערשטע עקספּערימענטן פון "איבערקלייבן דעם עולם", און לויט זיין אַרבעטס־פייאיקייט ווערט ער געשיקט דירעקט אין די פאַרשיידענע פּאַסיקע אויפנאַם־טיילן פון לאַנד, און ניט ווי ביז איצט — אין די מחנות־עולים.

היינט־צו־טאָג זיינען שוין פאַרטיק אין מירה צוואַנציק צריפים (הילצערנע באַראַקן) וואָס מ'בויט ספּעציעל פאַר די איינוואוינער, און אַהין גייען איבער די ערשטע אַנגעקומענע, און אויך אויסנאַמען, ווי גרעסערע פאַמיליעס מיט אַלטע טאַטע־מאַמע, בייזן פרילינג — פאַר־

זיכערט מיך דער מנהל — האפט מען צו פאַרענדיקן בערך זעכציק צריי־פים, וואו אַלע זאָלן קאָנען וואוינען. די באַפעלקערונג איז אַ געמישטע. דער גרעסטער טייל קומט פון רומעניע (אַרום 50 פּראָצענט); פון פּוילן און פון אונגאַרן (10 פּראָצענט); די איבעריקע פון עדות המזרח (30 פּראָצענט); אין קלענערע פּראָצענטן איז די באַפעלקערונג פון סיריע, איראַק, טערקיי, פּרס, מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיר, און אפילו פון כינע. אַט מיט אַזאַ געמיש פון "וועלטן" קומט אויס טאָג־טעגלעך צו אַרבעטן, צו לעבן. דער אומגלויבלעכער אמת איז, אַז שוין היינט פּאַראייניקט אַט די אַלע מענטשן איין שפּראַך — עברית. ניט נאָר זיינען דאָ שולן און אָוונט־קורסן, וואו מ'ווערט דערמוטיקט צו לערנען די לאַנד־שפּראַך, נאָר אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן רעדט מען עברית. מיט פאַרשיידענע הילפס־מיטלען פון איבערזעצער ווערט געמאַכט אַן ערשטער עקספּערי־מענט אין דער מעברה צו דערנעענטערן און "אויסמישן" אויף ווי ווייט מעגלעך די פאַרשיידענע יידן.

פון יעדער פאַמיליע אַרבעט אַמווייניקסטנס איין מענטש; אין אַ סך פאַלן אַרבעטן אַ פּאָר אין אַ פאַמיליע. די אָפיציעלע אַרבעטס־ביוראָ געפינט זיך אין טירה (די דערבייאיקע שטאָט), אָבער פיל טעכנישע הילף בנוגע אַרבעט ווערט אויפן אָרט פאַר זיי געטאָן. אַזוי, למשל, באַ־קומען זיי גרייט די ביכלעך פאַר שפּייז, זיי ווערן פון דאַנען רעגיס־טרירט, און עס פאַרשפּאָרט זיי דעם "תור" (צו שטיין אין ריי אַ לאַנגע צייט). אין דער מעברה גופא געפינען זיך אַלע נויטיקע קראָמען וואָס די באַפעלקערונג דאַרף האָבן. עס זיינען דאָ: זעקס מכלת'ס (גראָסערים), צוויי פּרוכט־און גרינצייג־קראָמען, צוויי פליש־אַטליזן, צוויי עופות־קראָמען, אַ פיש־קראָם, אַ "כל־בו" ("דזשענעראַל סטאָר") און איין "תנובה", וואו מ'קאָן עסן אַ מאָלצייט. עס זיינען אויך דאָ דריי מילך־צעטיילער, אַ שערער, און אפילו אַ "ביוטי־סאַלאָן". די אַלע קראָמען זיינען אין געמויערטע צימערן. די באַזיצערס פון די קראָמען זיינען אַלע "סאָשל קייסעס", דאָס הייסט, עולים פון די מחנות, וואָס יעדער פון זיי איז אויף אַן אַנדער אופן אומפייאיק צו שווערער פיזישער אַרבעט. די דאָזיקע איינריכטונגען מיט אַלע נויטיקע ווערקשטאַטן באַזאָרגט די סוכנות (יידישע אַגענטור).

— בדרך כלל איז דער עולם אין אַ גוטער שטימונג, — פאַרזיכערט

מיר דער גוטמוטיקער מנהל, נאָר איצט, ערב ווינטער, איז מען אַביסל נערוויִיאיש איבער די רעגנס וואָס הענגען שוין איבערן קאָפּ.

— און וואָס איז בנוגע די קינדער?

— אָ, וועגן די קינדער — לויכט אויף זיין געמיט — און ער דער־ציילט:

איבער 230 קינדער געפינען זיך אין דער מעברה; 160 קינדער אין עלטער פון פיר און פינף יאָר; 220 קינדער אין עלטער פון זעקס־צוועלף; 130 קינדער אין עלטער פון צוויי־דריי יאָר; 110 פּיצעלעך.

— נו, און פאַר די אַלע קינדער איז דאָ אַ שול?

אַלע קינדער אין שול־עלטער לערנען. בלויז אַרום צוואַנציק קינ־דער פון קינדערגאַרטן־עלטער האָבן דערווייל קיין פּלאַץ ניט. איך בעט זען די שול, נאָר דערווייל באַזוכן מיר דעם "בית־תינוקות" (נוירסע־רי־הויז), וואו עס געפינען זיך באַזונדערס די קינדער, וועמען עס פעלט וואָג. מען האַלט זיי טאָג און נאַכט אַ געוויסע צייט אונטער דער אויפזיכט פון "שוועסטער", אין אַ געראַמען באַקוועמען צימער, ליגן זיי אין נייע בעטעלעך מיט בלויע קאָלדרעלעך און זייער דינער געוויין אָדער פּלאַפּל פילט אָן דעם צימער מיט אַ וואַרימען גרוס פון מאָרגן . . . אויך פאַר די זויג־קינדער איז דאָ אַ באַזונדערער פּלאַץ, וואו די מוטערס קומען זיי זויגן. פאַר שוואַנגערע פרויען באַזאָרגט מען אַ צוגאַב־דיעטע, אויך אַ פּלאַץ אין אַ שפּיטאָל פאַר געבוירן. ניט אַלע מוטערס, בפרט פון עדות המזרח, ווילן געבערן אין אַ שפּיטאָל . . .

— נו, און וואָס איז מכוח אוועקגעבן איצט קינדער אין שטאָט אַריין אויף די ווינטער־חדשים?

— אויך דאָס איז היינטיקס יאָר ניט גרינג. פיל עלטערן ווילן זיך ניט שיידן מיט די קינדער, אַביסל דערפאַר וואָס זייער לאַגע איז טיילווייז פאַרבעסערט, און טיילווייז ווייל זיי געדענקען נאָך די "נאָכווייעניש" פון פאַראַיאָרן, ווי אַזוי אייניקע קינדער האָבן זיך ניט געוואָלט צוריק־קערן אין מחנה, און אַנדערע האָבן לאַנג און שטאַרק געבענקט נאָך די "נייע עלטערן" . . .

— אַ גאָר גרויסע און באַדייטנדיקע הילף פאַרן מצב בכלל גיט אונדז היינטיקס יאָר די אַרמיי — פאַרזיכערט מיר דער מנהל. ערשטנס, טאַקע, דער באַשלוס צו נעמען אַרום 15 טויזנט קינדער און זיי באַזאָרגן

מיט אַ היים פֿאַרן ווינטער; צווייטנס, זייער ממשותדיקע אַרבעט. אַט — ווייזט ער מיר אַז דורכן פֿענצטער — שטייען חברה און גראָבן קאַנאַלן, כדי דאָס וואַסער זאָל קאָנען אָפּלויפֿן, און אַט שטייען אַנדערע און פֿאַרריכטן די צעלטן עס זאָל ניט אַריינרעגענען. און אַט דאַרף מען פֿאַרבן די נייע צריפֿים, וואָס זיינען באַקוועמערע און מער זיכערע היימען ווי עס זיינען די צעלטן. איך כאַפּ אַ קוק אויף די "סאָלדאַטן" און אַ פֿריידיקער ציטער נעמט דורך צו זען די יונגע קינדער ווי זיי אַרבעטן דאָס מיט אַזאַ "הייליקער התמדה".

— וואָס איז מכוח די סאַניטאַרישע באַדינגונגען? מעדיצין? דאָקטוירים? — ווענן דעם דערוויים איך זיך, אַז די אַלע שטיינערנע באַראַקן, וואָס זיינען געווען דאָס אייגנטום פֿון די ענגלענדער פֿאַר זייערע סאָלדאַטן, זיינען איצט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שולן, קינדערגאָרטנס, אָפֿיסעס און קליניקס. די קופּת־חולים האָט אויסגעשטאַט זעקס צימערן מיט אַלע נויטיקע מעדיציניש כלי־זין. דער עולם ווערט טאָג־טעגלעך אויפֿגענומען פֿון דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס און ווערן גוט באַהאַנדלט, און אין מער ערנסטע פֿאַלן קומט אַן אַמבולאַנס און באַזאָרגט דעם קראַנקן אין אַ דערבייאיקן שפּיטאָל. נאָר לעצטנס געפֿינט זיך שוין אויך אַ שטענדיקער דאָקטאָר אין דער מעברה. מיט אַ טרויעריקן שמייכל גיט דער מנהל צו: ניט אַלע זיינען נאָך דערצויגן גענוג אויסצונוצן די סאַניטאַרישע באַדינגונגען ווי עס דאַרף צו זיין . . .

איך נעם אַן די איינלאַדונג צו באַזוכן דעם קליניק. די ווייסקייט פֿון די צימערן און די ריחות פֿון מעדיצין האָט אַ בלענד געטאָן און אָפּגעפֿרישט אַביסל דאָס געמיט.

די דאָקטוירים דערציילן אין אַ גוטמוטיקן טאָן וועגן דעם אַלגעמיינעם מצב פֿון געזונט אַז ער איז "צופֿרידנשטעליק". נאָר ס'איז באַזונדערס וויכטיק צו פֿאַרמיידן קראַנקייטן. דאָס איז שוין די ספּעציפֿישע, געטרייע אַרבעט פֿון די פֿרויען, וואָס קומען טאָג־טעגלעך ווי שוועסטער צו דער אַרבעט. מיר ווערט אַביסל פֿריילעכער פֿון דעם גרוס וועגן דער אַרבעט פֿון די פֿרויען.

קינדערשער געזאַנג פֿון ווייטנס האָט אָפּגעקלונגען און צוגעצויגן. אַ קאַראַהאַד פֿון קינדער און לערערינס טאַנצן, און פֿריידיקע אייגעלעך גלאַנצן אַרויס צו די געסט וואָס שטייען ביי דער זייט. צפֿורה חושי

דערציילט מיר: "דאָס איז אונדזער קינדערגאָרטן". וואָס הייסט אונד־זערס? — פרעג איך. דאָס האָבן חברות פון ארגון אמהות עובדות מיט זייערע כוחות און זייערע מיטלען אויסגעשטאַט צוויי גרויסע צימערן מיט אַלע נויטיקע זאַכן פאַר אַ קינדערגאָרטן, ווי מעבל, שפּילצייג, געשיר. די קינדער עסן דאָ מיטיק. ס'איז דאָ אַ באַקוועמע און סאַניטאַרע קיך, שאַפעס פאַר זייערע קליידער. מערסטנס קינדער — דערציילט ווייטער צפּורה — זיינען גוט אָנגעטאָן. אַנדערע פעלט דאָס נויטיקסטע — אַ פּאָר שיך, אַ וואַרימער סוועטער. דאָס ווייסט שוין די פרוי וואָס קומט באַזוכן טעגלעך די געצעלטן און באַקענט זיך גרינטלעך מיט דער לאַגע. דעמאָלט קומען זיך צונויף די אַלע וואָלונטירן מיט זייערע רשימות פון זאַכן, און אַ ספּעציעלע אַרבעט ווערט אָנגעפירט אויף דעם געביט פון דער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. די זאַכן ווערן טיכטיק געזאַמלט צווישן חברות און געבראַכט אין דער מעברה. דאָרט איז דאָ אַ ספּעציעלער "מחסן", אַזאַ מין קראָם וואו די חברות טיילן אויס צו די "איינגעלאָדענע" די נויטיקע קליידער. אגב, גייט די אַרבעט צו איצט זייער טיכטיק, ווייל מ'וויל וואָס גיכער באַזאָרגן מיט ווינטערדיקע בגדים די קינדערלעך.

— איידער איך דערצייל אייך נאָך וועגן דער אַרבעט פון אונדזערע פרויען — זאָגט צפּורה — בעט איך אייך אָנקוקן אונדזער "חנוכה־געלט פאַר די קינדערלעך", און מיר גייען אַריין אינעווייניק, וואו עס זיינען ספּעציעל אויף דעם חנוכה אָנגעגרייט געוואָרן אַ נייער טיש און בענקעלעך, שפּילצייג, חנוכה־לעמפּלעך, נייע געשיר — הכלל, פולקאָמע באַנייאונג. אויף דעם האָט מען טאַקע צוויי חדשים כסדר געאַרבעט אינטענסיוו דאָס צוצוגרייטן, כדי דער קינדערגאָרטן זאָל געעפנט ווערן אויף חנוכה.

דער זייגער האָט זיך דערווייל אַ רוק געטאָן צו מיטיק־צייט. מיר ווילט זיך נאָך ריידן מיט שושנה כספּי, ווייל כ'ווייס אַז זי האָט וואָס צו דערציילן. ביי איר אין אָפּיס איז אַביסל טומלדיק, פרויען קומען אַריין מיט כלערליי לויפנדיקע פּראָבלעמען. דערנאָך דערציילט זי מיר:

— איר זעט זיי? דאָס זיינען "פּריילעכע סאָלדאַטקעס" וואָס לאָזן איבער טאָג־טעגלעך זייערע היימען און קומען אַרויס פון 9 ביז 12 אַרבעטן. זיי קומען אַריין אין דיביידלעך און זעען, צי ס'איז ריין, צי

איז מען געזונט, צי ווייסט מען ווי אזוי צו קאכן דעם מיטיק, און צי איז דא דער מיטיק גרייט . . . צי האט מען געוואשן דעם קינד (און אויך זיך) די האר, צי איז דא א ריינער ליילעך, א ווארימע קאלדרע . . . דאס איז נאר די אזוי־גערופענע פראקטישע ארבעט.

דערנאך איז דא א צווייטער טייל, א סך א דעליקאטערער. די פרוי דארף אינגיכן געבוירן און זי מאכט ניט קיינע פארבארייטונגען אוועקצוגיין אין שפיטאל. מען רעדט מיט איר — אפט ניט אויף איר שפראך, נאר מיט הארץ און מיט די אויגן . . . זי וויל ניט הערן, זי וויל ניט פארשטיין. דעמאלט ווערט ווי פון זיך אליין דער דאזיקער יאך ארויפגעווארפן אויף דער וואלונטירנדיקער פרוי, וואס ניט איינמאל קומט זי אן איבעריקן טאג צו דער ארבעט, ווייל געוויסע פערזענלעכע פארפליכטונגען מאנען שוין און רופן זי אהין. היינט דאס אויפקלערן דער מוטער צו שיקן די קליינע קינדערלעך אין קינדערגארטן און אין שול! אויך אויף דעם געביט באגעגנט מען א שטארקן פרימיטיוון ווידערשטאנד, בפרט מוטערס פון מזרח. די פרויען־וואלונטירן באמיען זיך צו זוכן און געפינען קינדער פארן "נוער העובד" (ארבעטנדיקע יוגנט־ארגאניזאציע פון דער הסתדרות) אדער קיבוצים, און שאפן די נויטיקע מעגלעכקייטן זיי צו פארבינדן מיט די פאסיקע ארגאניזאציעס. א גרויסע באדייטנדיקע הילף צו דער ארבעט — דערציילט מיר שושנה כספי — גיט אונדז דער "מגן־דוד אדום" וואס שיקט טעגלעך א ספעציעלן אמבולאנס צו ברענגען און אפנעמען די פרויען. די ארבעט צווישן די פרויען איז אזוי סיסטעמאטיש איינגעארדנט, אז ס'איז צייטנווייז אומגלויבלעך צו זען די זעלבע פרויען קומען אין דער מערכה "נאך אויף א טאג", כאטש יעדע פון זיי האט אירע באשטימטע דריי טעג א וואך. די וואלונטיר־ארבעט איז אויף צוויי חדשים. אין די היינטיקע חדשים ארבעטן די פרויען פון "מגן דוד אדום" און פון ארגון אמהות עובדות.

אין דרויסן האט די זון געשיינט, און די דורכגייער — טונקל־פּנימדיקע, מיט גרויסע נייגעריקע אויגן — האבן מיט זייער "שלום" פשוט אריינגערופן אין די צעלטן, און ס'איז געווען כדאי אריינצוקוקן. אין איינעם — אומפארציילעכע אומארדענונג. ענגשאפט און נאכלעסיקייט אויף יעדן שפאן, כאטש עס דרייט זיך ארום א יונגע פרוי אינעווייניק. אין א צווייטן צעלט פונקט דער היפוך: די ארימקייט קומט דיר אנטקעגן

איז אַ ציכטיקן מאַנטל. די בעטן מיט ווייסע שפּרייטלעך פאַרשפּרייט, דער טיש אָפּגעוואַשן, דאָס געשיר צונויפגעשטעלט, דער דיל מיט שטיינערנע באַלאַטן אויסגעשפּרייט, און אין דרויסן, ביים אַריינגאַנג, בליען גראָזן און בלימעלעך.

זיצנדיק אין אַמבולאַנס מיט די "שוועסטער" אין די ווייסע כאַלאַטן, האָב איך זיך איינגעהערט ווי יעדע פון זיי דערציילט אויף איר אופן, מיט אַ באַזונדערן טאָן פון זעלבסט־באַגייסטערונג וועגן "די היינטיקע אויפטוען": אַז זי האָט שוין געשיקט דאָס צווייטע קינד אין שול; און יענע איז שוין אַראָפּגעגאַנגען פון בעט און אַפילו געעפנט אַ וואַנט פוןביידל פאַר לופט . . . און די, ווידער, קאָכט שוין מער ניט אויף דער ערד, נאָר שטעלט די מאַשינקע אויף אַ קעסטל . . . און יענע, ווידער, האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דער "ווייסער פרוי", וואָס קומט איר אַלע טאָג געבן עצות, און זי באַגעגנט איר אַפילו מיט אַ שמייכל. און אַזוי אָן אויפהער וועגן די פאַרשיידענע פּראָבלעמען. און כאָטש אויף יעדן האָט זיך געמערקט סימנים פון מידקייט, האָבן אָבער די אויגן געשטראַלט מיט אַן אינערלעכער פרייד פון זייער מי וואָס זיי גיבן צושטייער מיט אַ פולן האַרץ און שוועסטערלעכן גלויבן, אַז "מעברה" — דאָס איז ניט נאָר אַ תקופה פון איבערגיין פון שלעכטע באַדינגונגען צו בעסערע, נאָר טאַקע אַז דאָס איז דער איבערגאַנג פון אַ קראַנקן לעבן צו אַ געזונטן, צו אַ נאָרמאַלן לעבן אין ישראל. זייער פרייד פון זיין ש ו ת פ י ם צו אָט דער היסטאָרישער אַרבעט, און פון זען "פּרוכט פון דער אַרבעט" האָט געלויכטן דעם גאַנצן וועג און זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שטראַלדיקער זון וואָס איז אויך היינטיקן ווינטער אַזוי מילד אין ישראל, ווי אויך זי וואָלט געוואוסט, אַז נאָר מיט ליבע און וואַרימקייט דאַרף מען היילן די וואונדן פון דעם געליטענעם פאָלק.

אין עמק

אין קיבוץ תל־יוסף איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ועידה (צוזאַמענפאָר) פון דער דריטער עליה. אַ כוואַליע פון פריידן און לײדן פון צוויי דורות לעבן האָט אױפגעפראַלט אין אײנעם אַן אױפדערנאַכט און אָנגעפילט דאָס געמיט מיט טיפער איבערלעבונג ניט צו פאַרגעסן דאָס העראָאישע קאַפּיטל פון די ערשטע חלוצים װעלכע זײנען מיט איבער דרײסיק יאָר צוריק געקומען פון רוסלאַנד, פױלן, רומעניע; די, מיט װײניק הכשרה, נאָר מיט שטאַרקן װילן, צו קומען בױען און בלײבן לעבן אין ארץ־ישראל — דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז נאָך װי געהעריק ניט געשריבן געװאָרן, סײדן װאָס דאָס לעבן גופא האָט עס שױן פאַרקריצט און פאַראײביקײט, ניט מיט טינט, נאָר מיט בלוט, מיט פרײד און צער װאָס זינגט אַרױס און װײנט אַרױס פון דער װירקלעכקײט, װי אַזױ עס זײנען געקומען טרױמער און געװאָלט דעראָבערן די ערד צוריק פאַרן פאָלק!

איז אָט זײנען אין דרײסיק יאָר אַרום זיך פּלוצלונג צונױפגעקומען די „נעכטיקע טרױמער" אָפּצוגעבן זיך אַלײן אַביסל דין־וחשבון. בפרט טאַקע די פון עמק, װאָס האָבן אַלע יאָרן דאָרט געלעבט, און װי אַ יונג עופהלע אים גענערט, די געבורט־װײען מיט אים געװײטיקט, זײנע זומפן געטריקנט, נײע כרמים געפלאַנצט, און געזען זײ אױפשפּראָצן... דורות נײע געבױרן דאָרט און פאַרלױרן... מיט אײגן בלוט זיך מיט דער ערד פאַרקנסט... זײנען זײ דעריבער איצט אַזאַ אָרגאַנישער טײל

פון עמק, פונקט אזוי ווי ער, דער עמק, צוזאמען מיט זיי, איז אן ארגא־נישער טייל פון ארץ־ישראל.

צוויי טעג נאכאנאנד האט מען אויסגעשטעלט בענק אויף דער דשא, אויף דעם גרויסן באגראזטן ליידיקן שטח ערד, וואס איז אין מיטן פון צוויי לאנגע שורות פאלמען־ביימער, פונקט קעגנאיבער דעם חדר האוכל (עם צימער). א בינע א גרויסע אויפגעשטעלט, מיט בלויע, זיידענע לענטעס זי באהאנגען, און אין סאמע מיטן, יוסף טרומפעלדארס בילד. (אויף וועמענס נאמען דער קיבוץ הייסט — ווייל יוסף טרומפעלדאר איז געווען איינער פון די ערשטע חברים פון דעם משק איידער ער איז געפאלן אין תל־חי.) פון ביידע זייטן, צום הימל געשטרעקט, די וויים־בלויע פאן, און אויף רויטן הינטערגרונט—די פאן פון "משק תל־יוסף". צוקאפנס דער בינע ליגט, ווי א געטרייער שומר, דער גלבוע, די שפעטע זון־שטראלן פאלן אויף זיין רוקן, וואס אט־אט און זיי נידערן איינגאנצן אראפ פון יענער זייט, און אים לאזן זיי ווידער אין גרויער, בלויער טונקלקייט,ווארטן אויף מארגנדיקן ליכט.

דער גרויסער חדר־האוכל רוישט מיט שטילער יום־טובדיקייט. פלינק דערלאנגט מען א געשמאקן מאלצייט, און געשיקט ראמט מען אפ די כלים. געסט קומען און גייען. קעפ שטרעקן זיך, זוכן און געפינען באַ־קאנטע, מ׳באגריסט זיך פון וועיטנס, ווייל אין דרויסן שטייט א וואך פון חברים און איז מודיע:

"באלד נאכן עסן טרעפט מען זיך אין קינדערשן חדר־האוכל!"

און אט, ביים עפענען די טיר פון קליינעם חדר־האוכל, אנטפלעקט זיך א וואונדערלעך בילד: ארומגעזעצט זיינען די טישן מיט שוויגנדי־קע געסט, און נאר א טיף־שטראלנדיקע פרייד רעדט פון די אויגן ארויס. עס מאכט דעם איינדרוק ווי דא ווואלטן מחותנים געזעסן אויף די באדעקנס און ווארטן אז אט־אט זאל די כלה אנקומען . . . און די שטילקייט הייבט אן ארויסגעבן קלאנגען . . . מ׳דערזעט זיך, און מ׳דער־פרייט זיך ווי אמתע "אלטע באקאנטע". איינער ביים צווייטן "אנט־פלעקט" א ווייסן קאפ, און פארוואונדערט זיך . . . פלוצלונג דערהערט זיך א שטארקער געלעכטער: — "אבער ווי איז דאס מעגלעך, ער האט זיין בעסטן חבר ניט דערקענט צוליבן ווייסן קאפ" . . . מיטאמאל דער־הערט זיך אין א חנעוודיקן יידיש פון איינעם אזא ברוך־הבא: — "אזויפיל יידן? און אלע לעבן זיי נאך!" . . . און ביים אריבערטרעטן

די שוועל כאַפּט זיך דער זעלבער ייִד אין איין אויגנבליק אַרום מיט אַ גאַנצן "טיש" יידן, און די שמחה איז גרויס.

און אַט איז צבי ניסאַנאָוו, איינער פון די ערשטע שומרים, דער לעגענדאַרישער קאַווקאַזער ייִד, וואָס ווערט אָנגערופן דער "פאָטער פון עמק", ווייל ער האָט נאָך אין צייט פון דער טערקישער הערשאַפט געקויפט און אויסגעקויפט באָדן ביי אַראַבער, און מיט באַזונדערן טאַלאַנט און שפּראַך־פייאיקייט געטאָן מסחר פאַר יידן. וועגן אים ווערט דערציילט, אַז ווען ער פלעגט רייטן אויף זיין ווייסן פערד, האָט ער תמיד אָנגעוואָרפן אַ מין בלינדן פחד אויף די אַראַבער, און געהייסן האָט ער ביי זיי — "דער מאַן מיטן באַרגיקן כוח". (וועגן אים און זיינע קאָלעגן גרייטן איצט צו די געבליבענע שומרים אַ בוך צום דרוק, וואָס וועט אָפּשפּיגלען די ביז גאָר הערואישע תקופה). אַט דער צבי ניסאַנאָוו, וואָס איז שוין קרוב צו זיבעציק, און זעט אויס ניט מער ווי פופציק, מיט די שאַרפע טערקישע וואָנצעס אויפן גלאַטן פנים, דרייט זיך איצט אַרום צווישן די געסט, מיט די הענט אין די קעשענעס, און מיט אַ ברייטן שמייכל אויף רעכטס און לינקס באַגריסט ער זיך מיט "זיינע קינדער פון עמק". דאָ און דאָרט פאַלט אַ יידיש גלייכווערטל, וואָס ער באַנוצט גערן, און שווער איז צו גלויבן, אַז אַזויפיל יאָרן האָבן זיך אַ סך תושבים פון עמק מיט אים ניט געזען.

די געסט ווערן געבעטן אַרויסצוגיין אין דרויסן, וואו עס הייבט זיך אָן דער פּראָגראַם. מיט באַזונדערן יראת הכבוד גייט מען אַרונטער די טרעפּ אין דער ריכטונג וואו עס רופן די עלעקטרישע לעמפּלעך און פּלאַטערדיקע פאַנען אין דער לופט. כיטאַמאָל הייבט אָן פאַלן אַ דריבנער רעגן. עס ווערט אַ שטיקל פאַניק. דווקא איצט? אַ גאַנצן ווינטער כמעט אַז ס׳איז טרוקן, און די תבואה איז נידעריק געוואַקסן. נו, וועט דעריבער די עליה וואַקסן, כאַפּט אונטער אַ שטים. מ׳זעצט זיך אויף פייכטע בענק, אין האַלבער טונקלקייט. די יוגנט בלייבט זיצן באַזונדער און זי ווי־צלט זיך: מיר זיינען דאָך נאָר די "עליה פנימית" (די אינעווייניקסטע עליה). די חברים פון דער דריטער עליה גייען זיי פאַרביי מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ . . .

אויף דער בינע זיצט דער קינדער־אָרקעסטער פון תל־יוסף, מיט זייער לערער שדמי, גרייט מיט זייער פּראָגראַם. דאָס ליכט לעשט זיך, און אין דער לופט דערהערן זיך מוזיקאַלישע קלאַנגען. אויסער אַ פּאָר פיינע

קלאסישע נומערן, שפּילט דער אָרקעסטער יידישע און העברייאישע פאָלקס־לידער (שירים בימי הגדוד). אונטער דעם אויסגעשטערנטן הימל צעטראָגן זיך טרויעריק־פרײלעכע קלאַנגען, וואָס ברענגען צום ווייטן אַמאָל . . . דער עולם כאַפּט אונטער די ניגונים, "אויפן פּריפּעטשאָק", "אַ, העמערל", "דער קרעמער", און נאָך. דער אָרקעסטער פאַרענדיקט מיט דער "פאַנטאַזיע קאַפּריז".

צווישן די גרויע קעפּ, אין דער טונקעלער ליכט, דערזעט מען דעם שניי ווייסן קאָפּ פון אברהם הארצפעלד, וועלכער לויפט פלינק אַראָפּ אין דער ריכטונג צו דער בינע, זיצט אַ ווײַלע שטיל מיטן עולם, און ביים צינדן פון ליכט — טוט עס אים אַ הייב אויף צוריק, און זיין שטים קלינגט אַזוי היימיש הארצפעלדיש: "אָנו, חברה, לאָמיך אייך אָנקוקן, ווי אַזוי קוקט איר אויס נאָך דרייסיק יאָר? האָט זיך אייך געלוינט, אַ?" דער עולם לאַכט, און ער נאָך העכער. עס מערקן זיך אויך צווישן עולם, וואָס איז מערסטנס חלוציש אָנגעטאָן, אייניקע געסט אין "פול־דרעס". דאָס זיינען כנסת־מיטגלידער. אַ צייכן פון דער נייער צייט — און אַ לעבעדיקער גרוס פון דעם "שריט ווייטער" וואָס דאָס לאַנד איז גע־גאַנגען. הענט שטרעקן זיך, ס'גיסן זיך איבער כוואַליעס פרייד פון באַ־געגעניש. דאָס ליכט לעשט זיך, די לופט זינגט מיט שטילער יום־טוב־דיקייט. דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט און איבערגעלאָזט אַ פרישע קילקייט. די שטערן אין הימל זיינען איצט קלאָרער, כאָטש די לבנה איז ניטאָ. מ'זיצט געהאַרכזאַם, גרייט צו הערן דברי־תורה פון דער בינע.

ה. ליפּסקי פון תל־יוסף דערעפנט די מסיבה. ער לאָדט איין אויף דער בינע די "יושבי הכבוד", וואָס יעדער פון זיי האָט באַזונדערע גרויסע פאַרדינסטן פאַר אויפלעבן דעם עמק. דער ערשטער רעדנער, עקיבא גאָלדשטיין, אַ ותיק פון השרון־רמת־דוד זאָגט: "אונדזער אויפגאַבע איז ברוך השם אַ סך דערגרייכט געוואָרן. נאָר ניט פאַר אַ צוזאַמענ־קלייב פון זקנים וועלן מיר דערציילן. אַ בוך וועלן מיר אַרויסגעבן פאַר די דורות צו לערנען אונדזערע אויפטואונגען, פאַר די שוין ניי־געקומע־נע און די נאָך ניט־געקומענע צו וויסן!" ער דערמאָנט טרומפּעלדאָרס נאָמען, און די נעמען פון אַלע זיינע העלדישע חברים, וואָס האָבן "אין האַרצן פון עמק אַריינגעשריבן אַזאַ בלאַט געשיכטע". עס ווערן

מיט גרויס כבוד דערמאנט די נעמען פון ברענער, גארדאן, בערל קאצע־נעלסאן, און סימבאליש איז וואס איצט פאלט אויס אויך דער יום־טוב פון 30 יאר הסתדרות, וואס דאס איז אייגנטלעך די קיים פונעם זעלבן דור וואס האט אנגעהייבן בויען.

חסיה קופערמינץ הייבט אן מיט די ווערטער: "איך וויל היינט לעבן עטלעכע מינוט אין דעם אמאל אונדזערן. די טיפסטע איבערלעבעניש איז אין עצם נאך ניט איבערגעגאנגען. די דרייסיק יאר זיינען ווי דריי־סיק טעג. מיר זיינען דאך די זין און טעכטער פון דער צווייטער עליה, מיט וועמען מיר האבן זיך געוויס ניט וואס צו שעמען. די אידייע סימ־באליזירט דאך דער עיקר, מיט זיינע לעבעדיקע און געפאלענע. די קינ־דער וועלן וויסן ווער עס זיינען געווען די בויער. זאל דער דור, וואס וועט אלט ווערן, זיך פארייניקן מיטן זעלבן געזאנג און דראנג פון אמאל — מיטן היינט און מיטן נייעם עולה. דער רוף פון בינום זאל זיין: וויי־ניקער פילפולים, מיט התלהבות פאר ארבעט!"

יצחק יצחקי, א העברייאישער דיכטער, א חבר פון השרון, לייענט פאר א געלונגענע הומאריסטישע ליד — "ותיק אל ותיק" — א כאַ־ראקטעריסטיק פונעם לעבן אין קיבוץ, פון געבוירן און אויסגעבן נייע דורות, מיט דער גאנצער פרייד און פיין וואס עס וועבט זיך דורך אין נייעם לעבן פון א קיבוץ. דעם צווייטן קינסטלערישן טייל פילט אויס די באגאבטע רעציטאטאָרין, א גאסט אין ישראל, רחל האלצער. איר שטים אויף דער פרייער לופט קלינגט קלאר, און מיט איר באזונדערן חן לייענט זי פאר דריי קרעפטיקע, פאסיקע לידער, צוויי אין יידיש, איינע אין עברית. די יוגנט וועלכע האט געוויס קיינמאל אזא יידיש רעציטירן ניט געהערט, שטייט מיט פארכאפטן אטעם. געדיכטער ווערט די שטילקייט ווען זי דערהערן עברית.

דערפרישטע הייבט מען זיך אויף פון די בענק, און מיט שטילן, קילן רעש שטראמט מען אין דער ריכטונג פון די חדרי־האוכל, וואו עס איז פאר די "מחותנים" צוגעגרייט געווארן א יום־טובדיקע אויפ־נאמע. דאס ליכט און ווייסע טישטעכער רופן דורך די פענצטער. איך פרוביר מיטגיין מיט די געסט "מעשה גרויסע". אויף דער פראגע ביי דער שוועל: "פון וועלכער עליה?" פאל איך דורך. מיט א שמייכל גיי איך די טרעפ צוריק אראפ און טראכט: ווען און ווי אזוי וועט דער

נאָמען זיין פאַר מיין עליה ? . . .

איינס ביינאַרט. אַ גרופּע געלאַדענע אין האַרצפּעלדס אויטאָ, קערן מיר זיך צוריק קיין תּל־אביב. דער הימל איבער אונדז איז קלאָר און נידעריק געהאַנגען. די לופט האָט פאַרכישופט מיט קילער פרישקייט. דער שליאַך איז דוכט מיר ברייטער געווען ווי תּמיד. האַרצפעלד האָט, ווי זיין שטייגער איז, "ניט מיד" אונטערגעמורמלט אַ ניגון, און דער אויטאָ האָט מיט יונגטלעכן ברען זיך געטראָגן. אָט איז שוין חדרה, אָט דער נייער כביש נתניה, און אָט — שוין די ווייס־איינגעשלאָפענע תּל־אביב, אויף וועלכער די שכינה רוט ביינאַכט.

אין איין אויגנבליק טאַנצט האַרצפעלד אַרויס פון אויטאָ און וויל דורכאויס מיר צוטראָגן דאָס שווערע רענצל צום טיר. "וואָס הייסט, טענהט ער, און אַז איך בין פון דער דריטער עליה איז וואָס?" גרינג לויפט ער מיטן רענצל, און איך פאַרשעם זיך פשוט נאָכלויפנדיק אים... אַ געדאַנק גייט איבער: "ווער ווייסט, אפשר טאַקע זיינען זיי די יונגע, זיי — ווען דער טרוים האָט דאָס בלוט צעשוימט, די מוסקולן פאַר־האַרטעוועט, און זייער גלויבן, ווי אַלטער וויין, ווערט שטאַרקער מיט די יאָרן . . .

דער "שלום, שלום" קלינגט איצט פרישער און געלייטערטער אין דער טיף־נאַכטיקער לופט. דער יום־טוב פון עמק באַגלייט מיך אויף די טרעפ אַרויף, און בלייבט וואוינען ביי מיר אין ענגן געצעלט.

די לוויה פון באַראָן עדמאונד דע ראָטשילד—
אבי הישוב

ס'איז אַ פשוטער מיטוואָך. אין לופט רוישט דער ערב פּסח. אין די קראָמען שווימלט און גריבלט מיט כּל־טוב. די פרייד פון די קויפער היינטיקס יאָר איז גרויס, און אויך פול מיט דאגות היקרות. אין לאַנד קאָכט מיט טעגלעכע פּראָבלעמען. די צייטונגען ברענגען יעדע רגע נייעס פון אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק. דאָס אויג און דער אויער פאַרשלינגט יעדע לעצטע נייעס ווי אַ מעדיצין . . . אָט איז ווידער נים שטיל ביי די גרענעצן — אָט קאָכט צווישן דער יוגנט . . .

דערווייל האָבן אין לאַנד אויפגעהערט די לעצטע רעגנס און אויף אַלע ביימער און בלומען רוישט דער פרילינג. די שול־קינדער זיינען שוין באַפרייט אויף גאַנצע דריי וואָכן און פול זיינען מיט זיי אַלע גאַסן. אָט אין דעם ערב־פּסח, דעם זעקסטן יאָר פון מדינת ישראל, האָט מען געבראַכט פון פראַנקרייך די ביינער פון באַראָן ראָטשילד און זיין פרוי מקבר צו זיין אין ישראל.

דריי מעת לעת אַז דאָס לאַנד רוישט מיט די געסט . . . אין כנסת האָט מען שוין אָנטקעגנגעטראָגן פולע עמערס פאַרדינטע ליבע און לעצטן כבוד דעם "פאָטער פונעם ישוב". און היינט, אינעם טאָג פון קבורה, ציען זיך פון קאַיאָר אַז אויף אַלע וועגן פולע אויטאָבוסן, אויטאָמאָבילן, מיליטער־טראָקס, מאָטאָרסייקלען — עס פלאַטערט די בלוי־ווייסע פאָן און זי זאָגט אַז: נאָך אַ בלאַט געשיכטע שרייבט היינט דאָס לאַנד!

בארג ארויף צו דער מושבה זכרון יעקב, ביי די פריש־געפלאסטערטע שליאכן שטייען יונגע פאלמעס אוןווארפן אן א גרינעם שאטן אויף די וועגן. ווען מיר קומען אן שטייען שוין פון פריער א סך ליידיקע אויטאָ־בוסן אויף דעם פירעקעכיקן פרישן אספאלט לעבן דעם ניי־געפלאנצטן פארק וואס הייסט: ר מ ת   ה נ ד י ב.

העפלער נעמט אונדז איבער די פאליציי־וואך און ווייזט אן אונדזערע ערטער. גאר א סך געסט פון שכנישע מושבים שטייען לאנג שוין פון יענער זייט שטריק־וואנט און ווארטן געדולדיק. אויף דער בימה שטייען גרייט צוויי הויכע טונקל־גרויע פעדעסטאלן און ווארטן אויף די ארונות. קייסערלעך זיינען די טרעפ געשפרייט מיט טעפיכער פון שווארץ זיל־בערנעם פליוש. פוןביידע זייטן בימה ווארטן ליידיקע בענקלעך אויף די גדולי הדור. חנעוודיק שיילן זיך אויס צוויי ווייכע שטולן אינמיטן — געווים פאר דעם נשיא המדינה און זיין פרוי.

אין לופט שוועבט דינע שטילקייט. אלע בליקן זיינען אנגעווענדט צום רחבותדיקן טויער וואס פירט אריין אין רמת הנדיב. א פאליציי־וואך שטייט מיט די ווייסע פאסיקעס סיי אויף זייערע מונדירן און סיי אין די היטלען און גיבן צו א מאיעסטעטישן פונק . . . דער עולם קומט און קומט פון די זייטיקע וועגן און פארנעמט רואיק די ערטער. איבער די קעפ קרייזן עראפלאנען און שניידן דורך די שטילקייט מיט א גערויש ווי מוזיק. אין מינוטן פון ווארטן, וואס זעען איצט אויס זייער לאנג — רעדט מען זיך דורך איינער מיטן צווייטן. לעבן מיר זיצט א שרייבער פון "הארץ", אליין א געבוירענער אין ראש פינה און דער־צויגן געווארן שפעטער אין זכרון יעקב. זיין פאטער איז נאך געווען פון די ערשטע לערער אין באראן ראטשילדס שולן. ער געדענקט, ווי דעמאלט שוין האט דער באראן שטרענג געפאדערט אז דאס יידישע פאלק זאל האבן איין שפראך — די יוגנט זאל לערנען העברייאיש. באקוקנדיק דעם בליענדיקן ארום איצט, דערמאנט ער זיך א פאר דעראי־נערונגען און ער דערציילט: דעם בעסטן קבלת פנים וואס דער דעמאלט קליינער ישוב פון א מושבה האט געקאנט צוגרייטן פארן באראן ווען מ'האט זיך געריכט אויף זיין קומען איז געווען, אז מיר קינדער זאלן ארויסגיין אויפן לאנד און פלאנצן וואס מער ביימער. דער באראן פלעגט ממש שטראלן בשעתן ציילן די ביימער, און תמיד האט

דער באַראָן געוואוסט געגוי וויפיל נייע ביימער עס זיינען צוגעקומען. אַ צווייטן עפּיזאָד. ווען דער באַראָן פלעגט אין כעס ווערן אַמאָל אויף די באַאַמטע פון ״פּיקאַ״, פלעגט ער אין אויפרעגונג שרייען: ״איך וועל אַרויסרייסן אַלע ביימער!״

זייער גרויס האָט געמוזט זיין די וויזיע פון באַראָן ראָטשילד, אַז נאָך דעמאָלט, ווען די ערד איז געווען ״שטיין און ביין״, האָט ער גע־קאָנט שוין פאָראויסזען און אויסקלייבן דאָס אייביק ווינקל דאָ אין זכרון יעקב. ווען ער וואָלט איצט געקאָנט אַ קוק טאָן אויף דעם גרינעם גן־עדן, וועלכן עס האָבן אין משך פון יאָרן געשאַפן די יידישע פּויערים — אָט די פּויערים, פאַר וועמען ער האָט מיט וואַרימען האַרץ און קאַלטן שכל געקויפט און צעטיילט די ערד.

ווענן זיין ״קאַלטן שכל״ ווערן דערציילט מעשהלעך אָן צאָל. ער האָט געקאָנט פּלוצלינג, אינמיטן קויפן ערד, אויפהערן אויף הפסקות פון יאָרן. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט: אַזוי קויפט דער באַראָן ערד, כדי די אַראַבער זאָלן זיך ניט כאַפּן אַז מ׳קויפט ביי זיי צופיל... אָדער, בשעת עס האָבן געאַרבעט אינזשינירן פון ״פּיקאַ״ און געפאָרשט דעם קלימאַט און די באַדינגונגען פון וואַקסן, און — מ׳האָט פּלוצלינג ערגעץ געפינען וואַסער, האָט דער באַראָן געגעבן אַ באַפעל: ״פאַר־שטאָפּן״, כדי ניט אויפצורייסן די אויגן פון די פאַרקויפער...

איצטער שלענגט זיך דער כרמל צופוסנס פון רמת הנדיב, ווייט ווייט אין עמק אַריין, וואו די ערד איז שוין אויסגעלייזט און די ברונעמער אויפגעעפנט, ניט נאָר פון באַראָן ראָטשילד אַליין, נאָר דורך יידישער מי, גלויבן און קרבנות.

קוקנדיק אויף דער קייט יידישע ישובים מיט זייער כלערליי גרינען, גנבעט זיך ניט ווילנדיק אַריין אַ געדאַנק: ווער ווייסט, צי האָט ניט דיווירקלעכקייט איבערגעשטיגן אפילו די פאַנטאַזיע פון די ראָטשילדס? און דער זון דזשיימס דע ראָטשילד, וואָס טראַכט ער אַצינד? ער, וועל־כער האָט נאָך אין 1936 צוזאַמען מיט ״פּיקאַ״, און בראש מיט דעם פאַרשטאַרבענעם מאָלער פּראָפעסאָר הערמאַן שטרוק, זיך גענומען פאַרווירקלעכן די צוואה פון זיינע גרויסע עלטערן, און שאַפן דעם פאַנ־טאַסטישן פּלאַן פאַר זייער קבר דאָ, אין דרום פון זכרון יעקב...

אין אָנגעזיכט פון די צוויי גרויע פעדעסטאַלן אויף דער בימה, וואָס

ווארטן אויף די ארונות, מוז מען אויפהערן טראַכטן . . . סוף־כל־סוף איז די לוויה איצטער דער עיקר.

דער זייגער האָט זיך אַ רוק געטאָן נאָענט צו צוועלף. עטוואָס פאַר־שפּעטיקט קומען אָן די חברי הכנסת און פּילן זיך אַביסעלע געקריוודעט וואָס פאַר זיי איז שוין קיין אָרט צום זיצן ניטאָ. נאָר מילא, — הערט מען צווישן עולם — זיי זיצן גענוג אין כנסת, וועלן זיי מוזן איצטער אַביסל באַשטיין . . . עס באַשטייען אויך אַצינד גאָר נאָענטע מחותנים פון באַראָן ראָטשילד.

פון גרויסן עולם שיילן זיך אויס די יידישע פויערים מיט פאַרברוינטע פּנימער און פאַרקאַטשעטע אַרבל. זיי שטייען גרייט מיט ווייסע טאַר־בעלעך ערד פון 42 ישובים. אויף דעם באַראָנס ערד וועלן זיי איצטער לייגן זיי אַלס מתנה ביים קבר פון דעם פאָטער פונעם ישוב . . . שטילע פרייד און שטאָלץ שטראַלט פון זייערע אויגן.

איינגעהאַלטענער אָטעם אין לופט. אַלע בליקן זיינען געווענדט צום טויער וואָס שטייט ברייט געעפנט. באַוואַכט פון פּאָליציי, וואָס באַלד און זי וועט איבערנעמען דעם כבוד צו טראָגן די ארונות . . . אָט טוט אַ בליץ אַ געשטרעקטע שווערד אין די הענט פון ערשטן אָפיציר, נאָך אים, מיט לאַנגזאַמע, לאַנגזאַמע טריט, טראָגן צוויי רייען סאָל־דאַטן דעם אָרון פון באַראָן ראָטשילד. דער ווינט קושט צאַרט די בלוי־ווייסע פאָן איבער אים, ער ווערט נעענטער, נעענטער . . . אַ גליווער־דיקער ציטער נעמט דורך, דער אָטעם שטעלט זיך אָפּ ווען דער אָרון ווערט אַרויפגעשטעלט אויפן פּעדעסטאַל . . . די פּאָליציי גיט אָפּ דעם ערשטן סאַלוט און בלייבט שטיין אויף דער וואַך. אינעם אויגנבליק טראָגט מען דעם אָרון פון דער באַראָנעסע. דערזעלבער טיפער שווייגן אין דער לופט !

די מיליטער־וואַך בלייבט שטיין ביי ביידע ארונות, און צוויי שווערדן גלאַנצן קעגן הימל. צוגעדעקט ווערן די אָרונות מיט העל־ברוינע טוכן און איבער זיי שפּרייט זיך אויס רו . . .

פונעם טויער קומט אָן די משפּחה ראָטשילד. דעם זון, דזשיימס דע ראָטשילד, פירט מען אויף אַן אינוואַלידן וועגעלע. עס ווערט פיינלעך צו דערזען זיין שטאַרק בלייכן פּנים. דזשיימס דע ראָטשילד, וועמען די ותיקים (די עלטסטע תושבים אין לאַנד) געדענקען גוט פון זיינע יונגע

יאָרן, ווען ער איז געווען אַן אידעאַלער אָנפירער פון "גדוד עברי" אין ארץ־ישראל. זיי געדענקען אים ווי דעם באַגאַבטן פרעזידענט פון "פיקא", זיי ווייסן זיינע גוטע מעשים פאַרן ישוב. זיי געדענקען אים אַלס העלדישן רייטער אין די בערג, ניט נאָר אויף זיינע פערד, נאָר ער פלעגט באַזונדערס ליב האָבן צו רייטן אויף אַ ווייסן אייזל אין די בערג בשעת זיינע באַזוכן אין לאַנד. און איצט שפּאַרט ער זיך אָן אויף צוויי שטעקנס ביים אַרונטערגייען פון וועגעלע . . . ער בלייבט זיצן מיט קורצן אָטעם אין דער ווייכער שטול הינטער די ארונות. לעבן אים זיצט זיין פרוי און נאָך דריי מיטגלידער פון משפחת ראָטשילד.

באַלד קומען אָן דער נשיא יצחק בן־צבי און זיין פרוי, בן־גוריון און זיין פרוי, משה שרת, יוסף שפּרינצאַק, משה דיין, הרב הראשי הערצאָג און אַלע גדולי הדור.

עס דערהערן זיך תפילות, געזונגען פון חזן ווילקאָמירסקי, דער כאָר באַגלייט. "שוכבי המרומים" — עס הערן די לאָרדן פון בית ראָטשילד, עס הערט דאָס פאָלק און עס הערן באַרג און טאָל. אויף דער בימה קומט אַרויף הרב הערצאָג, בלייבט שטיין צווישן די צוויי ארונות, און מיט זייער געריירטן טאָן איז ער מספיד די צוויי באַליבטע יידישע קינדער. דורך זיין הספד ווערט אויסגעזונגען דער לויב און די ליבע פונעם גאַנצן ישוב צום באַראָן און דער באַראָנעסע, וועלכע האָבן ביידע אינעם זעלבן גייסט געלעבט און דעריבער זוכה געווען צו בלייבן מיטן פאָלק.

ווידער הערן זיך תפילות.

דזשיימס דע ראָטשילד, אָנגעשפּאַרט אויף די שטעקנס, קומט אַרויף אויף דער בימה, צווישן די צוויי ארונות, און זאָגט קדיש. זיין שטים וואָס איז אַביסל שוואַך, קלינגט דאָך אָפּ קלאָר און זיין קדיש זאָגן איז אַזוי יידישלעך, ווי פון אַ "זון פון אַ גאַנץ יאָר" . . . בגן־עדן . . . על נחלתו . . . — די ווערטער דרינגען דורך.

די ברוינע דעקן ווערן געשיקט אַרונטערגענומען און ווידער פלאַטערן די פאָנען אונטערן בליאַסק פון די געשטרעקטע שווערדן.

די ערשטע צו מאַרשירן פאַרויס די ארונות זיינען די פויערים, וועלכע טראָגן רואיק די זעקעלעך ערד פון תל־חי, פתח תקווה, ראש פינה און פון אַ סך אַנדערע ישובים. דער בלויער הימל און די זון לויכטן אַנטקעגן, און עס דוכט זיך, די צוויי ארונות שוועבן איצטער דורך די

גרינע פעלדער בארג אראפ . . . נאך דער משפחה ראטשילד גייען נאך די גדולי הדור פון מדינת ישראל און גיבן אפ דעם פאטער פון ישוב זיין פארדינטן כבוד. זכרון יעקב פארוואַנדלט זיך איצט אין א קאפיטל יידישע געשיכטע. דער גרויסער עולם פלעכט זיך אריין אין גאנג און עס ציט זיך א פילקאלירנדיקער עשאלאן לאנג לאנג דורך די שליאכן. יידישע תפילות באגלייטן ביזן רחבותדיקן ארייגאנג צום קבר. בשעת דער עולם האלט נאך אין שטראמען אינעווייניק, גייען שוין צוריק די פויערים מיט ליידיקע הענט . . . נאך זיי — די לארדן, און אויסגעמישט ווערן איצט די גדולי הדור מיט די כלערליי געסט ביי דער לוויה.

פאר די אויגן טוט א בלענד א "קייסערלעכער פאלאץ" אין דער ערד. דער שווארץ־זילבערנער מארמאר פארכישופט. נאר די צוויי הויכע נר תמידס, וואס צוקאפנס די ארונות און די זעקעלעך ערד מיט די יידישע אותיות צוקאפנס, דערציילן, אז דאס איז א יידישער קייסער! ביי די זייטן שטייען אנגעגרייט פשוט געשניטענע מארמאר־שטיינער מיט גאלדענע אותיות געקריצט:

ברוך אדמונד דה רוטשילד, בנימין יעקב ז"ל
אבי הישוב — הנדיב הידוע — תר"ה־תרצ"ה — ורעיתו
רחבת עדלאידה דה רוטשילד, עדה בת שמעון ז"ל
אשה יראה — תר"ג — תתרצ"ח

ס'איז שוין נאך האלבן טאג ווען די לעצטע פון עולם קערן זיך אום. פארשלאסן ווערט דער טויער פון הייל. ערשט איצט דערזעט מען דעם גיגאנטישן שטח פונעם נייעם פארק. וויפיל מענטשלעכע מי און קינסטלערישער שאפן עס איז אריינגעהויכט אין די געדערים פו דער ערד. אין בינטלעך און רעדלעך בלייבט שטיין דער היימישער עולם, תמנער יידן מיט שטילע פייערלעך אין די אויגן, טונקל־הויטיקע פרויען מיט קאלירטע קליידער, קינדערלעך ווי באב, מיט געקרייזלטע קעפעלך, די וותיקים מיט די נייע תושבים פון די מזרח־לענדער. קעגן איבער דעם ים ניט ווייט וועלכער אטעמט איצטער מיט זיין שטילן בלוי זעען זיי אויס ווי א רעגנבויגן פון קאלירן.

אויף אלערליי לשונות ריידן זיי. פאר זיי, פאר די נייע עולם, איז דער נאמען באראן ראטשילד פרעמד, ווי א ווייטער נייער משיח בן דוד

איז איצטער אַראָפּגעבראַכט געוואָרן צו זיי . . . די נייגעריקע יוגנט פרעגט זיך נאָך: ווער האָט אים געקאָנט פּערזענלעך? — ווען איז ער דאָס לעצטן מאָל געווען אין לאַנד? ווען איז ער געשטאָרבן? — זיי זאָפּן איין יעדע תשובה פון די וותיקים . . .

ווידער פאַלט דער בליק אויף די גרינע ישובים צופוסנס רמת הנדיב און זיי זאָגן עדות: ניט קיין ווייטער נייער משיח, נאָר דער שטרענגער גוטער פאָטער איז געקומען אהיים!

מיר קומען אַריין — די לעצטע גרופּע שרייבער, אין אויטאָבוס אויפן וועג אהיים. שטילער געלייטערטער שווייגן, נאָר א פּאָר ווערטער שוועבן אין לופט.

"נו, האָבן מיר זוכה געווען ברענגען צו קבורה אויף ישראל ערד די ראָטשילדס!"

"ניין, ניט צו קבורה — צום לעבן געבראַכט האָבן מיר זיי".

שומרים אין גרינע באַרעטן

אין אַנדערע לענדער ווייסט מען פֿון נאָרמאַלע גרענעצן און געפֿאַרן פֿון שונא, פֿון נאָרמאַלע געזעצן און וואַכזאַמקייט. גאָר אַנדערש איז די לאַגע אין ישראל. נאָך "בימי בן־גוריון כחלוץ" (אין די טעג ווען בן־גוריון איז געווען אַ פּיאָנער), און אפשר אויך פֿריער האָט מען גע־וואוסט, אַז נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אויפֿן באָדן, ווערט מען בײַ־נאַכט אַ שומר, און מ'היט די פּרדסים, די שטאַלן און די היימען. ביז הײַנטיקן טאָג איז ניטאָ קיין איין־אײנציקער באַזעצטער ישוב, אויסער די גרויסע שטעט, וואָס ווערט ניט באַוואַכט יעדע נאַכט מיט געווער אין האַנט.

הײַנט האָט די שמירה אָנגענומען גאָר אַנדערע פֿאָרמען. דאָס וואָרט "מסתוננים" (אַרײַנדרינגלער), וואָס מיר זעען לעצטנס אָפֿט אין דער פּרעסע, זאָגט זייער ווייניק. אַפֿילו דער ישוב אין ישראל ווייסט, ליי־דער, נאָר טרוקענע סטאַטיסטישע פֿאַקטן — ו ו י פֿ ל און ו ו ע־מ ע נ ס קרבנות. מ'ווייסט אָבער ניט, אַז אין ישראל עקזיסטירט שוין העכער אַ האַלב יאָר אַ ספּעציעלע "משמרת הגבולות" (גרענעץ וואַך), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פֿון דעם משרד הבטחון (פֿאַרטיידיקונגס מיניסטעריום), וואָס האָט באַשלאָסן אַראָפּצונעמען די פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט פֿון דער אַרמיי. פֿון אַ פּאָר קליינע באַטאַליאָנען איז די צאָל געוואַקסן אין פֿיל טויזנטער איבערן לאַנד, און יעדער איינער וואָס שליסט זיך אָן, מוז דורכמאַכן אַ מיליטערישן עקזאַמען. ער מוז אויך

זיין יונג און גרייט צום וויינִיקסטן עטלעכע יאָר לעבן ווי אַ "שמירה־ניק".

כדי צו באַקענען דעם ישוב מיט דער ערנסטער פּראָבלעם, האָט די "מטה הארצי", די העכסטע אינסטאַנץ פון די גרענעץ־וואַכן, געפירט די צייטונגסלייט אויף אַ באַזוך אין די וואַך־סטאַנציעס, דאָרטן, וואו עס לעבן די קעמפער — און אַזש אין די באַהעלטענישן, אין די בונקערס, וואו עס ליגן די שומרים און היטן!

אונדזער ערשטע סטאַנציע איז פיר מייל פון עבר הירדן, וואו מיר ווערן צוערשט גערופן "אין חדר אַריין". מיר געפינען זיך קעגנאיבער אַ ריזיקער מאַפּע וואָס אויסער אירע געוויינלעכע זיג־זאַג ליניעס, איז זי אָנגעפילט מיט פינטעלעך און פּאַסיקלעך — רויטע, גרינע און שוואַרצע — און דער "רבי", קצין א', פּאַרטייטשט מיט זיין לאַנגן טייטל דעם מיין פון די קאָלירן. אַזוי ווי איך בין ניט קיין בקי אין דער ישראלדיקער געאָגראַפיע, וועלכע ביים זיך — בליץ־שנעל — ווענד איך אַן מיין גאַנצע וואַכזאַמקייט צו הערן וואָס טוט זיך א י ן די שוואַרצע פינטעלעך.

די מסתוננים זיינען אַן עלעמענט אַראַבער, וואָס האָט נאָך אין צייט פון מאַנדאַט געקענט די מלאכה פון אַריינדרינגען. מערסטנס זיינען דאָס באַנדעס אָרגאַניזירט פון אַ קבלן (קאָנטראַקטאָר), וואָס ליגן אָפּ מעת־לעתן אין די נאָרעס פּאַרבאַהאַלטענע, אבי סוף־כל־סוף באַווייזן "העלדישקייט" קעגן די יידן. צווישן זיי געפינען זיך ערשט־ראַנגיקע גנבים, וואָס ווייסן גענוי דעם שטח און דעם אָרט לעבן פון געוויסע קיבוצים, און דאָרטן זיינען טאַקע די גניבות די געפערלעכסטע. אָמ־מערסטן גנבענען זיי נאָר געשיקט בהמות. זיי ווייסן גוט ווי אויסצו־מיידן דעם שומר ביים טויער, און אין שטאַל, זיי קענען קונציק פאַר־סמען די הינט ביים טויער, דער בהמה דערלאַנגען איבערן קאָפּ ביז זי ליגט אין אַנמאַכט. דערנאָך שלעפּן זיי זי גרויזאַם ביים עק לאַנגע קילאָמעטער ווייט איבער שמאָלע, שטיינערנע וועגן, אַז ס'איז אַ נס וואָס זיי ברענגען זי דאָך מיט גאַנצע פיס . . .

אַנגעטאָן קומען די מסתוננים אין גומי ספּאָרט־שיך און כאַקי קליי־דער. ווען עס געלינגט אונדזערע שומרים זיי אַנצוטאַפּן מיט פּראָזשעק־טאָרס, לאָזן זיי איבער אַלץ און שרייען "יהודי אני", און אין דעם

אויגנבליק אַנטלויפֿן זיי, קערן זיך אום דורך אומוועגן צו אַן אַנדער קיבוץ און גנבענען פּאַרט . . . אַ סך פֿון זיי זיינען געוועזענע אַרבעטער פֿון אונדזערע פּרדסים, קענען גענוי אַלע וועגן און שליאַכן, קענען עברית און אַפֿילו יידיש. די "אַרבעט" איז סיטעמאַטיש אָרגאַניזירט לויט גרופּעס, אַנגעפֿירט פֿון ספּעציאַליסטן, באַזונדערס פֿאַר די גרעסע־רע גניבות.

אין צייט פֿון אָראַנזשן־בלי פֿאַלן אַז אויף אַ פּרדס ווי הײשעריקן, פֿון פֿינף ביז צוואַנציק מענטשן, און דאָס וואָס זיי קענען נישט מיט־נעמען מיט זיך, צעשטערן זיי. עס זיינען דאָ גרויסע פֿאַרלוסטן אין וואַסער־רערן. אַן עשאַלאָן פֿון אַראַבער טראָגט אויף די אַקסלען שווע־רע רערן. אָפֿט געלינגט די שומרים צו געפֿינען דערנאָך די רערן אין זייערע באַהעלטענישן, און דעמאָלט קומט פֿאַר אַ שווערער, געפֿערלע־כער קאַמף. אַנדערע גרופּן צייכענען זיך אויס אין גנבענען קראַנען און בלעכענע דעכער. זייער געווער איז: ענגלישע סטענגען, ביקסן, רעוואָלווערן און צוואַנגען אויף צו שניידן דראָטן.

מיר הערן וועגן פֿאַרלוסטן פֿון לעבנס, אונדזערע און זייערע (כאָטש אונדזער צאָל איז קלענער). צווישן די "טשיקאַווע פֿאַקטן" — באַנדעס דינגען אָפֿט אַפּ געווער אויף עטלעכע שעה ביי די "יו־ען" גרענעץ וועכ־טער. מ'דערמאָנט אויך אין אַ טרויעריקן טאָג דעם קצין אברהם לעווין, וועלכער איז געפֿאַלן ביים אַראַבישן דאָרף באַרטאַ, "וואָס גיט אונדז אַ סך צרות".

אָט איז אַ קלאַסישערביישפּיל פֿון דער אַבסורדישער צעטיילונג פֿון אונדזערע גרענעצן. איין העלפֿט פֿון דאָרף איז אין ירדן; די צווייטע אין ישראל. דער מוכתר (עלטסטער) פֿאַרמאָגט צוויי פֿרויען, איינע אין ירדן, איינע אין ישראל; פֿון ביידע פֿרויען זיינען דאָ קינדער, און מ'קומט צו גאַסט איינע צו די אַנדערע . . . זיינען שוין די באַדינגונגען פֿון שמירה גאָר ניט גרינג.

פֿאַראַן אויך גרענעצן דורך וועלכע די מסתננים קומען אַריין ביי־טאָג. "מיר כאַפּן זיי אָבער קיינמאָל ניט ביי־טאָג", דערציילט מען אונדז: "מיר שפּירן זיי נאָר נאָך. אונדזער אויפֿגאַבע איז צו אינפֿאָרמירן דעם ישוב וועגן דער געפֿאַר, אַזוי אַז זיי זאָלן וויסן צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך הילף. ווען נויטיק כאַפּן מיר די גנבים, זיי באַקומען קיינמאָל ניט

קיין שטראף אויפן ארט. מיר גיבן זיי א גוטן מאלצייט, נעמען זייערע פינגער צייכנס און ארעסטירן זיי. ערשט דערנאך קומט א משפט" (איז כנסת באהאנדלט מען די פראבלעם פו שטראף פאר די אריינדרינגלער).

די באנדעס באשטייען פון קינדער פון נייז יאר אלט ביז זקנים פון זיבעציק. מיר פארן פארביי א פרדס מיט דער אויפשריפט "פרדס ארבעה". אט דא זיינען שוין צוויי מאל געפאלן אין קאמף אז אראבי־שער פאטער מיט זיין זון (פיר קרבנות). לעצטנס איז פארהעלטנים־מעסיק שטיל וואס שייך גניבות. אבער ס'קומען פאר נקמה־אקטן, ווען "דעם מופטי פאסט" אז ס'זאל זיין אז איבערפאל — זיי לייגן אונטער אויפרייס־שטאף אויף די באן־רעלסן, אדער ברענגען גלאט אום א יידישן שומר.

ווער זיינען די שומרים? אויבנאויף זעט מען נאר דעם קליינעם אונ־טערשייד אין די מונדירן — די בארעטן (היטלעך) זיינען גרינע מיט די בוכשטאבן מ.ג. (משמרת גבולות). אבער ווען מען באקענט זיך מיט זיי, מיט זייער העדישקייט קעגן שונא און זייער גרייטקייט טאג אויס, טאג איין צו באגעגענען דעם אייגענעם גורל אין קאמף, דערפילט מען דעם כוח, וואס היט דעם גאנצן ישוב. די מערסטע זיינען יונגע טאטעס. זיי לאזן איבער די משפחות געווינלעך אויף דריי, פיר מעת־לעת נאכ־אנאנד, און דווקא ז י י ע ר ע משפחות ווערן געראובט פון רו, ווייל זיי ווייסן וואו זייערע מענער געפינען זיך . . .

א סך פון די שומרים זיינען אויסגעצייכנטע מעכאניקער און טעכני־קער. מיר האבן געזען די געווער־צעלן און מיט וויפיל פאכמענישקייט און צערטלעכקייט זיי גייען ארום דעם געווער. אראביש איבערגעלאזע־נער געווער ווערט פארריכט און גענוצט. ביי די געפערלעכע גרענעצן ארבעט מען 24 שעה א מעת־לעת. "ביי אזעלכע גרענעצן שטייען מיר בסדר מיט שפיר־הינט", דערציילט מען אונדז. שפעטער האבן מיר באזוכט די שטייגן און געזען די וואלף־הינט.

ס'איז שוין נאך האלבן טאג. "ערגעץ איז א שטאב" עסן מיר א ווארעמען מאלצייט און פארן ווייטער. מיר זעען נאענט די ווייסע פעסעלעך, וואס שטייען ווי אומשולדיקע עדות פון דער אכזריותדיקער האנט וואס האט צעטיילט די ערד. די אראבישע נידעריקע שטיבלעך מיט די שמאלע פענצטערלעך שווייגן איצט שטיל, און ס'דוכט זיך, זיי

פלירטעווען מיט אונדזערע רייפע, פולע פרדסים, וועלכע גרייכן זייערע דעכער.

עס נעמט אונדז איבער די לעצטע וואך, וואס ווארט אויף אונדז ביים שמאלסטן פאס פון די גרענעצן. מיט גרויסער פינקטלעכקייט בייט זיך דער מיליטערישער "דזשיפ", וואס יאגט פאראויס אונדזער אויטאבוס, מיט א מאשין ביקסל — צוויי שורות פאליציילייט.

עס קומט מפקד ז, פלוגה א., א שווארץ־חנעוודיקן יונגערמאן, וועל־כער הייסט דוב אוגאל. ער רעדט געשמאק רוסיש און יידיש, פאר־טייטשט אונדז זיין נאמען וואס מיינט "ווינקל", און כאטש ער איז יארן לאנג א חבר פון קיבוץ גשר, גיט ער צו מיט א שמייכל, האט ער איצט אויסגעקליבן צו היטן דווקא "דאס ווינקל", אנווייזנדיק אויף די נידעריקע ליימענע הייזלעך, וואס דרימלען איצט אונטער די לעצטע זון־שטראלן. "נאר אונדז לאזן זיי ניט תמיד דרימלען . . ." א ביסל ווייטער ווייזן אן אונדזערע באגלייטער: "אט דא טרעפן זיך יעדע וואך אונדזערע און זייערע פארטרעטער". — וואס רעדט איר ביי אייערע באגעגענישן? — מיר ריידן ניט לײדער, מיר קריגן זיך, און די יר־ען וועכטער וועלכע זיינען אפטע געסט ביי אונדז טוען ווייניק אויף.

מיר פארן דורך א קייט פון קיבוצים אויף אונדזערע גרענעצן. די תושבי הגבול (גרענעץ איינוואוינער) זיינען דער שטארקסטער קעגן־געווער קעגן די אנפאלן. צו דער גרויסער צאל קיבוצים אויף די סאמע פיינטלעכע גרענעצן זיינען איצט צוגעקומען א צאל ישובים פון נייע עולים. קיין באלייכטונג, קיין גוטע הייזער, קיין שאסייען האבן זיי נאך ניט, אבער מוט האבן זיי, און די אראבער האבן פאר זיי א ביסל דרך־ארץ . .

היפש געפרווירענע פארן מיר דורך עפולה אויפן וועג אהיים. אין פאליציי־שטאב "מגידה" גיט מען פאר א נאווינע א לעקציע אין געא־גראפיע. דער ריח פון קאווע האט אויפגעוועקט און אריינגערופן אין צווייטן צימער, וואס איז אן פענצטער און אן טירן און א ווינט לויפט ארום, ווי ער וואלט געוואלט אונדז אפגעבן א גרוס פון די קאלטע בונ־קערס, וואו ס'ליגן די שומרים און רוען ניט . . .

קצין הראשי קאפעל געזעגנט זיך מיט אונדז. מיר גייען אריין אין קאלטן אויטאבוס אויפן וועג אהיים — שווייגנדיקע.

אין ביאַליקס בית־היוצר

(צום 23טן יאָרטאָג)

ס׳איז נישט פּשוט איבערצוטרעטן די שוועל פון בית־ביאַליק. די שטוב, וועלכע איז נאָך ביאַליקס טויט געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע קולטור־אינסטיטוציעס אין תל־אביב.

דאָרט האָט ביאַליק צום ערשטן מאָל איינגעפירט דעם עונג שבת, וואוהין עס פלעגן יעדן פרייטיק־צו־נאַכט, קומען שרייבער און ״פּראָ־ווען טיש״ מיט ביאַליקן. פון דער שטוב איז אויפגעגאַנגען געזאַנג, און מאָדערנע קבלת שבת, און וואָרצלען געשלאָגן נישט נאָר אויף ארץ־ישראלדיקער ערד, נאָר אויך אין ווייטע יידישע ישובים איבער דער וועלט.

ביז היינטיקן טאָג איז דער געטרייסטער שומר פון ביאַליקס ירושה אין בית־ביאַליק, זיין לאַנג־יאָריקער סעקרעטאָר, דער העברייאישער שריפטשטעלער, משה אונגערפעלד.

וויל איך דערציילן מיינע איינדרוקן פונעם ערשטן באַזוך און שפּאַציר איבער די חדרים פון בית־ביאַליק.

די ערשטע באַגריסער זיינען קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, וועלכע זיצן אַרום די טישן און גרייטן צו אַרבעטן פאַר זייערע לימודים. מיט שטילע בליקן באַגלייטן זיי אונדז צום ״אויבנאָן״ וואו עס שטייט דער קיילעכדיקער טיש, מיט אַכט געבעטע שטולן אַרום אים, — דאָרט האָט ביאַליק געפּראַוועט די עונג־שבתים. דער רויטער טישטוך מיט די הוימישע פרענדזעלעך, איז שוין גאָרניט ניי, א סך פלעקן קען מען איבערציילן אויף אים . . . משה אונגערפעלד דערציילט: ״מיר האָבן

אויך אַ שײַנערן טישטוד ביאַליקס, יענעם פֿאַרשפּרייטן מיר פֿאַר די שרייבער־מסיבות".

דאָס הויז האָט פֿרוי ביאַליק אַוועקגעשענקט דער שטאָט, וועלכע דעקט אַלע אויסגאַבן, אָבער דער פּאַקטישער בעל־הבית איז דער שטענ־דיקער הויז־קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פֿון פֿרוי ביאַליק, פֿיכמאַן, בער־קאָוויטש, דער זון פֿון ראַווניצקין און אַנדערע.

אויסער די שטענדיקע יאָרצײַטן נאָך ביאַליקן — קומען פֿאָר אין בית־ביאַליק פֿייערלעכע קולטור־מסיבות, ווי דאָס אויסטיילן דעם ביאַליק־פּריז פֿאַר ליטעראַטור, דער טשערניכאָווסקי־פּריז, פֿאַר דער בעסטער העברייאישער איבערזעצונג פֿון יאָר, און אַנדערע. אַהער קומט אויף זײַן וועכנטלעכער זיצונג דער "ועד הלשון" — פֿון וועלכן ביאַליק איז געווען דער פּרעזידענט — העכער 20 טויזנט נײַע ווערטער האָט מען שוין ביז הײַנט געפֿונען, און מיט האַסטיקן טאָן גיט אונגערפֿעלד צו "יעדן טאָג קומען אָן אין דורכשניט 20 נײַע ביכער פֿון דער גאַנצער וועלט".

דער בליק פֿאַלט אויף די "פֿאַרשיידענע ביאַליקס" אויף די ווענט. זײַן ערשטער פּאָרטרעט געמאָלן נאָך אין מאָטקווע פֿון מאָלער טעפּער. אַ פּאָרטרעט פֿון לעווינסקין, פֿון אַ ישראל־קינסטלער, רובין — און אָט איז אַ נײַ בילד פֿון ביאַליקן געמאָלן פֿון חיים גליקסבערג. בײַ זײַן לעבן האָט ביאַליק ניט געהאַט די מיטלען צו קויפֿן דאָס בילד . . .

איך באַמערק ווי פֿלײַסיק די קינדער זײַנען נאָך אַרײַנגעטאָן אין לער־נען. — גיט איר זיי אויך אַהיים ביכער צום לערנען? — ניין, קיין בי־כער גיבן מיר ניט אַרויס. ביאַליקס אייגענע ווערק גיבן מיר לייענען נאָר צו שריפֿטשטעלער. — וואו געפֿינען זיך זײַנע ביכער? — קומט און כ'וועל אײַך ווײַזן דעם קעלער!

אַ טיר פֿירט מיט שמאָלע טרעפּ אין קעלער אַרײַן. צווישן קרומע ווענט פֿול מיט ביכער ביז דער סטעליע בלײַבן מיר שטיין. ניטאָ קיין פֿענצטערל — קיין שטראַל טאָג־ליכט. אונגערפֿעלד דערקלערט מיר: "איר זעט די סטעליע? — זי איז אין דרײַען געפּלאַסטערט — געזיכערט קעגן באָמבעס . . ." און אין האַסטיקן טאָן הער איך אַ קאַפּיטל געשיכטע וועגן ביאַליקס איבערזעצונגען.

"אין 1923 האָט ביאַליק אַרויסגעגעבן זײַנע פֿיר ביכער שירים צו־

זאמען מיט דעם מאלער בודקאס צייכענונגען. אויף יעדן עקזעמפּלאַר איז געשריבן געוואָרן: "ביאַליק־בודקאַ". ביז היינט זיינען ארויס עט־לעכע און דרייסיק אויפלאַגעס. אַ היינטיקע אויפלאַגע ווערט באַלד פאַרקויפט. ניטאַ קיין ביבליאָטעק אין לאַנד וואָס האָט ניט ביאַליקס ווערק. ביז איצט איז ביאַליק איבערגעזעצט געוואָרן אויף 24 שפּראַכן. די ערשטע — אין רוסיש, פון זאב זשאַבאָטינסקי, און אויף איר האָט ביאַליק אַליין געאַרבעט מיט זשאַבאָטינסקין, און האָט כסדר געזאָגט: 'דאָס איז די בעסטע איבערזעצונג מיינע!'"

אונגערפעלד באַווייזט מיר אַ קאָפּיע און איך מיש די געלע בלעטער. אָט ווייזט ער מיר אַ יאַפּאַנישע איבערזעצונג פון אַ פּראָפעסאָר פון סעמיטישע שפּראַכן אין טאָקיאָ, וועמען מ'האָט שפּעטער חושד געווען אין יידן־פריינטלעכקייט און אומגעבראַכט. ער דערציילט וועגן אַן איינציקער פּוילישער איבערזעצונג פון דיקמאַנען, וועלכע געפינט זיך ביי דוב סדן. די גאַנצע אויפלאַגע אין קראָקע איז אין 1939 פאַרברענט געוואָרן. אינעם זעלבן מאָמענט דערלאַנגט ער אַן ענגלישע קאָפּיע פון גלח דעמבי, וועלכער האָט אין 1938 איבערגעזעצט ביאַליקן. צום ערשטן מאָל לייען איך ביאַליקן אין ענגליש, און וואו? דווקא אין זיין קעניגרייך!

— ווייסט איר וויפל ביכער עס זיינען געשריבן געוואָרן איבער ביאַליקן? און ער ענטפערט: 43 ביכער אין 9 שפּראַכן. 30 טויזנט אַרטיקלען איבער אים, אויף 24 שפּראַכן. 17 טויזנט פון זיי געפינען זיך אין אַרכיוו. 440 מעלאָדיעס זיינען דאָ צו זיינע לידער וועלכע מ'זינגט. 150 קאָמפּאָזיציעס געפינען זיך היינט אין אַרכיוו.

— וואו איז דער דאָזיקער אַרכיוו?

— דאָס וועלן מיר שפּעטער זען!

איך ווער געלאַדן אַרויפגיין אויבן, אין ביאַליקס צימערן. דער "אויבן"! פירט אַריין אין ביאַליקס וועלט. דאָס ערשטע דערזעט מען אין קאָרידאָר אויף אַ קליין טישעלע דעם בוך, וואו די באַזוכער פאַר־צייכענען די נעמען. טוט מען אַ מיש די בלעטער, דערפילט מען דעם אָטעם פון אַ שטיק קולטור־געשיכטע פון ארץ־ישראל. ניט נאָר פּראָ־מינענטע נעמען, נאָר האַלב־גראַמאַטנע אונטערשריפטן, פּרימיטיווע אומבאַהאָלפענע אויסדרוקן, אָדער גאָר געלונגענע לידער פון קינדער,

עמבלעמען פון פארשיידענע קיבוצים, פון מחנות חיילים, פון שולן, וואס קינדער שרייבן אן א שיר קאלעקטיוו, א ליבע בריוועלע פון א "געוואגט" קינד, א דערינערונג אין פארבינדונג מיט ביאליקס א באזוך. אט פונקט ווי ער וואלט איצט געלעבט, און דאס אלץ איבערגעלייענט... דער בוך אטעמט מיט נשמה, מיט גרויסער טיפער פארערונג און נאענטקייט צו ביאליקן.

דאס ערשטע ווייזט אונגערפעלד אן אויף דעם גרויסן פריוואטן ביבליאטעק־צימער פון ביאליקן, וואו די ליידיקע שאפעס קוקן ארויס איצט ווי סקעלעטן. "פון דאנען האט מען גענומען אלע ביכער אראפ־טראגן אין קעלער, ווייל דא האט אממערסטן געלויערט די געפאר פון באמבעס . . . אבער צום גליק איז די גאנצע שטוב אויסגעמיטן גע־װארן". מיט דעם "צום גליק" שפאנען מיר אריין אין ביאליקס שרייב־צימער. לעבן א טונקל בלויער וואנט שטייט זיין שרייבטיש, וואס איז שוין ניט ברוין נאר אש־קאליר. אויף אים ליגן ביז היינט די ביכער וואס ביאליק האט געהאט גרייט צו לייענען און ארייננקוקן . . . א בוך איבער יידנטום פון פראפעסאר קויגן. דער אוצר פון יידישן געזאנג פון אידל־סאן, א בוך שירים, וואס ער האט באקומען א מתנה פון וויז, פונעם דיכטער מאיר מוהר, וועלכער וואוינט שוין לאנג און שאפט אין ישראל. א גרויער בריוו־האלטער און אין אים אן עלנט קארטל, אנגעשריבן און ניט אוועקגעשיקט געווארן . . . צעווארפן ליגט א דורכגעטרוקנטער מעקער, א פארגעלטער קלעקער, א בריוו־עפענער וואס עפנט מער קיין בריוו . . . א פאר גרויע ביכער־האלטערס וואס האלטן געטריי די ביבל, תלמוד, פאעטישן לעקסיקאן, תנ"ך, משניות!

אנטקעגן זיין שרייבטיש, א פרעכטיקע מאלעריי פון פרוי ביאליק. אויף דער לינקער זייט, א בילד פון מתמיד. אביסל ווייטער צום פענצ־טער, א בילד פון אחד־העם. אויף דער זעלבער וואנט רעכטס, א גרויס בילד פון טאלסטאיען —ביים שרייבטיש. אונטער דעם בילד — ווייזט אונגערפעלד אן אויף פארשלאסענע שופלאדן: "דא האט ביאליק גע־האלטן כסדר זיינע מאנוסקריפטן . . . " לעבן א געבעטער סאפע, אונ־טער פרוי ביאליקס פארטרעט, שטייט דאס קיילעכדיקע טישעלע וואו ביאליק פלעגט ליב האבן זיצן מיט שרייבער און לייענען מאנוסקריפטן.

"וואו געפינען זיך די געבליבענע מאנוסקריפטן?"

"אלץ איז אינעם קאסטן".

איך זוך מיטן בליק דעם קאסטן. אין א מאמענט עפנט זיך א טיר פון מוזיי (אמאל איז דאס געווען דער שלאף־צימער). די ווענט באהאנגען מיט כלערליי פאטאגראפיעס פון ביאליקן מיט יידישע און העברייאישע שרייבער, אויף זיינע וואנדערונגען, פון די ערשטע יארן פון קאנגרעס. ביז די סאמע לעצטע טעג זיינע . . .

"16,000 בילדער האבן מיר — יעדן חודש בייטן מיר אן אנדער קאָ־לעקציע אויף די ווענט".

דער צימער ווייעט מיט טויט און מיט לעבן. אט ליגט אונטער א גלאז די פעדער וואס ביאליק האט באקומען אין זשיטאמיר צו צוויי־און־צוואנציק יאר — אן ערשטע מתנה. "אט די פעדער," זאגט אונ־גערפעלד מיט גאר אן אנדער טאן, — "איז אויך די פעדער פון זיין לעצט ליד . . .". זעט מען זי איצט צווישן ביאליקס ערשטן ליד "אל הציפור" (אין פארגעלטן אריגינאל) און זיין לעצט ליד "פרידה". לעבן זיי — זיין תנכ"ל וואס ער האט תמיד געהאט לעבן זיך, און אינעם לעצטן טאג — א פאר מינוט פאר זיין טויט — געלייענט בראשית. דערנאך האט ער דעם תנ"ך אוועקגעלייגט אויפן טיש, אין א פאר מינוט ארום האט ביאליק א געשריי געטאן: "מיין הארץ!" און איז מיט אפע־נע אויגן געשטארבן!

פראפעסאר גורשקאוויטש האט א האלבע שעה נאך ביאליקס פטירה, אויסגעגאסן א כעמישן שטאף און אראפגענומען אלע לעצטע שטריכן זיינע. שטייט איצט אויבנאן אין צימער ביאליקס קאפ, פול מיט רע־זיגנאציע. דער שטערן געקנייטשט פון ליידן, א שנירעלע ווייטיק גיסט זיך פונעם מויל ארויס . . . אנטקעגן דעם "טויטן קאפ" שטייט צום קאנטראסט פון דעם נאך יונגן ביאליקן, א פולבלוטיק לעבעדיקער קאפ. ס'איז שווער צו זען ביידע קעפ אויף איינמאל!

אין סאמע מיטן צימער קוקט ארונטער פון וואנט א זייער געלונגע־נער פארטרעט פון ביאליקן מיט ראווניצקין. אונטערן בילד — אין א גלעזערנער ראם, אויף א קליין טישעלע, שטייט דער באקאנטער זייגער, וועלכן ער האט מיט העכער ניינצן יאר צוריק באקומען אלס מתנה פון קינסטלער מיימאן. אויף אים זיינען אויסגעקריצט דריי סימבאלן: א מנורה, על נהרות בבל, און א האקער. ארום די סימבאלן אין עברית: "קלינג, קלינג אין אלע יידישע הייזער דאס קול פון 'התקוה'!" —

און אַזוי יעדע שעה צעזינגט און צעקלינגט דער זייגער אין ביאַליק די התקוה, אין דעם זעלבן צימער וואו עס ליגן צעוואָרפן און צעשטעלט אַ סך פון זיינע אוצרות אונטער גלאָז און אויף פּאָליצעס. אַזוי זעט מען זיינע פאַרשיידענע דיפּלאָמעס: דאָקטאָר לספרות עברית, — ערן־בירגער פון תל־אביב; אַטעסטאַטן פון גאָלדענעם בוך, אַלבאָמען, צייכענונגען און בילדער — מתנות פון קינדער דער עיקר. און אין אַ ווינקל־שאַפע אונטערן גלאָז — ביאַליקס באַקאַנטער שטעקן — זיין לאַנג־יאָריקער חבר!

בשעת מיר גייען די טרעפּ אַראָפּ — צום "אייזערנעם קאַסטן" — טוט אונגערפעלד אין אַ געהייבענעם טאָן אַ פרעג: "ווייסט איר וויפל מענטשן עס פלעגן דאָ דורכגיין שמחת תורה ביינאַכט?—טויזנטער!" עס ווערט מיר פריילעך אויף דער נשמה פון זיין פרעגן און ענטפערן. איך דערזע דעם יום־טובדיקן עולם וואָס שטראָמט אויף די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ, ביי ביאַליקס לעבן — שמחת־תורה אויפדערנאַכט . . .

מיר קומען אָן צום "בלויען צימער" — דאָרט פלעגט ביאַליק אויפנעמען געסט. אויך דאָ שטייען די שאַפעס ליידיק פון ביכער צוליב טעמים פון סכנה . . . אויף דעם פייער־פּלאַץ שטייען פאַרשיידענע מתנות, בפרט די, וועלכע ער האָט באַקומען פון קינדער צו זיין 60־יאָריקן געבוירנטאָג. קיין פייער ברענט איצט ניט, נאָר ס'דוכט זיך, עס לויכט . . . אין סאַמע מיטן צימער, אונטער אַ הויך־פאַרמויערטער וואַנט, שטייט דער קאַסטן!

אונגערפעלד עפנט אים מיט גרויס פאָרזיכט. ער דעקט איינציקווייז אָפּ די ערשטע פּאַפּירן, און נעמט אַרויס אַ לעדערנע פּאַפּקע, וואָס קוקט אויס שוין גיכער ווי ווייך פּאַפּיר — איידער לעדער. דערביי דערציילט ער: "16,000 בריוו געפינען זיך אין דעם קאַסטן! בריוו, וועלכע ביאַליק האָט געשריבן צו דער וועלט, און מיר האָבן זיי דערנאָך אַלע צוריקגעקראָגן. 1,100 בריוו וועלכע כ'האָט געשריבן צו אים אין משך פון 44 יאָר."

די געשיכטע פון דער העברייאישער ליטעראַטור איז דאָס! פאַרשיידענע פילמען פון זיין לעבן און וויכטיקע בילדער געפינען זיך דאָ.

ער נעמט אַרויס עטלעכע לידער פון דער פּאַפּקע, געשריבענע מיט ביאַליקס האַנטשריפט, נאָך קיינמאָל ניט געדרוקטע, און ער באַווייזט,

ווי אַנדערש ס'איז איין האַנטשריפט זיינע פון דער צווייטער. דערנאָך דערציילט ער: "440 זייטן פּראָטאָקאָלן פון קעשענעווער פּאָגראָם, אין יידיש און העברייאיש, נאָך קיינמאָל געדרוקטע, געפינען זיך דאָ! 60 אילוסטרירטע בילדער וועגן דער שחיטה־שטאָט ליגן דאָ! . . . פאַר־שיידענע שירים, נאָטיצן, און ווי צווישן דער צייט פון שחיטה־שטאָט ביז היינט איז נאָר אַ "קאַצן־שפּרונג". — נעמט אונגערפעלד אַרויס אַ בריוו, מיט בלוט און זשאַווער דורכגעגעסן, און זאָגט: "דאָס האָט אונדז איצט סוקעווער געבראַכט וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט. דער בריוו איז פון ביאַליקן צום דאָקטאָר היגער אין פּעטראָגראַד." ליגט איצט דער בריוו איינעם מיט די נאָך־ניט פאַרעפנטלעכע דאָקומענטן פון דער שחיטה־שטאָט — איין שטיק מאַרטירער־געשיכטע . . . צום סוף בלעטערט ער דורך עטלעכע פרישע העפטן, אין כראָנאָלאָגישער פּינקטלעכקייט, און מיט קלאָרער האַנטשריפט פון אונגערפעלדן איבער־געשריבן יעדע שורה, יעדע דאַטע, יעדער אות פון פאַרמעגן — לדורות!

שטייענדיק אַזוי געבויגן און צוגעשמידט צום אייזערנעם קאַסטן, פון וועלכן עס שלאָגט אַרויס דער לעבעדיקער גייסט פון חיים נחמן ביאַליקן, — האָט אויפגעלויכטן אין רעיון אַ קינדערישער עפּיזאָד, וועלכן כ'האָב תמיד זיך "געשעמט" צו דערציילן. כ'געדענק, ווען איך האָב אָנגעהייבן לערנען ביאַליקן אין מיין אוקראַיניש שטעטל פּרילוקע, און זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז ער איז אין אָדעס, האָב איך פּלוצלינג אויסגערופן: "וואָס — ביאַליק לעבט?" — אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע האָב איך געזען ביאַליקן ערגעץ לעבן יהודה הלוין, און נאָך ווייטער אפילו, לעבן משה רבינו, דבורה הנביאה — און אַצינד — אַוועקגייענדיק פון דעם קאַסטן, האָט זיך געוואָלט מיט דער זעלבער קינדערישער נאַאיווי־טעט אויסשרייען: "וואָס, ביאַליק איז געשטאָרבן?"

אויפן וועג אַהיים, אַדורכגייענדיק ביאַליקס גאָרטן, וועגן וועלכן עס איז דאָ אַ באַזונדער קאַפּיטל צו דערציילן, ווי אַזוי ער האָט אַליין יאָרן לאַנג אין אים געפּלאַנצט כלערליי פּרוכט־ביימער פון זעלטענע מינים, און צו זיי "געטריי געדינט" און "שטאַלץ געווען מיט זיין גאָרטן". אַרויסגייענדיק אויף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען: רחוב ביאַליק, האָט זיך געדוכט, אין דער לויטערער לופט הער איך דעם ענטפער: ניין, ביאַליק איז ניט געשטאָרבן!

דער יום־טוב פון בלום

ניטא אין ישראל קיין איין שטוב, וואו עס זאלן, בפרט פרייטיק־צו־נאכטס, נישט שטיין קיין פולע וואזעס מיט בלומען. שיין איז צוצוקוקן זיך פרייטיק בייטאג, ווי עס זיינען פול די בלומען־געשעפטן מיט קויפער, דערנאך ווען זיי אהיים פארן, צי אין אויטאבוס, צי אין פריוואטער אויטא, אדער אפילו אויף א ביסיקל, — אומעטום זעט זיך אן דער בוקעט בלומען אויף שבת. ס'איז דערפאר קיין וואונדער נישט, וואס דער נייער "יום־טוב פון בלום" האט געמאכט אזא רושם אין ישראל. די איניציאטיוו פארן "חג הפרח" האט אויף זיך גענומען אבא חושי, דער מעיאר פון חיפה.

מיטאמאל איז חיפה פארוואנדלט געווארן אין א ים פון בלומען. נישט נאר ווען מ'גייט שוין צו נאענט צום הויף פון דער עיריה (שטאט־ראט), וואו עס פארשיכורן די ריחות, נאר עט פריער, ווען מ'שפאנט ארום אין שטאט, זעט מען ווי אנגעפילטע לאסט־וועגענער מיט בלומען יאגן זיך אין דער ריכטונג פון דער בלומען־וועלט; שטאטישע טעקסיס לויפן פארביי, ווי אויף א חתונה, מיט פרישע בלומען־קראנצן איבער די נומערן. קליינוואַרג לאזט די גאסן נישט דורך, ביז זיי שפיליען נישט אן א בלומען־צעטעלע פון "חג הפרח". גרעסערע קינדער, פארפוצטע אליין מיט בלומען, טראגן ווי שלח מנות, צוגעדעקט מיט ווייסע טיש־טעכלעך, וואזאנעס, א מתנה צו דער אויסשטעלונג. אין די קראמען־פענצטער אויף אלע גאסן, שטייט אינמיטן א גרויסע וואזע מיט פרישע בלומען. באזונדערס צייכענען זיך אויס די געשעפטן פון קונסט־בילדער, וואו בלויז מאלערייען פון בלומען און לאנדשאפטן זיינען אויס־געשטעלט.

מיט עטלעכע וואָכן פריער האָט די עיריה אַרויסגעלאָזט אַ רוף פאַר אַ קאָנטעסט אין קונסט־בילדער וועגן בלומען. זיינען אַריינגעקומען 400 בילדער, און 90 זיינען זוכה געווען פון דער זשורי אויסגעקליבן צו ווערן פאַרן מוזיי פון דער עיריה. דריי קינסטלער זיינען פּרעמירט געוואָרן פאַר די שענסטע און כאַראַקטעריסטישסטע בילדער, און דער עולם קומט אין מוזיי צו באַקענען זיך מיט כלערליי היימישע און "פרעמדע" בלומען, וואָס אַלע וואַקסן אין לאַנד.

פּראָפעסיאָנעלע זאַמלער פון מאַרקעס זיינען געפאַלן אויף אַ המצאה און אַריינגעשיקט הונדערטער מאַרקעס אין בלומען מאָדעלן. איינגע־ראָמט אין קליינע חנעוודיקע ראָמען, הענגען זיי אין די קאָרידאָר־צי־מערן פון מוזיי ווי אַ טייל פון דער בלומען־וועלט. אין צוגאָב צו דעם, אין עטלעכע צימערן, אויף די ווענט און אויף די דילן, זיינען אויס־געשפּרייט וואונדערלעכע טעפּיכער, דורכאויס אין בלומען מאָדעלן. אויף דעם איינפאַל איז געפאַלן אַ פּריוואַטער בירגער פון חיפה, ד"ר שאור, וועלכער האָט אַריינגעטראָגן זיינע פּריוואַטע טעפּיכער צו דער אויסשטעלונג.

מיט אַ שטילער הנאה שפּאַנט מען דורך די צימערן, און כאָטש די בלומען זיינען נישט קיין לעבעדיקע, פילט מען אָבער דעם דינעם צווי־בער פון זייער אָטעם! דאָס איז נאָר דער פאָרשפּיל צו דער אמתדיקער חתונה, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף די גאַסן נאָענט צו דער עיריה. דער עולם גיט זיך אָפּ "גוט יום־טוב" ביי דער אָפיציעלער דערעפענונג.

אבא חושי זאָגט: "אַמאָל איז דער מאַנאָפּאָל אויף בלומען געווען ביי די דייטשן. היינט האָבן מיר דעראָבערט אַ סך 'פרעמדע בלומען' אין לאַנד. מיר ווילן פלאַנצן בלומען אויף די גאַסן, כדי דער נהג זאָל מיט דרך־ארץ פאָרן אויף דער ערד. מיר ווילן פאַרשענערן דאָס טאָג־טעגלע־כע לעבן מיט דער בלום, און אפשר דורך דעם אביסל פאַרמינערן דאָס פּאַרטיי לעבן צווישן אונדז . . . מיר ווילן דערציען דאָס יונגע קינד נישט נאָר פאַר פלאַנצונג, נאָר קאָנען אָפּהיטן די בלום. דער עיקר ווילן מיר ווידער אויפלעבן דעם חג הביכורים, וואָס מיר האָבן אין 1930 אָנ־געהויבן, באַזונדערס אין חיפה".

ס'איז כדאי, אגב, צו באַמערקן, אַז ס'איז שוין אַ טראַדיציע, אַז יום־טובים אין ישראל זיינען פאַרבונדן מיט געוויסע שטעט. למשל

פורים, מיט תל־אביב; פסח, מיט ירושלים; און שבועות, מיט חיפה, ווייל זי איז געאָגראַפיש אַזוי נאָענט צו די בערג.

לאה קרופניק, פאַרוואַלטערין פון משרד החקלאות (אַגריקולטור־אָפּ־טיילונג), דערציילט אין איר באַגריסונג, אַז די בלום איז שוין געוואָרן אַ טייל פון דער לאַנדווירטשאַפט, און פיל טאָנען ווערן געשיקט קי"ן אויסלאַנד. "מיר באַווירקן אונדזער יוגנט צו לערנען די פּראָפעסיע פון בלומען־פּלאַנצונג. דער תושב אין ישראל ווייסט שוין, אַז צוזאַמען מיט קויפן שפּייז, קויפט ער אויך בלומען".

דער עולם טוט זיך אַ לאָז צו די טירן פון הויף. דאָס אויג ווערט גע־פּלעפט פון דעם וויבערירנדיקן בלומען־וואַלד. צו די פּיס ביים אַריינגאַנג, ממש ווי אַ שטיק קאַליפאָרניע, ליגן פיל קאַקטוסן, אין וואַסער צווישן שטיינער און בלעטער, אויף לאַנגע טישן זעט מען ווי עס שטאָלצירן די הויכע פּולבלוטיקע דאַליעס, ווייסע און רויטע. אין קאָנטראַסט צו דער רייפער דאַליע שמייען פּולע טישן מיט קליינינקע וואַזאַנעלער מיט כל־ערליי צאַרטע בלימעלעך. מיט באַזונדערער גראַציע און חן שטרעקן זיך פון וואַזעס די הויכע, נאָך האַלב־פאַרמאַכטע און שוין אָפענע גלאַדיאָ־לעס — רויט, פּיאָלעט, בעז־געל און ווייס. די גלאַדיאָלע איז שוין שיר נישט געוואָרן די נאַציאָנאַלע בלום אין ישראל.

אַט הערן מיר פון שושנה דאַבקין, אַז אַגראָנאָם און אינסטרוקטאָרין אין וויצ"אָ, וועלכע דערציילט: שוין דרייסיק יאָר זינט מ'העלפט דער באַפעלקערונג פּלאַנצן דעם "משק־עזר". יידן ווייסן שוין וואָס עס הייסט פּלאַנצן קליינע גערטנדלעך אַרום דער שטוב. עס קומען אינ־סטרוקטאָרן, ברענגען נישט נאָר זריעה, נאָר לערנען דער עיקר די תורה פון גראָז און בלום. אגב איז באַקאַנט, אַז אין די שווערע "צנע"־יאָרן איז דער "משק עזר" בייגעשטאַנען דער איינצלנער משפחה אין אירע נויטן מיט דערנערונג.

רבקה ברייזמאַן, פאַרוואַלטערין פון בית־ספר לגננות (אַ שול פאַר גערטנעריי אין פּתח־תקוה) דערציילט ווי אַזוי זיי לערנען קינדער די פּראָפעסיע וועלכע האָט שוין באַוויזן וואונדער אין לאַנד. די אַרבעט ווערט אָנגעפירט פון מועצת הפועלות, בשותפות מיט וויצ"א און דער רעגירונג. מיט באַזונדערער פרייד ווערט אונדז באַוויזן די פּרוכט פון

נגב, פון עמק און פון בית־שאן, וואו מ׳האט גאר לעצטנס אנטוויקלט בלומען־פלאנצונג. מיט דער ארבעט גיט זיך באזונדערס אפ אן אנ־שטאלט וואס הייסט "מגן דוד ירוק".

די פרישע ריחות כישופן און לאזן נישט רואיק איינשטיין. דאך ווילט זיך הערן וואס סע האט צו דערציילן דער דירעקטאר פון גערטנער און וועלדער וועלכער ארבעט אין חיפהער עיריה. ער דערציילט, אז די רע־גירונג גיט אויס גרויסע סומען אויפן געביט פון באפלאנצן די ערד, אינסטרוקטארן פארשן דעם קלימאט, און לויט די באדינגונגען העלפט מען מיט. אין חיפה האט די שטאט א ספעציעלן בודזשעט פאר בלומען־פלאנצונג, און "מיר קאנען זיך דעריבער פארגינען צו פלאנצן מער בלומען אין שטאט און אין אומגעגנט".

די פארפוצטע טישן רופן — אט זעען זיך נעמען פון פארשיידענע קיבוצים איבערן לאנד, וואס זיינען מומחים אויף פלאנצונג, און די בלום איז דערפאר אן ארגאנישער טייל פון זייער ערד. היינט וואקסן שוין די בלומען דארט, וואו ערשט נעכטן איז געווען זאמד און טריקעניש. איז דערפאר קיין חידוש נישט די ליבע און די צערטלעכקייט, וואס דער עולם טראגט אקעגן דער בלום.

מיט א געפיל פון פרייד גייט מען ארויס אויף דער גאס צוריק. דער זון־פארגאנג, וואס איז אין ישראל "קורץ און שארף", איז שוין אט־אט פארביי. אינעם "גן הגיבורים" קעגנאיבער דער עיריה, וואס איז זינט א יאר געפלאנצט געווארן לכבוד די געפאלענע העלדן פון באפרייאונגס־מלחמה, שפאנען אום יונגע פארלעך, באגלייט פון מוזיק־קלאנגען וועל־כע טראגן זיך פון בנין פון דער אויסשטעלונג. דער עולם איילט זיך נישט אהיים גיין. אויף חיפהער גאסן איז יום־טובדיק און פרייליך, מ׳שטייט אין בינטלעך און רעדלעך, באבלומטע און דערפרישטע פונעם נייעם יום־טוב. א ווייל דוכט זיך, אפשר קען טאקע מקוים ווערן דער וואונטש נישט נאר פון דעם מעיאר, נאר פון דעם "יידן פון א גאנץ יאר", אז דאס טעגלעכע לעבן זאל אביסל לייכטער ווערן און דער מענטש פון א גאנץ יאר זאל זיך אביסל אפרוען פון טרוקענעם חשבון פון פאליטיק, זיך אביסל מער לייטערן מיט דער פרייד פון זריעה, וואס דאס איז דאך דער זין און דער בראשית געוועזן פון א פאלק אויף איי־גענער ערד . . .

דובינסקיס ערשטער מעת־לעת אין ישראל

עס איז דווקא געווען איינע פון די טונקעלע אָוונטן אין ישראל, ווען די לבנה האָט ניט גענוג באַלויכטן דעם פלי־פּלאַץ, נאָר אַ גרויסע עלעקטרישע ליכט האָט די ערשטע מקבל־פּנים געווען די חשובֿע געסט אין לוד. די "אויסטעס" האָט אויף די טרעפּ פון עראָפּלאַן אויסגערופן: "אָט איז מיסטער דובינסקי!" און אין אויגנבליק איז ער צוזאַמען מיט עמאַ דובינסקי אַרומגערינגלט געוואָרן פון פריינט פון דער הסתדרות, בראש מיט מרדכי נאַמיר, וועמענס געסט זיי וועלן זיין אין ישראל אַ וואָך צייט. די באַגעגעניש איז געווען אַזוי וואַרעם, גלייך די מענטשן קאָנען זיך שוין יאָרן . . .

דער ערשטער שמייכל דובינסקיס אויף ישראלער ערד איז געווען היימיש, ווי ביי זיך אין דערהיים. עמאַ דובינסקי איז שיר ניט פאַרדעקט געוואָרן פון די בוקעטן בלומען, וואָס זיינען איר צוגעטראָגן געוואָרן ביים אָנקומען.

ניט געקוקט וואָס ס'איז אין מיטן נאַכט, זיצט מען ביי אַ יום־טובֿדיקן טיש אין דער לופט־סטאַנציע און מ'טרינקט לחיים מיט די געסט. מ'דערהערט א היימישן יידיש פון דובינסקין, און די וותיקים פאַרוואונדערן זיך: אַזאַ באַטעמטן יידיש רעדט מען אין אַמעריקע? דובינסקי דערהערט די ערשטע שנעלע קלאַנגען פון עברית וואָס ווערט אַרום טיש גערעדט און ער זאָגט: "דאָס איז דאָס ערשטע אָרט וואו איך פאַרשטיי ניט וואָס מ'רעדט אַרום מיר . . ." (דער עולם שמייכלט.)

האַרצלאָזע פאָטאָגראַפערס שאַנעווען ניט די געסט און וואַרפן אויף

זיי גרויסע ליכט־סיגנאלן, כאפן אראפ ערשטע בילדער . . . רעפאר־טערס בעטן ביי דובינסקין א "סטייטמענט", און ער ענטפערט רואיק: "איך האב ניט קיין שום סטייטמענט צו מאכן".

דערנאך, פארן עולם, זאגט ער: "איך בין ניט קיין ציוניסט, כ'האב ניט געחלומט קיין חלום וואס קען אנטרינען, קאן איך, פארקערט, דער־ווארטן א שיינע ווירקלעכקייט".

דערוויל ווייזן די וויזעס אויף שפעטער שעה; די געסט זיינען מיד, און מארגן און איבערמארגן ווארט אויף זיי דאס לאנד און א גרויסער פראגראם, פאר וועלכן ס'האבן שוין געזארגט די חברים פון דער הסתדרות . . .

מיט יומטובדיקן טומל אין דרויסן באגלייט מען זיי אין די ווארטנ־דיקע אויטאמאבילן, וועלכע פירן זיי אפ אין האטעל השרון, אויפן ברעג ים פון הרצליה.

שוין דעם ערשטן פרימארגן האט, זעט אויס, דובינסקי ניט גע־קאנט ביישטיין דעם נסיון פון דעם מילדן ים אנטקעגן איבער זיין פענצ־טער, און ער האט טועם געווען די ישראלער וואסערן איידער עס הייבט זיך אן די גרויסע וואך.

קיין ישראל קומען א סך געסט, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, פריינט און באאבאכטער, אפט אויך געלאדענע רעגירונגס־געסט. געטראפן האט זיך, אז פונקט נאר מיט איין מעת לעת פריער האט די ישראל רע־גירונג אויפגענומען א זייער חשובן גאסט, דעם פרעמיער־מיניסטער פון בורמא, מיסטער או נו. געטרייע פריינט פון די דובינסקים האבן אפילו אויסגעדריקט שטילן באדויער, פארוואס איז גראד אויסגעפאלן אויף זייער מזל אנ־צוקומען צום ערשטן מאל קיין ישראל, אין א צייט ווען די רעגירונג נעמט אויף אזא וויכטיקן גאסט, א פארשטייער פון א נייער פריינטלעכער מלוכה, אבער אומזיסט איז געווען די שרעק אז איין גרויסער גאסט וועט פארטונקלען א צווייטן.

זייער שיין און אויפריכטיק האט מיר געזאגט עמא דובינסקי: "מ'מוז אויסער א יידיש הארץ און אויסער זיין א ציוניסט, זען ישראל מיט אן אידייע פון ארבעט", בפרט אז אין ישראל ווייסט מען, אז די אידייע פון "ארבעט בשותפות" האט שוין געשלאגן טיפעווארצלען, וועט אפשר ניט שווער זיין צו פארשטיין די אנדערשקייט פון די אי־

בערלעבונגען פון אזעלכע געסט דאס ערשטע מאל אין ישראל.

ניט אומזיסט זאגט דאס אמעריקאנער ווערטל: "סיאינג — איז בי־ליווינג". שוין פון יארן האט מען געוואוסט אז דובינסקי האט געפונען אין זיין יידיש הארץ א ווארעם ווינקל פאר דעם יישוב אין ארץ־ישראל, אפילו ווען ער איז געווען שטארק פארטאן אין זיין אייגענער וועלט פון בויען און צעמענטירן די אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג. אבער, ווען ישראל איז דערקלערט געווארן אלס מלוכה, און איז אנערקענט געווארן פון א סך לענדער, און אויף די פירער פון יונגן יישוב איז ארויפגעלייגט געווארן די לאסט פון דאגות מדינה, און די זעלבסטשטענדיקייט האט געפאדערט, אויסער מוט און גלויבן, מאטעריעלע מיטלען . . . און די קאסע איז נאך אי קיין קאסע ניט געווען, אי ליידיק . . . איז צו וועלכע פריינט אין אמעריקע האט מען זיך געווענדט נאך אן ערשטער הלוואה? — צום פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל! און ער האט אין 1948 צו דער יונגער מדינה שוין אויסגעשטרעקט א ווארעמע האנט און גע־געבן די ערשטע הלוואה פון א מיליאן דאלער, וועלכע איז אין א יאר ארום צוריקגעצאלט געווארן. דאס איז געווען דער עשטער קאנקרעטער בונד וואס שייך דער אינטערנעשאנאל יוניאן אין אמעריקע מיט דעם ארבעטנדיקן ישראל.

א סך יארן שוין אז מ'ווארט אז פרעזידענט דובינסקי זאל קומען קיין ישראל, איז ניט קיין חידוש, וואס דאס לאנד האט אים איצט אויפגענו־מען ווי א טייערן גאסט, און עס איז אפשר אויך ניט קיין חידוש וואס ער, דער "ניט־ציוניסט", דערזעענדיק די "שיינע ווירקלעכקייט", האט אזוי אויפגענומען ישראל. ס'איז געווען א גרויסע וואך, וואס וועט בליי־בן געשיכטע סיי פאר ישראל, סיי פאר די חשובע געסט.

עס איז געווען נאטירלעך, אז צום אלעם ערשטן זאלן זיי זיין די געסט ביי דער עקזעקוטיווע פון הסתדרות (וועד הפועל) און טאקע אנקוקן דעם נייעם בנין וועלכער מאכט א רושם. די אויפנאמע ביי מרדכי נאמיר, דעם סעקרעטאר פון הסתדרות, אין זיין קאנצעלאריע, איז געווען זייער א ווארעמע און קורצע, ווייל שוין איז די צייט געווען צו ווייניק פארן לאנגן פראגראם פון ערשטן טאג. צוועלף אזייגער ווארט אויף די געסט דער פרעמיער־מיניסטער, דוד בן־גוריון. ביים מיטיק וועלן זיך טרעפן און באקענען מיט די געסט די צענטראלע עקזעקוטיווע פון דער

הסתדרות. נאָך מיטיק וועט מען צאָלן אַ וויזיט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול, און — אחרון, אחרון — היינט טאָקע, דעם ערשטן טאָג, וועלן זיי זען די שיכון־פּראָיעקטן, די טויזנטער נייע הייזער וועלכע זיינען געבויט געוואָרן מיט דער באַטייליקונג פון "אַמון" (אַמעריקאַנער יוניאָן געזעלשאַפט), אָבער איידער וואָס־ווען, ווייל די לייטונג פון וועד הפּועל "זיך באַווייזן מיט איר שיכון", און זי לאָדט די געסט אויפן זיבעטן שטאָק, אַנקוקן דעם קאָנפערענץ־זאַל וואָס איז קאָנגרעסמעסיק געבויט. בפרט ווייל מען זיך "באַווייזן" מיט דער שטאָט תל־אביב, וועלכע מ'זעט אַזוי קלאָר פון זיבעטן שטאָק.

מרדכי נאָמיר טײטלט מיט די פינגער אויפן גלאָז פון די פענצטער און ער דערציילט אַביסעלע געשיכטע : "איר זעט די ווייסע שטאָט? זי איז אויסגעוואַקסן ערשט אין די לעצטע עטלעכע יאָר. ווען מיר האָבן דאָ געקויפט דעם באָדן צו בויען אונדזער געביידע, איז דאָ געווען "גאָלע וויסטעניש" — און נאָך מער : מ'האָט דעמאָלט איבער אונדזערע קעפּ געשאָסן . . . אין 1949 איז דאָס געווען. און איצטער, זעט ווי עס שמייכלט צו אייך אַ שיינע שטאָט!"

"דאָרטן" און "דאָרטן", טײטלט ער אַ פרייליכער מיט די פינגער, זיינען "אייערע הייזער!"

"טאָקע?" צעשמייכלט זיך דובינסקי, "מיינע הייזער?"

"איר'ט זיי היינט זען נאָענטער!"

די באַגעגעניש פון די צוויי דודס.

וואָס עס האָבן געגוי געערדט אַזעלכע צוויי מענטשן ווי דוד בן־גוריון און דוד דובינסקי, איז ראַטזאַם צו נוצן פאַנטאַזיע איידער קוואַטירן, אָבער אַז די באַגעגעניש איז געווען אַ דערהייבענע, דאָס ווייסן מיר. ס'איז געווען די פרייד פון פשוטע, האַרציקע רייד, פון גרינגן הומאָר אין די פיר ווענט פונעם קאַבינעט פון דוד בן־גוריון, וואו דאָס יידישע לשון האָט באַקומען דעם אמתן תיקון.

קורץ און שאַרף האָבן, לײדער, די חשובע אַמעריקאַנער געסט גע־דאַרפט מאַכן זייער ערשטן וויזיט אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט, ווייל אין דרויסן האָט אויף זיי געוואַרט אַ "האַלבע שטאָט", דהיינו? — די גרוי־סע משפּחה וואָס הייסט "חברת השיכון", בראש מיט זעליק לוביאַניקער

(היינט לבון), וועלכער איז באַקאַנט אין ישראל אַלס דער "פּאַטער" פון הונדערטער ניי־געבויטע הייזער. זיי נעמען איצט איבער די געסט און זאָלן זיי זען מיט אייגענע אויגן וואָס עס קאָנען אויפטאָן דאָלאַרן און מענטשן מיט גלויבן!

אַט פאָרט אַרויס דער עשאַלאָן אויטאָמאָבילן. די שטאָט, אויפן וועג, איגנאָרירט מען כמעט, ביז מ'קומט אָן צו אַ נייעם יישוב, וואָס "ערשט נעכטן" זיינען דאָ געווען פאַרלאָזענע אַראַבישע פּרדסים, אַמאָל איז דאָ געווען אַ געפאַר פון שונאים, און דערנאָך — געפאַר פון שלאַנגען, פון טרוקענעם זאַמד און אַז. וו. היינט שטייען ווייסע שורות הייזער, און ווי אַ גרינער טעפּיך, איז אויסגעשפּרייט דאָס גראָז, יונגע ביימער שפּראָצן מיט כּלערליי פּירות, גערטנער זיינען פאַרפלאַנצט. אַרום זיי, אויף דעם מינדסטן שטיקעלע באָדן, וואַקסט שוין אייגענע גרינצייג, און די נעכטיקע אויסגעוואָרצלטע יידן ווייסן שוין היינט די קונסט (די גויאישע קונסט) פון באַגיסן און נערן די ערד. היינט די בלומען — גאַנצע סעדער; אַלייען נאָך אַלייען פון כּלערליי מינים און קאָלירן בליען אַרום די הייזער, און אַז מ'קוקט זיך איין אין די אויגן פון די איינוואוינער, דוכט זיך, אַז ניט רעגן און ניט זון נערט די בלומען, נאָר ליבע אַליין . . .

דובינסקי קאָן ניט איינזיצן לאַנג אין אויטאָמאָביל און קוקן נאָר דורכן גלאָז. ער טאַנצט אַרויס אומצאָליקע מאָל אין גאַס, בלייבט שטיין קעגנאיבער די הייזער מיט אַטעמלאָזן שמייכל . . . דערנאָך גייט ער אַריין מיט גיכן טראָט אינעווייניק אין די הייזער. די אויגן צעשמייכלען זיך נאָך מער ווען ער דערזעט די מאָדערנע צימערן, ער פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט די איינוואוינער וועלכע האָבן אַזאַ גאַסט ניט דערוואַרט. "וויפיל זענט איר נפשות? וויפיל צאָלט איר? וויפיל פאַרדינט איר?" אויף די תשובות וואָס ער באַקומט גיט ער זיי זיינע תשובות וועגן די דורכשניטלעכע פאַרדינסטן פון אַמעריקאַנער אַרבעטער, וועגן דעם גרויסן פּראָצענט וואָס גייט זיי אַוועק אויף דירה־געלט. ער דערציילט זיי אַביסל וועגן די נייע בוי־פּראָיעקטן פון דער יוניאָן אין ניו־יאָרק, און גיט צו: "אייערע הייזער זיינען ניט ערגער און זיי קאָסטן ביליקער".

צום ערשטן מאָל דערפילט ער די פרייד פון זיין "אַ שותּף" צו אַזעלכע דערגרייכונגען. אַזוי עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד. גאַסן הייזער פאַרשווינדן און נייע קומען אויף. פאַר די אויגן די זעלבע פרייליכע שכנים

מיט די קינדערלעך ארום. מ'באגריסט זיך פריינטלעך און מ'ווייסט אפילו ניט מיט וועלכן ליבן גאסט מ'טרעפט זיך. דערפאר האט ער גע־קענט אזוי זען די ווירקלעכקייט. אוודאי האט דובינסקי פריער גע־וואוסט פון "אמון"־געזעלשאפט, וואס איז געשאפן געווארן בשותפות דורך דער אינטערנעשאנאל און אמאלגאמייטעד יוניאן. נאך דעם ווי דעם אריגינעלן געדאנק פאר דעם האט געבראכט סאשא זימערמאן, נאך זיין ערשטן באזוך אין ישראל, פונוואנען ער האט זיך אומגעקערט שטארק באגייסטערט פון ישראלס דערגרייכונגען, און אין דער זעל־בער צייט, מיט דער איבערצייגונג, אז א סך דארף נאך געטאן ווערן, בפרט אויפן געביט פון באזעצן די וואקסנדיקע באפעלקערונג אין בא־קוועמע היימען. סאשא זימערמאן האט געהאט שמועסן מיט די פארשטייערס פון דער הסתדרות און דער שיכון־געזעלשאפט, און דע־מאלט איז דער געדאנק געבוירן געווארן — צו שאפן א פינאנציעלע אינסטיטוציע, צו געבן ערשטע "מארטגעדזשעס" ביי גוטע באדינגונ־גען, צו בויען דירות סיי פאר לאנגיאריקע תושבים, וועלכע האבן נאך קיין באקוועמע היימען ניט און סיי פאר נייע עולים. אבער אז פאר די 5 מיליאן דאלער (בערך ביז איצט) האט מען שוין אויפגעבויט פינף טויזנט וואוינונגען, און נייע שטעט איבערן לאנד זיינען אויפגעקומען "ווי אויף הייוון" און אז טויזנטער משפחות וואוינען אין זיי צו־פרידענע, פאר מינימאלע פרייזן — דאס האט מען ניט געוואוסט ביז "סיאינג איז בילייווינג" איז מקוים געווארן.

עס הייבט שוין אן טונקעלן אין גאס. דובינסקי, מער פון אלעמען, פילט זיך אביסל אויסגעמאטערט פון פרייד און איבערראשונג, און דאך איז דאס "וואנדערן" נאך ניט געענדיקט!

ערשט איצט פארט מען זען די שטאט חולון, וואס דער טייטש דער־פון איז: זאמד—א שטאט וואס איז אינגאנצן אויפגעבויט געווארן אויף זאמדיקן באדן. דארטווארט דער בירגערמייסטער אין "סיטי האל" אויפצונעמען דעם ליבן גאסט פון אמעריקע, אויף וועלכן מ'ווארט שוין יארן לאנג, און וועמענס נאמען איז שוין באלד לעגענדאריש ביי די ארבעטער . . .

די באגעגעניש פונעם בירגערמייסטער פון א נייער שטאט אין ישראל מיט דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל אין אמעריקע, האט גע־

האט א באזונדערן חן. אין משך פון א פאר מינוט האט ווידער די יידישע שפראך דערפילט א גרויסע שליחות. זי איז געווארן דער פארבינד־פאדעם פון צוויי "פרעמדע יידן", וועלכע האבן געשפרודלט מיט יידישן הומאר און מיט א זאפטיק יידיש ריידן. בפרט האט דער ראש העיר ממש איצט אפגעכאפט דעם אטעם, ווייל ערשט מיט א פערטל שעה פריער האט ער דא אויפגענומען מיט גרויס פאמפע דעם פרעמיער־מי־ניסטער פון בורמא . . . די שטאט איז געלאפן אויף טשיקאוועס אנקוקן דעם עקזאטישן גאסט און אים צוגעטיילט זיין פארדינטן כבוד. אבער איצטער טרעפן זיך אייגענע מענטשן. ס'איז אנדערש די באגעגעניש, און אנדערש די פרייד פון די געסט וואס שטייען אויף טיש און אויף בענק צו כאפן א קוק . . . א סך וואלט דער ראש העיר געוואלט איצט דערציילן דעם ליבן גאסט וועגן דער שטאט "אין וועלכער ער האט א חלק" . . . וועט ער כאטש א ביסל דערציילן.

"ערשט אין 1936 האבן מיר זי אנגעהייבן בויען, מיט 44 איינוואוי־נער. היינט לעבן דא 36 טויזנט מענטשן, און 80 פראצענט פון זיי זיי־נען ארבעטער, 80 פראצענט פון דער באפעלקערונג זיינען נייע עולים.

"די שטאט האבן אויפגעבויט די איינוואוינער אליין. איר וועט נאך זען א סך זאמדיקן באדן, אבער מירן אים פארבויען . . . אינעם נאמען פון דער גרויסער ארבעטער־באפעלקערונג באגריס איך אייך, און מיר דאנקען אייך פאר אייער ארבעט לטובת ישראל".

פאטאגראפערס ווארפן זייערע ליכט־סיגנאלן בשעת דובינסקי פאר־לאזט די שטאט־געביידע מיטן ראש העיר. אין שטאק־פינצטערניש קאן מען דורכן עולם קוים צוקומען צום אויטאמאביל. פון צופיל איבערלע־בונגען, קאן ער איצט גארניט זאגן די מיטפארער, נאר זעט אויס אז זיין טאג האט זיך נאכניט געענדיקט. מיטאמאל אנטפלעקט זיך א בילד — שיר ניט ווי אין קינא — זיין אויטאמאביל פארהאלטן צוויי קליינע מיידעלעך וועלכע גייען אים אנטקעגן מיט בלומען, רויזן פון זייער גאר־טן טראגן זיי דעם גאסט פון "זייער שטאט" . . . דובינסקי פארגעסט זיין מידקייט, שפרינגט ארויס פון אויטא א גערירטער פון דער מתנה, כאפט ארום די קינדער און קושט זיי . . . אריינקומענדיק אין אויטא מיט די בלומען, זאגט ער: "אט דאס איז דער פראצענט" . . .

און ווידער בלייבט שטיין די אויטא, דאס מאל לעבן א נייער וויועס־

קען אויף א גאַס, און די וויוועסקע לייענט זיך: "רחוב אינטערנעשאַ־נאַל". "איר זעט", שרייט ממש אויס זעליק לבון, "אַט איז אייער גאַס און אַט זיינען אייערע הייזער!"

ווידער רייען נייע ווייסע הייזער (מיט רויטע דעכער), מיט באַלקאַ־נען. עס זיצן אַרבעטער־משפחות און טרינקען געמיטלעך טיי. אינ־דרויסן בליט פריש גראָז, און ווידער בלומען . . .

"נעמט ניט אַראָפּ די וויוויסקע אַזוי גיך פון דער גאַס", ראָט זיי דו־בינסקי, בשעת זיין בליק איז נאָך אַנגעווענדט אויף "זיינע הייזער".

ענדלעך קומט מען אָן אין אַרבעטער־בניז, וואו אַ גרויסער עולם, די "מחותנים" פון די הייזער, די אינזשינערן, טעכניקער, בויער און אויפ־האַלטער, אויך די איינוואוינער, וואָס קוקן שוין די אויגן אויס אויף דעם פריינט פון אַמעריקע זיינען פאַרזאַמלט. ער באַקומט אַ ברידערלעכע אוואַציע און דובינסקי דערפילט זיך היימיש צווישן דעם עולם. דער אומגעדולד ביי די וועלכע ווילן אים מקבל פּנים זיין איז צו גרויס, און זיי וואַרטן ניט אַפילו ביז ער וועט דעם אָטעם אָפּכאַפּן און זעליק לבון רעדט:

"מיר האָבן דערלעבט צו זען צווישן אונדז אונדזער גרויסן ח ס י ד, כאָטש ער האַלט זיך פאַר אַ מ ת נ ג ד . . . אין צייטן פון קריזיס אין לאַנד האָבן מיר זיך געווענדט צו אונדזער גרויסער שוועסטער־אָר־גאַניזאַציע, דער אינטערנעשאַנאַל; איר ווייסט וועגן דעם וואונדער־לעכן אָפּרוף אירן, אָבער "שולדיק" איז דער ליבער גאַסט אונדזערער, וועלכער האָט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און גרויסע וויזיע. מיר האָבן לאַנג אויף אייך געוואַרט, מיר ווינטשן אייך איר זאָלט זען די פּרוכט פון אייער אַרבעט און איר זאָלט אַוועקטראָגן די גרוסן צו אייער יוניאָן. ביז איר וועט ווידער אַמאָל קומען צו אונדז, ווילן מיר אייך געבן דער־וויל אַ קליינינקע מתנה, נאָר אַלס סימבאָל פאַר אייער גרויסער הילף פאַר ישראל, — מיר געבן אייך אַ חנוכה־לעמפּל, זאָל ווי דער בוימאויל אין בית המקדש, לויכטן אייער אַרבעט ביי אונדז אין יישוב".

דובינסקי איז שטאַרק גערירט פון אַזאַ פּלוצלינגער מתנה, און ער שעמט זיך ניט צו זאָגן, אַז ער ווייסט ניט ווען ער וועט דאָס לעמפּל נוצן . . . אָבער טייער האַלטן וועט ער דאָס שטאַרק.

"איך וויל איר זאָלט וויסן", רעדט דובינסקי צום עולם, "אַז איך

טו ניט אין מײַן נאָמען, נאָר אין נאָמען פֿון מײַן אָרגאַניזאַציע״.

ער דערציילט אַז ערשטן ראַאישן קאַפּיטל פֿון דער אינטערנעשאַנאַל, וועגן דער אימיגראַנטישער עפּאָכע, וועגן די גרויסע ערשטע פּירערס, וועמעס גייסט עס האָט געבויט און געקרעפֿטיקט די יוניאָן. ״היינט זײַנען מיר אַ כוח, אָבער דער גרויסער פּראָצענט מיטגלידער זײַנען ניט־ייִדן, דערפֿאַר ווײַזן מיר צו העלפֿן בויען אומעטום וואו מ׳דאַרף האָבן אונדזער הילף. מיר האָבן פֿיל אויפֿגעטאָן אויפֿן געביט פֿון הײַזער־בוי אין איטאַליע, אין כינע, אין לאָנדאָן און אין פּאַריז שטייען אַרבעטער־היימען געבויט פֿון אונדזער אינטערנעשאַנאַל, ווײַל מיר גלויבן אין קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פֿאַר אַרבעטער און, ווען ישראל האָט זיך געווענדט צו אונדז אַז זי דאַרף אונדזער הילף, האָבן מיר אַ דאַנק סאַשאַ זימערמאַנס באַגײַסטערטן גרוס, וועלכער האָט דער ערשטער באַזוכט ישראל און געזען די נויטן פֿאַר דירות, געקאָנט קומען צו אונדזער אָרגאַניזאַציע און אַפּעלירן נאָך הילף.

״איך בין דעם ערשטן טאָג אין ישראל. דאָס וואָס איך האָב היינט געזען מיט די אויגן — די פֿרוכט פֿון אונדזער און פֿון אײַער מי — וועט בלײַבן אַן אָנדענק אין מײַן לעבן. איך בין שטאָלץ מיט אײַער פֿרײַנטשאַפֿט, ווײַל איך פֿיל אַז דער גייסט פֿון פֿרײַנטשאַפֿט איז מער ווי פּראָצענט פֿון געלט ! די בלומען וועלכע איך האָב באַקומען וועלן אָפּוועלקן, אָבער די הײַזער וועלן שטיין ! איך ווייס אַז אויך די פֿעלקערשאַפֿטן אונדזערע וועלן זיך פֿרייען, ווײַל וואָס אונדזער יוניאָן באַשטימט, באַטייליקן זיך אַלע אין די באַשלוסן, אָבער איך מוז אײַך איצטער עפּעס דערציילן : אין אַמעריקע איז פֿאַראַן אַ שטאָט מיטן נאָמען ׳מיזורי׳. די אײַנוואוינער פֿון דעם שטאָט זײַנען באַוואוסט פֿאַר ניט־גלויביקע, דאָס הייסט, אויב מ׳דערציילט זיי וואונדער פֿון ערגעץ, גלויבן זיי ניט. ווען אונדזערע וויס־פּרעזידענטן זײַנען געקומען פֿון ישראל מיט גוטע מונטערע גרוסן, האָבן מיר געזאָגט : ׳מיר זײַנען פֿון מיזורי׳. היינט, נאָך מײַן ערשטן טאָג אין ישראל, און איך האָף דאָך ערשט צו זען דאָס לאַנד, האָב איך מורא, אַז ווען איך וועל קומען און דערציילן וואָס איך האָב געזען, וועט מען מיר זאָגן : ׳מיר קומען פֿון מיזורי!׳ ״

דער עולם לאַכט האַרציק.

מיט אַ פֿרײַלעכן לחיים, בײַ טישן פֿון כל טוב, באַגריסן זיך איצטער

אַלע מיטן ליבן גאַסט. דער צימער רוישט מיט יום־טוב. עס איז ניט גרינג זיך צו געזעגענען, אָבער מאָרגן וואַרט ווידער אַ גרויסער טאָג אין ישׂראל.

אין דער טונקלקייט פון אָוונט יאָגן און באַלויכטן די גאַסן עשאַלאָנען אויטאָמאָבילן, אין וועלכע עס קערן זיך צוריק אַהיים די געסט, ווי פון אַ פרייל עכער חתונה.

דובינסקי אין חיפה

פאַרשיידן זיינען די שטעט אין ישראל. יעדע פון זיי איז ניט נאָר אַנדערש אין איר קלימאַט, אין איר אויסערלעכן אויסזען, און אין איר אינערלעכן געמיט, נאָר יעדע שטאָט האָט איר באַזונדערע היסטאָרישע באַדייטונג.

אַזוי, למשל, איז חיפה פאַרעכנט פאַר דער אַרבעטער־שטאָט, ניט נאָר ווייל דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג זיינען אַרבעטער, און אויך ניט דערפאַר, וואָס דער ראש העיר איז פון אַרבעטער דער־ווייל, נאָר דער עיקר געפינט זיך אין חיפה, און אַרום חיפה, די מערסטע און באַדייטנדיקע צאָל אינדוסטריעס וואָס אין לאַנד. אין חיפה געפינען זיך די "אויל־רעפיינערים". לעבן חיפה געפינט זיך די ריזיקע גלאָז־פאַבריק "פעניציע", וואָס אַרבעט־אויס אַלע גלאָז־אַרטיקלען פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד און אויך פאַר עקספּאָרט. לעבן איר געפינט זיך די באַוואוסטע צעמענט־פאַבריק "וואולקאַן", וואָס פּראָדוצירט וואַנעס און וואַש־באַסיינען און כלערליי צעמענט־אַרטיקלען. אַרום חיפה, אין די בערג, געפינען זיך די שטיין־ברוכערייען, וואו מ׳מאַכט צעמענט און חצץ (גרעוול) פאַר דער גאַנצער בוי־אינדוסטריע אין לאַנד. אין חיפה זיינען דאָ שיף־אַרבעטער, בנין־אַרבעטער, און אַרבעטער פון די גרינגערע אינדוסטריעס, ווי: דימענטן, פוטערוואַרג, קליידער, שיך און אַנדערע אינדוסטריעס.

חיפה איז אַ פּאָרט־שטאָט.

איז אַוודאי נאַטירלעך, וואָס דער ראש העיר, אבא חושי, האָט איינ־

געלאַדן דעם חשובן גאַסט איצט אין ישראל, דוד דובינסקי, קיין חיפה.

„אויף דעם חשובן גאַסט קוקן מיר שוין אַרוים גאַנצע צוואַנציק יאָר", האָט געזאָגט יוסף שפּרינצאַק, ביי דער דערעפענונג פונעם נייעם ביילינסאָן שפיטאָל.

אוודאי איז אַ שאָד וואָס די צייט פונעם באַזוך איז צו קורץ און ס'איז ניט מעגלעך פאַר דעם פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל צו באַזוכן אַ טייל פון די אינדוסטריעם אינעווייניק, זען די אַרבעטער ביי דער אַרבעט.

דובינסקי איז געווען אַ גאַסט אויף אַ מעת לעת אין חיפה און זיך אַביסל באַקענט מיט דער שטאָט.

אַ גאַנצן טאָג שבת האָט שוין דער שטאָטישער גאָרטן „ארונים" וואָס אויפן כרמל, געראַשט מיט יום־טוב. רויטע און בלויע פענער האָבן דאָרטן געפלאַטערט. אַ בינע איז דאָרט אויפגעבויט געוואָרן, ניט נאָר פאַר די חשובע געסט, נאָר אויך פאַר די פאַרשיידענע טאַנץ־ און ספּאָרט גרופּעס, וואָס זאָלן האָבן וואו פאָרצוטראָגן זייערע פּראָגראַמען, וואָס זיי האָבן אין כבוד פון די געסט צוגעגרייט.

דער גאָרטן, וועלכער נעמט אַריין עטלעכע טויזנט מענטשן, איז שוין זיבן אַזייגער פאַרנאַכט פול באַזעצט געווען מיט אַ יום־טובדיק נייגעריקן עולם.

אין דער באַגלייטונג פון אַבאַ חושי, און זיין סעקרעטאַר אַלמאָגי, האָבן זיך ענדלעך באַוויזן דוד און עמאַ דובינסקי. מיט האַרציקער אָוואַציע האָט דער עולם זיי אויפגענומען. אויף דער בינע צו זיצן מיט זיי, זיינען געלאַדן געוואָרן דער אַמעריקאַנער קאָנסול, דער באַליבטער שריפטשטעלער — אַ תושב אין חיפה — דוד פּינסקי, ישראל מערימינסקי און אַנדערע געסט.

די ערשטע אויפנאַמע האָט זיי געגעבן דער הסתדרות־כאָר, אונטער דער אָנפירונג פון משה ביק, וועלכע האָבן געזונגען ישראל־ און אַרבעטער־לידער. שפּעטער האָבן אַלמאָגי און אַבאַ חושי געשילדערט פאַרן עולם די פּערזענלעכקייט דוד דובינסקי, זיינע גרויסע פאַרדינסטן לטובת דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און זיין וואונדערלעכן ביישטייער צום אַרבעטנדיקן ישראל. דערביי האָבן זיי אים דערציילט אַ שטיקעלע געשיכטע וועגן חיפה און אירע אינדוסטריעס, וועגן דער גרויסער צאָל

אַרגאַניזירטע אַרבעטער, וועגן זייערע ערשטע שטריטן, קאַמפּן, איי־דעאַליזם און וועגן זייערע דערגרייכונגען אויפן געביט פון ׳יידישער אַרבעט׳.

ווען דובינסקי האָט זיך אויפגעשטעלט ריידן האָט זיך שוין געפילט אַ געוויסע נאַטירלעכע נאָענטקייט צווישן אים און דעם עולם, וועלכע האָבן נייגעריק אַריינגעזאַפּט זיין זאַפטיקן יידיש.

דובינסקי האָט מיט שטאַרק גערירטן טאָן געזאָגט:

״שוין לאַנג האָב איך אַזעלכע רייד פון יידן ניט געהערט״. ער האָט זיך אַפילו פאַרגונען אַריינצוקיבעצן חיפה און דערציילן אַ הומאָריסטיש מעשהלע, אַ דעראינערונג פון זיינע סיבירער־יאָרן, ווי אַזוי עס האָבן זיך געטראָפן אַרעסטאַנטן פון צוויי באַזונדערע שטעט און יעדער איי־נער האָט זיך געגרויסט מיט זיין שטאָט, ביז צום סוף איז געבליבן אַז אויך ״נאַראָנים״ אין זיין שטאָט זיינען דאָ מער . . . דער עולם האָט האַרציק געלאַכט פון דעם קיבעץ.

״פון דעם וואָס איך האָבן ביז איצט שוין געזען אין לאַנד״, האָט דובינסקי געזאָגט, ״בין איך שטאַרק באַגייסטערט. איך בין טיף גע־רירט פון אַ סך זאַכן, למשל, וואָס מ י ר האָבן נ י ט. איך האָב שוין אין מיין לעבן גערעדט מיט אַ סך פּרעזידענטן, אָבער י י ד י ש רעדן מיט אַ פּרעזידענט האָב איך נאָך ניט גערעדט . . . איך האָב שוין געזען אַרבעטער פון פאַרשיידענע פעלקער, אָבער נ אָ ר י י ד י ש ע אַ ר ב ע ט ע ר וועלכע טוען אַלע גויאישע מלאכות האָב איך נאָך ניט געזען. איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויגן אַז זיי זיינען אַלע יידן, אָבער איך האָב זיך געשעמט צו פרעגן . . .״

דערנאָך זאָגט ער:

״מיר דוכט זיך, אַז טאַקע נאָר איר, וועלכע ווייסן ווי אַנדערש עס האָט אויסגעזען ישראל מיט דרייסיק יאָר צוריק, און מיט צוואַנציק, און אַפילו מיט צען יאָר צוריק, און ווי זי איז היינט, איר וועט קענען באַגרייפן דעם פּראָגרעס, די קאַמפן און די דערגרייכונגען פון די אַר־בעטער אין אַמעריקע. אויף דעם געביט זע איך פיל ענלעכקייט ביי אונדז ביידן. אַמעריקאַנער אימיגראַנטן האָבן געבראַכט מיט זיך אַ באַגאַזש פון רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען, זיך אַריינגעוואָרפן מיט ברען צו אָרגאַניזירן דאָס אַרבעטער־לעבן. עס האָט געקאָסט שווערע

יאָרן פון קאַמף און מי ביז מ׳האָט דערגרייכט דעם היינטיקן מצב פון אונדזער יוניאָן. פונקט אַזוי האָט איר געבראַכט רעוואָלוציאָנערן ברען איבערצובויען דאָס יידישע לעבן, אויפבויען אַן אַרבעטער ארץ־ישראל. אייער אַרבעט האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען, איר האָט מיט וואָס צו זיין שטאָלץ. אייער אַרבעט נעמען איבער אייערע קינדער. איך ווייס, איר האָט אַ סך שונאים אַרום אייערע ברעגן. איך גלויב אין אייער כוח און מוט זיך צו פאַרטיידיקן. אָבער איך וויל אייך זאָגן, אַז ד א ר ט ן פ ו ן ו ו י י ט נ ס , האָט איר מיליאָנען פריינט, וועמענס הערצער עס קלאַפּן פאַר אייערע, און זיי העלפן אייך תמיד!״ — זיינע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אין דעם יום־טובדיקן באַלויכטענעם גאָרטן — פאַטערלעך.

די טאַנץ־גרופּעס און ספּאָרטלערס האָבן מיט באַזונדערן פליים און טאַלאַנט פאָרגעטראָגן נאַציאָנאַלע טענץ און כלערליי אַטלעטישע פאָר־שטעלונגען, פון וועלכע די געסט האָבן גרויס הנאה געהאַט. יום־טובדיק ענדיקט זיך דער ערשטער קבלת פנים אַוונט אין חיפה.

מאָרגן, אַכט אינדערפרי (שיר ניט ווי צו דער אַרבעט), טרעפט מען זיך ביים ראש העיר אין קאַנצעלאַריע, כדי פון דאָרטן צו פאָרן שפּאַ־צירן איבער דער שטאָט און אין עטלעכע אַרבעטער־אינסטיטוציעס.

דאָס ערשטע טרינקט מען אַ געשמאַקע טערקישע קאַווע, דערנאָך באַגריסט זיי דער ראש העיר מיט פּרעזענטירן זיי אַ קליינינקע ווערט־פולע מתנהלע. זיי באַקומען דעם עמבלעם פון דער שטאָט חיפה. אבא חושי נעמט טייטלען מיטן טייטל איבער דער הענגענדיקער מאַפּע, און דערציילט אַביסל געשיכטע פון חיפה. אָט זיינען די אינדוסטריעס, די קאַנאַלן, די בערג, די באַזעצטע און די ניט־באַזעצטע . . . אָבער בעסער — לאָמיר פאָרן און זען מיט די אייגענע אויגן . . .

דער פּראָגראַם פאַרן טאָג איז אַ גרויסער. בפרט ריכטן זיך היינט אויף די געסט די תלמידים, לערערס און די פאַרוואַלטונג פון דער פאַר־שול, ״בית אינטערנעשאַנאַל״ אין קרית חיים, צו וועלכער דובינסקי איז אַ נאָענטער זינט איר גרינדונג.

אין פּראָגראַם היינט איז אויך איינגעשלאָסן צו באַזוכן דעם יידישן פּאָרט, זען די שיף־אַרבעטער און זען ווי עס קומען אָן נייע אימיגראַנטן. היינט די שטאָט גופא, וועלכע הייבט זיך אָן פונעם ים אונטן, ביז הויך

אויפֿן באַרג כּרמל. חוץ דעם זײַנען דאָ נײַ־אויפֿגעבויטע שטעטלעך, נײַע װעגן, נײַע ביימער, בלומען . . . דאָס אַלץ װאָלט דער ראש העיר געװאָלט אַז די געסט זאָלן זען . . . צופֿוסנס פֿון כּרמל, קעגנאיבער דעם ים, געפֿינט זיך איינע אַזאַ מוסטער־שטאָט, ״קרית אליעזר״, הייסט זי, אויך זי איז געבויט געװאָרן מיט דער הילף פֿון ״אימון״־געלט. לאַנגע בלאָקן פֿון פֿעסטע פֿיר־שטאָקיקע הײַזער, אַלײען ביימער פֿאַרמירן שוין גאַסן, שולן און קינדערגערטנער און שפּיל־פּלעצער זײַנען דאָ, און קינדערלעך, ברוך השם, פֿעלן אויך ניט . . .

שפּעטער אין װעג, װײַזט אבא חושי אַז אויף אַ פּאָר ״פּאַקטן״. ״דאָ״ און ״דאָרטן״ זײַנען אין מלחמה־צײַט געװען געפֿערלעכע װעגן, קרבנות זײַנען דאָ געפֿאַלן . . . און איצט — זעט אונדזערע בלומען! מיר האָבן זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו פֿאַרפֿלאַנצן אַ סך בלומען אויף די װעגן, ערשטנס, טאָקע צוליב עסטעטיק װעגן, און צװייטנס, װײַל בײַ אונדז, זאָלט איר װיסן, פֿאָרן די ״דרײַװערס״ געװאָגט אַזש ביז װילדקייט, און אומגליקן געשעען צו אָפֿט, װילן מיר אַז זיי זאָלן זען די בלומען, װעט זיך זיי ניט גלוסטן צו שטאַרבן . . .

אַ סך היסטאָרישע געגנטן פֿאָרט מען פֿאַרבײַ, און דורכן פֿענצטער פֿון אויטאָ נאָשט מען אַ דערקלערונג פֿון די שטאָט־באַלעבאָטים, אָבער װען מ׳קומט אַן צום הייל פֿון אליהו הנביא, װאָס אויפֿן כּרמל, װערן די געסט געלאָדן אַרויסגיין, זען די ערשט־ניט־לאַנג געפֿונענע מאָזאַאיק פֿון צוריק מיט צװיי טויזנט יאָר, װעלכע קוקט אויס נאָך היינט קאָליר־פֿול קלאָר (און די געסט האָבן טאָקע מיטגענומען אַ מוסטער), צװייטנס, זען װי עס איז שוין דאָ אויסגעבויט אַ שיינער שטאָטישער פּאַרק (אויבן קומען פֿרומע ייִדן דאַװנען) און אין דער ״נאָענטער צוקונפֿט״, פֿאַרזיכערט אבא חושי — װעלן מיר דאָ בויען אַן אַמפֿיטעאַטער, סיי פֿאַר דורכפֿאָרער אויף די װעגן (װי בײַ אײַך אין אַמעריקע) און בפֿרט פֿאַר די מאַטראָסן, דאָס הייסט, בשעת די שיפֿן װעלן אַנקערן אין פּאָרט, װאָס איז ניט װײַט—זאָל די מאַנשאַפֿט הערן מוזיק אויף דער יבשה... דער פּלאַן קלינגט פֿאַנטאַסטיש, די געסט װערן געבעטן ניט צו גלויבן, נאָר טאַקע אַליין קומען אין אַ צײַט אַרום אַ קוק טאָן . . .

אויף דעם װײַטערדיקן שפּאַציר קומט מען אַן שוין צו אַ האַלב־פֿאַרװירקלעכטן פּלאַן פֿון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. מיר דערזעען אַ קליי־

נע ווייוויסקע אויף אַ מויער, וואָס לייענט זיך: אַ ס ט אַ ד י אָ ן ד ו ד. אויפֿן אונטערקעפּל: נשיא אינטערנעשאַנאַל בארצות הברית. מיט גאָר אַן אַנדער געפֿיל שפּאַנט דובינסקי אַריבער די שוועל וואָס פֿירט אַריין אין אַ ריזיקן סטאַדיום.

„דאָ וועט זיין דער איינציקער ספּאָרט־פּלאַץ אין חיפה", דערציילט אבא חושי, „צוואַנציק טויזנט זיצפּלעצער וועלן זיין, און פֿאַרשיידענע אָלימפּישע שפּילן וועלן דאָ דורכגעפֿירט ווערן, און אויך מיליטערישע איבונגען, ווען נויטיק... אַ גאָרטן וועט זיין, אַ שווים־באַסיין, און אַנ־דערע איינריכטונגען. עס פֿאָדערט נאָך צייט, מוט און 'אַביסל געלט', אָבער מיר וועלן דאָס ענדיקן".

דוד דובינסקי זאָגט, אַז ער איז תמיד געווען קעגן צו געבן זיין נאָמען אויף געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, נאָר „עפּעס האָט איר מיך מיט דעם פּלאַן פֿאַרכישופֿט," זאָגט ער חושין. ער דערפֿילט אינסטינקטיוו, אַז עס איז כדאי דער סטאַדיום זאָל וואָס גיכער פֿאַרענדיקט ווערן. ער וואָלט אָנגעבאָטן הילף — ווען ניט זיין נאָמען דערביי... און צוריק־געדערט — פֿאַרוואָס זאָל זיין נאָמען שטערן? ער בעט אבא חושין שטיין מיט אים אין פֿאַרבינדונג.

נאָכן וואונדערלעכן באַזוך אין „בית־אינטערנעשאַנאַל" און אין דער אַרבעטער־שטאָט קרית חיים, וואו עס וואוינען צוואַנציק טויזנט איינ־וואוינער, מערסטנס אַרבעטער וועלכע האָבן זייערע היימען אַליין גע־בויט אויף זאַמד, און היינט שטייען קליינע קאָטעדזשעס, אַרומגע־רינגלט מיט פּרוכט־ביימער און גרינסן און בלומען. ריכטיק האָט גע־זאָגט עמאַ דובינסקי, „זיי וואוינען ווי אין זומער־היימען אַ גאַנץ יאָר".

איצטער אײַלט מען צום שיף, „פֿאַרכאַפּן" איידער די אימיגראַנטן קומען אַרונטער...

דאָס ערשטע געפֿינט מען זיך אינעם הור־אַ פֿון אויסלאָדן און אַראָפּ־נעמען באַגאַזש. דובינסקי דערזעט די ברוין־הויטיקע, מוסקולירטע, האַלב־נאַקעטע פּאָרט־אַרבעטער און ער בלייבט שטיין מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם, און מיט אַ באַזונדערן שמייכל... צו זען ווי זיי טאַסקען און פֿירן געשווינד שווערע וועגענער, און כאָטש זיי זעען אויס ווי „גוי־אים", איז דווקא דוד דובינסקי נייגעריק צו פֿרעגן איינעם פֿון זיי:

— „יידיש רעדסטו?"

״מטריפולי אני!״ — פונקט פון טריפאלי איז דער ייד . . .

אלמאגי, דער סעקרעטאר פון אבא חושי, און אויך דער לייטער פו די שיף־ארבעטער, לאדט איין אריינקומען אין דער ארבעטער־קיך פו די שיף־ארבעטער, טאקע אפפרישן דאס הארץ מיט א טרונק, און זין באקענען מיט א טייל פון די טרעגער, די שיף־פאליציי און די לייטער

די טרעגער זיינען פון אלע טיילן וועלט אימיגראנטן. זיי רעדן אוין אלע שפראכן, און זיי דערפילן זיך שטארק געשמייכלט ווען דובינסק נעמט ריידן מיט זיי פויליש, רוסיש, ענגליש און יידיש . . . זיי קאנע ניט פארשטיין, אזא חשובער אמעריקאנער גאסט רעדט גאר זייערע שפראכן. ס׳דערפילט זיך א היימישע פרייד און בשעת אלמאגי שטעלט פאר דובינסקין, פילן זיי זיך שוין באקאנט . . .

״א טייערן גאסט האבן מיר היינט, מיר ווילן אים ווייזן דעם יידישן ים און דעם יידישן פארט. מיר ווילן ער זאל זען די דערגרייכונגען. זעקס טויזנט פארט ארבעטער האבן מיר. דא זיינען נאר א קליינע צאל, אבער אין נאמען פון זיי אלעמען — זייט הארציק געגריסט, מיר האבן לאנג געווארט איר זאלט אמאל אנקומען מיט איינע פון די שיפן . . .״

דוד דובינסקי, אין א געהייבענער שטימונג פון יידישע רייד פון פארט ארבעטער, ענטפערט אין גערירטן טאן:

״אז איך וועל אין אמעריקע דערציילן וועגן יידישע פארט־ארבעטער, וועט מען מיר ניט גלויבן. זייט ווייסן, אז מיר אין אמעריקע האבן אויך א פאר פארט־ארבעטער (דער עולם כאפט די סאטירע און לאכט האר־ציק), אבער אין פיל קאטעגאריעס זיינען זיי. צו צוויי גרויסע יוניאנס באלאנגען זיי, איז דאס ניט תמיד קיין ברכה . . . עס זיינען געווען לעצטנס, און עס זיינען תמיד דא גרויסע פראבלעמען״. ער דערציילט זיי אביסל פון דעם לעצטן שטרייק זייערן אין ניו־יארק. ״אבער איר זענט געבענטשט, איר זייט ארגאניזירט אין איין יוניאן, איר זייט א טייל פון לאנד. איך באגריס אייך הארציק אין נאמען פון מיין יוניאן און אין מיין אייגענעם נאמען״.

פאר דער צייט זיינען די אימיגראנטן שוין אראפ פון דער שיף און מיר האבן פארשפעטיקט זייער אנקומען . . . אבער אט זיצן זיי גרופעס־ווייז אין פארט. אט איז א תימנער משפחה, טאטע־מאמע, און צען קינדערלעך. שטיל ווי די טייבעלעך זיצן זיי אויף די ארעמע קלומקעס

און אין די אויגן א שווארץ פייערל פינקלט, די צעפעלער ביי די מיידעלעך זיינען מיט ליענטעס געפלאכטן, כאטש אין די האר מערקט זיך פרישע "מעל דיזינפעקציע" — זיינען אבער די פנימער פון די קינדער רייז און נעט זיינען זיי אנגעטאן. עמא דובינסקי פרעגט א שכלדיקע פראגע: אבער ווי איז דאס מעגלעך, אז פון תימן קומען זיי שוין אזוי ציוויליזירט? אויף דעם קומט דער ענטפער פונעם באגלייטער: דאס זיינען עולים ניט דירעקט פון תימן און פון מאראקא. זיי זיינען שוין פריער געווען עטלעכע חדשים אין פראנקרייך, דורכגעגאנגען אן "אוניווערסיטעט" פון אויסבילדונג, אונטער דער אויפזיכט פון דער אגענטור. מיר פרעגן זיך נאך אויף דער מאמען פון די צען קינדער, און עס איז שווער זי אויסטיילן פון דער עלטערער טאכטער . . . מיר נעמען זיך מיט זיי בילדער און זיי שמייכלען מילד צו אונדז און צום פאטאגראפער.

דער פארוואלטער פון פארט, מיסטער לאנדמאן, האט אנגעגרייט אן אויפנאמע פאר די געסט — פארן אויף א שפאציר־שיף איבערן ים, זיך אביסל אפפרישן און זען ווי עס רוען די שיפן אויפן ים. די איינלאדונג איז געווען זייער א געוואונטשטע. אט קאן מען זיצן, אין דערפרישונג פון די כוואליעס, און דורכלעבן נאכאמאל די אלע איבערלעבונגען ביז איצט אין חיפה. פונווייטנס שמייכלט דער כרמל־בארג, וואס באצויבערט די שטאט און הייבט זי אויף הויך ביז צום הימל . . . די בערג דערציילן ניט נאר אמאליקע געשיכטע, נאר נעכטיקע און היינטיקע העלדישקייט. און די שטאט אונטן, וועלכע איז געדיכט באזעצט, איז טומלדיק און פריילעך, דארטן וואוינט דער "פראלעטאריאט", דארטן איז דער מסחר, די קאפייען, די "שווארצע ארבעטער". אט שטייען טאקע די שווארצע אר־עטער איצטער לעבן די געסט און זיי דערציילן פון "ניסים אויפן ים".

אפגערוט זיך אביסל, איז מען צוריק אין פארט, וואו עס באגעגענען זיך די געסט מיט וויכטיקע פארטרעטער פון סולל בונה, פון "אמפאל", און ווידער איז מיט אונדז דא דוד פינסקי, וועלכער שטראלט מיט יוגנטלעכער פרייד. פיל צייטונגסלייט, לייטער פון קולטור־דעפארטמענט, — אלע זיינען איצטער געלאדן אויף דער שיף "נגבה", וועלכע האט ערשט אויסגעלאדן די נייע אימיגראנטן, און רוט אביסל אין די וואסערן. דארטן איז צוגעגרייט א יום־טובדיקער מיטיק אין כבוד פון די דו־

בינסקיס, מאַרים נאַוואק און זיין פרוי און אַלע געסט. אַלמאַגי וואָס איז אַן היימישער אויף דער שיף, איז איצטער דער "טאָוסט־מאַסטער". ער טיילט צו יעדערן זיי אַרט, ער רופט אויס די נעמען פון צענדליקער געסט, דערוויסט מען זיך אַז דאָ געפינט זיך דער פאַרוואַלטער פון "שוהם", ישראל׳ס שיף־געזעלשאַפט, מיט קאַפּיטאַנען און שיף־אינזשי־ניערן, דאָקטוירים, מאַטראָסן, פאַרטרעטער פון שטייער־דעפּאַרטמענט, און — אויך דער אַמעריקאַנער קאָנסול פון חיפה.

ס׳איז אַ שמחה אויף אַ יידישער שיף. מ׳טרינקט לחיים און מ׳פרייט זיך ווי אייגענע, כאָטש מ׳איז פון אַ סך לענדער . . .

נאָכן מאַלצייט, אין דער פריילעכער שטימונג וואָס הערשט, איז כאַ־ראַקטעריסטיש צו זען, ווי דוד דובינסקי פאַרלאָזט זיין "אויבן־אָן", און אויף זיין אַמעריקאַנער שטייגער — נעמט ער אַרומשפּאַצירן לעבן די טישן און כאַפּט אַ שמועס מיט די געסט . . . גאַר געשמייכלט פילט זיך דער עולם פון דעם, נאָר אַלמאַגי לאָזט ניט מער "פליכטעוועז" מיט די טישן און בעט דובינסקין צוריקקומען, ווייל "מיר ווילן עפּעס זאָגן, און מיר ווילן עפּעס הערן" . . .

אַלמאַגי האָט שוין פאַרענדיקט מיט די טיטולן פאַר אַלע אַנוועזנדי־קע, און אין עטלעכע קורצע ווערטער "גיט ער דעם עולם דובינסקין".

אין אַ טיף־געריירטן טאָן הערן מיר:

"איך בין ניט קיין אתה בחרתנוניק, דאָך קומט דער געדאַנק, אַז מיר מוזן זיין בעסער ווי אַנדערע, אַניט האָבן מיר ניט קיין מקום אונטער דער זון . . . מיר מוזן זיין מער עמפּינדלעך, מער טאַלעראַנט, בכלל בע־סער . . . איר האָט דאָ באַוויזן צו טאָן געוואַלדיק גרויסע זאַכן, עס איז ניט וויכטיק ווי איינער שאַצט זאַכן. דאָס אויפבוי־ווערק פון אַרבעט איז אַזוי וויכטיק ווי עס איז דאָקטאָר סאַלקס דערפינדונג. אייערע קיבו־צים" — שרייט ער ממש אויס אין עקסטאַז, "זיינען דאָך אַ געוואַלדי־קע דערגרייכונג! זאָלן אַרבעטער־שונאים זען, וואָס אַרבעטער האָבן אויפגעטאָן אין ישראל! שליחים קומען מאַכן אַפּילס, אָבער אייערע מעשים זיינען די גרעסטע רעקלאַמע. איר האָט אַ סך פריינט, אַפּילו אַז זיי ווייסן נאָך ניט וועגן אייערע אויפטואונגען. איך פיל אויף זיך אַ גרויסע אויפגאַבע — צו דערציילן די אַרבעטער אין אַמעריקע וואָס איך האָב דאָ געזען, הלוואי זאָלן זיי מיר גלויבן" . . .

און נאָך געלייטערטער קלינגט זיין שטים ווען ער זאָגט:

"איך האָב שוין געזען לענדער און מיין לעבן, האָב שוין פיל דורכגע־לעבט, — עס קומט אפילו אַמאָל דער געדאַנק, אפשר בין איך געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל — פון אַן אָרימען בעקער־ייִנגל געוואָרן אַ פירער פון אַ מעכטיקער יוניאָן, דורכגעלעבט אַזויפיל גרויסע מאָמענטן אין מיין לעבן ... אָבער דער מאָמענט — היינט אין דער שטאָט — איז דער גרעסטער, טיפסטער מאָמענט מיינער ... . . איז פאַרגלייך מיט אייער ג י ב ן איז אונדזער בייטראָג קליין. און איך זאָג אייך: דער טאָג — דאָס איז דער שענסטער טאָג אין מיין לעבן! נעמט צו מיין דאַנק אין מיין נאָמען, אין נאָמען פון מיין פרוי, און אין נאָמען פון מיין אָרגאַניזאַציע!"

אַ פרייד האָט אַלעמען אַרומגענומען פון די רייד. יעדער האָט דער־פילט דעם אמתן פריינט, די פּערזענלעכקייט דוד דובינסקי, און ווי וויכ־טיק עס איז פאַר ישראל צו האָבן אַזעלכע פריינט אין דער גרויסער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט.

זאָל מיר דערלויבט זיין אַ קליינער עפּיזאָד, וועלכער איז געקומען אויפן זכרון, אין פאַרבינדונג מיט דעם באַזוך אין לאַנד פון דוד דובינ־סקין. ווען לאָקאַל 22 אין ניו־יאָרק האָט מיט יאָרן צוריק געווידמעט אין מיין כבוד וועגן אַ ליטעראַרישן פרימאָרגן צוליב דער דערשיינונג פון מיין ערשטן בוך לידער, און וואו דער באַליבטער דיכטער אברהם רייזען, ע"ה, האָט זיך באַטייליקט, און ווען דוד דובינסקי, אים צו לאַנגע יאָר, וועלכער האָט אָנגעטאָן מיר און דעם עולם אַ כבוד מיט זיין קומען צום פרימאָרגן, האָט באַקומען דאָס וואָרט, האָט ער געזאָגט: "ערגעץ אין אַ שטאָט, אין אונדזער יוניאָן, האָב איך זי באַ־געגנט. דעמאָלט האָט זי נאָך אַליין ניט געוווּסט, אַז זי שרייבט לי־דער ... אָבער, ווייזט אויס, אַז זי איז געווען אַ שוואַכע דרעסמאַכעריז, אויב זי שרייבט איצט גוטע לידער ... איז גוט וואָס מיר האָבן אויך אַזעלכע דרעסמאַכערינס אין אונדזער יוניאָן" ...

און מיר ווילט זיך איצט פּאַראַפראַזירן און זאָגן צו דוד דובינסקי: גוט וואָס אין דער בונדישער באַוועגונג, "ערגעץ אין אַ שטאָט" זיינען דאָ אַזעלכע גוטע "ניט־ציוניסטן" (הלוואי אויף אַ סך געזאָגט געוואָרן!) — אויף לאַנגע געזונטע יאָר!

אַ באַזוך אין עיינות

גאָר אָריגינעל, צווישן די געסט וועלכע האָבן באַזוכט ישראל אויף דער איינלאַדונג פון דער הסתדרות, איז געווען פרוי עמאַ דובינסקי, די לעבנס־באַגלייטערין פון דוד דובינסקי, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן און אַמעריקאַ, וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן אויך צוליב איר אייגענעם יחוס אין ישראל.

אַ לאַנג־יאָריקע טיכטיקע טוערין פונעם "אָרט" אין אַמעריקע, האָט עמאַ דובינסקי פיל צו דערציילן וועגן פיאַנערישער אַרבעט פאַרן "אָרט" אין די רייען פון די יוניאָנס אין אַמעריקע, וואָס אַ דאַנק איר שטילער ענערגיע, ווייסן די יוניאָנס שוין לאַנג צו פאַרצייכענען פיל שטיצע און אַרבעט לטובת "אָרט".

עמאַ דובינסקי איז אַליין אַן אָריגינעלע פערזענלעכקייט. זי גייט ניט מעכאַניש אין די פוסטריט פון איר מאַן. כאָטש זי קומט אויך פון אַרבעטער־קרייזן, און האָט אין די ערשטע יאָרן געאַרבעט אין אַ "שאַפּ" און געוויס איינגעזאַפּט די "ליידן און פריידן" פון די אימיגראַנטישע יאָרן, האָט זי אָבער קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג צו זיין "אויך אַ פירעריין". פאַרקערט, זי איז געווען און געבליבן די געטרייע יידישע מאַמע און חברטע פון זייער איינציקער געראָטענער טאָכטער. זי איז

תמיד געווען א שטאַרקע ליבהאָבעריין פון מוזיק, טעאַטער און ממיש לײדנשאַפטלעך באַזוכט אָפּערע און קאָנצערטן. שפּעטער, ווען איר מאַן איז אויסגעוואַקסן צו דער פּאָזיציע פון א וויכטיקן אַרבעטער־פירער, האָט עמאַ געוואוסט ווי אַזוי זיך צו באַטייליקן אין איר מאַנס געזעל־שאַפטלעכן לעבן. אָבער עמאַס נאָענטע פריינט האָבן געוואוסט: עמאַ האָט איר אייגענע וועלט — דאָס בוך, די מוזיק און גאָר אויף א באַ־זונדערן אופן, ליבע צו דער נאַטור. אַזוי, למשל, האָט זי די זומער־חדשים אין "יוניטי הויז" זיך אָפּגעגעבן מיט פלאַנצן אַרום איר זומער־היים, פאַרשיידענע פרוכט־ביימער און בלומען. א באַזונדערע נייגונג האָט זי אויך צו אַנטיקן — מעבל, לאָמפּן, וואַזעס, בילדער. האָט מען טאַקע תמיד באַוואונדערט איר געשמאַק בשעת מ'האָט באַזוכט זייער היים סיי אין שטאָט און סיי אין "יוניטי הויז".

צוליב איר גרויסן אינטערעס אין "אַרט", איז כדאַי צו וויסן ווי אַזוי עמאַ דובינסקי האָט רעאַגירט אויף א פּאָר קאָנקרעטע דערגרייכונגען פון מועצת הפועלות, וואָס זי האָט געזען אויף אַן איין־טאָגיקן שפּאַציר, בפרט אין די קינדער־אַנשטאַלטן אין יפו, די געוועזענע אַראַבישע שטאָט, וואו עס וואוינען איצט טויזנטער יידישע משפחות. זי האָט שטאַרק רעאַגירט אויף די רואינען, וועלכע מ'זעט נאָך דאָרטן ווי לעבע־דיקע עדות פון נעכטיקער מלחמה. א רירנדיקער מאָמענט איז גע־ווען בשעת זי האָט דורך די פענצטער פון אויטאָ באַמערקט און ממש קינדעריש אויסגערופן: "זעט ווי בלומען וואַקסן אין רואינען". באַלד האָט זי געזען ווי עס וואַקסן קינדערלעך אויף דער נאָך האַלב־רואינירטער ערד אין יפו. די שטאָט האָט איר באַזונדערע געשיכטע, און נאָר א גאַסט אויף א ווייל קען באַמערקן, ווי אַזוי עס טיילן זיך אויס פון די ניי־אויפגעבויטע הייזער, די פיל קריסטלעכע מאָנאַסטירן וועלכע די ענגלענדער האָבן "העלדיש" קעגן אונדז פאַרטיידיקט . . . אָבער, האָט עמאַ באַמערקט, "עדות פון א קולטור זיינען עדות, צי זיינען מיר פריינט אָדער שונאים". באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז דאָס גע־ווײנלעכע אַראַבישע הויז, וואָס איז אַרומגעמויערט מיט א הויף און אָפּגעצאַמט מיט ווענט, ווי א שוץ־פעסטונג פאַר דער פרוי, אַז דער שכן זאָל זי, חלילה, ניט זען אין איר טעגלעכער באַוועגונג . . .

איצט באַוועגן זיך אין די הויפן און אין די הייזער הונדערטער אימי־

גראַנטישע קינדער מיט זייערע לערערינס. אין דעם קינדערגאָרטן וואָס מיר האָבן באַזוכט (איבערן לאַנד זיינען דאָ איבער 400 קינדערגאָרטנס) לערנען צוויי קאַטעגאָריעס קינדער. פאַר זיי צאָלט אַ געוויסע סומע די שטאָט, ווייל זיי האַלט מען אַ גאַנצן טאָג און מ׳שפּייזט זיי מיט עסן, וואָס ווערט געקאָכט און געבראַכט פון די צענטראַלע קיכן אין יפו. די צווייטע קאַטעגאָריע קינדער קומען פון בעסערע היימען, און זיי קערן זיך צוריק בייטאָג אַהיים. אַלע קינדער זיינען פון אימיגראַנטישע עלטערן, מערסטנס געבוירענע אין ישראל, אָבער זיי קענען נאָך ניט גענוג העברייאיש, ווייל מען רעדט עס ניט אין דער היים. צווישן זיך ריידן אַלע קינדער עברית. אויף די ווענט און אויף די טישן זעט מען פון דער קינדער אַרבעט — צי אין קלעפּן, מאָלן, צי שניצן — מאָטיוון פון יידישע יום־טובים, דאָס פעלד, די בלום, און אַפילו מאָטיוון פון גרענעץ־פאַרטיידיקונג . . .

עמאַ פרעגט די לערערינס אַ וויכטיקע פראַגע: וואָס איז דער פאַרבינד־פאָדעם דאָ צווישן די קינדער און זייערע היימען? דער ענטפער: די קינדער נויטיקן זיך אין אַ גוטער היים־דערציאונג, אָבער מיר האָבן נאָך גרויסע שוועריקייטן צו דערציען די היים, אַז זי זאָל העלפן דעם קינד פאָרזעצן זיין אַנטוויקלונג.

דאָס קלאַפּן פון האַמער און טשוועקעס, מיט וואָס קליינוואַרג איז איצט פאַרטאָן, און דער טומל פון שפּיל און געזאַנג אין הויף, דאָס באַגלייטן פון שוואַרצע און בלויע אייגעלעך פון די קינדער איז די "לעבעדיקע סימפאָניע", פאַר וועלכער עמאַ דובינסקי איז דאַנקבאַר, סיי די לערערינס (אַגב בלויז צוויי פאַר אַכציק קינדער, וואָס מיינט שווערע מי), סיי דער באַגלייטערין פון מועצת הפועלות, רבקה יפה, וואָס רעדט אַ פיינעם ענגליש, וועלכע האָבן איר געגעבן די געלעגנהייט צו כאַפּן אַ קוק אויף דער דערציערישער אַרבעט פאַרן נייעם קינד אין ישראל.

פון יפו פאָרן מיר באַזוכן עיינות, די מוסטער לאַנדווירטשאַפטלעכע שול פאַר יוגנט, געגרינדעט מיט העכער 25 יאָר צוריק און אָנגעפירט פון עדה מיימון. דער וועג פירט דורך ראשון לציון, דורך גרינע גערטנער באַלאַדענע מיט פרוכט־ביימער און הויכע פאַלמעס וועלכע וואַרפן שאָטן אויף די וועגן.

צו אונדזער אַנטוישונג דערוויסן מיר זיך, אַז עדה מיימון איז היינט

אין כנסת אויף איר פּאָסטן. עס נעמט אונדז אויף אין גרויסן ביבליאָ־טעק־צימער די פּאַרוואַלטעריז. אַרויסגייענדיק אין דאָרף זעען מיר די ערשטע אויפגעשטעלטע שטוב. דעם ערשטן פּרדס פון טויזנט דונאַם לאַנד, וואָס עדה מיימון האָט דערגרייכט פאַר די ערשטע צען טויזנט פונט, וואָס זי האָט באַקומען אין רומעניע ביי דער דאָרטיקער וויצ"אָ אָרגאַניזאַציע.

אויסהערנדיק אַ ביסל געשיכטע פון דער שול, איז עמאַ דובינסקי נייגעריק צו וויסן וואָס איז היינט דער פּראָצענט אימיגראַנטישע מיידלעך, און מיר הערן: "פּופציק פּראָצענט זיינען היגע געבוירענע און 50 פּראָצענט פון קיבוץ גלויות — קינדער פון 25 ביז 30 לענדער, וועלכע האָבן ניט קיין עלעמענטאַרע בילדונג, בפרט די מיידלעך. זיי זיינען געוועזן דינסטן, שקלאַפן, אין היילן געלעבט. היינט מוז מען צוליב זיי גרינדן און אַנהאַלטן אַ סך קלאַסן. די עלטערן בעטן אָפט די קינדער צוריק אהיים נאָך אַ פּאָר יאָר לערנען, כדי זיי זאָלן ווערן "ברויט־גע־בער", אָבער די קינדער ווילן ניט פאַרלאָזן די שול. אַ קליינער טייל האָט דאָך ניט געקענט אויסהאַלטן דעם דרוק פון די עלטערן . . .

אויסער אַגריקולטור געביטן לערנען זיי אַלגעמיינע לימודים, באַטייליקן זיך אויך אין פּאַרוויילונגען און ספּאָרט, אָבער דער עיקר, ענדיקן זיי ווי אַגראָנאָמען, און תמיד וואַרט אויף זיי אַ וויכטיקער פּאָסטן אין לאַנד.

מיר דערנעענטערן זיך צו די פעלדער וואו זיי אַרבעטן. פון ווייטנס שלענגלען זיך די גערטנער מיט אַוואָקאַדאָס, פאַרשיידענע פּרוכטן און באַזונדערס געדיכטע אָראַנזשן־סעדער. מיר הערן, אַז אין דער ווירט־שאַפט זיינען פאַראַן 87 קי און טויזנט הינער. עמאַ באַמערקט די בלו־מען־ביימער, וועלכע וואַקסן אין ישראל (נידעריק ברייט־צעצווייגטע ביימער פול מיט רויטע בלומען): "אַזעלכע ביימער האָב איך נאָך ניט געזען אין קיין שום לאַנד", זאָגט זי.

אָט געפינען מיר זיך לעבן די "דאָרמיטאָרים", אויף וועלכע טיף־פאַר־וואָרצלטע ביימער וואַרפן שאָטן. אין יעדן צימער — אַ טיש מיט בלו־מען און צענטער, דריי בעטן, מאָדערנע בעט־שפּרייטלעך אויף זיי, און פון דער זעלבער סחורה, פאַרהענגלעך, בילדער אויף די ווענט, און לופט, דורך ברייט־צעעפנטע פענצטער. ביים פאַרלאָזן די צימערן, האָט עמאַ

געבעטן, אויב מעגלעך, זען די קינדער פון נאָענט.

זי האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די איינלאַדונג צו עסן מיטיק אי־נעם גרויסן עסצימער צוזאַמען מיט די קינדער. און אָט זיצן מיר צו־זאַמען מיט די געזונטע, מוסקולירטע און פון זון־פאַרברוינטע יונגוואַרג אין בגדי עבודה. עמאַ זעט מסתמא צום ערשטן מאָל אַזאַ פריילעכע גרויסע משפחה ביי איין טיש. זי קוקט זיי אָן מיט שטילער באַוואונ־דערונג. זי וואָלט געוואָלט ריידן מיט זיי, קאָן זי, ליידער, ניט די שפראַך.

"און די מאכלים" — גיט זי צו מיט צופרידנקייט — "זיינען טאַקע ממש געשמאַק!"

ביים פאַרלאָזן די שול האָבן מיר באַמערקט אַן אויפשריפט אויף אַ וואַנט: "אַ פאָלק קען זיך ניט אויפהייבן הויך, סיידן עס פאַרמאָגט באָדן אונטער די פיס". באַלד האָט די פאַרוואַלטערין צוגעטראָגן עמאַן אַ קליינע מתנה, אַ ביכעלע געשיכטע פון עיינות. עמאַ איז דאַנקבאַר סיי פאַר דער מתנה, סיי פאַר דער געלעגנהייט צו זען אַביסל כאָטש פון דעם בויענדיקן לעבן פ ו ן און פ אַ ר דער יוגנט אין לאַנד.

אויף די פעלדער פון בית־שאן

אַז מ'וויל קאָן מען אָנהייבן דערציילן וועגן דער געשעעניש ווי וועגן אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט, און נאָך מיט אַ פּראָלאָג דערצו.

אין איין שיינעם טאָג איז געקומען אַן אַמעריקאַנער ייד קיין ישראל, מיטן נאָמען סעם האַמבורג פון קאַליפאָרניע (פאַרשטייט זיך אַ רייכער), וועלכער האָט אין דער יוגנט געענדיקט די הרצליה גימנאַזיע אין תל־אביב, שפּעטער אַלס אינזשעניר, אַוועקגעפאָרן צוריק, און דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום מיט ערשטע עקספּערימענטן אויף קאַליפאָרניער ערד, ביז ער האָט מצליח געווען צו דעם היינטיקן גרויסן פאַרמעגן פון פיל קאַטן־פעלדער, בוריקעס און מעלאָנען־פעלדער אין קאַליפאָרניע.

האָט אָבער, זעט אויס, די הצלחה, סיי געשעפטלעך, און סיי דאָס פאַרווירקלעכן גרויסע עקספּערימענטן, דעם יידן סעם האַמבורג ניט אינגאַנצן באַפרידיקט, "זיין הארץ איז געווען אין מזרח". ניט נאָר ווייל אין ישראל האָט ער קרובים און איז מיט זיי נאָענט פאַרבונדן, נאָר ווייל די ישראלער ערד האָט אים געצויגן!

האָט ער אין איין שיינעם טאָג אַהער געבראַכט צושטייער ניט נאָר זיין גרויסע דערפאַרונג, נאָר אויך זיין טיפן בטחון, אַז "אויך אין ישראל קאָן וואַקסן בוימוואָל". ער האָט געוואָגט צו קומען צום משרד החקלאות (דעם אַגריקולטור דעפּאַרטמענט) און פאָרלייגן זיין "רעוואָלוציאָנערן" געדאַנק פון פלאַנצן "קאַטן" (בוימוואָל), ווייל דאָס איז אַ גרויס רייכ־

טום פאַרן לאַנד, ווייל אויב קאָטן, מיינט דאָס אויך אויל פון די קער־נער, מיינט דאָס אויך פאַשע פאַר פי פון דער שאַלעכץ, און אז. וו. ער האָט מיט זיין גלויבן און גרייטקייט פאַר דער דאָזיקער אונטערנעמונג מצליח געווען צו געווינען דעם צוטרוי פון אַ טייל פון די נויטיקע מענ־טשן פון דער רעגירונג, און באַלד האָט ער געבעטן צוויי מענטשן צו זיך קיין קאַליפאָרניע זיי צו לערנען. אין דער זעלבער צייט האָט ער אַהער־געשיקט זיינעם אַן אינזשעניר אַלס פאַרוואַלטער, דאָ אויסצולערנען אַ נויטיקע צאָל מענטשן, און אַליין געקומען פליען הין און צוריק יעדע פאַר חדשים, און זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין זיין טרוים. וועגן די סאַמע ערשטע עקספּערימענטן פון ניט און יאָ מצליח זיין וועט מען אַמאָל ערשט שרייבן — גענוג איז צו דערציילן פון דעם ערשטן געלונגענעם עקספּערימענט אויף דריי הונדערט דונאַם ערד.

„אָבער וואָס טוט גאָט?" — איז געקומען אַן היישעריק און פאַרניכ־טעט אין עמק בית־שאָן די גאַנצע זריעה . . .

סעם האָט געוואוסט מיט וואָס און ווי אַזוי דעם מזיק צו באַקעמפן. ער האָט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט „שעל" באַקומען דעם נוי־טיקן קעגנגיפט צום היישעריק, און אים פאַרטריבן. באַלד האָט ער געבראַכט פון קאַליפאָרניע פאַרשיידענע אַלערליי מינים קערנער און מצליח געווען אין דעם „הויך" און קוואַליטעט פון וואַקסן.

אַז מ'וויל קאָן מען ענדיקן דעם פּראָלאָג אַט־דאָ און איבערגיין צום סיפור המעשה, צום אומגלויבלעכן אמת.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די היגע ערד איז איבערן גאַנצן לאַנד פּאַסיק פאַרן וואוקס פון בוימוואָל. באַזונדערס פּאַסיק איז די ערד אין בית־שאָן, וואו עס איז וואַרעם און ס'איז דאָ מער וואַסער. די רעגירונג האָט באַשטעטיקט אַ גרויסע סומע געלט לטובת דער נייער אונטערנע־מונג און האָט שוין געגעבן אַ פערטל מיליאָן פונט אַלס אַן הלוואה צום בית־שאַנער ראַיאָן (דעם ראָט פונעם גאַנצן געגנט וואָס שליסט איין די קיבוצים און מושבים אַרום בית־שאָן). אויף 8 יאָר צייט איז די הלוואה און זי דאַרף זיך אַליין דורך דער צייט אויסצאָלן.

דער דורכשניטלעכער געברויך פאַרן לאַנד דערווייל איז בערך 5 טויזנט טאָן קאָטן אַ יאָר. דאָס האָט געקאָסט ביז איצט צו קויפן — 4 און אַ האַלב מיליאָן פונט. איצטער וואַקסט שוין אויף די ערשטע 3

טויזנט דונאַם, אייגענע קאַטן. באַלד הייבט מען אָן פאַרזייען נאָך 22־25 טויזנט דונאַם און דאָס וועט קלעקן כמעט פאַרן געברויך פון דער באַפעלקערונג, און וועט איינשפּאָרן דער רעגירונג 2 מיליאָן דאָלער! דער עיקר וועט מען פּראָדוצירן פּאַדעס, קאַטן־העמדער, וועש און אַנ־דערע אַרטיקלען. איינגיכן, האָפט מען, זאָל זיין גענוג אי פאַר דער באַ־דערפעניש פון לאַנד און אויך פאַר עקספּאָרט. מ'האָט שוין באַשטעלט אין אַמעריקע אַ צווייטע "מיורעי"־מאַשין וועלכע וועט אָפּערירן אין דרום און אין צפון פון נגב.

ביז איצט האָבן אויסגעפעלט אינעם געגנט ליידיקע הענט צו דער אַרבעט, בעיקר האָבן געאַרבעט נייע עולים און אויך אַ סך יוגנט פון די קיבוצים. דאָס יאָר וועט מען דאַרפן באַשעפטיקן טויזנט מענטשן אַ טאָג! 4־5 חדשים גדויערט ביז עס ווערט רייף די בוימוואָל, און אַ פּלאַן איז שוין דאָ אָנצוהייבן מיט די נייע אַמעריקאַנער מאַשינען דאָס "פּיקן", דאָס אַרונטערנעמען די קאַטן, אי ווייל עס וועלן אויספעלן "הענט" און אויך ווייל מ'כוון אין דריי חדשים צייט אַרונטערנעמען די גאַנצע זריע איידער עס הייבן זיך אָן די רעגנס אין לאַנד.

מ'האָט שוין אויסגעלערנט די היגע מאַשיניסטן ניט נאָר ווי אַנצו־גיין מיט די מאַשינען, נאָר לויט די "בליו־פּרינטס", האָבן זיי אַליין צונויפגעשטעלט אַ סך טיילן און ווען דער אינזשיניר פון דער "מיורעי" געזעלשאַפט איז געקומען אויף זעקס חדשים, האָט ער שוין געטראָפן די קאָנסטרוקציע שטיין פאַרטיק. איצט ענדיקט ער די "סופּערוויזשאָן" און פאַרלאָזט.

און אָט איז אַ יום־טוב אויף די פעלדער פון בית־שאָן. ביי די לאַנגע טישן מיט כל־טוב, זיצט די מיניסטערשע פון אַרבעט, גאָלדע מייערסאָן, די יידישע טאָכטער, וועמענס נאָמען איז שוין געוואָרן אַ לעגענדע, און אַ סך געסט, בפרט מחותנים פון אַגריקולטור־דעפּאַרטמענט, מיטן מיניסטער מר נפתלי, בראש. דער גליקלעכער מחותן, סעם, שטראַלט פון פרייד. זיינע ערשטע באַגריסונג־רייד קלינגען איצט נביאיש: "די ישראלער ערד איז די בעסטע אויף דער וועלט"... "איך גלויב אין אַ טאָג, ווען מיר וועלן ניט דאַרפן אָנקומען צו דער וועלט!"...

ענלעכע רייד הערט מען דאָס ערשטע מאָל אין ישראלער געשיכטע פון אַן אַמעריקאַנער קריסט, אַ פּאַרטרעטער פון "פּוינט 4" אין לאַנד:

״אייער ערד איז רייך, זי קאָן אייך ברענגען עשירות. מיר ווינטשן אייך הצלחה אין צווייען, אויך צו אייער קאָאָפּעראַציע מיט אַמעריקע!״

זייער רירנדיק זיינען די רייד פון שר החקלאות, וועלכער באַגריסט ניט נאָר די גאַנצע אונטערנעמונג, נאָר בפרט דעם ראַיאָן פון בית־שאָן, וועלכער האָט געהאַט דעם זכות צו לייגן די ערשטע בריק צווישן אינ־דוסטריע און אַגריקולטור אין ישראל.

כאָטש אַרום און די טישן פּילט מען דאָס לייכטע וואַסער־שפּריצן אויף די גרינע פעלדער, הערט מען אָבער פונעם לייטער פון בית־שאָנער געגנט, אַ טאָן פון באַזויער אין זיינע יום־טוב רייד: ״ניטאָ נאָר, ליידער, גענוג וואַסער אין לאַנד״. פאַר דער גרויסער נייער אַרבעט וועט זיך פאָדערן גרויסע אינוועסטירונג, גרויסע מי.

דער קלימאַקס פון יום־טוב ווערט דערגרייכט און פאַרפולט, בשעת סעם בעט דעם עולם מיטגיין מיט אים צו דער ״רויטער פעסטונג״, די מאַשינען וואָס שטייען גרייט קעגנאיבער פול מיט תבואה.

גאָלדע מייערסאָן צעשערט די לענטע און ווי אַ דאַמבע שטראָמט דער עולם אינעווייניק. אין אויגנבליק נעמען זיך דרייען און רעשן די רע־דער און לעדערנע פּאַסן, וועלכע פּלעפן דאָס אויג . . . סעם באַמיט זיך מיט אַלע כוחות איבערשרייען דעם גערודער און דערקלערן אַלע ערשטע פּראָצעסן פון דער אַרבעט . . . קאָרעספּאָנדענטן שלינגען זיינע רייד, אָבער באַנעמען איז שווער. די מאַשינען רוישן . . . און פאַר די אויגן שפּרינגען שוין דורך גלאָז־פענצטער פון מאַשין די ערשטע ליידיקע קערנער, וועלכע פאַלן אין רערן באַזונדער פון דעם באַנוול, און אַט צעמאָלענע שאָלעכץ און אַט טיילט שוין סעם אויס, ווי לעקעכלעך, צאַרטע, שניי־ווייסע קאָטן . . .

אינעם פרייליכן געטומל פאַרלירט מען סעמען און כיטאָמאָל וואַקסט ער אויס ביים ״מויל״ פון דער גיגאַנטישער מאַשין, ער בעט דעם עולם זיך אָפּרוקן, ווייל באַלד דאַרף אַרויסקומען דאָס ערשטע געפּרעסטע פּעקל קאָטן — די מאַשין צעעפנט אירע ציין און זי וואַרפט אַרויס אַ ריזיקן קוואַדראַט מיט שטריק און זאַק־געבונדענעם ווייסן קאָטן . . . סעם אַליין בלייבט אַטעמלאָז, ער לייגט אַרויף ביידע הענט אויף דעם ״בנין״ און מיט טרערן און ציטערדיקער שטים בעט ער פאַר

זיך דעם זכות: אַט־דעם ערשטן "באַנדל קאַטן" קיינמאָל ניט צו פאַר־נוצן! לאָזן אים אַלס אָנדענק!

דער עולם נעמט אָן מיט באַגייסטערונג זיין וואונטש.

שפּעטער ווערט דער ערשטער פּאַק בוימוואָל צוגעטיילט אַלס מתּנה דעם מוזיי אין עין־חרוד, דעם בית־שטורמאַן, וועלכער זאַמלט און היט אָפּ אויסגראָבונגען פון עמק און כּלערליי אַנדערע היסטאָרישע נייע ווערטן.

עס איז פרייטיק פאַרנאַכט — שוין ערב־שבת. דער עולם אײַלט צו די אויטאָס צו פאָרן אַהיים. דער שטויב און דער טומל אין דרויסן איז גרויס. סעם האַמבורג, אַ שיכורער, ניט פון וויין, געזעגנט זיך מיט אַלעמען. ער פליט באַלד אַהיים, און אין מאַי וועט ער ווידער קומען צו־ריק "זען זיין חלום וואַקסן"...

דער פּאָטער פון כותנה אין ישׂראל

אַז אין ישׂראל וואַקסט שוין כותנה (בוימוואָל), ווייסט מען שוין אַפילו אויסער די גרענעצן פון לאַנד. אָבער וועגן דער ביז־גאָר אינטערעסאַנטער געשיכטע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער "רעוואָלוציע" אויף דער ישׂראל־ערד, וועגן די איבערראשנדיקע דערגרייכונגען, איז כדאַי צו דערציילן. בפרט ווען דערמיט איז פאַרבונדן "איין שולדיקער" — מיטן נאָמען סעם האַמבורג, אַ קאַליפאָרניער יידישער מיליאָנער, וועלכער ווערט אָנגערופן אין ישׂראל נישט אַנדערש ווי "דער פּאָטער פון כותנה".

סעם האַמבורג פאַרמאָגט ניט נאָר אַ וואַרעם יידיש האַרץ, וואָס פרייט זיך מיט יעדער פּאָזיטיווער דערגרייכונג פון ישׂראל. ער פאַרמאָגט אויך די דערפאַרונג פון איבער 30 יאָר שווערע עקספּערימענטן, דורכפאַלן און דערפאָלגן — אויף קאַליפאָרניער ערד, אויפן געביט פון קולטיווירן כותנה. האָט דער גוטער מזל צוגעשפּילט ישׂראל, וואָס מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דעמדאָזיקן ייד אַ צי געטאָן צו זען דאָס לאַנד, וואו ער האָט אין זיין יוגנט געלעבט, געלערנט אין דער גימנאַזיע "הרצליה" און דאָרט געענדיקט אויף אינזשעניער. נאָר ווי ס'איז דער גורל פון יענע, וועמענס וועגן עס פירן אין אַנדערע ריכטונגען, איז סעם האַמבורג אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און דווקא דאָרט דורכגעמאַכט

שבעה מדורי גיהנום, ביז עס איז אים געלונגעז "צו דערגראבערן די ערד" און צוצוקומעז צו א גרויס פארמעגן.

איצט ווייסן מיר שוין, אז "דער צי" קיין ישראל איז פאר סעם האמ־בורגן ניט געווען סתם ווי ביי א טוריסט, נאר ווי ביי איינעם, וואס האט זיך אריינגענומען אין געדאנק: ענדערן דאס אויסזען פון דעם ישראל־באדן, און ווי נאר ער האט דאס ערשטע מאל אריינגעגראבן די פינגער און אנגענומען צוויי זשמעניעס ערד, כדי צו דערשפירן איר נשמה — האט ער באלד נביאות געזאגט: "אין ישראל וועט וואקסן כותנה!". ער האט אבער אליין ניט געגלויבט, אז די ווירקלעכקייט וועט אזוי שנעל איבערשטייגן זיין נבואה.

און אט, ביי זיין לעצטן באזוך אין לאנד (אגב, ער באזוכט ישראל זינט דעם פארזיי פון כותנה רעגלמעסיק, יעדע עטלעכע חדשים), זיינען זיינע ערשטע ווערטער געווען: "ווי אזוי האט איר דאס געמאכט, אז אפילו אזא בעל־חלומות ווי איך האב אזוינס ניט געחלומט?!"

מיט א פאר יאר צוריק האט מען אויף א נייעם שטח אין נגב, לעבן קיבוץ גת פארזייט כותנה. דארט האט סעם האמבורג געלייגט דעם ווינקלשטיין פאר א גרויסן סקלאד אויף צו האלטן די פארטיקע כותנה. אויף יענער פייערונג האט ער געזאגט: "איך האב קיינמאל ניט געזען ווי אזוי מען בויט אויף א שטאט. איך ווייס נאר ווי אזוי ארויסצובאקו־מען פון דער ערד מאקסימום פון מיין טרוים. דאס האב איך געטאן אין א ווינקל פון קאליפארניער ערד, און אט דעם חלום ביז איך געקומען פארזייען אין ישראל. איך פיל אבער איצט, אז אויף דעם געביט האב איך שוין מיין חלק פארן לאנד געגעבן, דאס איבעריקע דארפט איר אליין טאן!"

און אט איז סעם האמבורג ווידער אין ישראל. פארשטייט זיך, אז ער זיצט נישט אין שטאט, נאר ער לויפט זען, וואס ס'טוט זיך אויף די פעלדער.

דער ערשטער ארויספאר איז קיין קרית גת, וואו ער האט געלייגט דעם ווינקשטיין. סיי ער, סיי זיינע באגלייטער פון אגראר־מיניסטעריום ווערן מיטן אויגנבליק ווי פארכישופט: א שטאט שטייט פאר די אויגן!

ניט נאר אין דרויסן איז א ישוב אויסגעוואקסן און הייזער ווערן פאר־ענדיקט פאר די ארבעטער, וועלכע האבן שוין די פעלדער ניט פארלאזט

און דערווייל געלעבט אין שוועדישע באראקן — נאר עס שטייען שוין ריזיקע מחסנים (סקלאדן) מיט מאדערנע מאשינען. עס שטייען "וועגט" מיט ווייס־געבונדענע פעק כותנה, גרייט אפגעפירט צו ווערן איבערן גאנצן לאנד. סעם האמבורג שרייט אויס: "דאס איז פאנ־טאסטיש!" וואס עס האט ביי אונדז אין קאליפארניע גענומען 30 יאר, האט ביי אייך געדויערט בלויז א פאר יאר!

ער נעמט לײדנשאפטלעך קנעטן דאס ווייסע זילבער, בשעת איבער זיין קאפ ציען זיך די רויטע שטאנגען דראטן, הויך און נאך העכער, אויף וועלכע די ארבעטער הענגען ווי אקראבאטן, שרויפן־אפ און שרויפן־צו די שרייפעלעך. די רעדער מאלן און דרעשען די קערנער און נעמען ארונטער דעם בוימוואל.

פלוצלינג דערהערט זיך סעם האמבורגס אויסגעשריי (דאס איז, אגב, זיין טבע ווען ער קען קיין עוולה ניט פארטראגן). וואס איז איצט די עוולה? ער האט דערזען די אנגעווארפענע "בערג מיט גערניעס", וועל־כע מען דארף אוועקשיקן פאר פאשע, און ער פרעגט שטרענג: "אזוי שיקט איר זיי ארויס?" דער דירעקטאר פון מחסן בלייבט א צעטומלטער פון זיין שטרענגער פראגע און ער ענטפערט: "דאס זיינען דאך שוין די קערנער נאך אלע פראצעסן!" "אזוי מיינט איר?" שרייט סעם האמ־בורג נאך העכער ווי איבערצושרייען דעם גערויש פון די מאשינען. ער ווייזט אז אויף די זייער קליינע ווייסע איבערבלייבעכצן אויף די קער־נער, וועלכע מען דארף ארונטערנעמען מיט גאר באזונדערע מאשינען, און ער זאגט: "ווייסט איר וויפל געלד איר ווארפט ארויס?" און באלד, על רגל אחת, דערציילט ער גאר א נײ קאפיטל געשיכטע. ער אנטדעקט א "נײע נבואה" — און אז סעם האמבורג דערקלערט עפעס, איז ווי שטוינענדיק עס זאל ניט קלינגען, הערט מען זיך גוט צו, ווייל ער שטעקט ממש אן מיט זיין גלויבן . . . און אט וואס ער זאגט: "ניט גע־נוג וואס איר האט שוין באלד גענוג כותנה פארן גאנצן געברויך אין לאנד, שטייט אייך פאר א נײע גרויסע אינדוסטריע פון די "אפפאלן". האלטנדיק צווי פולע זשמעניעס קערנער אין די הענט, נעמט ער אריינ־שרייען דעם מנהל אין די אויערן: "ווייסט איר וואס מען קען דערפון מאכן? — סינטעטיקס, גליצערין, ניילאן, און דער עיקר — פון די "לינטערס" קענט איר אנטוויקלען א צעלולאז־אינדוסטריע, אין וועל־

בער די אַרמייען אויף דער גאַנצער וועלט זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט. דאָס איז אייער נייע צוקונפט פון ישראל! איר דאַרפט זיך דאָס אויסלערנען". דאַ שלאָגט אים איבער די רייד (ריכטיקער געזאָגט, דעם געשריי) עמיר, דער וויצע־סעקרעטאַר פון אַגראַר־מיניסטעריום און טאַקע איינער פון סעם האַמבורגס בעסטע מיטהעלפער אויף דעם געביט פון כותנה, און ער זאָגט אים: אַזוי ווי די טעג דאַרף אין תל־אביב פאַרקומען אַ "יום־עיון", אַ צוזאַמענפאַר פון אַלע כותנה־פאַרזייער אין ישראל, וואָלט געווען זייער כדאי, אַז סעם זאָל אַרויסזאָגן די דאָזיקע נייע געדאַנקען אויפן צוזאַמענפאַר פאַרן גאַנצן עולם.

כאָטש בטבע איז סעם האַמבורג ניט קיין רעדנער, נאָר אַ "טוער", און אויף זיינע קורצע וויזיטן אין לאַנד לויפט ער אַרום איבער די פעלדער און קלאַפט אַריין זיין תורה וויפל און וועמען ער קען נאָר — האָט ער דאָך דערצו איינגעשטימט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, דער זאַל איז פול מיט יונגע "אינדוסטריאַליסטן" און אַרבעטער פון כותנה, וועלכע זיצן מיט אָפענע מויל און אויערן צו הערן תורה פון זייער "רבין".

מיט אַ טיף געריירטן טאָן הייבט סעם האַמבורג אָן:

"חברים, וואָס איז דאָ געשען? אַזעלכע גרויסע כותנה־שטחים אין אַנדערע לענדער, ווי, למשל, איטאַליע, וואו די אינדוסטריע איז פיל גרעסער, און דאָך קלעקט זיי ניט קיין כותנה פאַר געברויך פון גאַנצן לאַנד — און דאָ זע איך פאַר גענוג כותנה פאַר אייער גאַנצן געברויך! עס איז סימבאָליש פאַר מיין גלויבן, וועלכן איך האָב דאָ געזוכט און געפונען. תמיד האָב איך זיך נאָר באַקלאָגט אויף אַ סך זאַכן אין ישראל, און פלוצלינג בין איך צופרידן! מיר האָבן מצליח געווען צו טראַכטן ווייט, אין טויזנטער דונאַמען", און ער דערציילט ווי אַזוי ער האָט אַמאָל געשריבן אַ מעמאַראַנדום, אַז ער גלויבט אַז אין ישראל וועט וואַקסן כותנה, "למרות די שוועריקייטן פון וואַסער" — מ'האָט אים ניט געגלויבט. איצט איז דאָ וואַסער אפילו אין נגב. "איר וואָלט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם וואַסער". — און ער גיט אַ קורצע לעקציע וועגן דעם, ווי אַזוי אויסצומיידן פינאַנציעלע שוועריקייטן. "פריער פון אַלץ מוזט איר האָבן גוטע מחסנים (מאַגאַזינען). איר זאָגט, איר האָט ניט קיין געלט? איר האָט אָבער גוטע כותנה און אויף

דעם וועט אייך א באַנק געבן געלט. לערנט זיך אויס צו באַקומען געלט אויף קאָנקרעטע זאַכן און ניט נאָר פון "קאַמפּיינען". איר צאָלט דער־וויי️ל צופיל פאַרן קלייבן די כותנה. איך ווייס, יידן דאַרפן אַרבעטן און פאַרדינען, איר מוזט אָבער קענען אַזוי אַרבעטן, אַז דער פּרייז זאָל זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלער, און דאַך פאַרדינען. איר מוזט זיך לערנען איינזאַמלען די כותנה מיט מאָדערנע מאַשינען. איר דאַרפט טראַכטן וועגן דער צייט ווען ס'וועלן אייך אויספעלן הענט. איך וויל איר זאָלט מצליח זיין, ווייל איך האָב אין דעם אַ חלק—אַ נשמה־חלק! זאָגט ניט איבעראַיאָר; היי־יאָר—שרייט ער אויס מיט פּאַטאָס, מאַכט ניט קיין טעותן, וועלכע אַנדערע פאַר אייך האָבן געמאַכט". און אחרון אחרון, נעמט ער אַנטוויקלען דעם נייעם געדאַנק, אין וועלכן ער איז איבערצייגט אַז "כותנה איז די צוקונפט פון ישראל!" ס'איז אַ געמיש פון שטוינונג און האָפענונג — און דער עולם שלינגט יעדעס וואָרט.

אויף דעם "צאתך לשלום"־מסיבה פאַר סעם האַמבורג, אויף וועלכער עס זיינען אַנוועזנד געווען אַלע כותנה־לייט, די אַרבעטער־מיניסטאַרשע גאָלדע מאיר און אַנדערע חשובע געסט פון אַגראַר־דעפּאַרטמענט, האָבן מיר געהערט "טויזנט און איין" וואונדער־מעשהלעך און דעראינערונגס־געשיכטעס וועגן דעם "עקשן" סעם האַמבורג. מיר האָבן געהערט וועגן אומגלויבלעכע שוועריקייטן אויף זיין וועג אין לאַנד וואָס ער האָט בשום־אופן ניט געוואָלט אויפגעבן. מיר האָבן אויך געהערט וועגן דעם צווייטן "נס" וואָס איז געשען — עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס קליינע אָרימע לאַנד ישראל, וואָס נויטיקט זיך געווים אין הילף פון רייכע פריינט, באַזונדערס פון יידן מיט אַ רייך הארץ, האָט געגעבן דעם קאַליפאָרניער יידישן מיליאָנער אַ גרויסע מתנה — ישראל האָט אים געגעבן אַן אינהאַלט אין לעבן! דאָס האָבן געוואָגט צו זאָגן ניט נאָר די "געבער" אַליין, וועלכע פילן זיך גליקלעך, וואָס ישראל קען ניט נאָר נעמען, נאָר אויך געבן. פּשוט און האַרציק האָט אין זיינע געזעגענונגס־ווערטער דאָס דערציילט סעם האַמבורג אַליין. ער האָט גערעדט וועגן דעם "נס", וואָס איז געשען דעם יידישן מיליאָנער ווען ער האָט זוכה־געווען פאַרווירקלעכן זיין חלום — פון "ווייס מאַכן" די ערד פון ישראל. דער גרויסער דערפאָלגרייכער אַמעריקאַנער אינדוסטריאַליסט זאָגט: "ניטאָ קיין גרעסערער אינהאַלט פאַר מיר אויף דער קאַליפאָרניער ערד,

וואו איך האָב אַזויפיל דערגרייכט, דעם אמתן מאַקסימאַלן אינהאַלט אין מיין לעבן האָב איך דערגרייכט דאָ. מיין שכר איז אַזוי גרויס, אַז איך בין גרייט צו פאַרגעסן אַלע מיינע ביז איצטיקע שוועריקייטן, וועל־כע איך האָב געהאַט דאָ אויסצושטיין אַלס „גרינער", און ער דערציילט אַ זייער כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד: מיט בערך אַ יאָר צוריק איז ער זייער קראַנק געוואָרן. דאָקטוירים האָבן אים „אָביסל געלאָזט וויסן זיין לאַגע" און אין אַן אינטימען געשפּרעך מיט אים, געפרעגט: וואָס איז אייער שטאַרקער וואונטש אין „אַזעלכע טעג?" סעם האָט געענטפערט: „וואָס שייך דער לאַגע, נו, בין איך דאָך נאָר אַ מענטש . . . אויף וואָס האָב איך זיך אין מיין לעבן צו באַקלאָגן? האָב זייער פיל דערגרייכט אין לעבן, אָבער אויף איין זאַך טוט מיר איצט זייער באַנק — ווען איך וואָלט געקענט האָבן נאָך 5 יאָר לעבן, וואָלט איך געקענט פאַרענדיקן מיין גרויסן כותנה־חלום אין ישראל. דאָס איז איצט מיין שטאַרקסטער וואונטש". דאָקטוירים האָבן געענטפערט מיט שווייגן . . . דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינעם אַ קריסטלעכן גוטן פריינט, אַ שותף אין זיינע געשעפטן, וועלכער האָט אַ גרויס דערפאַרונג אין כותנה, אַ זייער וואַרימע באַציאונג צו ישראל. ער האָט געבעטן זען דעם פריינט און צו אים געזאָגט: „דו מוזט פאָרן קיין ישראל פאַרזעצן וואָס איך האָב אָנגעהויבן. דו פאַרשטייסט מיך . . . דו קענסט זיי העלפן. זיי דאַרפן נאָך עטלעכע יאָר עצות און אינסטרואירונג. זאָג מיר צו". ער האָט אים צוגעזאָגט . . .

ער האָט דאָס דערציילט מיט אַ ציטערנדיקן אָטעם און מיר האָבן געפילט זיין זכות, און דעם זכות פון ישראל, וואָס סעם האַמבורג איז געזונט געוואָרן. און אַט קומט ער ווידעראַמאָל ווי דער גוטער און שטרענגער פאָטער „אָנצושרייען" און אויסלערנען יידן „פון אַ גאַנץ יאָר" — צו ווערן גוטע פויערים און געניטע אינדוסטריעלער.

ביי דעם יום־טוב איז אים אויך צוגעטראָגן געוואָרן אַ באַשיידענע מתנה — מען האָט דעם נאָמען סעם האַמבורג פאַרשריבן אין גאָלדע־נעם בוך. ווער נאָכמער ווי ער האָט די מתנה פאַרדינט? מיט אַ געפיל פון אמתער פרייד האָט זיך די גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע משפחה געזעגנט מיט איר פריינט סעם האַמבורג, וועלכער „פליט אַריבער אויף אַ צייט קיין קאַליפאָרניע", אָבער זיין האַרץ בלייבט דאָ!

„ווייסער גאָלד"

דאָס פאַרזייעז פון כותנה (באַנוול) אין ישראל הייבט זיך אָן סוף חודש דעצעמבער און דויערט ביז סוף אַפּריל. שוין אין יולי הייבט מען אָן אָרונטערנעמען די פאַרטיקע כותנה, און דאָס געדויערט ביז סוף אָקטאָבער.

פאָרט מען אַרויס אין צייט פון קלייבן די כותנה אויף די פעלדער, גלויבט מען ניט אַז מ'איז אין ישראל. עס דוכט זיך אַז מ'האָט פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אויף די "קאָטן פילדס" פון די פאַראייניקטע שטאַטן . . . ווייל ווען האָט מען אין ישראל געזען איבער מיילן ווייט געשפּרייט אַזעלכע פּוכענע ווייסע קנוילן, און צווישן זיי — געבויגענע גופים וועלכע באַוועגן זיך גיך, גיך . . .

די קלייבער פון כותנה זיינען מערסטנס זייער יונגע, וועלכע קאָנען אונטער דער גליענדיקער זון זיך פלינק באַוועגן, באַווייזן זיי טאָקע אין משך פון טאָג אָנצוקלייבן אַ סך זעק מיט "ווייסן גאָלד". דער אופן פון אַרבעט איז אַ זעלבסטשטענדיקער, דאָס הייסט "בקבלנות" (שטיקאַרבעט) — יעדער קלייבער קאָן זיך אויסצייכענען אין אָנקלייבן וואָס מער — דער סכום ווערט באַלד אויפן אָרט געוואויגן און פאַרשריבן, שפּעטער באַקומען די קלייבער באַצאָלט אין דער לשכה, אין אַרבעט־צענטער פון זייַן געגעבענעם וואוין־אָרט.

די אַרבעט הייבט זיך אָן ערשט נאָך נייַן אַזייגער אינדערפרי, ווייל ביז דאַן זייַנען נאָך די פעלדער פייכט, און נאָר ווען די כותנה איז אינ־גאַנצן טרוקן, קאָן מען זי גוט און פלינק אַרונטערנעמען. די אַרבעטער ברענגען־מיט זייער עסן אין פעלד און האַלטן דאָס איןביידלער אונ־טער ביימער. צום טרינקען ווערט זיי געבראַכט פריש און קאַלט וואַ־סער. די אַרבעט גייט אָן ביז פיר אַזייגער בייטאָג.

„זענט איר שטאַרק פאַרמאַטערט ביים סוף פון אַ טאָג אַרבעט?" — פרעג איך דווקא אַ ניט־זייער יונגן אַרבעטער.

„עס וואָלט געווען ניט מסוכן, אַ שאָד נאָר וואָס די אַרבעט צעפלאַ־קערט זיך אויף עטלעכע חדשים אַ יאָר, און מיר מוזן אַרבעטן פלינק".

„דאָס יאָר פאַרלירן מיר געלט", דערציילן מיר דריי שותפים וועלכע באַאַרבעטן 300 דונאַם לאַנד אין געגנט פון ירקון. „פערציק פּראָצענט פון אונדזער הייַנטיקער כותנה איז פאַרניכטעט געוואָרן פונעם מזיק. אַט שטייען אינגאַנצן ניט־געעפנטע קנוילן", ווייזן זיי אָן מיט גרויס פאַרדרוס. דער מזיק, אַ קליין ווערימל, דרינגט אַריין צו זיי פון דער ערד און פאַרניכטעט זיי אינעווייניק . . . שפּעטער פאַרמירט זיך דאָס ווערימל אין אַ „באַבאַטשקע" וועלכע פליט אַרום צווישן די פלאַנצן און קושט זיי מיט סם . . .

ס'איז אַ סברה, אַז דער מזיק איז כּלל ניט קיין צופעליקער, ער גע־פינט זיך בסדר אין דער ערד. גרויס מי ווענדן איצטער אָן די מומחים פון כותנה ביים אַגריקולטור־דעפּאַרטמענט פון דער רעגירונג, צו גע־פינען מיטלען דעם מזיק צו פאַרניכטן, אָדער אים אומשעדלעך צו מאַכן. אַזוי ווי דאָס יאָר האָט ער זיך באַוויזן מיטאַמאָל און אָנגעטאָן שאָדן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, מוז מען זוכן באַלדיקע און אַפילו אויסטער־לישע מיטלען צו ראַטעווען די גוטע כותנה. איינע פון די הויפּט־מיטלען איז „שפּריצן" — אַ שטענדיקער שפּריצן מיט אַ פאַרניכטונג־פּליסי־קייט. אַ צווייטער מיטל איז: אָפּשניידן די צווייגן און בלעטער אַרום די קנוילן, כּדי די זון זאָל קאָנען וואָס גיכער צודרינגען צו זיי און זיי פאַר דער צייט עפענען. דעמאָלט באַקומט מען ניט אַרויס פונעם קנויל די געהעריקע מאָס כותנה, אָבער דער געווינס באַשטייט אין דעם, וואָס מ'ראַטעוועט אָפּ אַביסל גוטע כותנה.

די געשניטענע בלעטער און צווייגן ווערן שפּעטער צעדרעשעט, און

בשעת מ׳זעט די נייע כותנה, גייען זיי צוריק אריין אין דער ערד אלס :ארונג.

בעת מיין באזוך אויף די פעלדער פון פריוואטער איניציאטיוו, דערציילן מיר צוויי ברידער־שותפים, אורי און יעקב שבירו, אז זיי האבן געדונגען די ערד פון אן אפטרופוס אויף 49 יאר, און באקומען פון משרד החקלאות א גרויסע הלוואה. דערפארונג אין לאנדווירטשאפט האבן זיי א סך, נאך פון איראק, אבער ״ס׳איז שווער צו פארלירן אזא גרויסן פראצענט דאס ערשטע יאר״.

בעת אונדזער געשפרעך אונטער דער גליענדיקער זון, שטייען ווייט־ווייט, אין צווייטן עק פעלד, די אנשי החקלאות אין א רעדל, אריינגעטאן אין א שטארקן געשפרעך. ״אמת״, — ווענדט זיך צו מיר יעקב שבירו, — ״זיי, די אנשי חקלאות, העלפן אונדז מיט וויפיל און מיט וואס נאר זיי קאנען. זיי קומען אפט ארויס אויף די פעלדער, און עס קומען מומחים צווישן זיי, וועלכע זוכן און געפינען כלערליי מיטלען, לויט די אומשטענדן, זיי גיבן אונדז באלדיקע עצות וואס צו טאן, אבער ס׳איז ניט גרינג . . .״

״איז דאס שפריצן א גרויסע אויסגאבע?״

״יא, דאס שפריצן קאסט אפ א ׳פארמעגן׳ און דערצו האט עס נאך א פארקערטע ווירקונג. דהיינו? — דאס שטענדיקע שפריצן האלט די פעלדער אין שטארקער פייכטקייט, און די כותנה מוז זיין דורכאויס טרוקן צום ארונטערנעמען זי, אבער, — גיבן צו די ברידער שבירו, — מיר האבן גרויס אמונה אין דער ישראל ערד, זי איז ווי א מאמע וועלכע צאלט אפ מיט ליבע פאר ליידן״.

א באזונדערע פרייד כאפט אן צו זען די ארבעט אויף די געזונטע פעלדער, וואו די רייפע בלומען־בעכער הענגען ווי פולע הייטערס מילד און בעטן זיך אויסגעלייזט צו ווערן . . . דארט וואו די כותנה איז רייף, שיילט זי זיך ממש ״אליין אוים״ פון דעם טרוקענעם בעכער שאלעכטץ, און בלייבט ווי א ווייסע בלום אין דער האנט פונעם קלייבער, און אזוי ווארפט ער בלום נאך בלום אין זאק אריין.

אנטקעגן די כותנה־פעלדער זיינען די אראנזש־ביימער, די גרינע פרדסים, וועלכע הייבן אן בליען פונקט דעמאלט ווען עס ענדיקט זיך

דאָס קליינז פון כותנה — ממש ווי עמיצער וואָלט מיט דער נאַטור אַזאַ אַפּמאַך געמאַכט . . .

בעתן באַוואונדערן דאָס אַרומיקע בליען, גייט דערווייל אַן אַ שטענדיקע באַוועגונג פון די קלייבער. זיי קומען אָן מיט פולע זעק געוויקלט אַרום זייערע טאַליעס, פלינק טוען זיי זיך אויס פון זיי, לייגן זיי אויף דער וואָג און אין אַן אויגנבליק ווערן זיי אויסגעליידיקט אויף דעם "באַרג שניי" וואָס ליגט אויף די גרויסע אויטאָס, גרייט באַלד אַוועקגעפירט צו ווערן צו די מאַשינען וואו די כותנה וועט דורכגיין אַלע נויטיקע פּראָצעסן, געדרעשעט און געריייניקט ווערן ביז צום פאַרטיקן געברויך.

"זיינען שוין דאָ אויסזיכן פאַר געניג כותנה פאַרן לאַנד?"

"יאָ", קומט דער ענטפער, "מיר זיינען איבערצייגט אַז אין אַ 'נאָרמאַל יאָר' וועט שוין זיין גענוג פאַר אונדזער גאַנצן געברויך".

"און וואָס טוט אינעם פאַל פון דעם מזיק איצטער דער 'פאָטער פון כותנה', מר. האַמבורג?"

"יאָ, ער שווייגט נישט, ער טוט זייער אַ סך לויט די אומשטענדן. ער איז ספּעציעל געקומען צו פליען פון קאַליפאָרניע, כאָטש ביי אים אַליין גייט איצטער אַן דער סאַמע 'ברען' פון אונטערנעמען די כותנה פון זיינע פעלדער. און ער איז, ווי אַ געטרייער טאַטע, ביים בעט פון אַ קראַנקן קינד, ניט אָפּגעטראָטן טאָג און נאַכט פון די פעלדער, געזוכט און געגישטערט (ניט דעם מזיק דווקא, ווייל פאַר אים איז ער ניט אינגאַנצן קיין נייעס), נאָר דעם בעסטן קעגנמיטל, און זיין איינציקע עצה איז: ש פּ ר י צ ן. צו דעם זיינען נויטיק באַזונדערע גוטע מאַשינען, גוטע דערפאַרונג, און דער עיקר — ג ו ט ע ר ג ל ו י ב ן! די אַלע עלעמענטן צוזאַמען, פאַרזיכערט סעם האַמבורג, וועלן צוריקברענגען אַ שפע פון כותנה אויף דער גוטער ישראלער ערד.

בשעת מיר קערן זיך אום אַהיים פון די פעלדער, באַגלייטן אונדז די באַלעבאַטים מיט פריינטלעכע בליקן, זיי זיינען דאַנקבאַר די באַזוכער פון משרד החקלאות, ווייל זיי זיינען איבערצייגט אַז זיי זיינען פאַראינטערעסירט מיט אַלע מיטלען זיי צו העלפן בייקומען די איצטיקע שווערע לאַגע, און די פעלדער זאָלן אויפסניי בליען און באַפרוכפערן די ערד מיט "ווייסן גאָלד"!

סוכות ביים נשיא המדינה

ס׳איז בין השמשות. די ירושלימער לופט איז זויבער און קיל, די גאַסן זיינען פול מיט מענטשן. אויסגעפוצטע משפחות גייען ווי מחותנים פון אַ גרויסער חתונה. ס׳איז חול־המועד סוכות. מ׳גייט פון בית־הנשיא. די גאַס פונעם הויפּט־אַריינגאַנג אין בית־הנשיא איז פאַרשפּאַרט מיט אַ קייט פון הענט. שומרים האַלטן זיך אין איין בעטן ביים אַנקומענדיקן עולם צו גיין אַרום און אַרום דער גאַס. מיר געלינגט זיך איינבעטן, אַריינצוגיין גלייך, איך וויל דאָך אַזוי ניט פאַרשפּעטיקן די שמחה . . .

אַ געדיכטער עולם פאַרשטעלט דעם וועג אינעווייניק. זיי שטראָמען שוין צוריק. איך רייס זיך קוים דורך די "ווענט מיט מענטשן" און כ׳קום אָן אינעווייניק אין צריף, אינעם "פּאַלאַץ פון נשיא", וואָס איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן שיעור ניט אין אַ "קאַמפּס־פּעסטונג" . . . דער רעש און די שמחה איז אויסגעמישט און פאַרטויבט די לופט. דער צריף, וואָס איז אייגנאַרטיק אין זיין אויסזען און געבוי איז ענלעך אויף אַ סוכה וייל ער איז פון האָלץ — פון "עץ אורן" געבויט, טונקל־גאָלדיק איז זיין קאָליר, מיט קליינע ברוינע קײַלעכדיקע האָלץ־פלעקן אין די ווענט ווי חן־פּינטעלעך . . .

ביים הויפּט־אַריינגאַנג, איבער דער שוועל הענגט דער "עמבלעם" פון כנסת, קעגן איבער פולע ווענט מיט ביכער, קונסט־בילדער, און אַ סך פרישע בלומען. אינעם גרויסן צימער, וואו דער נשיא און זיין

פרוי זיינען איצט פארשוואומען אינעם ים פון געסט, זעען זיך קוים ארויס די סימבאלן פון די צוועלף שבטים אויף די ווענט, ווי אויך זיי וואלטן איצטער געזוכט לופט צום אטעמען . . .

פון וואנען אזויפיל געסט? דאס זיינען די פארבעטענע "אושפיזין" — פאלקס־מענטשן פון א גאנץ יאר האבן אנגענומען די איינלאדונג פונעם נשיא צו קומען יום־טוב צו גאסט, זיינען זיי געקומען פון אלע טיילן לאנד בענטשן דעם נשיא און זיין פרוי.

א געמיש פון לאנגע מזרח־כאלאטן און קאלירטע קאפ־טיכלעך, ביז עלעגאנטע יום־טוב קליידער, פון גרויע קעפ מיט שייטלעך, און העכסט־מאדערנע יונגע פריזורן, פון קינדער מיט יארמולקעס און פאות, און פון אויסגעפוצטע קליינווארג — און אלע רייסן זיך געבן די האנט דעם נשיא.

די ערנ־וואך ביי דער זייט באמיט זיך מיט אלע כוחות קלאר מאכן דעם שטראמענדיקן עולם, אז דער נשיא איז שוין מיד, און ער קען ניט געבן טויזנטער מענטשן די האנט . . . זיי ענטפערן כסדר מיט א "חג שמח" און "שנה טובה", און בעטן זיך ממש: קדימה בבקשה . . . דער עולם וואס קומט אז שטראלט מיט שמחה, ער וויל ניט אזוי גיך דורכגיין . . . זיי האבן זייער לאנג געווארט אין דער ריי . . . דאס איז דאס ערשטע מאל וואס זיי געפינען זיך אין דער "מלכות" פון נשיא המדינה, און זיי שלינגען מיט די בליקן זיין מידן אויסזען, אזוי נאענט.

אט איז א קליין יינגעלע אויף קוליעס, פון דער פאליא־קראנקהייט. מ'לאזט אים אביסל פריי דעם וועג. . . . ער שפארט זיך אן אויף די קוליעס און שטרעקט אויס צוויי דארע הענטלעך דעם נשיא און זיין פרוי. ער איז גליקלעך . . . און ווידער שטראמט דאס פאלק — יידן פון אלע עדות, פון אלע עליות, פון דארף און שטאט, און אויך אויס־לענדישע געסט. די פרוי פון נשיא, וועלכע איז זייער באליבט ביי די פאלק־מענטשן, באקומט איצט א סך בלומען וואס זי צעטיילט ביסלעכ־ווייז פאר די קינדער. אירע אויגן שטראלן פון פרייד, זעענדיק אזויפיל קינדערלעך (כן ירבו) און זי זאגט: "סארא שיינע קינדער מיר האבן — געזונט זאלט איר זיין!"

די שומרי־הסף זיינען געפאלן אויף א המצאה, מ'וועט אביסל ארויס־פירן דעם נשיא מיט זיין פרוי אין הויף, צו כאפן פרישע לופט. זיי זיי־

נען אנגעקומען ביז צו דער שוועל, ווייטער איז סכנות נפשות . . . מ׳האט זיי פשוט קוים אפגעראטעוועט לעבעדיקע, צוריק אין צריף . . .

אין הויף איז יום־טובדיק, טומלדיק און ענג. עס שטייען לאנגע טישן געגרייט מיט משקה און כל־טוב. דער עולם לאזט זיך ניט בעטן, מ׳טרינקט לחיים, גלעזער הייבן זיך אין לופטן: ״זה היום שכיווינו לו, נגילה ונשמחה בו״.

אין צריף איז ענג. פאר קליינע קינדער פשוט א סכנה, און זיי ווילן ניט ארויסגיין. ס׳איז דא אזויפיל צו זען, אזויפיל זאכן אנצורירן מיט די הענט . . . אט זיינען שטיינער פון אילת — פארשיידענע מינים, און אט (אונטער גלאז) פארשיידענע אויסגראבונגען, היינט די בילדער אויף די ווענט, היינט די ווענט אליין, גאר אינגאנצן פון הוילע האלץ! וואס הייסט, דער נשיא האט אפילו ניט קיין לייטישן שיכון? — מ׳שטוינט און מ׳באוואונדערט . . .

עס באווייזן זיך ותיקים, מ׳דערקענט זיך און מ׳דערפרייט זיך רק מיט דער פרייד פון אלטע פריינט, מ׳האט דערלעבט אזא זכו . . מ׳פארשטייט זיך זייער גוט איצט אינעם דרוק פון האנט . . . די שומרים, וועלכע האלטן ארדענונג ווייסן זייערס, און אויך די ותיקים מוזן גיין פאראויס מיטן שטראם.

עס קומען אן אלץ נייע געסט, גאנצע משפחות, און מ׳האלט זיך ביי די הענט, כדי ניט צו פארלירן זיך אין דער געדיכטער ענגשאפט . . . עס גייען מעדאלירטע געסט אין ברוינע מונדירן, און אט גאר א געהויבענער גאסט, א חבר פונעם ״גדוד העברי״ (יידישן לעגיאן). קען נאך זיין א נאענטער גאסט? איז דאך דער נשיא בן־צבי אליין געוועז איינער פון די גרינדער פונעם גדוד. ווער קען מעסטן די שטילע פרייד וואס שטראלט ארויס איצטער פון זייערע אויגן? און ווידער קינדערלעך ווי באב. . . . און רחל ינאית בן־צבי גלעט זיי איבער די קעפלעך און באגלייט זיי מיט א מוטערלעכן שמייכל.

״קדימה, קדימה״ — האלט זיך אין בעטן די וואך. ״חג שמח, שנה טובה!״ קלינגט אלץ אין דער ענגער לופט, און דער זייגער האלט שוין באלד זעקס. פון פיר אזייגער אן שטראמען די געסט. דער נשיא און זיין פרוי זיינען מיד. עס פעלט זיי לופט צום אטעמען, אבער ס׳איז זיי ליב די ווארעמקייט פון די טויזנטער אויגן . . .

פונעם געדיכטן רעש דערהערט זיך קלאָר אַ ברכה פון אַ פרוי: ״נאָך אַ סך אַזעלכע יאָרן זאָלט איר דערלעבן״. אויף די פּנימער פונעם נשיא און זיין פרוי שטראַלט אויף אַ דינער שמייכל.... און אַ קורדישער ייד בעט זיך ביי מיר צו פאַרשרייבן, אַז אַן עדה פון קורדישע יידן איז געקומען באַגריסן דעם נשיא... אַ קליין מיידעלע באַקומט אַ ווייסע בלום, דאָס רופט אַרויס פאַרוואונדערונג. מיר הערן פון דער גליקלעכער מוטער: ״זי איז דער פינפטער דור אין ישראל!״

ווידער און אָבער אַ געמיש פון בלאָנדע און שוואַרצע קעפּ, פון אַלטע און יונגע. דער קיבוץ גלויות פון מדינת ישראל דרייט זיך ווי שמחת תורה צו הקפות. אַ שוטר זאָגט אָן אַ ״בשורה״ — ״נאָך אינגאַנצן שטייען אַרום צוויי הונדערט מענטשן אין דער ריי״. דער נשיא שטעלט זיך אויף מיט נייע כוחות אויפנעמען די געסט. די לעצטע ״פּאָר הונדערט״, וועלכע האָבן געוואַרט אין די רייען לענגער, שוין אין דער פינצטער, האָבן זוכה געווען צו אַביסל מער אָרדענונג, אַז מ׳האָט געקאָנט אַפילו הערן ווי אַ קליין מיידעלע האָט אויסגעזונגען איר ברכה: ״שנה טובה ומתוקה״....

דער צריף ווערט פרייער און ליידיקער. פון הויף הערט זיך צום ערשטן מאָל דאָס קלינגען פון גלעזער. די לעצטע אושפּיזין טרינקען לחיים. דער נשיא און זיין פרוי, איבערפולטע מיט פרייד, וואָס דאָס פאָלק איז געקומען זיי אָפּגעבן אַזאַ כבוד, גייען אַרויף צו זיך אין זייער מקום מנוחה... אין צריף לעשט זיך דאָס ליכט, אין דרויסן איז שוין שטאָק פינצטער. דער הויף כאַפּט אָפּ דעם אָטעם פו דער שמחה.... דאָס גראָז איז דורכגעווייקט, צעטראָטן, די טישן נאַס. די שוטרים שליסן דעם טויער. אין דער קילער לופט הערן זיך די פרייעלעכע שטימען פון די לעצטע געסט אינעם היינטיקן חג האסיף ביים נשיא המדינה!

די לעגענדאַרע און רעאַלע באר־שבע

אַ הייסער זומער־טאָג אין ישראל. די זאַמדן אין נגב זיינען אָנגעגליט פון דער ברענענדיקער זון. דער שליאַך ציט זיך הינטערן אָפענעם הימל ברייט און נאַקעט. נאָר דאָ און דאָרט שפּראָצן יונגע ביימעלעך אויף די וועגן, זייער שוואַך נאָך צו באַשיצן די דורכפאָרער פון דער שטאַרקער זון. אין אַזאַ טאָג ציט זיך אַ קאַראַוואַן אויטאָמאָבילן — עס פאָרן געסט אויף אַ יום־טוב אין באר־שבע.

באר־שבע, די שטאָט פון אברהם אבינו, איז שוין לאַנג געוואָרן אויס לעגענדע. זי איז אַ ווירקלעכקייט פון יום־טוב און וואָך. זי האָט דעם מזל צו ליגן אין האַרץ פון נגב, ווייט פון פיינטלעכע גרענעצן. זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל, האָט די שטאָט שוין צו דערציילן אַ געשיכטע פון ליידן און פריידן.

"קיינער האָט אַהער ניט געוואָלט קומען," — הערן מיר פונעם שטאָט מעיאָר דוד טוביהו, וועלכער רעדט איצט מיט אַ טאָן פון נצחון, — "גאָלדענע גליקן האָט מען געדאַרפט צוזאָגן יעדן עולה, בשעת די גליקן האָבן ז י י אַ ל י י ן געדאַרפט שאַפן". די שטאָט האָט געשראָקן מיט איר לײדיקייט און מיט איר ווייטקייט. "נאָר יחידי סגולה האָבן געהאַט וויזיע און זיינען געווען גרייט 'איינצושטעלן'" — דערציילט ער ווייטער.

טוביה אַליין איז איינער פון די גאָר ערשטע ותיקים, וועלכער האָט מיטגעלעבט די גאַנצע העראָישע געשיכטע פון ארץ־ישראל ביז ישראל. סיי זיין אויסערלעכער קרעפטיקער געבוי, סיי זיין ריידן צו דער זאַך, זאָגט עדות אויף פיל דערפאַרונג און שווערער מי.

ווער עס האָט די שטאָט ניט געזען שוין אַ פּאָר יאָר — ווערט גע־פּלעפט ביים דערזען זי היינט. ניט נאָר די ברייטע צענטראַלע גאַסן מיט כלערליי קראָמען, ניט נאָר די אומצאָליקע ניי־אויפגעבויטע שיכו־נים (קוואַרטאַלן), אַט בויט זיך אַפילו איצט אַ שיכון פאַר ותיקים, וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע — אין באר־שבע זיינען שוין דאָ אַלטע תושבים? און ניט נאָר די צענטראַלע געביידעס, ווי שולן, שווים־פּלאַץ, קליניק, באַנקן, און אַ שפּאָגל נייער טעאַטער — אַ געביידע וועלכע פאַרכאַפּט דאָס אויג ביים אַנקומען אין שטאָט (דאָס לעצטע וואָרט אין מאָדער־נער אַרכיטעקטור). דער עיקר, דערוויסן מיר זיך: היינטיקן טאָג פאַר־מאָגט שוין באר־שבע אַ באַפעלקערונג פון 25 טויזנט נפשות. ווער זיי־נען אָט־די איינוואוינער? און מיר הערן, אַז ניט נאָר פון נייע עולים באַשטייט די באַפעלקערונג, נאָר אויך פון יידן, וועלכע לעבן אין לאַנד שוין לאַנגע יאָרן, יידן שוין "אויסגעפּרוּאווטע" סיי פון קלימאַטן, סיי פון באַדינגונגען און פון פאַרשיידענע "פּאָליטישע עפּאָכעס". ייִדאָ־זיקע יידן, געוועזענע תושבים פון רחובות, טבריה, נתניה און אַפילו ירושלים, זיינען אַ טייל פונעם נייעם אוואַנגאַרד, וואָס האָט גענומען אויף זיך אויפצולעבן די אַלטע חומש־שטאָט. די נייע עולים זיינען אָבער דער אמתער פאַקטאָר, — פאַר זיי און מיט זיי וואַקסט די שטאָט מיט אַלע אירע נויטן און פּראָבלעמען.

בוי־אַרבעט איז אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, און די שיכונים וואַקסן ווי איבער נאַכט (כאָטש מען בויט זיי אין די ברענענדיקע היצן). מערסטנס הייזער זיינען געבויט פון שטיין (מיט רויטע דעכער), צו־געפּאַסט פאַרן דאָרטיקן קלימאַט. אָבער ניט אַלע זיינען דאָך בוי־אַר־בעטער, פון וואָס־זשע לעבט אַ באַפעלקערונג פון 25 טויזנט אין באר־שבע? און מיר הערן דעם ענטפער: אין באר־שבע, אין דער "ליידיקער ווייטער שטאָט" זיינען די לעצטע יאָרן אויפגעקומען עטלעכע אייגענע אינדוסטריעס, אַזוי זיינען פאַראַן עטלעכע בעקערייען, עס איז פאַראַן די פאַבריק "חרסה", וואו מ'אַרבעט אויס כלערליי קעראַמישע אַנטיקן

מכשירים און סאַניטאַרישע כּלים. עס איז דאָ די פאַבריק "מרצפיה", וואו מ'פּראָדוצירט "טאַיל" — פאַרשיידענע באַלאַטן, און אַ פאַבריק "גבים", וואו מ'מאַכט מעטאַל־אינסטרומענטן.

פּונקט ווי עס איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, צי געשיכטע שאַפט דעם העלד, — צי דער העלד די געשיכטע, — אַזוי ווייסט מען ניט צו זאָגן, צי האָבן די אינדוסטריעס געשאַפן די טויזנטער נייע אומדערפאַרענע אַר־בעטער, צי דער נאַטירלעכער מוז פון מענטשן צו אַרבעטן, — האָבן געשאַפן די אינדוסטריעס. אפילו פונעם שטאָלצן טאָן, מיט וועלכן עס רעדט וועגן דעם יעדער באַר־שבע'ר, איז נאָך שווער צו דערגיין דעם "סוד" . . .

דער היינטיקער יום־טוב אין באַר־שבע איז גאָר אַ גרויסער. דהיינו? — היינט הייבט מען אָן "גראָבן די טיף און די ברייט" פאַרן קעלער פון ניי'עם גרויסן שפּיטאָל, אויף אַ שטח פון 250 דונאַם, פאַר וועלכן די "אינטערנעשאַנאַל" אין ניו־יאָרק האָט בייגעשטייערט די מתנה פון אַ מיליאָן דאָלער, — און טאַקע דעם נאָמען "אינטערנעשאַנאַל" וועט דער שפּיטאָל טראָגן.

עס איז גענוג צו זען דעם "פאַרשפּיל" צו אַן אמתן שפּיטאָל, בשעת מ'האָט אונדז אויפגענומען אין איינעם פון די קופּת־חולים קליניקס, כּדי צו באַגרייפן און גלויבן, אַז די היינטיקע שמחה איז אַ גרויסע. סוף־כּל־סוף שטעלט מען זיך בויען אַ צענטראַלן שפּיטאָל, וועלכער וועט קענען היילן די גרויסע באַפעלקערונג, בפרט די טויזנטער נייע עולים, וואָס מערסטנס פון זיי זיינען שוואַך־דערנערטע פון פריערדיקן פּרימיטיוון שטייגער־לעבן.

די עטלעכע קליניקס, וועלכע זיינען לעצטנס אויפגעקומען אין באַר־שבע, זיינען ווייט ניט גענוג פאַר דער אַלץ־וואַקסנדיקער באַפעלקערונג. אָט זעען מיר די צענדליקער מוטערס, וועלכע וואַרטן אין די רייען אויף אַ דאָקטאָר, וויגעלעך מיט קינדערלעך (כן ירבו) באַלאַגערן די קאָרי־דאָרן, בשעת די מאַמעס טרייבן דערוויי̆ל די פליגן פון די ניט־געזונטע קינדער, וועמען זיי האָבן אין די היצן אַהער געבראַכט צופירן פון אַלע עקן שטאָט . . . און זיי אַליין? — מערסטנס שוואַנגעריקע (זיי ברענ־גען די "עליה פנימית" — די אינערלעכע אימיגראַציע) וואָלטן זיי גע־ווים גענדאַרפט האָבן גרעסערע און באַקוועמערע וואַרט־צימערן, שנע־

לערע באהאנדלונג, מער "שוועסטער" און מער דאקטוירים. וועגן דעם טרוימען זיי געוויס, אבער ניט "הויך", — ווייל אין אמתן, אז מ'רעדט זיך דורך מיט זיי, ענטפערן זיי: "ברוך השם" — אלץ איז בסדר, בעסער ווי פריער. זיי ווייסן ניט וועגן דעם גוטן, וואס דערוואַרט זיי בקרוב, ווען זיי וועלן קענען געניסן פון א גרויסן מאדערנעם שפיטאל, וועלכער וועט שטיין אין סאמע צענטער פון שמ[illegible] (און אין הארץ פון נגב), און וועלכער וועט זיין, ווי עס פארזיכערט דער ארכיטעקט: — "א קליינער ביילינסאן, א קליינער קאפלאן; צוזאמען—דאס באר־שבע'ר שפיטאל".

דער ארכיטעקט א. שרון, א געוועזענער קיבוצניק, וועלכער איז געפארן לערנען קיין דייטשלאנד אין דער באוואוסטער BAUAUS GROPIUS איז שוין לאנג א שם־דבר אין ישראל. מיט זיין פארנעם און גרויס קענטעניש איבערראשט ער אפילו אויסלענדער, וועלכע באזוכט דעם ביילינסאן שפיטאל, אדער דעם "בית ליעסין" און דעם נייעם "בית העמלין" — צו דעם טעאטער אין באר־שבע — ער, און זיין קאלעגע ארכיטעקט אידסלאן, — זיינען איצט פון די שטראלנדיקע בעלי־שמחה אויף דעם יום־טוב, און א. שרון זאגט: "גיט איבער אונדזער פריינט דוד דובינסקי, אז ער און די גאנצע "אינטערנעשאנאל" מעגן שטאלצירן מיט זייער וויזיע און וייטן בליק — אויף די חורבות פון טויזניאריקער געשיכטע — אונדז מעגלעך צו מאכן אויפצובויען א גרויסן שפיטאל, — איינעם פון די וויכטיקסטע פאקטארן פארן וואוילזיין פון א פאלק. מיר וועלן זיך באמיען צו שאפן א ווערק, וואס זאל בארעכטיקן דעם גרויסן טאט פון אונדזערע וויטע־נאענטע פריינט".

אויף א וואנט פון א צייטווייליק־אויפגעשטעלטן צריף אין מיטן פעלד, הענגט א קליינע מאפע — דער פלאן פון שפיטאל. די ברענענדיקע זון בלענדט די פאסיקלעך און פינטעלעך, אבער שרון פלייסט זיך מיט א לאנגן טייטל אין האנט — אויף רגל אחת — די געסט אויסלערנען די תורה פון זיין פלאן!

דער שטויב פון די "אויפגרעבער", וועלכע שטייען איצט טיף אין די געדערים פון דער ערד, טאנצט פאר די אויגן און די ארבעטער וואס קוקן אויס ווי מילנער אין א מיל — מיט זאמד פארשאטן זייערע ברוינע גופים און שטייפע מוסקולן, זיי שיקן אונדז ארויף פון דער טיף פריינט־

לעבע בליקן, בשעת זיי מעסטן די זאמדן, ציען דראטן, לייגן פונדאמענטן. און מיר געסט (נעבעך) קענען זיך שוין קוים דערוווארטן ארייננצוגיין אינעווייניק כדי צו געניסן פון א ביסל שאטן . . .

ביי דער קליינער מסיבה אינעווייניק אין "באנגעלאו" הערן מיר פונעם הויפט־אדמיניסטראטאר פון קופת חולים, דעם "שולדיקן" פאר דעם "ביילינסאן" און פיל אנדערע שפיטאלן, משה סאראקע: "די ארבעט פון קופת חולים אין באר־שבע איז ניט קיין צופאל. פונקט אזוי ווי אין עמק און אין גליל, אזוי איז אונדזער פליכט פארן ציבור אין נגב. מיר זיינען שותפים פון די, וועלכע זארגן פאר וואסער, ליכט און טראנספארטאציע. ביז איצט האט די "הדסה" אויפגעהאלטן האספיטאליזאציע אין באר־שבע, אבער כיטן וואוקס פון דער באפעלקערונג, האט זי ניט געקענט נאכקומען די נויטן, און געטראכט צוצובויען נאך א קליינעם בנין צום קליינעם שפיטאל, וועלכער וואלט ניט פיל געלייזט דאס פראבלעם. קופת חולים, וועלכע באדינט 90 פראצענט פון דער באפעלקערונג אין נגב, האט ניט געזען אין דעם קליינעם בנין די לייזונג פאר באר־שבע און פארגעבראכט אירע פלענער פאר א גרויסן שפיטאל. די "הדסה" האט צוריקגעצויגן איר פלאן, און הויפטזאכלעך קאנצענטרירט איר ארבעט אין דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים. וועגן דעם "נס", ווי אזוי די הסתדרות האט זוכה געווען מיט דער הילף פון מרדכי נמיר — צו באקומען די מתנה פון "אינטערנעשאנאל" — זאגט סאראקע — וועלן מיר ערשט ריידן ביי דער אמתער שמחה, ווען דער שפיטאל וועט זיין פארטיק. — איצט איז כדאי צו דערמאנען די מעדיציניש באדינגונגען ביי היינטיקע טעג, כדי צו וויסן שפעטער צו שעצן די בעסערע טעג . . ."

זינט דער נגב איז אין יידישע הענט, דערגרייכט די הילף פון קופת חולים אין אלע ווינקעלעך. דער נגב איז צעטיילט אויף 16 ראיאנען, יעדער ראיאן פארמאגט 4־6 ישובים. אין יעדן ישוב איז דא א קליניק, א "שוועסטער", א דאקטאר באזוכט 2־3 מאל א וואך יעדן ישוב, א חוץ דעם, באזוכט א קינדער־דאקטאר צוויי מאל א וואך יעדן ישוב. אפט זיינען זיי אויך "לערער" און סאניטארער, צו העלפן די פרימיטיווע עלטערן צו פארמיידן קראנקהייטן . . . אין עטלעכע ראיאנען פעלן בוכשטעבלעך דאקטוירים. און דאס ווירקט אויף דעם וואוקס פון דער בא־

פעלקערונג. אפגערעדט שוין, וויפיל אומזיסטע לעבנס עס קאסטן אין די נים־תמיד גינסטיקע פאליטישע סיטואציעס . . . ביז איצט איז נים געווען קיין שום צוציאונגס־קראפט פאר א דאקטאר צו קומען זיך באזעצן אין נגב. א דאקטאר דארף האבן א גרויסן "מעדיקאל סענטער", א ביב־ליאטעק, א היים, כדי ווי געהעריק ארבעטן און לעבן. אט די גרויסע מיסיע, האפן מיר, וועט דערפילן דער נייער שפיטאל. געבענטשט זאלן זיין אלע כוחות וועלכע וועלן דאס דערמעגלעכן!"

נים קיין קליינער מחותן אויף דער היינטיקער שמחה איז אייזיק העמלין, דער וועטעראן אין אמעריקע פונעם בויענדיקן ארץ־ישראל פאר קרוב צו פערציק יאר. שוין זינט עטלעכע יאר איז ער מיט זיין פרוי זיך געקומען באזעצן אין לאנד פון זיין אידייע, און ער זאגט: "טויזנטער מייל פון דאנען זיצט דוד דובינסקי, און מיט א ברידערלעכער האנט דערלאנגט ער הילף פאר יידן אין נגב. א פערטל מיליאן דאלער איז שוין מיט א צייט צוריק איינגעצאלט געווארן אין ניו־יארק." און ער זעצט־פאר: "זינט די יארן ווען דוד דובינסקי איז געווען א בעקער־ארבעטער, ביז זיין היינטיקער שטופע האט מען אויך, ווי אין נגב, גערארפט א סך שטיינער צעגראבן און אפראמען די וועגן, כדי צוצוקומען צום הארץ פון דער יוניאן . . ." ברכה און טיפן דאנק ווערט דורך די פארזאמלטע געשיקט צום פרעזידענט און די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל.

אחרון אחרון, הערט מען עטלעכע ווערטער פונעם מעיאר פון באר־שבע: "מיר האבן אוועקגעגעבן דעם בעסטן שטח פון שטאט, צווישן די שיכונים, וואו עס וואוינט די מערסטע באפעלקערונג. מיר שטרעבן אין פינף יאר ארום צו האבן אין באר־שבע א באפעלקערונג פון 50 טויזנט, און האפן, אז אלע זאלן ארבעטן. הלוואי זאל דער גרויסער שפיטאל קענען באפרידיקן די באדערפענישן פון דער גאנצער באפעל־קערונג. די ארבעטער אין נגב וועלן וויסן ווי צו שעצן די גרויסע טאט. עס איז נים פשוט צו זיין פאריניקט מיט פריינטלעכע ארבעטער־רייזן איבער טויזנטער מיילן ווייט, בשעת דא נאענט זיינען מיר ארומגע־רינגלט מיט א סך שונאים . . . זאל זיין קומען און זען, וואס זיי זעען איצט אין זייער וויטער וויזיע!"

אין ישראל האב איך שוין בייגעוואוינט פארשיידענע ימים טובים, ווי לייגן גרונט־שטיינער פאר געביידעס, איבערשניידן א לענטע פון א

נייער פאַבריק, אַ נייער שיף, ווער שמועסט ביי אַ חנוכת הבית, פון אַ ביבליאָטעק, א.אַז.וו., אָבער אַ יום־טוב פון "גראָבן" — דעם טעם און דעם זין האָב איך היינט צום ערשטן מאָל געפילט. ס'איז געווען אַ זכות צו זען מיט די אויגן, ווי אַזוי רואינעס ווערן נאָך מער רואינירט, כדי צו ברענגען ציוויליזאַציע און היילונג פאַר איצטיקע און נייע דורות.

אויפן געדאַנק זיינען אַרויפגעקומען עטלעכע שורות פון דעם באַליבטן דיכטער אברהם רייזען, ע"ה: "נייע פייגל, נייע לידער", און מ'קאָן ענדיקן און זאָגן: נייע געשיכטע, נייע ימים־טובים.

חג הקציר

דער יום־טוב פון שניידן די פאַרטיקע ווייַנטרויבן אין ישׂראל איז שוין נישט קיין נייער. ער איז צונויפגעוואַקסן מיטן לעבן פון פאָלק אויף דער ערד, און איז נאָר איינער פון אַ סך ימים טובים פון שניט. אַזוי ווייסן מיר בפרט פון "חג העומר" — דאָס שניידן פון די ערשטע זאַנגען, וואָס קומט פאַר דעם טאָג ערב־פּסח, מיט געזאַנג און תפילות און ריקוד אונטערן פרייען הימל.

דער דאָזיקער יום־טוב ווערט מיט גאָר אַ באַזונדערער צערעמאָניע דורכגעפירט אין די קיבוצים און אין די מושבים, בשעת די "עלטסטע" (נישט תמיד דווקא אין יאָרן, נאָר אין זייער פאַרבינדונג מיט דער ערד), פאָרן אַרויס יום־טובדיק געקליידט אויף פערד אויסגעפּוצטע מיט זאַנגען, מיט קאָסעס אין די הענט. נאָך זיי גייט נאָך דער גאַנצער יום־טובדיקער עולם פון משק, קליינוואַרג פירט מען אויף באַקראַנצטע מיט כלערליי גרינסן־וועגענער, טראַקטאָריסטן פאָרן ווי די "פרינצן" אויף זייערע באַפּוצטע טראַקטאָרן, און אַזוי לאָזן זיך אַלע אַרויס צו די פעלדער, און מיט געזאַנג און יראת־הכבוד שניידן די עלטסטע דעם ערשטן זאַנג. מ'לייגט אים אַוועק אויף אַ ספּעציעל־אויפגעשטעלטער בינע אין מיטן פעלד, און דער עולם, קליין און גרויס, לאָזט זיך אַוועק מיט טענץ און געזאַנג ביז זון־אונטערגאַנג.

דער יום־טוב פון ווייַנטרויבן שניידן ווערט נישט דורכגעפירט מיט אַזאַ

צערעמאָניע. ער האָט אַ באַזונדער טיפֿע באַדייטונג אינעם לעבן פֿון ייִדן אין ישׂראל, בפֿרט פֿאַר די רעליגיעזע ייִדן. דער יום־טובֿ ווערט מער באַגלייט מיט תּפֿילות, אָדער סתּם טיפֿער אינערלעכער פֿרייד און דאַנק־באַרקייט פֿאַר דער זכיה וואָס ייִדן האָבן ווידער דערלעבט „צו פֿאַר־פֿלאַנצן זייערע ווייַנגערטנער!"

ווען איינעם אַזאַ יום־טובֿ וויל איך איצט דערציילן. פֿאַרגעקומען איז ער אין מושבֿ תּעוז („תּעוז ידך תּרום ימיני"), דאָס איז דער טייל לאַנד, וואָס ווערט אָנגערופֿן „חבל ההר" — דאָס איז אַ גרויסער שטח באַרגלאַנד אין גליל און יהודה, וואָס גרייכט צו אַ סך גרענעצן אין לאַנד . . .

זינט די צייטן פֿון יהושע בן־נון, ווען ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד, האָט די דאָזיקע באַרג־ערד ניט געבליט, און קיין שום שפֿע ניט געגעבן. ווען עס זיינען מיט עטלעכע יאָר צוריק אָהער געקומען די ערשטע תּושבֿים פֿון ת י מ ן און ק ו צ י ן, האָבן זיי געפֿונען מיט שטיינער און ווילדערניש געפּלאַסטערט די ערד. ניט אומזיסט הייסט איצטער דער געגנט „תּעוז" — „צו וואַגן" — ווייל ניט נאָר גרויסע מי האָבן זיי געוואָגט צו פֿאַרשווענדן, נאָר חסידישן גלויבן האָבן די נייע עולים אַריינגעפֿלאַנצט אין דער ערד ביז זיי האָבן זי אַזוי פֿאַרבליט, אַז זי זאָל אין משך פֿון עטלעכע יאָר אַרויסגעבן גערטנער מיט סעדער פֿון כּלערליי פּירות, און בפֿרט פֿיל דונאַמס מיט ווייַנגערטנער.

איז דעריבער זייער יום־טובֿ הייַנט אַ גרויסער, זיי שניידן צ ו ם ע ר ש ט ן מ אָ ל זייערע אייגענע ווייַנטרויבן.

ס'איז אַ הייסער זומער־טאָג אין ישׂראל. אין פֿעלד, אונטער דער גליענדיקער זון, זיצט אויסגעזעצט אויף געבונדענע סנאָפּעס שטרוי אַ גרויסער עולם געסט און בפֿרט די „מחותּנים", וועלכע באַשטייען פֿון 40 ישובֿים פֿונעם געגנט, צווישן זיי אויך צען נייע קיבוצים. באַ־זונדערס שיילן זיך אויס פֿון צווישן דעם עולם ברוין־שוואַרצע פּנימער מיט ווייסע ציין, און ווי אַ רעגנבויגן זיינען די פֿאַרבן פֿון זייערע קליי־דער, די אויגן שטראַלן מיט דער פֿרייד פֿון גרויסן יום־טובֿ. זיי האָבן דערלעבט צו זינגען: „זה היום שקוינו לו, נגילה ונשמחה בו" (דאָס איז דער טאָג צו וועלכן מיר האָבן זוכה געווען, לאָמיר זיך משׂמח זיין).

קרענצלעך מיט רייפֿע טרויבן — אַ צאַרטער, דינער וואַסער־שפּריצן

קילט די לופט — און עס דוכט זיך, עס גייט אויף א סימפאניע אן ווער־טער קעגן זון און הימל! פלוצלונג דערהערט זיך "שופר בלאזן". דאס איז לויט דער טראדיציע פון צונויפרופן אלע יידן פון ארום — "זאלן זיי קומען עסן און זיך משמח זיין" . . . דעמאלט הייבט זיך אן דער יום־טוב ממש, מיט תפילות און געזאנג. עס דאווענען איז א וואכעדיקן טאג די גליקלעכע תימנער יידן — "שלוש שנים לא תאכל פרי, והשנה הרביעי קודש" . . . און אזוי א תפילה איז א תפילה — "איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו". די דאזיקע פסוקים ווערן מיט בלוט און פלייש אויפגעלעבט בשעת עס זאגן זיי און זינגען זיי די בעלי־שמחה!

אויף דער בינע אין מיטן פעלד זיצן אורחי הכבוד, רבנים, געסט פון דער סוכנות (יידישע אגענטור) און פארטרעטער פון משקים. אט קומען ארויף אויף דער בינע די "טעכטער פון ציון" — טענצערינס, וועלכע זיינען אליין די שניטער און די זייער, טראגן נאציאנאלע קאסטיומען, און מיט פולע קוישן טרויבן אויף די אקסלען לאזן זיי זיך אוועק אין עקסטאז טאנצן, באגלייט מיט געזאנג און פויקן־קלאנג.

ביי דעם יום־טוב פעלן אויך ניט קיין "וואכעדיקע רעדעס". און אזוי הערן מיר אין אן ענטפער צו מר. כהנוביץ, מנהל פון חבל ההר, וועלכער האט אין נאמען פון דער סוכנות זיי הארציק באגריסט. — "פאר אונדז, תימנער יידן, איז זייער סימבאליש, וואס מיר האבן זוכה געווען צו פאר־זייען אויף דער ערד, נאענט פון דער הייליקער ירושלים. מיר ווילן אויך זוכה זיין צו פארבליען די גאנצע ווילדערניש און מקוים זאל ווערן מיזוג גלויות". אין דעם מאמענט דערהערט זיך פון צווישן עולם אין פעלד: "עוד נבנה בתולת ישראל!" — און ווייטער הערן מיר פון דער בינע: "עס פעלן אונדז ווערטער צו קאנען דאנקען דער סוכנות פאר איר הילף און מי. זי העלפט אונדז בייקומען פיל שוועריקייטן, סיי מיט פראקטי־שער הילף, סיי מיט הדרכה. מיר ווילן דא בלייבן זיצן אויף ווייטער און ווערן איין גרויסע משפחה, אבער ניט אן דער הילף פון דער סוכנות!" די דאזיקע ווערטער צום סוף ווערן אויך שיעור ניט ווי א תפילה אריינ־געפלאכטן אין דעם יום־טובדיקן נוסח. און ווידער טענץ, וואס ווערן שטארקער מיט עקסטאז, דער עולם ווערט פארכאפט און מיטגעריסן פון די "זעלבסט־קינסטלער", וועלכע פארוואנדלען דעם יום־טוב פון חג הקציר אין א קונסט־יום־טוב. אט, און עס טאנצן אראפ די שניטערס

מיט זייערע קאָרבן טרויבן פון דער בינע און טאַנצן אַריין אין עולם, נעמען אויסטיילן טאַנצנדיק זייער שפע. דער עולם כאַפּט אויף די בינטלעך טרויבן, פאַרזוכט מיט גרויס הנאה און ענטפערט מיט געזאַנג: "ארץ זהב, חלב ודבש" (גאָלדן לאַנד פון מילך און האָניק).

די לופט איז שוין אַביסל אָפּגעקילט. הינטער די בערג נידערט די זון. דער גרויסער עולם רוט זיך אַביסל אָפּ אויף די סנאָפּעס איצט אין פעלד, בשעת די מחותנים, יונג און אַלט, "פאַלן אָן אויף די פעלדער" און קלייבן מיט פרייד די פרוכט פון זייער מי.

זייער התלהבותדיק געזאַנג באַגלייט אונדז נאָך ווייט־ווייט, בשעת מיר קערן זיך אום פונעם יום־טוב אַהיים.

אַנטאָניני און זיין גרופּע אין ישראל

צווישן די פיל געסט, וואָס די הסתדרות אין ישראל נעמט אויף, איז געווען אַ גרופּע איטאַליענישע אַרבעטער־פירער פון ניו־יאָרק, אָנגעפירט פון ערשטן וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, און דעם מענעדזשער פון דער איטאַליענישער דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 89, לואידזשי אַנטאָניני.

די ערשטע אויפנאַמע האָט די גרופּע באַקומען פון דעם סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, פּנחס לבון, אינעם ועד הפּועל. אין זיין באַגריסונג צו די געסט האָט לבון געזאָגט:

„מיר זיינען גליקלעך וואָס די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען צו אונדז תמיד פריינטלעך, און מיר פרייען זיך וואָס די איצטיקע פירערשאַפט, מיסטער מיני, מיסטער דובינסקי און מיסטער אַנטאָניני, זעצן־פאָר אין דער זעלבער טראַדיציע. צו אייך, איטאַליענישע פריינט, פילן מיר גאָר אַ באַזונדער נאָענטקייט דערפאַר, ווייל אייער פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אַ נאָבעלע באַציאונג צום יידישן פאָלק אין צייט פון גרויסן חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. יידן און איטאַליענער האָבן אַ סך געמיינשאַפטלעכעס. ביידע פעלקער שטרעבן צו פרייהייט און דעמאָקראַטיע. דעריבער — כאָטש איך זע אייך דאָס ערשטע מאָל — פיל איך אַז מיר זיינען אייגענע!"

אין זיין ענטפער האָט ל. אַנטאָניני געזאָגט: „איך האָב שוין לאַנג געהערט פון דער הסתדרות און אירע גרויסע דערגרייכונגען פאַר די

ארבעטער פון לאנד. מיר האבן תמיד צוזאמענגעארבעט מיט יידן, און כאטש מיר זיינען א דריטל מיטגלידער פון דער יוניאן, העלפן מיר אין אלע 'אפילס', ווייל די יוניאן איז געווען אונדזער שול, ווי אזוי צו לעבן פריינטלעך צוזאמען. איך בין זיך אבער מודה, מיר האבן תמיד געגעבן אויס 'טאלעראנץ' מער ווי אויס געפיל. היינט, אין ישראל, פילן מיר א דראנג זיך צו איבערצייגן אין דעם אמתן ווערט פון אונדזער הילף. מיר ווילן זען — און זען, מיינט גלויבן. וועט עס אונדז געלינגען? מיר האפן, אז יא!"

די דעלעגאציע האט ניט געהאט מער ווי פיר טעג צו פארווײלן אין ישראל. דער פראגראם, וואס די הסתדרות האט פאר זיי צוגעגרייט, איז געווען א וואגיקער און אינטערעסאנטער, אין די ראמען פון זייער צייט.

די ערשטע פריינטלעכע אויפנאמע פאר זיי איז געווען ביים אמעריקאנער אמבאסאדאר, מיסטער לאוסאן. זיי האבן אויך באזוכט דעם ביילינסאן שפיטאל, דער "שענסטער און בעסטער שפיטאל אין דער מידל־איסט", און דארט פארבראכט מיט א צאל דאקטוירים.

"מיר האבן געהערט באגייסטערטע גרוסן וועגן דעם שפיטאל פון פרעזידענט דובינסקי" — האבן די געסט געזאגט — "מיר ווילן איצטער זאגן, אז ניט נאר פארשטייען מיר זיין באגייסטערונג, נאר מיר דענקען אפילו, אז ער האט ניט גענוג אפגעשאצט פאר אונדז די קאלאסאלע דערגרייכונג" . . .

די גרופע האט באזוכט א מושב, עטלעכע מייל בלויז פון אראבישן גרענעץ און האבן געזען ווי אזוי זיי ארבעטן און לעבן קאלעקטיוו — — "א לעקציע" וואס ארבעטער קאנען אויפטאן ווען זיי גלויבן. א באזונדער שטארקן איינדרוק האט אויף זיי געמאכט די האפן־שטאט חיפה. "מיר האבן געמיינט אז ס'איז א פונקט אויף דער מאפע" — האבן זיי דערקלערט — "מסתם ניט אזא גוטער 'פארט', א פאר פיינע הייזער, איי ניקע פאבריקן, א.אז.וו. (דאס איז דער געפיל וועגן אריענט.) און מיט אמאל: א קאמבינאציע פון נעאפעלס, טריעסט, מארסיי און סאן־פראנציסקא — און דאס איז חיפה! דערזעענדיק דעם הר־הכרמל זיינען מיר אלע געווארן פון אנטציקונג. מיר האבן דעם אטעם פארהאלטן. אזא הארמאניע פון וואונדער און שיינקייט. מיר ווייסן,

אַז אין אַלע טיילן פון דער וועלט לעבן אין אַזעלכע ערטער — רייכע. דאַ זעען מיר, ווי אַרבעטער־הענט האָבן אויסגעקריצט פאַר זיך אַ מאָ־זאַיקע, און אַרבעטער לעבן דאָרטן!

„מיר זיינען מודה, אַז מיר האָבן פריער ניט געוואוסט פאַרוואָס געגני מיר גיבן אונדזער הילף. מיר האָבן געוואוסט, אַז פּרעזידענט דובינסקי איז אַ מענטש וועלכער ווערט באַגייסטערט און האָט דעם כוח צו באַ־גייסטערן אַנדערע. איצטער זיינען מיר אים אַלע דאַנקבאַר וואָס ער האָט אונדז געוויזן אַזאַ וועלט".

דער מעיאָר פון חיפה, אבא חושי האָט ביי דער אויפנאַמע אין „סיטי האָל" געזאָגט: „חיפה איז אַן אַרבעטער־שטאָט. מיר שטרעבן דערצו, אַז די וועלכע שאַפן זאָלן אַליין געניסן. מיר האָפן אַז איר וועט פילן אַ שטאָלץ מיט דעם וואָס איר האָט אַ חלק אין אונדזערע דערגרייכונגען. מיר זיינען זייער דאַנקבאַר אַזעלכע פריינט".

וויים־פּרעזידענט אַנטאָניני איז געווען גערירט. ער האָט געזאָגט: „נאָר אַ פּאָר טעג בין איך אין ישראל. איך האָב געזען אַזויפיל גרויסע זאַכן, אַז עס פעלן מיר ווערטער אויסצודריקן מיינע געפילן. מיר האָבן געזען די ,אינטערנעשאַנאַל טרייד סקול', אַ פּראַקטיקע אינסטיטוציע, וואו עס לערנען יוגנטלעכע, סיי אַלגעמיינע בילדונג, סיי נוצלעכע פּראָ־פעסיעס, ווי ,טול־מייקינג', ,אויטאָ־מעכאַניק', ,וועלדינג' און נאָך. זיי שאַפן פאַר זיך אַ צוקונפט אין דער געזעלשאַפט. מיר האָבן געזען ווי באַגייסטערט זיי אַרבעטן . . . עס האָט געפרייט דאָס האַרץ פון יעדן פון אונדז, ווען מיר האָבן דאָרטן געזען מאַשינען מיט די נעמען פון אונדזערע לאָקאַלן — אַלס מתנות.

„מיר האָבן געזען דעם גליל. די געשאַפענע ישובים דאָרטן אין דעם שטיינערנעם לאַנד. די פרוכט־ביימער, — ,די ריעל גראַינג פרוט' אין דער ווילדערניש. מיר האָבן געזען פון נאָענט די אַראַבישע דערפער און האָבן געטראַכט: צי וויסן זיי פון דעמאָקראַטיע, ווי די ייִדן?

„אין נאַזאַרעט, דאָס איינציקע אָרט אין ישראל פאַר קריסטן, האָבן מיר געזען אַלע הייליקע ערטער. געווען אין די ,טשוירטשעס' און מיר האָבן גערעדט מיטן פאַסטאָר פון רוימישן ,ווערגאַני'. ער האָט אונדז געזאָגט: ,מיר האָבן גרויס באַוואונדערונג פאַר דעם וואָס ישראל האָט אויפגעטאָן אין דער קורצער צייט. מיר דענקען אַז עס קומט זיי אַלעס

גוטעס וואס זיי האבן'. מיר לעבן בשלום מיטן פאלק און זייערע פידער. אויב עס קומט אויף עפעס א קאמפליקאציע, ווענדן מיר זיך צום מעיאר פון חיפה. מיר זיצן ווי גלייכע, און אין קורצע מינוטן, ווערט אלץ דערליידיקט לטובת אלעמען".

אין אוונט האט די חיפער ארבעטערשאפט געווארט אומגעדולדיק מקבל פנים צו זיין די חשובע געסט פון דער הסתדרות אין דעם ערשט־אויפגעבויטן ספארט־פלאץ. יענעם אוונט איז צום ערשטן מאל געעפנט געווארן דער סטאדיום, און איז אנגערופן געווארן אויפן נאמען פון דעם ערשטן וויים־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, לואידזשי אנטאניני, און אין זיין נאמען איז דאס געווען די פייערלעכע דערעפענונג.

בשעת די דעלעגאציע, אין דער באגלייטונג פון מעיאר אבא חושי, איז אנגעקומען מיט מיליטערישן פאראד צום סטאדיום, האט דער פילקעפיקער עולם מיט שטורמישער באגייסטערונג זיי אויפגענומען. פאר די אויגן האט זיך אנטפלעקט א וואונדערלעכע פאנאראמע: ארום און ארום זיינען די באלויכטענע בערג, און דער ספארט־פלאץ — ווי ער וואלט פון אונטער דער ערד ארויסגעשפראצט . . . די צוויי "טימס" האבן אין זייערע אוניפארמען שוין געווארט אנצוהייבן דעם ערשטן פארמעסט. ל. אנטאנינין איז צוגעטיילט געווארן דער כבוד צו געבן דעם ערשטן שטויס דעם באל.

דער מעיאר האט געלאדן די גאנצע דעלעגאציע אינמיטן פעלד און זיי פייערלעך באגריסט און געדאנקט פאר דער שיינער ביישטייערונג פון 55 טויזנט דאלער, וואס האט מעגלעך געמאכט דעם סטאדיום אויפצובויען. ל. אנטאניני איז געווען גערירט פון דעם כבוד וואס איז אים צוגעטיילט געווארן, וואס דווקא אויף זיין נאמען — און ניט אויף פרעזידענט דובינסקיס נאמען — וועט זיך רופן דער סטאדיום אין חיפה. ער האט ביי דער געלעגנהייט, אין נאמען פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל, צוגעזאגט א ביישטייערונג אויפצובויען א שווים־באסיין ארום דעם סטאדיום. זיין צוזאג איז אויפגענומען געווארן פונעם גאנצן עולם מיט באגייסטערונג און אפלאדיסמענטן.

פארן אנהייב פון שפיל האט אנטאניני געדריקט די הענט פון די שפילער און געגעבן דעם ערשטן שטויס דעם באל. מיט גערירטע ווערטער

האט ער געזאגט: "איך בין שטאָלץ מיטן כבוד וואָס איר האָט מיר צוגע־טיילט. דאָס וועט צוגעבן כוח פאַר די יאָרן וואָס כ'האָב נאָך ווייטער צו אַרבעטן מיט באַגייסטערונג פאַר דעם פאָלק פון ישראל. מיר וועלן ווייטער העלפן אין דעם אויפבוי אַזוי ווי מיר העלפן איטאַליע. זאָל לעבן ישראל!"

די גאַנצע דעלעגאַציע האָט ביי דער געלעגנהייט באַקומען פון אבא חושי מעדאַלן פון דער שטאָט חיפה. מיט אַ מיליטערישן פּאַראַד האָט מען די געסט אָפּגעפירט צוריק.

דעם לעצטן מעת־לעת אין ישראל זיינען זיי געווען געלאַדן צום פּרע־זידענט בן־צבי אין ירושלים, צו דער אויסערן־מיניסטערין גאָלדע מאיר, און בכלל צו זען ירושלים און איר אומגעגנט, ווי אויך איינעם פון די פיל אָפּרו־פּלעצער און די קיבוצים פון קופּת חולים.

שבת אוונט זיינען זיך אין תל־אביב צוזאַמענגעקומען אַלע אַרבעטער־פירער און פריינט פון הסתדרות, צווישן זיי אַזעלכע חשובע געסט ווי יוסף שפּרינצאַק, דער "ספּיקער" פון כנסת, אייזיק העמלין, דער אַמע־ריקאַנער וועטעראַן פאַר ישראל, חיים שורער, דער רעדאַקטער פון דער אַרבעטער־צייטונג "דבר", צו געזעגענען זיך מיט דער חשובער דעלע־גאַציע.

פּנחס לבון, דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, האָט געזאָגט: "אייער באַזוך ביי אונדז זאָל מער צעמענטירן צוויי אַרבעטער־כוחות, דאָס קליינע לאַנד ישראל און די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. איר האָט געזען אונדזער פאָלק אין אַ צושטאַנד פון געפאַר, פאַרגלייכט די אַנהייבן פון אייער פאָלק צו פאַרשטיין אונדזערס. מיר זיינען גליקלעך וואָס איר זייט געקומען זען".

יוסף שפּרינצאַק האָט געזאָגט: "די גאַנצע וועלט עסקט זיך מיט אונדז . . . מיר ווילן נאָר מ'זאָל אונדז לאָזן בויען דאָס לאַנד און לעבן בשלום מיט אונדזערע שכנים. איטאַליענער ווייסן וואָס עס הייסט בענ־קען נאָך פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. דאָס איז אונדזער געמיינ־שאַפטלעכקייט. צי פילט איר ניט אַ שטאָלץ אין האָבן אַ געוויסן חלק אין אונדזערע דערגרייכונגען?"

אין זיין געזעגענונגס־רעדע האָט דער אָנפירער פון דער דעלעגאַציע, לואידזשי אַנטאָניני, געזאָגט: "שוועסטער און ברידער, איך בין גע־

וואוינט צו רעדן, אבער היינט . . . כ׳בין זיך מודה, אז כ׳בין צעמישט פון אזוי פיל כבוד און פריינטשאפט: כ׳האב עס ניט דערוואַרט. אי־טאַליע וויים ווי אזוי אויפצונעמען גרוים, און מיר זיינען אַלע דאָרט אויפגענומען געוואָרן פייערלעך — מ׳קען זאָגן קייסערלעך, אָבער דאָ, אַט דעם קורצן וויזיט וועלן מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דאָס קליינע ישראל איז אַ גרויס אַרבעטער־לאַנד. איך וואָלט אייך געקאָנט דער־ציילן אַ סך פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט. איך געדענק נאָך די צייטן ווען איך בין געווען אַ נייער אימיגראַנט. מיר האָבן זיך גענוג אַנגעליטן . . . אָבער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דאָס לאַנד געביטן. מיר זיינען דערצויגענע דעמאָקראַטן. אונדזער יוניאָן האָט אָפּגעשאַפט אַ סך גרענעצן צווישן מענטשן. די צרה איז נאָך אַביסל די פיל שפּראַכן, אָבער מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו זיין פאַר־אייניקט אין אונדזערע טאַטן.

"דאָס וואָס מיר האָבן דאָ אין די עטלעכע טעג געזען וואָס איר האָט אויפגעטאָן איז אַ שטאָלץ. פאַר מיר איז ניט נויטיק געווען צו זען, כדי צו גלויבן, אָבער עס איז נויטיק געווען פאַר דער דעלעגאַציע. יעדערער פון זיי פריינט זיך און איז דאַנקבאַר פאַר דער געלעגנהייט צו זען וואָס אונדזער הילף טוט אויף, און כ׳וועט זיי גלויבן!"

"כ׳בין צופרידן וואָס כ׳בין ניט דער אייציקער איטאַליענער וועמענס נאָמען עס איז אין ישראל פאַראייביקט (מאָנומענטן שטעלט מען ניט ביים לעבן . . .). איך הער אַז ס׳איז דאָ אַ גאַס "לאַגוואַרדיאַ". עס פריים מיך זייער וואָס דער נאָמען פון אַזאַ דעמאָקראַט לעבט צווישן יידן.

"מיר באַדויערן אַלע וואָס אונדזער באַזוך איז אַזאַ קורצער. מיר ווינ־טשן אייך, אַז איר זאָלט קענען לעבן מיט אייערע שכנים אַזוי ווי אַמע־ריקע מיט קאַנאַדע — אַז געוועור" . . .

פּנחס לבון האָט איבערגעגעבן לואידזשי אַנטאָניני אַ מתנה — אַ "סאַגאַ" פון דער שטאָט ירושלים, וואָס דער גאַסט האָט מיט סענטי־מענטאַלן דאַנק אַנגענומען.

בראשיתדיקער מדבר

עס קאן אוודאי קלינגען מאָדנע, "היינטיקע טעג" שפּאַצירט מען אין נגב? ניט נאָר מעגן זיך חידושן לייענער אין חוץ לארץ, אַפילו בירגער פון לאַנד, בפרט די, וועלכע וואוינען אין די שטעט, זיינען זייער ווייניק באַהאַוונט און זייער פיל באַזאָרגט, וואָס עס טוט זיך באמת אין נגב. זיי ווייסן "ס'איז אַ סכנה"—און זשאַליעווען ניט קיין באַדויערן פאַר די תושבים דאָרטן, — שוין אָפּגערעדט אַז עלטערן וועלן ניט צוריידן זייערע קינדער, וועלכע ווילן, אין אַזעלכע טעג, פאַרלאָזן די "זיכערע" שטאָט און גיין לעבן אין נגב.

איך בין געווען איינע פון די מיטשפּאַצירער מיט אַ גרופּע אנשי־חקלאות, בראש מיט אברהם האַרצפעלד. דער נאָמען האַרצפעלד איז זינט דאָס בויענדיקע ארץ־ישראל איז אויפגעקומען, "אַ שם דבר". ער איז בוכשטעבלעך דער טאַטע פון הונדערטער אויפגעקומענע ישובים איבערן לאַנד, בפרט זינט מדינת ישראל, שטייט ער ווי אַ שומר און אַ קעמפער צו ברענגען די יידן ניט נאָר אין לאַנד, נאָר דער עיקר — צום לאַנד! אַלס צוגאָב צו זיין זעקס־טאָגיקער אַרבעט (אויך אַלס חבר הכנסת), איז ער זיך נוהג, אַז יעדן שבת גיט ער אַוועק זיין פרייען טאָג אויף שפּאַצירן איבערן לאַנד. בעיקר באַזוכט ער די דאָזיקע

ישובים וועלכע נויטיקן זיך שטאַרק אין זיין השגחה. און דאָרט וואו ער קומט — איז אַ יום־טוב.

קומט מען אַריין אין די ישובים "ערגעץ דאָרטן אין נגב", וואו די גרענעצן ליגן ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, גלויבט מען די אייגענע אויגן ניט, צו דערזען דאָס פול־שעפעריש לעבן דאָרטן. דער עולם אין די נגב־קיבוצים איז זייער אַ יונגער (איינער פון די "נאַטירלעכע אוצרות"). עס כאַפּט אָן אַ פרייד צו זען אַזויפיל יונגע טאַטע־מאַמעס, וועלכע זעען אַליין אויס נאָך ווי קינדער, ווי רואיק און דערוואַקסן זיי שפּאַצירן אום מיט זייערע קינדערלעך (שבת אַרבעטן מערסטע ניט), און טוט מען אַ רייד מיט זיי וועגן "דער לאַגע", ענטפערן זיי:

"וואָס מיינט איר, תמיד טראַכטן מיר אין די טערמינען? 'זיי דאָרטן' " — און זיי ווייזן אויף די בערגלעך ניט ווייט, וואָס הינטער זיי געפינען זיך אַראַבישע ישובים, — "זיינען ניט ווערט צו שטערן אונדזער טעגלעך לעבן! — ס'איז דאָ ביי אונדז פרייד, ס'איז דאָ ליבע, ס'איז דאָ בויאונג, און ס'איז דאָ זאָרג . . ."

זיי ריידן אַרויס די ווערטער אַזוי פּשוט, אַז אין אַנגעזיכט מיט דערווירקלעכקייט מוז מען זיי גלויבן.

פאַר די אויגן שטייען לאַנגע שורות נייע, ווייסע הייזער, וועלכע האַלטן אין פאַרענדיקט ווערן פאַר די "עלטערע חברים" — אַרום זיי שפּראָצן שוין היפּש שיינעביימער און בלומען, כאָטש מערסטנס איז דער שטח נאָך פלאַך און זאַמדיק. אָט שפּאַצירן מיר אין דער גרויסער ניי־פאַרענדיקטער געביידע פאַר אַ נייעם "גן", מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען.

"וויפל קינדער פאַרמאָגט איר?"

"קיין עין־הרע היפּש, און אַ סך זיינען אין וועג . . ."

"ווי אַזוי רעאַגירן די קינדער אויף די שיסערייען? שרעקן זיי זיך שטאַרק?"

"זיי שרעקן זיך בכלל ניט", קומט דער ענטפער. — "זיי ווייסן נאָר: מ'שיסט, דאַרף מען אַרונטערגיין אין די בונקערס".

און די בונקערס? — מיר האָבן זיי געזען, זייער טיף זיינען מיר אַרונטערגעגאַנגען . . . און אַ ברכה אויף זיי געמאַכט: "מ'זאָל זיי ניט דאַרפן!" נאָר אויב, חלילה, יאָ (אַ פאַרמעגן מיט מי און געלט קאָסטן

זיי אָפּ) — שטייען זיי גרייט מיט אַלע באַדינונגען . . . ניט נאָר זייַנען זיי לופטיק, גראַם גענוג צום שלאָפן, ספּעציעל פאַר די קינדער, נאָר בייַ דער זייט שטייט גרייט אַ מחסן (סקלאַד) מיט עסנוואַרג, אַ קיך, מיט וואַסער, עלעקטריק און קיך־אויסשטאַטונג. אין אַ צווייטן אָרט, אַ שפּי־טאָל־בונקער, מיט בעטלעך און מאַטראַצן, מיט "ערשטער־הילף" איינ־ריכטונג, מיט מכשירים . . . דאָס אויג ווערט געפּלעפּט און ס'האַרץ הערט אויף ממש צו קלאַפּן, — שווער צו זאָגן צי פון שרעק, צי פון פרייד . . .

ביים אַרויפקומען אויף דער ליכטיקער שיין, דוכט זיך ווידער אויס אויפן ערשטן בליק, "בראשיתדיקער מדבר". און אָט ציען זיך אויף מיילן ווייט די גרינע און ברוינע פעלדער, וואַסער שפּריצט דין און קיל אין דער לופטן (דער חלום פון וואַסער אין נגב איז שוין אַ שיינע ווירק־לעכקייט), ביינאַכט מיט טויזנט אויגן היט מען די פאַרמעגנס, און בייַ־טאָג — ניט אַן געווער — אַרבעט מען אין אַלע צווייגן פון משק. ווי די בינען אַרבעט מען, בפרט אין די סעזאָנען ווען מ'דאַרף זייען און שניידן!

"ווען־זשע האָט איר צייט צו בויען די בונקערס?"

"ווען כ'רוט זיך אָפּ פון געוויינלעכע אַרבעטן . . ."

"זייט פאַרזיכטיק!" וואָרנט מען אונדז פּלוצלינג, — קוים־קוים באַ־מערקבאַרע שטעכל־דראָטן ליגן געשפּרייט איבערן משק (און אויך אַרום אים), — דאָס איז, הערן מיר : אויב עס זאָל "עמיצן", אַן אומגעבעטענעם גאַסט, זיך פאַרגלוסטן קומען צו אונדז, זאָל ער באַקומען אַ לייַ־טישן "ברוך הבא!"

"אגב, אַט־די, און אַ סך אַנדערע וויכטיקע זאַכן, מאַכן 'די וואָלונ־טירן'. שוין עטלעכע חדשים ווי עס קומען אַרויס מענטשן פרייוויליק אויף אַ וואָך צייט".

אין אַנדערע ערטער קומען צו פאָרן רעגלמעסיק יעדן שבת 25 און 30 מענטשן אין אַ קיבוץ, און "זיי טוען אויף וואונדער!"

"ווער זייַנען די דאָזיקע וואָלונטירן?"

"כלערליי אַרבעטער, דאָקטוירים, נהגים, פּקידים, שרייבער, אַד־וואָקאַטן און אַפילו — מיניסטאָרן. אונדזער געווינס איז אַ צווייענדי־קער : עס דערנענטערט אונדז אין גייסט מיטן ישוב, מיר פילן זיך ניט אַליין . . . צווייטנס, עס שפּאָרט אונדז איין אַ סך טעג אַרבעט . . ."

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים וועלן מיר ניט אָנרופֿן קיין שום קיבוץ ביים נאָמען, כאָטש יעדער פֿון זיי פֿאַרדינט בפּירוש דערמאָנט צו ווערן צוליב זיין באַזונדער העלדישקייט, צוליב זיין פּאַרשריט, צוליב זיינע באַזונדערע נויטן פֿאַר מער הילף און שמירה . . .

אין איינעם אַזאַ קיבוץ, נאָך אַ געשמאַקן מאָלצייט אין חדר האוכל, לאַדן די חברה זייער חשובן גאַסט מיט זיינע באַגלייטער, צו זען זייערע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע דערשיינונגען. דערנאָך וועלן זיי ריידן, "אונטערציען אַ שורה" — וואָס מ'דאַרף באַלד האָבן . . . פֿאַר וועלכע זאַכן "דער טאַטע" הארצפעלד זאָל געפֿינען אַ צוגאָב תקציב (בודזשעט).

אָט טרעטן מיר איבער די שוועל פֿון אַ געוויינלעכער געביידע, און מיר געפֿינען זיך אין אַ פֿאַבריק. ווער האָט געקאָנט דערוואַרטן אין אַזאַ יונגן און וייטן ישוב אַ פֿאַבריק פֿון מעטאַלענע טיילן פֿאַר "קאָמביי־נערס"? —"לאַגערן" רופֿן זיי דעם זייער וויכטיקן אַרטיקל אין דער ישראלדיקער אינדוסטריע. בלויז צוויי פֿאַכמענערישע אינזשינערן — חברים פֿון קיבוץ — פֿירן־אָן מיט דער אַרבעט. אויף אַלע מאָדערנע מאַשינען אַרבעטן אַ גרופּע חברים. דאָס ברענגט זיי אַריין גרויסן רווח און זאָגט זיי צו אַ גוטע באַזע.

"פֿעלט אייך ניט אויס קיין אַרבעט?"

"מיר קאָנען קוים אָניאָגן צו פּראָדוצירן אַלע אונדזערע באַשטעלונ־גען", הערן מיר דעם ענטפֿער.

קעגנאיבער ווייזט מען אונדז אָן אויף דער גרויסער געביידע, וואו־הין די פֿאַבריק קלייבט זיך באַלד אַריין.

"וואו נעמט איר צייט פֿאַר דער אינדוסטריע?"

"ווען מ'רוט זיך אָפּ פֿון גראָבן טראַנשייען . . ."

כאָטש ס'איז זייער וויכטיק צו האַלטן וואָרט און קיין שום נאָמען ניט דערמאָנען, ווילט זיך נאָר באַמערקן, אַז אין דעם קיבוץ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט יהודה גינגאָלד, דער זון פֿון סאָפֿי יודין און פֿון דעם אומפֿאַרגעסלעכן לערער פּנחס גינגאָלד, וועמענס בוך מיר האָבן אין יהודהס צימער געבלעטערט, און עטלעכע שטילע פּיינלעכע מינוטן אויסגעשוויגן . . .

סיי דאָ, סיי אין אַנדערע ערטער, ווילן די חברים וועלכע זיינען שוין אָפּגעזעסן ביחידות מיט ח' הארצפעלדן, און אַ פּריינטלעכע דינגעניש

איז אנגעגאנגען, דאך — פארן געזעגענען זיך, נאך איין בקשה. זיי ווילן — בעטן זיי זיך ממש — האבן א שיכון פאר נוער (פאר יונגע עולים). זיי דארפן "דערציען נוער", און נאר א שיכון קאן אהער ברענגען די יוגנט!

גערולדיק נעמט הארצפעלד אויף זייער גערעכטע טענה און זאגט צו צו געפינען א וועג . . . אויף דער נשמה ווערט פרייליכער.

דער זייגער רוקט זיך. אויפן צעטל האבן מיר נאך עטלעכע קיבוצים צו באזוכן. אויפן וועג צום אויטא בעטן זיך אונדזערע באגלייטער, "נאך עפעס צו זען" — מיר וועלן געווים ביים נאמען ניט אנרופן דעם "עפעס" — אבער קיין סוד איז ניט, די חברים פארשלאפן ניט די ערנסטע צייט — בעסער זאל זי ניט קומען — נאר שטארקע כוחות זיינען גרייט פארן שונא! מיר ווינטשן זיי געזונט און שלום!

שטיל איז דער שבתדיקער שליאך, נאר פארלעך שפאצירן געמיטלעך אום. פון זייער ווייט זעט מען אנדערע ישובים, סיי דער שטויב און סיי די גרינע פעלדער פירן אונדז אהין.

ווידער ווערט ח' הארצפעלד ארומגערינגלט מיט ליבע און פרייד פון די יונגע אנשי המשק, וועלכע מאכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואלטן "יארן לאנג" די גאנצע לאסט פון אויפלעבן דעם מדבר געטראגן אויף זיך . . . אין אמתןריידן זיי מיט הומאר און רואיקן טאן — ווי עס קאנען נאר מענטשן מיט א טיפן גלויבן. ווידער ציפערן, ווידער קאנקרעטער דערציילן פון פאזיטיוועס, און פון וואס עס פעלט נאך . . . אט למשל טאקע דער חדר האוכל, וואו מיר זיצן ביי א גלאז טיי — "אזא קליינער, עס איז שווער פאר דער ייד צו סערווירן צוויי און דריי מאל איין מאלצייט. פיל משפחות עולים זיינען גרייט צו פארלאזן די מעברה און וואלטן געקומען אהער, ווען מיר וואלטן נאך געהאט א שיכון פאר זיי! און אויך פארלאנגען אונדזערע עלטערן בעסערע וואוינונגען, מיט אייגענע שירותים (וואש־ציממערן) און פאר זיך, אייגענע קיד־פריווילעגיעס, ווייל זיי עסן אנדערש . . ."

ח' הארצפעלד, מיט זיין געבענטשטן הומאר, שלאגט זיי איבער:

"חברה, עס איז טאקע שבת נאך טיש, אבער לאמיר ריידן צו דער זאך! א שיכון פאר עולים, אויב איר באווייזט אונדז אויף זיכער א

גענוגנדיקע צאָל משפּחות, וועלן מיר באַוויליקן. וועגן אַנדערע זאַכן וועלן מיר זוכן אַ תּקציב (בודזשעט)!"

די חברים זיינען צופרידן, ווייל זיי ווייסן, — אַ וואָרט פון אברהם האַרצפעלד איז געבאָט!

און אַזוי אויף אַ דריטן און אַ פערטן אָרט . . . פּלוצלונג הערן מיר אַזאַ פאָדערונג: — "שיקט אונדז בחורות, צופיל רווקים (אומפאַר־הייראַטע) מענער האָבן מיר, ס'איז אומעטיק, און ס'איז ניט געזונט." מיר הערן אַז כמעט אַלע בחורות זיינען פאַרהייראַט. "מ'כאַפּט זיי אויס!" די לאַגע איז אַן ערנסטע און זי וואַרפט זיך אָגב אין די אויגן... אַ שאָד, וואָס ניטאָ אויך קיין ספּעציעלער תּקציב דערצו . . .

גאָר אַ סך נחת האָבן מיר געהאַט אויף אונדזער לעצטן באַזוך, וואו דער ישוב וואָס איז קוים זעקס יאָר אַלט, איז אַזוי איינגעפונדעוועט, פי־זיש און גייסטיק, ווי ער וואָלט פון אייביק דאָ געשטאַנען. מיט אַן אומגלויבלעך רואיקן טאָן הערן מיר: "פינף יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מ י ר געזייט און זיי האָבן געשניטן!" וואָס מיינט עס? חידושן זיך אַפילו די געסט וותיקים. "גאַנץ פּשוט, אונדזערע פעל־דער ליגן אויף די גרענעצן. אין צייט פון שניט ראַמען זיי אָפּ די פעל־דער אין איין נאַכט" . . .

"און וואו איז אייער שמירה?"

"שווער איינצוהיטן אַ הונגעריקע מאַסע. אָבער היינטיקן יאָר האָבן מ י ר צום ערשטן מאָל געשניטן".

"הייסט עס, איר האָט ניט אויפגעגעבן די גאַנצע צייט צו פאַרזייען?"

"אויפצוגעבן איז ניט אין אונדזער נאַטור . . ."

פאַר די אויגן וואַרפן זיך "געוויסע צעשטערונגען" אין משק, וועלכע די תּושבים "ברענגען" אַליין—פאַר אַ טאָג וועלכער זאָל ניט קומען . . .

און באַלד, כדי אונדז צו פאַרגיטיקן דאָס בילד, בעט זיך ממש אַ חבר, מיטצופאָרן מיט אונדז אַ ביסעלע אויף אונדזער וועג אַהיים, ווייזן אונדז זייערע וויינגערטנער, און בפרט — דעם "עקספּערימענטאַלן ציטרוס סאַד", וועלכן דער וויצמאַן־אינסטיטוט האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אָנגעהויבן, און "ס'וואַקסט!"

אויף גאָר שמאַלינקע שליאַכן, צווישן אומצאָליקע שורות טרויבן, פאָרט די אויטאָ און ס'דוכט זיך, מיר וועלן קיינמאָל אויף דער טריקע־

ניש ניט אַרויס . . . און אַט זיינען די פאַרשיידענע אויפשריפטן ביי די צענדליקער ביימער אין די נייע ציטרוס סעדער אין נגב, — אפילו באַנאַנעס וואַקסן.

„נאָך איין יאָר ווען מיר צוואַוואַרטן מיט אונדזערע עקספּערימענטן, דערנאָך הייבן מיר אָן צו פלאַנצן אויף פילע דונאַמס!"

די דאָזיקע שפּע דערקוויקט און באַרואיקט. עס ווערט מקוים דאָס ווערטל: „צוליב די ביימער זעט מען ניט דעם וואַלד",—אַז מ'פלאַנצט און עס וואַקסט אין דער היים, „פאַרזעט מען" די שכנותדיקע בערגלעך און גרענעצן. דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פלאַנצט זיך אַריין אין דעם בראשיתדיקן מדבר, און ס'בליט די נעכטיקע וויסטעניש — באַגאָסן מיט חכמה און גלויבן!

אונדזער שכר פאַר דעם טאָג איז אַוודאי גרויס געווען. ער האָט איבערשטיגן אונדזערע דערוואַרטונגען. אָבער דער שכר פון די בויער? ווער קען מעסטן די „גרויס" פון זייערע ליידן און פריידן?

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער ישראל הימל האָט זיך אויסגעשטערנט, און ווי אין פאַרמעסט מיט אים, האָבן באַלד געגומען טאַנצן די קליינינקע פייערלעך פון די ווייטע ישובים אין נגב, וועלכע האָבן אונדז צוגעפינקלט „אַ גוטע וואָך" אויפן וועג אַהיים!

„לא ינום ולא יישן שומר ישראל"

זונטיק, דעם 29טן אקטאבער, פאלט אויס די דאטע פון "מבצע סיני". דעמאלט האבן יידישע ארמייען געמאכט א "סורפריז אטאקע" אויף דעם מצרישן שונא, וועלכער פלעגט יארן־לאנג אנפאלן אין פארשיידענע טיילן פון לאנד, ראבירן, שטערן די רו — דאס האט דערפירט צו דעם היסטארישן באשלוס פון מדינת ישראל, א סוף צו מאכן צו לעבן אין פחד . . .

גרויסע פרייד איז (חלילה) ווי גרויסער צער, וועלכער לאזט זיך מיט קיין ווערטער ניט דערציילן. אזעלכע זיינען די היינטיקע טעג אין ישראל! עס פעלט דער כוח צו באהערשן די טיפע איבערלעבונגען וועלכע זיינען אזוי בליץ־שטארק און בליץ־שנעל געשען, און הערן ניט אויף יעדע רגע צו געשען. צי זיינען מיר אליין מסוגל אפצושאצן דעם זכות, וואס א ו נ ד ז איז באשערט געווען איבערצולעבן אזעלכע טעג? אנדערע דורות (און אויך אפשר אנדערע פעלקער) וועלן באוואונדערן און מקנא זיין דעם דור, וועלכער האט אזוי א קערעווע געטאן די געשיכטע, אז א וועלט זאל וויסן . . .

אוודאי וועל איך ניט בארירן (ווייל ס'איז א גרויסע געוואגטקייט) די פאליטישע לאגע אין די ימי סיני. איך וויל זיך באנוגענען מיט ארויסהייבן א פאר ניואנסן פון דער ניט־פארענדיקטער סימפאניע ; דהיינו?

— שילדערן אייניקע עפיזאָדן פונעם טעגלעכן לעבן בשעת די געשעע־ נישן און באַלד נאָכדעם, ווייל לויט ווי דאָס לעבן אין ישראל שפּרודלט, לויט ווי מ׳גייט טאָג־טעגלעך צו אַרבעט און געשעפטן, לויט ווי מ׳שיקט קליינע קינדער לערנען, — לויט ווי מ׳בויט הייזער און מ׳פּראַוועט חנוכת הבית, קאָן מען דענקען, אַז קיין שום זאַך האָט זיך אין טאָג־ טעגלעכן לעבן ניט פאַרענדערט, ווען אין אמתן האָט זיך פיל געענדערט.

עס האָט זיך, קודם־כל, געעפנט דאָס יידישע הארץ פון יונג און אַלט, פון רעכטס און פון לינקס. אויף אַלע שפּראַכן פאַרשטייט מען היינט אין ישראל דעם איינציק־גרויסן ציל: "קעמפן פאַרן פרייען לעבן!" עס האָט אַלעמען פאַראייניקט די גרויסע פרייד פון נצחון, און דער צער — וועמענס גורל עס איז געווען פון אים געטראָפן צו ווערן . . .

פאַר דער שטאַרקייט און דערהייבנקייט פון עלטערן אין ישראל איז נאָך ניט געפונען געוואָרן דאָס ריכטיקע וואָרט, מיט וועלכן צו באַקרוי־ נען זייער גבורה. וויפיל גייסטיקן כוח דאַרף האָבן אַ פאָטער צו קאָנען שרייבן אין טעג פון זיין טיפן צער צו דעם ראש הממשלה, דוד בן־גוריון און אים זאָגן, אַז כאָטש ער אַליין האָט פאַרלוירן דאָס ליכט פון די אויגן, זיין איינציקן זון, און זיין הארץ איז אַזוי צעוואונדיקט . . . איז ער ערשטנס זיכער, אַז ווען זיין זון וואָלט פריער געוואוסט וועגן זיין גורל, וואָלט ער זיך אויף אַ רגע ניט אָפּגעהאַלטן; און צווייטנס, פילט ער, אַז אין אַזעלכע טעג פון שווערע אחריות, טראָגט דער ראש הממשלה אַזאַ שטאַרקע לאַסט אויף זיך, אַז ער, מער ווי עמיצער אַנדערש, נוי־ טיקט זיך איצטער אין טרייסט, ווייל ער, דער געליטענער פאָטער, דעם "פאָטער פון פאָלק" איצטער טרייסטן, און אויב, שרייבט ער ווייטער, זיינע עטלעכע ווערטער וועלן נאָר אַביסל גרינגער מאַכן זיין געמיט, וועט עס אין זיין גרויסן צער איצטער, זיין אַ שטיקל טרייסט . . .

ניט אומזיסט האָט בן־גוריון אים געענטפערט: "נאָר אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט אַזאַ מאָראַל — קאָן זיגן!" און אַז אַזאַ בריוו דאַרף בלייבן אין מוזיי פון פאָלק לדורות למופת! ניט ווייניקער דאַרפן בלייבן אַנ־ דערע געשעענישן פון ימי סיני למופת.

דורך דער ראַדיאָ, פון "אי שם" — פון ערגעץ אויף די פּראָנטן, גיבן איבער חיילים גרוסן צו זייערע עלטערן, צו דער פרוי און קינ־ דער, צו דער געליבטער . . . איז ערשטנס, די כלערליי דיאַלעקטן און

שפּראַכן וואָס מ'הערט — און די געציילטע ווערטער וואָס זיי זאָגן, כאַפּן זיי אָפּ מיט אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט, שיר ניט קינדעריש. זיי פאַרגעסן אָפט אפילו דעם נאָמען אָנצוגעבן . . . פּונקט ווי נ י ט ז י י וואָלטן געווען די העלדן מיט וועמען דאָס פאָלק גרויסט זיך, און פון וועמען אַ וועלט רעדט . . . ביים סוף בעטן זיי זיך ממש פּאַטעטיש, מ'זאָל אויפשפּילן פאַר דעם היים עפּעס אַ ליד — אַ גרוס פון בענקשאַפט, פון קאַמף . . . היינט, די גרוסן, וועלכע עס שיקן עלטערן איבער צו די קינדער צוריק דורך דער ראַדיאָ. ווי אַנדערש זיי זיינען פון "נאָרמאַלע" גרוסן פון עלטערן אין מלחמה־צייט. ניטאָ דער ספּעציפישער קרעכץ, ניטאָ קיין טרערן; מוט און דערהייבנקייט איז דאָ! — "שטאַרק זיך, מיין זון, און פאַרטיידיקט דאָס לאַנד!" "מיר זיינען געזונט און האָפן פון דיר דאָס צו הערן!" "מיר וואַרטן אויף דיין בריוו און אויף דיר" . . . אָט די אַנדערשקייט אין דער ליבע און געטריישאַפט פון עלטערן היינט איז דער כוח וואָס לעבט אין די הערצער פון קליין און גרויס.

און אָט, אויף אַ באַזוך אין אַ קינדערגאָרטן, ביים אָנהייב פון די געשעענישן אין סיני האָבן מיר באַמערקט אינעם בלומען־גאָרטן פון שטראַלנדיקע קינדערלעך, דרייט זיך אַרום אַ קליין יינגעלע פאַרוויינט און פאַרטרויערט. ער האַלט זיך כסדר צוריק פון שפּילן און לאַכן מיט די אַנדערע קינדער. וואָס איז די סיבה פון זיין טרויער? די לערערין דערקלערט: ער איז "באַליידיקט" — אַלע קינדערס טאַטעס האָט מען גערופן אין דער אַרמיי, נאָר זיין טאַטן ניט . . . אַן ענלעכער פאַל איז געווען מיט אַ מיידעלע פריער, ביז אין אַ שיינעם טאָג איז זי געקומען צו לויפן מיט אַ גרויסער שמחה: "מזל טוב, מ'האָט שוין גערופן מיין טאַטן אויך" . . .

און אָט, דאַכט זיך, אַ גאַנץ פּשוטע דערשיינונג. דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָט מען אויף דער ראַדיאָ געלאָזט וויסן דער באַפעלקערונג צו פאַרקלעפּן אַלע פענצטער מיט טונקל פּאַפּיר, ס'זאָל דאָס ליכט אין גאַס ניט דורכדרינגען . . . ווי שטיל און געהאָרכזאַם עס האָט זיך יעדערער געשטעלט אין ריי, לאַנג לאַנג, געוואַרט ביי די קראָמען צו באַקומען דאָס שוואַרצע פּאַפּיר . . . יעדער איינער האָט געטראָגן דאָס געוויקלטע פּעקל אונטערן אָרעם שוויגנדיק, שיר ניט מיט דער זעלבער

רואיקייט ווי מ'טראָגט אהיים פּרייטיק בייטאָג דעם בוקעט בלומען...

בינטלעכווייז זיינען געשטאַנען מענטשן און שווייגנדיק געשטערקט אַ קאַפּ איבער אַ קאַפּ, צו לייענען די ערשט־אויפגעקלעפּטע אַפּישן צו דער באַפעלקערונג פון "אַגאַ" (ציווילע שוץ), ווי אַזוי זיך אויפצופירן בשעת די סירענעס . . . ווי אַזוי אַנצואווענדן ערשטע הילף . . . ווען צו רופן אַן אַמבולאַנס . . . איבערגעלייענט, האָט זיך יעדערער אַוועקגעלאָזט אין זיין ריכטונג אַהיים. איך האָב אריינגעקוקט אין די פּנימער פון די מענטשן, געוואָלט דערזען "די מורא", דעם "טרויער" — כ'האָב אים אומזיסט געזוכט!

אין די ערשטע נעכט פון פינצטערניש איבערן לאַנד, ווען מ'האָט געקאָנט זיך ריכטן יעדע מינוט אויף אַן אַלאַרם און דאַרפן לויפן אין די קעלערס, — וואו זיינען מענטשן דעמאָלט געווען, נאָר אין דערהיים? ניין! אין די גאַסן איז מען אומגעגאַנגען, ווי סילועטן זיך באַוואַיגן. ניט איינמאָל, אין דער שטאָק־פינצטערניש, זיך אַנגעשטויסן אין "פרעמדע" און געשפּאַנט ווייטער. וואוהין איז מען געגאַנגען אין אַזעלכע נעכט? ווער ס'איז געגאַנגען גלאָט ווייל ס'האָט גערופן אין דרויסן . . . ווער אין אַ קלוב אָדער קאַפע־הויז, און ווער — ווי גאָרניט וואָלט געשען — איז געגאַנגען "צו זיין קאָנצערט!"

דער גאַסט־קינסטלער, דער פידל־מייסטער, זינאָ פראַנציסקאַטי, וועלכער איז, אגב, ניט אַנטלאָפן פון לאַנד בעתן אויסברוך פון די געשעענישן (ווי עס האָבן, לײדער געטאָן אייניקע יידישע געסט־קינסטלער) האָט נאָך זיין וואונדערלעך שפּילן, זיך געווענדט צום עולם און געזאָגט: "איך האָב נאָך ניט באַגעגנט אַזאַ פאָלק, אין אַ צייט פון סכנה, אין אַ צייט פון טאָטאַלער פינצטערניש, זאָלן מענטשן ניט פאַרלירן אַ קאָנצערט, זאָל אַן איינציקער שטול ניט בלייבן ליידיק שטיין? — איך בין גרייט צו פאָרן איבער דער וועלט דאָס צו דערציילן" . . . ער האָט יענעם אָוונט געגעבן אַזויפיל אַנקאָרס . . . הוילע נשמהדיקייט האָט פאַראייניקט דעם קינסטלער מיטן עולם.

און אין די קאַפייען איז מען געזעסן מיט פאַרטונקלטע פענצטער אינעווייניק, ביי די טישלעך אויף דער פינצטערער גאַס איז קיין אָרט ניט געווען צו באַקומען . . . קעלנערס מיט קליינע פאַנאַרן אין די הענט

האבן דערלאנגט געטראנקען דעם עולם; די פינצטערניש האט ניט געשראקן, נאר געצויבערט . . .

שפאנענדיק אין איינעם אזא אוונט אין גאס, האב איך פלוצלינג דער־הערט קלעזמער שפילן. כ'בין שטיין געבליבן, זיך איינגעהערט. די פינצטערניש האט אביסל געגומען בלענדן, כ'האב באגריפן אז איך געפין זיך ניט ווייט פון "אולם גיל", דעם חתונה זאל אין תל־אביב, און איצטער איז דארטן א חתונה. כ'האב דערפילט אזא שטארקן פאר־לאנג אויך צו זיין אויף דער שמחה, כאטש כ'בין ניט געלאדן . . . אין דער שטאק־פינצטערניש האב איך געזוכט די קליאמקע פון טיר, זי גע־פונען. ווען כ'האב אויפגעמאכט די טיר, האט א שטראל געטאן אין פנים אזויפיל ליכט . . . דער יום־טובדיקער עולם און די פריילעכע קלעזמער האבן עדות געזאגט: ס'איז א שמחה ווי אלע שמחות פון א גאנץ יאר, נאר אין דרויסן איז חושך מצרים . . .

די פרייד פונעם ערשטן אוונט, ווען די גאסן זיינען פלוצלונג ווידער באלויכטן געווארן (נאר פון דער שטוב ליכט), איז ניט צו פארגעסן. מענטשן האבן אז ווערטער זיך אפגעגעבן מזל־טוב! אזא פרייד האט ארויסגעשטראלט פון אלעמענס אויגן: "ס'איז ליכטיק!" יענעם אוונט האט מען אומגעשפאנט איבער די גאסן ווי אין א פאלקס יום־טוב. ס'איז געווען ענג און פרייליך, ממש ווי אין יום־עצמאות, נאר איינ־געהאלטן, מ'האט ניט געטאנצט אין די גאסן — שנירעלעך טרויער פון די פארלארענע לעבנס "דארטן", וואס קיינער האט נאך ניט גע־וואוסט וועמענס זיי זיינען — האט געלאשן דאס ליכט! . . .

אט זאגט אן די ראדיא "חדשות" — נייעס. יעדער איינער, צי אין גאס, צי אינעווייניק, ווערט פארגליווערט . . . מיט אלע חושים צוגע־שמידט צום קול פון ראדיא. אזא דראנג פון יעדן איינעם צו הערן, אזא אחריות צו וועלן וויסן, יעדע שעה, יעדע רגע, יא, אחריות — דאס איז דער געפיל און דער כוח וואס פארייניקט היינט דאס פאלק און די קעמפער. עס איז אלעמענס הארץ־קלאפעניש ביים ווארטן עס זאלן צוריקקומען די ליבסטע און טייערע — ס'איז אלעמענס טרויער פון די געטראפענע אין צער . . .

און היינט איז אויך חנוכה! די אכט חנוכה ליכטלעך לויכטן ארויס

פון די הייזער, פון אַלע קראָמען־פענצטער, און אויף די שפּיצן דעכער פון צענטראַלע געביידעס איבער די שטעט. דאָס ליכט פלאַקערט היינט העלער ווי תמיד — אין כבוד פון די נייע מכבייער, — "מיט דעם ליכט פון די הערצער פון אונדזערע קינדער לאָמיר גיין", די דאָזיקע ווערטער האָט געזאָגט יוסף שפּרינצאַק אין כנסת — אינעם היסטאָרישן טאָג — ווען דוד בן־גוריון האָט דעם פאָלק דערציילט וועגן די קאַמפן און זיגן . . .

דאָס ליכט האָבן אָנגעצונדן יידישע קינדער מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק און כדי דאָס ליכט זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן, כדי דער "נס גדול היה שם" זאָל נישט בלייבן נאָר קיין פאַרגאַנגענהייט, קעמפט היינט דאָס יידישע פאָלק נישט נאָר אין סיני, נאָר אין דערהיים, אויף שריט און טריט, סיי אין יום־טוב, סיי אין וואָד, "לא ינום ולא יישן שומר ישראל!"

נײַנטער יאָרטאָג פֿון אונדזער מדינה

שוין עטלעכע טעג פֿריער האָבן קיין תּל־אָבֿיבֿ געהאַלטן אין אײַן אָנ־קומען געסט פֿון אַלע טײלן לאַנד, װי מחותּנים אױף אַ גרױסער חתונה. אין שטאָט האָט זיך געמערקט אַ גרױסער צושטראָם פֿון מענ־טשן, פֿון אױטאָמאָבילן און כּלערלײ „טראָקס", װעלכע האָבן געבראַכט מענטשן פֿון קיבוצים צום יום־טובֿ.

דעם טאָג ערבֿ יום־טובֿ האָט די שטאָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים: אױף די גאַסן װאָו עס האָט געזאָלט פּאַרקומען דער פּאַראַד, האָבן ניט נאָר געפֿלאַטערט די בלױ־װײַסע פֿאָנען, נאָר מ'האָט ממש „געבױט באַריקאַדן". דהײנו? קינד און קײט האָבן געהאַמערט, געקלאַפּט אַ ברעט צו אַ ברעט, לענגאױס די טראָטואַרן פֿון די הײַזער. װער ס'האָט קײן ברעטער ניט געהאַט, האָט אַרױסגעטראָגן אין גאַס אַלטע בענק־לעך, טאַבאַרעטקעס, אַלטע קאַסטנס, זײ געבונדן אײנס צום אַנדערן מיט שטריק, דורכגעצױגן אַרום די בײמער, ביז עס איז אױף לאַנגע גאַסן אױסגעװאַקסן אַ „מזרח־װאַנט" פֿאַר די „גליקלעכע שכנים" װעלכע װאױנען צופֿעליק אױף די גאַסן װאָו הײַנטיקס יאָר װעט דורכ־גײן דער פּאַראַד פֿון יום־העצמאות. דאָס דאָזיקע בילד האָט אױסגעזען װי אַ נאַטירלעכער המשך פֿון די ספּעציעל־אױפֿגעבױטע בינעס אױף

אַרלאָזאָראָוו גאַס, לעבן דעם בנין פון ועד־הפועל, וואו דער פּאַראַד האָט זיך אָנגעהויבן און זיך געצויגן דורך דער ברייטער גאַס בן־יהודה, איינ־שליסנדיק די צענטראַלע גאַס אַלענבי און נאָך העט־ווייטער ביז יפו.

פאַרנאַכט האָט זיך דער יום־טוב צעשטראַלט מיט אַלע חנען. מענטשן אויסגעפּוצטע האָבן שוין שפּאַצירט איבער די גאַסן מיט בוקעטן בלומען אין די הענט; יעדערער האָט זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם יום־טוב — ווער אין דער היים, ווער אין קלובן, ווער אין קאַפּייען; יונגוואַרג פאַרפּוצטע האָבן פון פריער שעה נאָך מיטיק שוין געפלאַכטן האַנט אויף אַקסל און אַרויסגעטאַנצט דעם יום־טוב אַנטקעגן. מיט די ערשטע אָנגעצונדענע לאָמפּן אויף די גאַסן האָבן שוין מענטשן אָן אויפהער גע־שטראָמט איבער אַלע וועגן פון שטאָט. די פרייד האָט אַלעמען אַרויס־גערופן אין דרויסן, כדי זיך מתיחד זיין מיטן פאָלק אין דער גרויסער נאַכט. שפּעטער האָט אין אַלע קאַפע־הייזער דער עולם איבערגענומען "די מאַכט". אויף טיש און אויף בענק איז מען געזעסן און געשטאַנען, די שמחה האָט אַלעמען פאַראייניקט. ניט געווען קיין באַקאַנטע אָדער אומבאַקאַנטע — יעדערער האָט געטרונקען לחיים און געזונגען. די ענגשאַפט האָט קיינעם נישט געשראַקן . . . לאַנג איז מען געשטאַנען אויף די פיס, ווי אַ צונויפגעוואַקסענע וואַנט פון מענטשן! לידער האָבן אָן אויפהער געפלאָסן ווי פון אַ קוואַל און זיך געפלאָכטן אין איין גרוי־סער פּאַפּורי; יעדער טיש האָט געזונגען, יעדע גאַס האָט געטאַנצט. דער זייגער האָט זיך גערוקט — אָבער קיינער האָט אויף אים נישט געקוקט . . . אַ ג אַ נ צ ע נ אַ כ ט איז דער עולם וואַך געווען. צו וואָס אַהיים גיין שלאָפן פאַר אַ פּאָר שעה, אַז מ'דאַרף שוין באַלד גיין פאַרכאַפּן אַן אָרט פאַרן פּאַ אַד? . . . די מידקייט האָט דאָך באַזיגט, און הונדערטער זיינען געזעסן דרימלענדיק אויף די געקייטלטע בענק־לעך לענגאויס די טראָטואַרן און אויף אַלע בענק וואָס קעגנאיבער דעם ים.

מיט זון־אויפגאַנג איז אויפגעגאַנגען די שמחה אין דרויסן. קינד און קייט איז שוין געווען אויף די פיס. מ'האָט געטראָגן בענקלעך, קישע־לעך און עסנוואַרג פאַרן טאָג . . . אין אויגנבליק זיינען די גאַסן פאַר־באַראַקאַדירט געוואָרן מיט מענטשן און פאַר די קליינע קינדער האָט געדראָט ממש געפאַר — אויך זיי זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיטן

שטראָם און משפּחות האָבן אַפילו זייערע עופהלער מיטגענומען. דער שטאַרקער דראַנג צו זיין צוזאַמען מיט אַלעמען היינט האָט קיינעם אין שטוב ניט געלאָזט בלייבן . . . .

מענטשן האָבן לאַנג פאַרויס זיך באַשטעלט אַ אָרט ביי פריינט וועלכע וואוינען אין צענטער פון די גאַסן; אינעם פרימאָרגן פון פאַראַד האָבן די הייזער אויסגעזען ווי "ווייסע פינטעלער" צווישן די הונדערטער קעפּ וועלכע האָבן באַדעקט די באַלקאָנען און דעכער. מענטשן האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן, בשעת מען האָט אויף די דע־כער זיך קוים געהאַט אין וואָס אָנצוהאַלטן . . .

דער טאָג איז געווען אַ באַזונדערס מילדער. אַ קילער ווינט האָט די בלוי־ווייסע פאָנען ריטמיש געוויגט ווי אַ געטרייער דיריגענט. צו די בינעס האָבן געאיילט טויזנטער געסט מיט רויטע און גרינע בילעטן אין די הענט. יונגע חנעוודיקע זעלנערינס האָבן אין בעסטער אָרדע־נונג אָנגעוויזן די געסט זייערע ערטער. די ברעטער אויף דער בינע האָבן באַלד אַרויפגעצויגן אויף זיך בלוט און פלייש און עס האָט זיך אָנטפּלעקט אַ פּרעכטיקער מענטשן־ים פון קאָלירטע בלוזעס, גרויסע היט, שוואַרצע ברילן, און איבער די הוילע קעפּ האָט דער ווינט גע־בלאָזן . . .

צווישן די טויזנטער קעפּ האָט מען דאָך געקאָנט זען אַ סך אויס־לענדישע געסט. בפרט האָט זיך אָנגעזען די גרויסע גרופּע פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטן. זייערע מונדירן האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט נישט נאָר פון עולם, נאָר דער עיקר פון די פאָטאָגראַפער וועלכע האָבן זיי נישט געלאָזט צורו. געשטערט די רו פון געסט אויף דער בינע האָבן אויך "אַריינדרינגלער" פונעם גרויסן עולם אין גאַס, וועלכע האָבן באַ־וויזן ממש אַקראָבאַטישע קונצן פון דראַפּען זיך "אויף גלייכע ווענט". צום ערשטן מאָל האָט סיי די פּאָליציי און סיי דער עולם פּראָטעסטירט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'איז יידישע גזלנים. מיר האָבן זיי וואָס גיכער געהאָלפן זיך אַריבערדראַפּען און זיי אויסגעזעצט אויף יעדן מינדסטן פרייען שפּאַן ברעט. נאָר די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען אויף אורלויב געווען, דווקא זיי האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך שעהנ־לאַנג אָנגעהאַלטן אויף די שפּיץ ברעטער — און מיר האָבן גאָט געבעטן פאַר זייערע הענגענדיקע לעבנס . . . סימבאָליש איז דאָס בילד געווען

— אפילו היינט "איז זייער לעבן מיט געפאר פארבונדן". אבער ווי גוטמוטיק זיי האבן געשמייכלט צום עולם . . .

נייגעריק, שטיל און גערולדיק האט מען געווארט דער פאראד זאל זיך אנהייבן. די מוזיק האט געשפילט און דער יום־טוב האט געזונגען אין דער לופט. אויף דער "בינע פון כבוד" וואס איז געווען איינגע־דעקט אין אלערליי פאנען, איז שוין געזעסן דער נשיא המדינה, יצחק בן־צבי מיט זיין פרוי, דער ראש־הממשלה דוד בן־גוריון מיט זיין פרוי, די אלמנה פון ערשטן פרעזידענט פון ישראל, ווערא ווייצמאן, און פיל חשובע געסט און אלע אויסלענדישע דיפלאמאטן. אלעמען האט מיט כבוד אויפגענומען דער גענעראל־שטאב שעף, משה דיין, וואס האט אזא גרויסן חלק אינעם סיני זיג. אויף דער בינע זיינען געזעסן פארוואונ־דעטע זעלנער פון צוויי מלחמות . . .

געגנוי צען אזייגער האט זיך אנגעהויבן דער מארשרוט. די ערשטע האבן זיך באוויזן אויסגעפוצטע מאטארציקלער, וועלכע האבן געאיילט אנטקעגן צו באגעגענען דעם פאראד. (דאס אויג ווערט געפלעפט דערזעענדיק דאס פלאטערן פון די פאנען פון דער ישראל־ארמיי וועלכע האבן אנגעפירט דעם פאראד.) באלד היבן אן אנקומען טאנקען. ריזיק און ריטמיש ציען זיך איבער דעםברייטן שליאך ברוינע מאסיווע טאנקען, און אינעווייניק — רואיקע זיצן אונדזערע סאלדאטן . . . זייערע יונגע ברוינע פנימער שיינען מיט אינערלעכן ליכט. אזוי שורה נאך שורה, ביז עס נעמען זיך באווייזן די פראנצויזישע טאנקען און אנטי־עראפלאנען מאשינען. דער עולם באגריסט מיט פרייד און האנט־קלאפעריי — אזוי פיל פרישע זכרונות דערוועקן זיי, די טאנקען. נאך זיי קומען טשעכישע טאנקען און אנדערע געווער. און אט קומען אן ריי נאך ריי די מצרישע טאנקען. קיין סימן פון מדבר־זאמדן אויף זיי — זיי זיינען אלע געפארבט אויף ברוין, אבער א "זכר" זיי אויסצוטיילן פון אנדערע האט מען געלאזט . . . זאל מען וויסן צו דערקענען אונדזער נייעם פארמעגן . . .

בשעת דער עולם איז נאך טיף באווירקט פון דעם שפאגל־נייעם בילד אין אונדזערע ימים טובים פון אומאפהענגיקייט, באווייזן זיך די רוסישע טאנקען, אין וועלכע אונדזערע בראווע זעלנער זיצן איצטער . . . דער עולם קען שוין נים איינהאלטן די פרייד, און

שטורמישע אפלאדיסמענטן פארטויבן די לופט . . . זיי באגלייטן אלערליי מינים געווער, דער שליאך טראגט אויס מיט א גרינגן געמיט די שווערע משא אויף זיך. און אט דערהערט זיך א ריזיקער גערויש אין לופטן — ממש איבער די קעפ, פליען דורך דעם פאראד עראפלאנען פון אלע מינים. דער "טומל" אין לופט איז געזאנג. די אויפגעברויזטע פרייד פונעם עולם, דוכט זיך, גרייכט ביזן הימל . . .

א קורצע ווײלע רוט דער שליאך. און אט קומען די פוס־גייער. פארויס פלאטערן אין ווינט אלערליי לענטעס, די צייכנס פון אלע באזונדערע אפטיילונגען אין דער ארמיי, ווי א סימפאניע אן ווערטער. עס שפאנען יונגע ברוין־הויטיקע, שלאנקע קינדער; עס גייען די "באמבע־זוכער" מיט זייערע מכשירים; די "פארבינדער" (קשר) און אויף די פלייצעס — די אפאראטן; עס גייען די גרענעץ־וועכטער (משמר הגבול) אין גרינע בארעטן; די מאטראסן, וועמענס ווייס־בלויע אוניפארמען גלעטן דאס געמיט; עס גייען אפיצירן; עס גייען זעלנער מיט די "עוזי־ביקסלעך" אונטער די ארעמס; און עס גייען זעלנערינס — ברוינע, שלאנקע און צארטע יידישע טעכטער מארשירן מיט גראציע און אנטשלאסנקייט. דער עולם נעמט אויף זייער גאנג מיט מוטערלעכער ליבע. נאך זיי — פאליציי, ציווילע און מיליטערישע.

דער פאראד פארענדיקט זיך. דער עולם איז טיף גערירט פונעם כוח וואס מ'האט זוכה געווען צו זען און צו פילן אין דער קורצער געשיכטע פונעם יונגן לאנד. איבערן ברייטן שליאך לאזט זיך אפ ווי א דאמבע דער עולם פון די אפגעצאמטע שטריק, און ער פארשווענקט דעם שליאך וואס האט זיך נאך ניט אפגערוט פון דער שווערער משא. דאס אויג טונקט זיך אין דעם ים קעפ וואס פארדעקט אלע גאסן און הייזער. שעהן־לאנג האט זיך אזוי געצויגן דער צווייטער פאראד פונעם פרייעלעכן עולם. אויפן וועג האבן שוין אנגעהויבן זיך באוועגן די פילצאליקע אויטאמאבילן, וועלכע האבן זייערע רעדער קוים געקענט רירן אין דער געדיכטער ענגשאפט. אויף די אנגעפילטע טראקס הערט מען איצט געזאנג פון עולם, וועלכער קערט זיך צוריק אהיים אין אלע עקן לאנד.

די זון שיינט איבער זייערע קעפ. דער ווינט בלאזט זייערע האר, זייערע שאלן, זייערע פילפארביקע בלוזעס — זיי זאגן אלע איצט שלום, שלום על ישראל!

אַ יום־טוב אויף מיין גאַס

„**אײנעם** טאָג פון אונדזער פּלאַנצן לאָמיר אַרויפציען די פאָן פון ישראל אַלס צייכן אַז מיר פּלאַנצן אויף דער דאָזיקער ערד צוזאַמען מיט אונדזערע ברידער — מיט איין הארץ". מיט די ווערטער (און מיטן אַרויפציען די פאָן), האָט מען היינטיקס יאָר געעפנט איינעם פון די ימים טובים פון פּלאַנצן ביימער אין ישראל — און וואו? ממש אומ־גלויבלעך — אויף מיין גאַס — לעבן מיין שטוב! דער זכות איז צו גרויס, די פרייד צו טיף, כדי זי ניט מיטצולעבן און זי ניט דערציילן!

די זון שטראַלט היינט — ס'איז נאָך ערב די גרויסע רעגנס. און פון גאַנץ פרי אַז הערן מיר מוזיק אין גאַס. די שכנים רוקן אַרויס די קעפ דורך די פענצטער. פון וואַנען קומט איצטער מוזיק? ווען אַלע ווייסן, אַז די ראַדיאָ־פּראָגראַמען הייבן זיך ניט אַן פריער פון עלף אַזייגער. אָבער די טענער קלינגען קלאָר און פריילעך און טאַקע דאָ — ערגעץ נאָענט . . . דער נייגער רופט אַרויס אין גאַס, און פאַר די אויגן טוט אַ טאַנץ דער יום־טוב.

קינדערלעך מיט פרייד און געזאַנג שטראָמען, שטראָמען. דער ברייטער שאָסיי פון דער גאַס לאַגוואַרדיאַ, וואָס פירט פון יד־אליהו קיין לוד, איז איצטער פריי און שטיל פון יעדער טראַנספּאָרטאַציע — קינדער־פּאָליציי, מיט ווייסע אַרבל, האַלטן אָרדענונג . . . און „זייערע אַרמייען" קומען מיט טומל און געזאַנג. און עס ווערט קלאָר. ט"ו בשבט איז היינט!

אַ יום־טוב אויף מיין גאַס! מיין שכונה (געגנט) האָט זוכה געווען איך פאַרפלאַנצט צו ווערן אויף אַ גרויסן שטח, וועלכער וועט זיין אַ שטאָטישער פּאַרק. דערווייל זיינען נאָר פינף דונאַם אָפּגעצאַמט צום פלאַנצן — און ער וועט זי שפּעטער פאַרייניקן מיט דעם ווייטן גאַרטן פון שכונת שאַפּירא — דאָס מיינט, עס וועלן נאָך געפלאַנצט ווערן צענדליקער דונאַמס לאַנד אין יד־אליהו. ס'איז אַ שיינער חלום אינמיטן העלן טאָג. די שמחה אויף מיין גאַס איז גרויס.

אַזעלכע שמחות קומען היינטיקן טאָג פאַר איבערן גאַנצן לאַנד! און גרעסער און שטאַרקער איז די שמחה היינט פון אַלע טעג אין ט"ו בשבט, — ווייל היינט ווערט דרייסיק יאָר זינט יידישע קינדער האָבן צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן פלאַנצן יונגע ביימעלעך. דער יום־טוב פון פלאַנצן ביימער איז אין אונדזער געשיכטע ניט ניי, — אָבער אין משך פון דורות אין גלות איז ער נאָר געדענקט געוואָרן מיט סימבאָלן פון עסן פייגן און באָקסער . . . באַנייט געוואָרן, אָדער געבוירן געוואָרן אויף־סניי, איז ער אין ארץ־ישראל — און אגב, טאַקע אין תל־אביב, — איז פאַרפלאַנצט געוואָרן דער ערשטער שטאָטישער פּאַרק אויף רחוב בוגראַטשאָוו (אויפן נאָמען פונעם ערשטן דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע הרצליה).

דרייסיק יאָר האָבן די קינדער מיט זייערע נשמות פאַרפלאַנצט די ערד, און די ערד האָט זיי מיט ליבע פאַר ליבע געצאָלט. עס זיינען אויסגעוואַקסן פיל טויזנטער שיינע און קרעפטיקע ביימער; עס זיינען אויסגעוואַקסן שיינע און קרעפטיקע זין און טעכטער, וועלכע האָבן שפּעטער מיט זייערע לעבנס אויסגעלייזט די ערד . . .

און אָט שטייען ווידער יונגע, גליקלעכע קינדער, זייערע גופים בויגן זיך ווי יונגע סנאָפּעס פונעם ווינט . . . מיט קראַפט האַלטן זיי די רידלען אין האַנט, זיי זינגען און זיי פלאַנצן . . .

"נאָר אין תל־אביב אַליין" — דערציילן מיט שטאָלץ די לייטער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג — "האָבן מיר היינטיקן יאָר אויסגעטיילט 14 טויזנט ביימער צום פלאַנצן"; און אָט הערן זיך האַרציקע רייד פון די לערער און די מנהיגים, די וועלכע האָבן זוכה געווען אין משך פון די יאָרן צו זען ניט נאָר די פלאַנצער, נאָר די אויסגעקעמפטע ערד.

"איר קינדערלעך זענט די אייניקלעך פון אייערע זיידעס, וועלכע

האבן געזאגט אין אלע צייטן: — 'מיר וועלן פלאנצן פאר די נייע דורות!' איר זענט היינט די קינדער, די ברידערלעך און די שוועסטער־לעך פון אונדזערע נייע העלדן. איר זענט אונדזער האפענונג — איר'ט ניט לאזן קיין שלעכטס געשען דער מדינה. איר וועט העלפן ארויסציען פון דער ערד א ל ע כ ו ח ו ת — אז מיר זאלן ניט דארפן אנקומען צו דרויסנדיקער הילף!" עס דוכט זיך אז די קינדערלעך מיט די גע־בויגענע קעפלעך צו דער ערד, זאגן אמן!

דער גארטן איז שוין צעגראבן. לעבן יעדן ביימעלע וואס ליגט נאך אומגעווארפן שטייען צו דריי קינדער און ווארטן. בשעת עס האלטן אין שטראמען פון אלע עקן גאס נייע כוואליעס, און אונטער קלאנגען פון מוזיק מארשירן זיי אריין אין גארטן, שפאנען דורך די צעאקערטע אלייען, און שטעלן זיך אוים אויף די ערטער.

די ערד איז ברוין און זאפטיק. די קינדער זיינען אין ווייסע בלוזעס אנגעטאן, די ביימעלעך זיינען גרין, און די זון גיסט מיט גאלד איבער אלעמען... עס זינגט א קינדער־כאר לידער פון ערד און לאנד. עס לאזן זיך אוועק אין טענץ קינדער — ווייסע און שווארצע — און סימבאלי־זירן דעם גאנג פון אונדזער געשיכטע... עלטערן מיט קלענערע קינ־דער אויף די הענט, וועלכע האלטן צווייגעלעך און קיישעלעך געשניצט פון אראנזשן־שאלעכטס, רינגלען ארום די פארקנס, און זייער פרייד דרינגט אריין אינעווייניק. די פרייד מישט זיך אוים מיט אלעמענס, און ווערט פארפלאנצט אין דער ערד...

גליקלעכע זיינען די קינדער אין ישראל, וועלכע ווייסן דעם טעם פון זיין צונויפגעוואקסן מיט דער ערד.

שטאלצע זיינען די קינדער אין ישראל, וועלכע ציילן זייערע ביימער ווי דעם גרעסטן פארמעגן.

געבענטשט זיינען די קינדער אין ישראל, וועלכע ווייסן די געפארן און אויך די וואונדערלעכע סודות פון אלע וועגן...

צוויי ווייסע טויבן לאזט מען אפ ביים סוף פון יום־טוב צו פליען אין דער פרייער לופט, און אונטערן בלויען הימל הערט זיך דאס געזאנג פון דער "התקוה" פון טויזנטער צארטע און קרעפטיקע שטימען פון קינדער — — כן ירבו!

א וואלד ווערט פארפלאנצט לעבן עזה־פאס

אין ישראל זיינען איצט די נאך־יום־טוב טעג. דאס לאנד איז פאר־
פוצט מיט ווייס־בלויע פאנען, מיט עמבלעמען פון כנסת, מיט בלערליי
באלייכטונגען, מאלערייען פון די צוועלף יידישע שבטים, אין די שטעט
און אויף די וועגן. זייער א סך געסט פון פיל לענדער פארן ארום און
באקענען זיך מיטן ארט לעבן דא, און מיט די באמיאונגען און אויפטור־
אונגען פונעם ישוב. אלעמענס געמיט איז א יום־טובדיקער און גע־
הייבענער, אבער ווי תמיד אין אונדזער געשיכטע, אזוי אויך היינט,
זיינען די ימים־טובים געמישט מיט א ביסל צער. איז דעריבער סימ־
באליש, וואס אין די יום־טובדיקע טעג פון צען יאר מדינת ישראל, האט
מען געדענקט צו פאראייביקן די נייע גיבורים וועלכע זיינען געפאלן אין
סיני — די וועלכע האבן אזא גרויסן חלק אין מדינת ישראל.

א ניט־געוויינלעכע געשעעניש איז דאס געווען בשעת עס זיינען
אין איין שיינעם מאי־טאג, נאך די ס י נ י ־ ט ע ג , זיך צונויפגעפארן
צום פרייען שטח לאנד לעבן קיבוץ נחל עוז — וואס איז אין דרום לאנד
און אין צפון פון כפר עזה — פארטרעטער פון קרן־קימת, דער שר
החקלאות (אגריקולטור־מיניסטער) קדיש לוז, און דער רמטכ״ל (הויפט
פון מיליטערישן שטאב) חיים לאסקו, ווי אויך די פאראבלטע עלטערן
און משפחה־מיטגלידער פון די געפאלענע גיבורים אין סיני. צווישן
דעם גרויסן עולם זיינען געווען זייער א סך געסט פיאנערן פרויען, ווי

אויך לייטערינס פון מועצת הפועלות, וואָס זיינען געקומען פלאַנצן אַ וואַלד אויפן נאָמען פון אסף שמחוני (דער זון פון יהודית שמחונית), דעם העלדישן גענעראַל פון די סיני־קאַמפּן, וועלכער איז דערנאָך טראַגיש אומגעקומען . . . אויך לזכר אַלע 185 געפאַלענע קעמפער אין סיני.

אַ גרויסער געמישטער עולם איז געזעסן אין מיטן פעלד אויף בענק. דאָס בילד האָט עדות געזאָגט: מיר זיינען אַ קיבוץ גלויות, און אין אונדז קלאַפּט **אײן** יידיש האַרץ! כאָטש אַ סך פון עולם ריידן פאַרשיידענע שפּראַכן, האָט איצט איין שפּראַך אַלעמען פאַרבונדן — די שפּראַך אָן ווערטער. דער געפיל אַז היינט ווערט אין ישראל געשאַפן נאָך אַ קאַפּיטל געשיכטע פון ליידן און פריידן . . . מאַמעס אין שוואַרצע קליידער האָבן איינגעהאַלטן זייער כליפּען. דאָס געפיל, אַז טאַקע דאָ אַזוי נאָענט פון שונא׳שן גרענעץ זיינען פאַרגעקומען די קאַמפּן, און אָט זיצן די עלטערן, און באַלד וועלן זיי פלאַנצן אַ בוים אין דער דאָזיקער ערד — דאָס געפיל האָט אַלעמען אָנגעפילט מיט צער . . . גלייכצייטיק האָט דער באַוואוסטזיין, אַז די גיבורים האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן כדי דאָס גאַנצע לאַנד זאָל זיין פריי און זוכה זיין צום גרויסן יום־טוב עצמאות, געגלעט די וואונדן מיט אַ ביסל טרייסט . . .

די שטאָלצע און פאַראַבלטע מאַמע, יהודית שמחונית, מיט איר מאַן, ווערן געלאַדן צו זיצן אויף דער אויפגעבויטער בינע אין פעלד, פון וואַנען דער טקס איז אָנגעפירט געוואָרן. יוסף ווייץ, דער לאַנג־יאָריקער עסקן פון קרן־קיימת, האָט מיט אַ טאָן פון גלויבן די ווערטער אָנגעהויבן:

"ניט היינט, און ניט דאָ, איז מעגלעך אָפּצושאַצן די גבורה פון די קעמפער אין סיני. קלאָר איז אָבער, אַז דאָס איז געווען דער עיקר קאַמף פאַר מדינת ישראל היינט! מיר׳ן פלאַנצן אַ וואַלד דאָ, לעבן דער רצועת עזה, כדי צו באַווייזן אַז דאָס איז אַ חלק פון אונדזער לאַנד. (ער דאַנקט דער פּיאָנערן פרויען באַוועגונג אין אַמעריקע און קאַנאַדע, וועלכע האָבן געגעבן דעם ביישטייער צו פאַרייביקן דעם זכר פון די געפאַלענע אין סיני). יעדער בוים, וואָס וועט דאָ געפלאַנצט ווערן פון די עלטערן, וועט זיין אַ לעבעדיקע מצבה פאַר אַ קינד, אַהער וועלן די משפחות קומען, און זיך מתייחד זיין מיט זייערע קינדער . . ."

פארשטיקטע געוויינען ברעכן אויס.

איז עטלעכע רירנדיקע ווערטער האט דער שר החקלאות, קדיש לוז, דערציילט, אז ווען מ׳וואלט היינט געפרעגט די געפאלענע, ווער איז גע־ווען זייער פירער, וואלטן זיי אלע געענטפערט: אסף שמחוני! ״מיר פלאנצן די ערשטע ביימעלעך אויף זיין נאמען, ווייל מיר ווילן מיט גרין באדעקן א נייעם שטח אין ישראל. א סך וועלדער זיינען פארבונדן מיט אונדזער געשיכטע, אבער דער וואלד וועט האבן א גאר גרויסע באדייטונג... ווער ווייסט וואו מיר וואלטן היינט געווען, ווען ניט זיי מיט זייער מוט. ניט נאר מיט געווער האבן זיי דעראבערט דעם זיג, נאר מיט זייער גייסט. אהער וועלן קומען אונדזערע זין און טעכטער, זיי וועלן זינגען דא לידער, און דערציילן זיך לעגענדעס וועגן די גע־פאלענע... אסף שמחוני וועט בלייבן א שיינער סימבאל פון א קינד פון ישראל, וועלכער האט געווידמעט זיין לעבן פאר גבורה און יצירה״.

ווען דער נייער הויפט פון דער יידישער ארמיי, חיים לאסקוו, האט זיך אויפגעשטעלט רעדן, האט זיך געדוכט אז אפילו דער ווינט אין פעלד האט איינגעשטילט, פאר גרוים יראת הכבוד. ער האט געזאגט: ״פאר אונדז זיינען ניטא קיין נעענטערע ווי די, וועלכע זיינען געפאלן מיט געווער אין האנט... היינט, אין א יאר און א האלב נאך זייער טויט, פלאנצן מיר א גרינעם וואלד קעגנאיבער דעם שונא... די ביימער וועלן תמיד דערמאנען אין אונדזערע גיבורים. זאלן די עלטערן געפינען א ביסל טרייסט אין דעם...״

דער עולם האט אויפגענומען די הארציקע יידישע רייד פון חיה סלוצקי, וועלכע האט געדאנקט פאר דער הילף און פאר דער פאר־שטענדעניש וואס יידישע מאמעס מעבר לים האבן ארויסגעוויזן, און געפינען דעם וועג אויסצודריקן דעם גייסט פון זיין פארייניקט מיט אונדז אין ליידן און אין פריידן. זי האט אויך געזאגט, אז פאר די עלטערן איז ניטא קיין טרייסט, סיידן דאס, וואס דער וואלד וועט אוי־סער ברענגען שאטן, אויך פארשטעלן אונדזערע זידלונגען פון דעם שונאס אויגן...

חיה סורקין האט אין א גוטן עברית צווישן אנדערם געזאגט: ״איך ווייס, אז איך שטיי אצינד אויף א הייליק ארט. מיר פון ווייטנס זיינען שטאלץ מיט אייערע קינדערס קאמף. מיר קענען גארניט זאגן וועגן

זייער גורל . . . אפשר מיט אונדזער "עפּעס" וועלן מיר קענען טרייסטן אייך אין אייער צער . . . הלוואי זאָל דאָס זיין די לעצטע מלחמה. דער ווייטיק פון יהודית שמחונית און אייער אַלעמענס ווייטיק איז אויך אונ־דזערער. זייט געשטאַרקט!"

אַן איינדרוק מאַכט דאָס איבערגעבן אין דעם מאָמענט צו חיה סורקין אַ מאַפּע וואָס ווייזט, אין גרינע צייכענונגען, גענוי וואו דער וואַלד וועט געפלאַנצט ווערן, אַ מתנה און אָנערקענונג צו דער פּיאָנערן פרויען אָר־גאַניזאַציע, פונעם פאַרטרעטער פון קרן־קיימת, יוסף ווייץ.

אומגלויבלעך רואיק, געשטאַרקט פון טיפן צער, האָט אַ פאָטער אַן אָבל, זאב לאַדזשינסקי, געזאָגט עטלעכע ווערטער: "אין נאָמען פון פאַראָבלטע עלטערן, וויל איך איצט דאַנקען דעם קרן קיימת, דעם מי־ניסטעריום פון זיכערקייט, און די פּיאָנערן פרויען פון אַמעריקע, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך אויפצושטעלן אַ לעבעדיקע מצבה צום אָנדענק פון אונדזערע קינדער. אונדזערע קינדער האָבן געוואוסט וואוהין זיי גייען . . . זיי האָבן געבראַכט כבוד דעם ישוב און זייערע עלטערן . . . מיר האָבן ניט מיט וואָס זיך צו טרייסטן פאַר אונדזער פאַרלוסט, אפשר וועט דער וואַלד, וועלכער וועט זיין אַ זכר פאַרן פאָלק, זיין אונ־דזער טרייסט, אָמן!"

ס'איז געווען טויטע שטילקייט, און דער דינסטער נשמה־אָטעם איז פאַרהאַלטן געוואָרן . . . בשעת יוסף ווייץ לאָדט איין דעם רמטכ"ל צו פלאַנצן דעם ערשטן בוים אינעם גאָרטן פאַר אסף שמחוני, עפנט זיך אויף דער קוואַל פון די הערצער, און עס באַגלייטן אים געוויינען . . . ער צעמענטירט שטאַרק דאָס ערשטע געפלאַנצטעביימעלע קעגנאיבער דעם פלאַמענדיקן פאָקל אין מיטן פעלד, ער סאַלוטירט . . .

יהודית שמחונית פירט איר אייניקל, דעם צעז־יאָריקן אבנר, זון פון אספן, וועלכער פלאַנצט אַ בוים אין דעם נאָמען פון זיין העלדישן פאָ־טער . . .

דערנאָך לאָזן זיך אַרונטער מיטן שליאַך לאַנגע רייען משפחה־מיט־גלידער פון די געפאַלענע און עס ווערט יעדן אָנגעוויזן זיין בוים. אין דער לויטערער לופט דערהערן זיך געוויינען . . . מוטערס פאַלן אויף די קני, גראָבן טיפער די גריבער פאַר די ביימער, און באַגיסן זיי מיט הייסע טרערן. ס'איז די שעה פון מתייחד זיין זיך מיט די קינדער. דער

ווינט וויגט די ווייס־בלויע פאנעז ווייט צעהאנגעז איבערן פעלד, און די זון וואַרעמט איבער די קעפּ . . . זיי גייען אַרויף צוריק, שטיל־שווייגנ־דיק, עטוואָס געשטאַרקטע אינעם צער — פון דעם גרויסן כבוד וואָס באַגלייט זייערע קינדערס נאָמען פאַרן פאָלק . . .

אַ ווײַלע זיצט ווידער דער גרויסער עולם אויף די בענק אין מיטן פעלד. אַ ווײַלע רוט מען אָפּ דאָס שווער געמיט, דערנאָך דערהערט זיך אין דער פרייער לופט דער אל מלא רחמים פון דעם אַרמיי חזן, וועל־כער בעט רו פאַר די גיבורים טהורים פון סיני. די פאָנען פלאַטערן אונטער בלויע הימלען, און ס׳דוכט זיך, זיי זאָגן אָמן אויף אַלץ וואָס די יידישע הערצער בעטן איצטער . . . שלום על ישראל!

דער גרויסער עולם קערט זיך צוריק אין אַלע עקן לאַנד. אַ דינער שטויב הויבט זיך איבער די געלע שליאַכן, ווי ער וואָלטן זאָגן איצטער: "דאָ וועלן נאָך פיל טריט באַטרעטן און באַלעבן דעם באָדן".

צום צענטן יום־עצמאות

דער צענטער חג־העצמאות אין ישראל איז געפייערט געוואָרן אימ־פּאָזאַנט אויף פאַרשיידענע אופנים איבערן לאַנד. סיי פונעם פאָלק גופא, סיי מיט דער הילף פונעם "ועד העשור", די ספּעציעלע קאָמיסיע געשאַפן פון דער רעגירונג, דורכצופירן פאַסיקע פּראָגראַמען איבערן גאַנצן לאַנד לכבוד צען יאָר מדינת ישראל.

אין די גרויסע שטעט, ירושלים, חיפה, תל־אביב, האָבן זיך אָפּגע־שפּיגלט, דער עיקר, דריי גרויסע געשעענישן. אין ירושלים איז פאָר־געקומען דער מיליטערישער פּאַראַד, וועלכער האָט דעמאָנסטרירט דעם כוח פון דער יידישער אַרמיי; חיפה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שיינע פאָלקס־טענץ איבער די הויפּט־גאַסן, וועלכע האָבן אַריינגע־פּלאַכטן טויזנטער מענטשן אין קרייז פון טענץ און מוזיק ביזן ווייסן טאָג אַריין . . . תל־אביב האָט, אויסער יום־טובים אין שטוב, אין קאַ־פייען, אויף די גאַסן, און אין שטאָטישע גאַרטנס, ווי איבערן גאַנצן לאַנד, זיך אויסגעצייכנט מיט אַ קינסטלערישן ספּעקטאַקל, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם גרויסן סטאַדיום פון רמת־גן. דריי אָוונטן נאָכאַנאַנד, פאַר אַן עולם קרוב צו 200 טויזנט מענטשן, צווישן וועלכע עס זיינען דעם לעצטן אָוונט אָנוועזנד געווען אַזעלכע אורחי כבוד, ווי דער נשיא בן־צבי, דער ראש־הממשלה בן־גוריון, מיט זייערע פרויען, און פיל הויכע מלוכהלייט.

איך בין געווען נאָר "אַ פּינטעלע" אינעם גרויסן עולם, אויף איינעם

אזא אוונט און כ'וויל איבערגעבן די איינדרוקן און איבערלעבונגען פון דעם ספעקטאקל, וועלכער האט פארגעשטעלט אויף אן העכסט־קינסט־לערישן אופן "דאס אמתע לעבן" פון דער יידישער ארמיי . . .

פופציק טויזנט מענטשן זיצן, "א צונויפגעוואקסענע פיראמידע אין רעגנבויגן קאלירן". אלע אויגן אנגעווענדט צום אויבן־אן פון סטאדיום. וואו עס שטייען צען הויכע ווייסע שטאנגען און אין זיי — ליכט — נאך־ניט געצונדענע. עטלעכע שעה זיינען מענטשן געזעסן אויף די שטיינערנע טרעפ און געדולדיק געווארט . . . ביז א שטים פונעם "רם־קול" (הילכער) האט געלאזט וויסן: "אין א שעה ארום הייבן מיר אן דעם פראגראם, אין א האלבער שעה ארום, אין א פערטל שעה ארום . . ." דערווייל האט די מוזיק געשפילט און געהאלטן דעם עולם אין א יום־טובדיקער שטימונג. גענוי ווי ס'איז פארשפראכן געווארן, 9 אין אוונט, האט זיך דער ספעקטאקל אנגעהויבן.

דאס ערשטע קומען אן די ליכט־צינדער. די פלאמען ווארפן־אן א שבת־יום־טובדיקע שטימונג. דער לייכטער רויך צעטראגט זיך אין לופטן, פארדעקט אביסל דעם הימל, ווי די "עמודי האש" אין מדבר, זיי־נען די ליכט געבליבן ברענען א גאנצן אוונט . . .

דורך די שטאכעטן פון די ליכט־שטאנגען נעמט אריינמאשירן א באַ־טאליאן פאנען־טרעגער, וועלכע באציכענען אלע פאנען פון דער ארמיי. א פאר מינוט שטייען זיי שטיל אינעם גרויסן שטח פון סטאדיום. דאס צארטע פלאטערן רופט ארויס ציטער פון פרייד . . . אין דער זעלבער צייט קומען אן פיר הויפט־באטאליאנען פון דער ארמיי: טאנקיסטן, לופט־כוחות, פוסגייער און מארינען, אין ווייסע אוניפארמען. עס מאר־שירט ארויס און כושטירט דעם מיליטערישן פארשפיל דער שטעל־פאר־טרעטער פונעם גענעראל, צבי צור, וועלכער גיט איבער דעם כבוד דעם גענעראל גופא אנצופירן דעם אוונט. דעמאלט הייבט זיך אן דער ספעק־טאקל מיטן זינגען די התקוה.

בשעת דער עולם איז נאך באווירקט פונעם מיליטערישן גייסט, און ווייסט ניט וואס צו דערווארטן ווייטער, אנטפלעקט זיך פאר די אויגן אן אויסערגעוויינלעך בילד: א ים פון חיילות, מיט קורצע ספארט־קליידער, מיט בוקעטן בלומען אין די הענט, נעמען אריינשטראמען דורך די ליכט־שטאכעטן. לייכט און שלאנק שפאנען זיי אונטער די ליכט־

פּראָזשעקטאָרן און צו די קלאַנגען פון מוזיק. זיי זעען אויס ווי גראַ־ציעזע טענצערינס, און אויך ווי קינדער . . .

מיטן אויגנבליק וויקלט זיך פונאַנדער אַ ריטמישער טאַנץ איבערן גאַנצן שטח פונעם סטאַדיום. ס'איז אַ געמיש פון פיזישער קולטור און פון קונסט. זיי וויגן זיך ווי כוואַליעס אין ים. אַט פאַלן זיי צו דער ערד און דעקן זי אינגאַנצן איין מיט די בלומען . . . אַט נעמען פלאַטערן די בלומען אין דער לופטן, — דאָס אויג ווערט פאַרכישופט פונעם שפּיל און טאַנץ. מ'פאַרגעסט אינגאַנצן אַז דאָס זיינען ״יידישע טעכטער פון אַ גאַנץ יאָר״, אַז דאָס זיינען נאָר יידישע זעלנערקעס אין דינסט פון דער אַרמיי און פונעם לאַנד, וועלכע ווייסן ווי צו מושטירן און ווי אַזוי צו קעמפן ווען נויטיק . . . אַט פאַרשווינדן די בלומען. אַן אַנדער פאַנ־טאַסטיש בילד פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ווי פון צויבער־־ווינקעלעך נעמען זיי אַרויסציען לאַנגע ווייסע באַנדן, וואָס בינדן איין ריי מיט דער אַנ־דערער, און איבער זיי ציען זיך ערשט אַרויס העל־בלויע לענטעס און דער ים מיט פרויען־קעפּ וויגט זיך און שפּילט זיך מיט די ווייס־בלויע באַנדן. אַט שטעלן זיי אויף ביידלעך, אַט פאַרשווינדן זיי. אַט וואַקסן אויס דעכער אין זיגזאַגן, און אַט ווידער דעקן זיי צו די גאַנצע ערד מיט קאָלירן פון דער יידישער פאָן . . . דאָס העלע ליכט שפּיגלט איבער די קעפּ פון די טאַנצנדיקע טעכטער, די לענטעס פלאַטערן און פאַרציען דעם אָטעם. ס'איז אַ שפּיל פון ריטעם און ברויז. געשווינד ווערן אַלע לענטעס צונויפגעוויקלט און ס'קומען אויף ווידער די בוקעטן בלומען. זיי טאַנצן אַלע מיט זיי, ביז זיי פורעמען אויס מיט זייערע גופים אַז ״איינס״ (1) און אַ ״נול״ (0) — דעם ציפער צען (10), וועלכער סימ־באַליזירט דעם היינטיקן יום־טוב. מיט דער ״צען״ (10) דעקן זיי איין דעם גרויסן שטח פון סטאַדיום, וואָס פילט אָן די הערצער פון די צו־שויער מיט אַ צאַפּלדיקער פרייד און באַגלייט זיי אַרויס מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

דערמאָלט, אונטער רויטע ליכט־שטראַלן, קומט אָן די ״אינפענטרי״. אויף נאַקעטע פאַרברוינטע פּלייצעס טראָגן זיי די ביקסן, און ס'דוכט זיך, אַז די ביקסן זיינען צונויפגעוואַקסן מיט זייערע יונגע גופים . . . זיי נעמען אַרונטער די ביקסן און שפּילן זיך מיט זיי . . . לייכט באַוועגן זיי די ביקסן אויף אַלערליי אופנים. זיי בוקן זיך צו איר, גלעטן זי, קושן

זי . . . זיי וואַרפֿן זי צו דער ערד, דערהייבן זי צו העכסטער הויך . . . איך דערהער אַ שטילע באַמערקונג פֿון מיין פֿריינט יוסף ביי דער זייט: "ס'איז ניט מער דאָס שווערע שטיק האָלץ וואָס איך האָב געהאַלטן אין דער הגנה" . . .

ביי זייער צוריקמאַרשירן פֿון סטאַדיום אין שיין פֿון די ברענענדיקע ליכט, גייט אויף אַנטקעגן זיי אַ האַלבע לבנה אויסגעפֿורעמט פֿון די גופֿים פֿון די חיילות, וועלכע וויגן זיך שטיל אין ריטמישן טאַנץ מיט די בוקעטן בלומען איבער אַ הויכער בריק ביי די שטאַכעטן־ליכט. זיי זעען אויס ווי סילועטן פֿון חומש. דאָס באַגעגענען זיי די "זיגער" וועלכע קערן זיך אום אַהיים . . . פּונקט ווי פֿאַרצייטן האָבן די שטאָלצע פֿרויען באַגעגנט זייערע מענער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט העלדיש פֿון שלאַכט.

צום קאָנטראַסט פֿון דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, קומט אויף אַ בילד וואָס פֿאַרגאַפֿט שוין אינגאַנצן דעם עולם. עס לויפֿן אָן סאָלדאַטן מיט פֿיר קאַנאָנען־ביקסן. זיי בלייבן שטיין, ווייל עס באַגעגנט זיי אַ ועדי (אַ טייך) אינמיטן. זיי מוזן אָבער דעם טייך אַריבערגיין. דאָ אַנטפּלעקט זיך אַ שטיקווירקלעכקייט פֿון דער מלחמה אין אַלע אירע ניואַנסן. מיר דערהערן אינעם "רם־קול" (הילכער) די קלאָרע שטים פֿונעם בינע־קינסטלער יוסף ידין: "דאָס זיינען די קאַנאָנען מיט וועלכע מ'האָט געקעמפֿט און געראַטעוועט ירושלים, בשעת דער לעגיאָן האָט באַלאַגערט די שטאָט מיט ז י י נ ע קאַנאָנען . . . אָט־די קאַנאָנען אונדזערע האָבן א י י נ ג ע ש ט י ל ט דעם לעגיאָן". (בשעת מיר הערן דאָס שטיקעלע געשיכטע פֿון דעם ניט־וויטן אַמאָל, ווערן אין אויגנבליק פֿאַרוואָרפֿן שטאַנגען און דראָטן־שטריק ווערן צוגעקייטלט צו זיי. עס ווערן צעשרויפֿט און צענומען אויף שטיקלעך די קאַנאָנען און שוין שאַרן זיך אין לופֿטן איבער די דראָטן קעפּלעך און רעדלעך פֿון די ביקסן איבערן טייך. אין די רעדלעך, ווי געניטע אַקראָבאַטן, הענגען די חיילים . . . און אָט, די לעצטע טיילן שוין אַריבערגעפֿירט. פּאָזיציעס פֿון יענער זייט טייך וואַקסן אויס און זיי, בליץ־שנעל נעמען צונויפֿשרויפֿן און צונויפֿשטעלן גאַנץ די קאַנאָנען און זיי איילן זיך אַנצופֿאַלן אויפֿן שונא. אָט דערהערט זיך שוין דער ערשטער שאָס, דער צווייטער שאָל. דער הימל ווערט פֿאַרדעקט מיט רויך. דער

פאַרכישופטער עולם דערפילט דעם אמתן אָטעם פון קריג, פון געפאַר. דער געדאַנק אַנטרינט צו די אמתע פראָנט־ליניעס. די וועלכע האָבן זיי קיינמאָל ניט געזען, דערזעען זיי איצטער. ס׳איז נאָר אַ ניצוץ פון דער נייער ווירקלעכקייט, וואָס עס האָבן באַשאַפן יידישע קינדער, אין אַ יידישער אַרמיי.

פון רם־קול (הילכער) דערהערט זיך: "ווער עס גיט דעם ערשטן שאָס, באַקומט אַ פּריז". דאָס ברענגט אַביסל צוריק דעם אָטעם פונעם ספּעקטאַקל . . . מיר באַמערקן אַז ביים לעצטן קאַנאָן פון די פיר האָט זיך עפּעס "פאַרטשעפּעט" און ער קאָן ניט אויסשיסן . . . דער עולם צעלאַכט זיך ווען ער הערט ווידער אין רם־קול: "עס זעט אויס אַז דער פערטער וועט אויסשיסן דער פערטער . . ."

בשעת עס וויקלען זיך נאָך די רויך־קנוילן אין לופטן און די חיילים נעמען אַוועקלויפן פון פעלד, באַווייזן זיך (ממש ווי פון הימל) אויף ריזיק־הויכע דראָטן, שלייכנדיקע פאַראַשוטיסטן. איינע נאָך די אַנדערע וואַרפן זיי זיך אויף דער ערד, פורעמען פּאָזיציעס אין דער שטאָק פינצטערניש . . . וואַרטן אויף דעם ריכטיקן מאָמענט אָנצופאַלן אויפן שונא . . . ווען די פאַראַשוטיסטן־אַרמיי ליגט שוין גרייט, קוים צו באַמערקן זיי, הייבן זיך שוואַרצע סילועטן און מושטירן, מושטירן אין דער ריכטונג פון די בערג, אויף די בריקן, אויפן שונאס לאַגער, און זיי אַטאַקירן, זיי רייסן אויף דעם לאַגער . . . עס בלייבט ליגן איין פאַרוואונדערטער, פלינק טראָגן זיי אים פון שלאַכטפעלד. אין לופט באַווייזט זיך אַן עליקאָפּטער, ער ציט דעם פאַרוואונדעטן אַרויף און נעמט אָפּפליען צוריק. דאָס דינע זשומען פונעם עליקאָפּטער, די טונקל־גרינע ליכט אין לופטן נעמט אַלעמען אַרום מיט אַ מין הייליקן ציטער, שיר ניט ווי מ׳וואָלט איצט געווען אַ טייל פון דעם אָנפאַל אויפן שונא, און מ׳פרייט זיך מיטן נצחון, וואָס נאָר איינער איז פאַרוואונדעט געוואָרן . . .

אין דער פינצטערער שטיל־געוואָרענער לופט דערהערט זיך ווידער די קלאָרע שטים פון רם־קול: "די פוסגייער שפּילן זייער אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַרמיי. באַלד וועלן מיר זען זייערע שווערע לאַסטן און זייער העלדישקייט". און עס נעמען אָנקומען באַטאַליאָנען אויפן פעלד. די ערד הייבט אָן אויפרייסן פון באָמבעס. זיי שפּרינגען צווישן פייער,

און אונטער קוילן פון אויבן . . . לויפנדיק אזוי ווייטער, ברענט די ערד, און זיי שפרינגען איבער די פלאַמען . . . דאָס שיסערייַ פּאַרטויבט די לופט. דאָ ווערט דער עולם אין אמתן דערשראָקן, מוטערס כאַפּן זיך ביים קאָפּ. עס דערהערן זיך "אוי"-אויסגעשרייען . . . מ'האַלט אין די הענט איינגעקלאַמערט דאָס פּנים. דער אָטעם איז אָפּגעהאַקט . . . מיט בליציקע בליקן באַגלייט מען די אין פייער-לויפנדיקע קינדער, וועלכע האַלטן אַליין אין שיסן בשעת זיי לויפן און שפּרינגען איבער דער אויפטרייסלענדיקער ערד. און פּלוצלינג — גאָר אַ וואַסער אינמיטן! אַ שרעק כאַפּט אַרום. ווי אַזוי וועלן זיי זיך ראַטעווען? ווידער ווערט אין אויגנבליק אַ בריק מיט דראַטן-שטאַנגען פאַרוואָרפן און זיי וויגן זיך און קייטלען זיך איבער דעם טייך, און דער שונא שיסט נאָך אַלץ. די לופט ברענט מיט פייער, און ווען זי שטילט איין, האָבן זיך אַלע קינדער געראַטעוועט . . .

די מוזיק האָט אויך דעם אָטעם איינגעהאַלטן בשעת די גרויסע קאַמפן . . . ס'איז געוואָרן ווי אוים ספּעקטאַקל. אַ שטיק ווירקלעכע העלדישקייט האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר די אויגן. און עפּעס טאַקע ווי צו באַקרעפטיקן דעם כוח מיט וועלכן עס איז באַשאַנקען די יידישע אַרמיי, אַנטפּלעקט זיך באַלד אַ סאַליד בילד, ווען עס מאַרשירן אַריין פוסגייער, געאָרעמט צו זעקס אין אַ ריי, מיט אייזערנע שטאַנגען אין די הענט און נעמען באַווייזן מוסקולן-קונסט און כוח. זיי בייגן און נייגן די שטאַנגען אין אַלערליי פאָרמען. אָט ווערן זיי אין זייערע הענט ווי דינע צוויבער-שטעקעלעך פון אַן אָרקעסטער, אָט ווערן זיי אַ ריזן-טורעם. אָט ווערן זיי בריקן, פּראַנטן, און אָט ווידער לייכטע שטאַנגען אויף זיי זיך אָפּצורוען . . . מ'דערפילט באַשיינפּערלעך דעם געניטן באַנוץ זייערן פון מוסקולן, וואָס איז אַזוי נויטיק בשעת-צרה, צו קאָנען זיך אַן עצה געבן איבערצוטראָגן אַ בריק, אַ געווער-טראַנספּאָרט. די גופים זייערע דרייען זיך ווי שלאַנגען אַרום די שטאַנגען, און דער פינאַל: פון די שטאַנגען שיסט מיט פייער . . . ווידער רויך, ווידער מלחמה שאָטן. אונטער קלאַנגען פון "שיר הפלמח" פאַרלאָזן זיי דאָס פעלד.

אין דעם ליידיק, און טאַקע ווי נאָך אַ שלאַכט, געבליבענעם פעלד, אַנטפּלעקט זיך איצט גאָר אַ ניי בילד. עס נעמען אָנקומען, צום ערשטן

מאָל אינעם ספּעקטאַקל, חיילים און חיילות צוזאַמען. די בחורים טראָגן די ביקסן, די מיידלעך טראָגן סערפּן אין די הענט. צוזאַמען זעען זיי אויס ווי „פּייל און בויגן אין ל״ג בעומר״ . . . דאָס איז אַ טייל פון נח״ל (נוער חלוצי לוחם), די חלוצישע יוגנט וועלכע קעמפט. זייער ציל איז, נאָכן אויסדינען אין דער אַרמיי, זיך באַזעצן אויפן לאַנד, אויפ־בויען נייע ישובים און וויסן, ווען נויטיק, ווי זיך צו פאַרטיידיקן... מיט גראַציע טאַנצן זיי איצט אויס זייער חלום. די ביקסן זיינען פאַרצווייט לינגט אין האַרמאָניע מיטן סערפּ. ס׳איז גאָר אַ נײַ יידישע בילד. אַז אידייע, וואָס קייטלט זיך מיט ישעיהס נבואה, „והיה באחרית הימים״.

נאָך זיי שווימט אַרויס אַ מחנה חיילות מיט פּאַקלען אין די הענט, ווי זיי וואָלטן אָנגעצונדן דעם מדבר . . . זיי טאַנצן דעם טאַנץ פון ליכט אויף אייגענער ערד. די רויט־פלאַמען טראָגן זיך הויך און העכער . . . זינגענדיק און טאַנצנדיק קערן זיי זיך צוריק דורך די צען ליכט־שטאַנגען. דאָס געזאַנג קלינגט אַף לאַנג אין דער לופטן.

און אַט נעמט „פּלאַצן״ און „ברענען״ דער הימל מיט ליכטיקע ראַ־קעטן־בלומען — צווייגן און ביימער, אין גרין־רויטע און גאָלדענע קאָ־לירן, נעמען זיך אויסוועבן אונטערן הימל. אַ פאַנטאַסטיש שפּיל פון פונקען און העלן רויט־געוועב . . . און ווידער שיסט פון דער ערד אַרויס פייער, און ווידער אַ העל־ליכטיקע סימפאָניע פון קאָלירן. עס נעמט ממש רעגענען מיט דינעם פייער־געשפּריץ פון ראַקעטן . . . איבער בריקן גיסן זיי זיך, ווי די נייאַגאַראַ וואַסערפאַלן וואָלטן אַהער פאַרפלאָסן . . . דער עולם איז פאַרכישופט . . . אין מוח וועבן זיך און קייטלען זיך גע־דאַנקען. עס איז שווער זיי אַרויסצוזאָגן איצט נאָך אַזוי פיל טיפע אי־בערלעבונגען. נאָר איין געדאַנק רייסט זיך אַף פונעם געוועב, און ער רעדט זיך ווי אַליין אַרויס: „היינט, נאָך צען יאָר!״

אַן אויסשטעלונג פון קיבוצים

די אויסשטעלונג פון קיבוצים, וועלכע איז דערעפנט געוואָרן מיט אַ פעסטיוואַל־פייערונג אין חיפה, האָט געקאָנט פאָרקומען ניט דווקא אין "שנת־העשור", ווייל דער כאַראַקטער און פאַרנעם פון אַזאַ אויסשטעלונג איז געווען זעלבסשטענדיק זיך צו אַנטפּלעקן מיט זיין פאַרמעגן פאַרן ברייטן עולם צו יעדער צייט. דאָס קיבוץ לעבן איז ניט סתם אַ שאַפונג און דערגרייכונג אין די לעצטע צען יאָר מדינת ישראל. די קיבוץ באַוועגונג איז די גרונט־אידייע פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן אויף אייגענער ערד. דאָס איז דער "רוקנביין" פונעם שפּעטערדיקן גוף און נשמה, וועלכע האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט און רופט זיך היינט — ישראל.

אפשר, ווען מ'וואָלט די ערשטע דעראָבערער פון אַ טאָג יידישער אַרבעט אין פּתח־תקוה, רחובות, סעדזשערא, אָדער די ערשטע גרינדער פון דגניה, נהלל, עין־חרוד, יגור, געוועזן זאָגן, אַז זיי וועלן זייער אידייע און זייערע דערגרייכונגען אַמאָל באַווייזן דורך פעסטיוואַלן און אויסשטעלונגען, וואָלטן זיי אָדער געלאַכט, אָדער ניט פאַרשטאַנען . . . און דאָך, אין אַנגעזיכט פון היינטיקער ווירקלעכקייט, איז דאָס כמעט אַ נויטווענדיקייט, ווייל גאָר אַ גרויסע צאָל פון דער באַפעלקערונג לעבט ווייט, פיזיש און אידייאיש, פונעם אָרט לעבן אין אַ קיבוץ. ניט נאָר האָבן זיי ניט די געהעריקע פאַרשטענדעניש, נאָר אפילו להיפך, זיי שאַצן אָפּט אונטער די אמתע באַדייטונג פון אַזאַ שאַפנדיקן כוח, ווי

עס איז דער קיבוץ לעבן פאַרן לאַנד. בפרט איז דאָס "אַ פרעמדע וועלט" פאַר טויזנטער נייע עולים, וועלכע, צוליב פּיינלעכע פריערדיקע דער־פאַרונגען פון אַ קאָלעקטיוון לעבן — אונטער דיקטאַטאָרישע רעגי־רונגען — שרעקן זיך ממש צוצוקומען נעענטער און דערזען דאָס פּאָ־זיטיווע, דאָס גוטע, וואָס איז דאָ אינעם לעבן פון אַ קיבוץ (ביז היינט איז דערווייל נאָר אַ קליינער פּראָצענט מסוגל געווען צו דערזען "דאָס ליכט" אונטער די וואָלקנס פון חשד . . .) איז אפשר גאָר צוליב דעם אַליין, און צוליב די טויזנטער און טויזנטער יונגע וועלכע וואַקסן אויף אין די שטעט (כן ירבו), כדאַי געווען איינצושליסן אין דער קייט פון ימים טובים פון "שנת העשור", אויך אַ תערוכה פון קיבוצים.

אָט זיצן עטלעכע הונדערט געלאַדענע געסט, צופוסנס פונעם באַרג, מערת אליהו, אין דער ניי־אויפגעבויטער שטאָט קרית אליעזר. די זון לעשט זיך אין ים און באַלויכט מיט אירע לעצטע שטראַלן דעם יום־טוב פון יצירה. דאָ זיצן ניט סתם קיין געסט. דאָ געפינען זיך די ערש־טע שאַפער און בויער פון די קיבוצים. זיי זיינען די הויפּט מחותנים אויף דער דאָזיקער שמחה. אָט זיצט תנחום, דער 70־יאָריקער־יונגער פון דגניה. אָט איז רבקה ווינשטיין פון תל־יוסף מיט דעם נאָד־אַלץ־געדיכטן צאָפּ אַרום איר קאָפּ, און אָט איז טאַבענקין פון עין־חרוד, שוין מיט אַ ווייסן קאָפּ, אָבער מיטן זעלבן יונג־גלויביקן שמייכל אין די אויגן. אָט איז האַרצפעלד, וועלכער איז — כשמו כן הוא — דאָס האַרץ פון פעלד, דער שטענדיק שפּרודלדיקער כוח וואָס אינספּירירט אויפצולעבן די ערד דורך אייגענער מי. און אַזוי — ריי נאָך ריי, די מיט די שוואַרצע קעפּ און די מיט די גרויע — יעדערער פון זיי איז אַ בלאַט געשיכטע. מ'קאָן אָנווייזן מיט דער האַנט און זאָגן: "אָן אים, אָן איר, וואָלט דאָס ניט געווען". פוןביידע זייטן בינע וואו עס וואַרטן ליידיקע שטולן פאַרן נשיא המדינה און אורחי כבוד, זיצט אַ קינדער־אָרקעסטער פון חיפה, און אַ כאָר פון גבעת השלושה, אין ווייס־בלויע אוניפאָרמען, באַשיינען זיי דעם יום־טוב מיט געזאַנג און קלאַנג.

ס'איז אַ מינוט פון גרויס יראת הכבוד, ווען עס קומט אָן דער נשיא בן־צבי. ווי איין מענטש שטייט דער עולם אויף. דער נשיא קומט אָן צו אַ יום־טוב, אין וועלכן ער אַליין האָט אַ גרויסן חלק — דאָס דערפילן אַלע פאַרזאַמלטע איצט . . . ער בלייבט זיצן מיטן עולם אין די ערשטע

רייעז, לעבן ראש־העיר פון חיפה, אבא חושי, מיטן יושב־ראש הכנסת, שפרינצאַק, מיטן אינערן־מיניסטער בר־יהודה, און אַנדערע. ער הערט זיך איין צום געזאַנג און שפּילן פון די קינדער, און נאָכן זינגען די התקוה, ווערט דער נשיא צוזאַמען מיט אַ ריי געסט, געלאַדן אויף דער בינע. אין זיינע באַגריסונג־ווערטער באַטאָנט ער דריי גרונט־שטריכן פון היינטיקן יום־טוב: א) אין ישראל איז דאָס אַגריקולטור־לעבן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פון זיך זעלבסט אַרויסגעשפּראָצט, ניט פון קיין רעגירונג באַשטימט, ווי אין אַנדערע לענדער; ב) איך געדענק די ערשטע פּאַסטוכער מיט שוואַרצע קעפּ . . . דעמאָלט איז נאָך ניט געווען קיין תנועה — היינט זיינען שוין דאָ דריי דורות וועלכע בויען, דאָס באַווייזן אונדזער צוקונפט; ג) מיך פרייט בפרט דאָס, וואָס היינט זיינען מיר אַלע צוזאַמען ביים יום־טוב — דאָס איז דער ערשטער טראָט פאָרויס . . .

תנחום פון דגניה פאַרגעסט ניט צו דערמאָנען, אַז דאָ, צופוסנס פון כרמל המערבי, זיינען ערשט ניט לאַנג צוריק געווען די דייטשן . . . „אונדזער פרייד איז וואָס זיי זיינען ניטאָ און וואָס דו, חבר בן־צבי, ביסט מיט אונדז ביי דעם יום־טוב".

„מיט שטאָלץ און פרייד" — באַגריסט דער ראש־העיר פון חיפה, דעם פעסטיוואַל, וועלכן ער באַצייכנט אלס דעם וויכטיקסטן אויפטו אין שנת־העשור, אויסער דעם חידון תנ"ך.

„ס'איז אַ געוואַגטער פאַרזוך צו ברענגען דעם יש פון קיבוץ און רופן די יוגנט צו שאַפן ווייטער". — דער מאָלער געלבערט, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע קינסטלער פון די קיבוצים „געאַרבעט שווער, טאָג און נאַכט, פאַרן דערפאָלג פון דער תערוכה" — בענטשט די שעה פון יום־טוב און ער פרעגט: „צי איז דאָ גרעסערע פרייד, ווי די פון אַרבעט און דערגרייכונג? מיר האָבן זיך באַמיט צו ווייזן, דורך בילדער, דעם מענטש אין קיבוץ, אין אַלע זיינע שאַטירונגען".

פּרעזידענט בן־צבי ווערט געלאַדן אָפיציעל צו דערעפענען די תערוכה. אין דער באַגלייטונג פון זיין שליש, מ"ר כרמל, אבא חושי און אַנדערע, שפּאַנט ער אַריין אין דער קליינער קעניגרייך פון צען ביתנים (פּאַ־וויליאָנען), וועלכע זיינען ווי מילגרוימען אָנגעפילט מיט אינעווייניק־סטער געשיכטע פון קיבוץ לעבן.

ניין אין אוונט קומט פאר דער פעסטיוואל. פיל טויזנטער קעפ זעט מען שוין ווי איינגעוואקסענע אין די בערג נאך איידער די נאכט פאלט צו. פון דער שטאק־פינצטערניש, שיר ניט ווי א בת־קול פון הימל, דערהערט זיך קלאר די שטים פו א חברה פון קיבוץ אויף דער נאך־ניט־באלויכטענער בינע. זי דערציילט א קליינעם קאפיטל געשיכטע פון די ערשטע טעג ביז היינט . . . באלד אנטפלעקן זיך הויכע פאלמע־ביימער, הייזער, סנאפעס גארבן, זעק מיט קארן, און צופוסנס פון בארג נעמען אנקומען די גרינדער פון די ערשטע קבוצות: דגניה, כנרת, כפר גלעדי, אילת השחר. אין לופט צעפלאטערן די רויטע פאנען, וואס סימבאליזירן דעם קיבוץ. זיי בלייבן שטיין אין מיטן פון דער בינע. פון ביידע זייטן בארג־שליאכן נעמען אנקומען פאנען־טרעגער פון עמק, פון גליל. דאס בילד צינדט ממש דעם בארג . . . דער קינדער־ארקעסטער, וועלכער זיצט אויף די געבונדענע סנאפעס, שפילט צו חנעוודיק בשעת פון אלע זייטן שטראמען אלץ טרעגער פון פאנען מיט בלערליי עמבלעמען. אט זיינען די פאנען פון פלמח־קעמפער, אט די געטא־קעמפער, צו דער מוזיק: "זאג ניט קיינמאל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג". אט פלאטערן די פאנען פון די קיבוצים וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט אין די קאמפן ("אות הגנה") און — "א סימבאל פון סימבאלן" — צוויי ווייס־קעפיקע חברות האלטן פעסט די פאן פון "שומר" — דעמאלט שטייט אויף ווי א געדיכטער פעלדז דער עולם צום געזאנג פון דער התקוה. עס דוכט זיך, אז אויך דער הימל זינגט מיט . . .

באלד נאך דעם ווי זיי מארשירן אראפ פון דער בינע, באווייזט זיך "א ים מיט קינדער" פון קיבוץ יגור, וועלכע טאנצן אויס די פרייד פון זייער וואקסן. נאך זיי, יונגע בחורים און מיידלעך, מיט סערפ און אקער, טאנצן דעם טאנץ פון זייען און שניידן. שפעטער, טענץ פון בויאונג, פיראמידן־טאנץ, בלומען־טאנץ. די שטים דורכן הילכער דער־ציילט: "קיבוץ, קיבוץ ותולדותם". עס טאנצן "שיינע טעכטער פון ציון". אט גייט אויף א שווארצער רויך פון ברענענדיקע פאקלען, מיט וועלכע עס טאנצן די טעכטער אז "אנדענק טאנץ" דער געפאלענער פאראשוטיסטין אביבה רייך צום געזאנג: "דו לעבסט אין אונדז תמיד". דער קינדער־כאר זינגט בשעת די שומרי־הגבול, מיט קרעפ־

טיקע גופים און פעסטע טריט טאַנצן אויס זייער אַנטשלאָסנקייט צו היטן די גרענעצן . . . און קינדערלעך, ווי בלימעלעך פון דער ערד, פאַרפלייצן די בינע מיט חן און שמייכל. "ככה רוקדים בארץ־ישראל" און עס פלעכטן זיך אַלע אין אַ האָראַ־טאַנץ.

ס'איז שוין האַלבע נאַכט. די באַרג־לופט נעמט דורך מיט פרישער קילקייט און אַלע אויגן זיינען נאָך געווענדט צו דער בינע, וואו עס קומען אויף טאַנץ נאָך טאַנץ, און די מוזיק באַגלייט: "שיר ההורה, רב כוחינו — יש משמרת בחניתה". צום סוף — אַ גראַנדיעזער פאָלקס־טאַנץ, וועלכער פאַרפלעכט זיך אין אַ חתונה־טאַנץ, — און לפי סדר העולם — קומען אָן די קליינוואַרג . . . זיי קומען מיט טויבן־שלאַקן אין די הענט, מיט בלומען און געזאַנג. טאַטעס טראָגן קליינוואַרג אויף די אַקסלען, טאַנצן דעם טאַנץ פון צוויי דורות. די בינע קוועלט און איי־בער איר צעפליען זיך אין לופטן די טייבעלעך!

צי איז די תערוכה גופא אויך אַ קוואַל פון פרייד און איבערלעבונג? כדאַי אַריינצוקוקן אינעווייניק, כדי צו זען דעם הויפט־ציל. און דער הויפט־ציל איז, ווייזט אויס, ניט דווקא צו ווייזן די שוועריקייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, פון וועלכע עס איז אויך, אָן צווייפל, ניט באַ־פרייט דער קיבוץ. "ווייל דאָרטן וואו עס איז דאָ לעבן זיינען דאָ קלענערע און גרעסערע מענטשלעכע פּראָבלעמען", זאָגט מיר דער קינסטלער געלבערט, "אָבער אונדזער צוועק איז צו זען למרות הכל — די דערגרייכונגען".

אין גאָר אַ גרויסער מאָס איז געבראַכט געוואָרן דערפאָלגרייך פאָרן אויג פונעם צושויער, דורך בילד און צייכענונג, דאָס לעבן מיט די ליידן און פריידן פון קיבוץ.

אָט איז אַ ריזיק בילד פון ערשטער טרוקענער ערד, אויף וועלכער דגניה איז אויפגעקומען, בילדער פון ערשטער שווערער מי אויף האָרטן באָדן, שפּעטער באַשיצן זי מיט דער ביקס אין האַנט . . . קאַמף פון די טעג פון "שומר" ביז דער הגנה . . . זאָרג פאַר שטענדיקער בויאונג פון משק. אַ ריזיק בילד וואָס הייסט "סידור עבודה". דאָרטן ווערן קלאָר געוויזן די פּראָבלעמען פון אַרבעט; שפּעטער, די אַנטוויקלונג פון בעסערע, באַקוועמערע היימען, גרעסערע עס־צימערן, ביבליאָטעק און לייען־צימערן, מוזיי, ספּאָרט־פּלעצער; היינט די קינדערוועלט,

ציכטיקע, באקוועמע היימען פאר דער פיזישער און גייסטיקער אנט־וויקלונג פון קינד פון זיין געבוירן ווערן ביז 18 יאר אלט, ווען ער ווערט א חבר אין קיבוץ, און נעמט אויף זיך פרייוויליק אלע פארפליכ־טונגען און באקומט אויך אלע פריווילעגיעס ווי א גלייכער מיטגליד. בילדער וועגן שטענדיקער זארג פון דערווירטשאפט, פינאנסן און אנט־וויקלונג פון משק.

א גאר געהייבענעם ארט פארנעמט דאס משפחה־לעבן אין קיבוץ. בילדער פון דער משפחה אין איר יום־טוב און וואר. א פרעכטיק בילד פון פיר דורות אין קיבוץ, א משפחה פון עין־חרוד, פארכאפט ממש דעם אטעם . . . א בילד פון פיל הונדערטער קעפ, פון א סדר־נאכט אין קיבוץ ; בילדער פון טרויער, פון פארלירן אייגענע . . . פון געדענקען די העלדן וועלכע זיינען געפאלן אין קאמף . . . עס ווערן געוויזן (נאר א ביסל) די פראבלעמען פון איינגלידערן נייע עולים, פון אויסהאלטן על־טערן, פון ארויסהעלפן קרובים מעבר לים. דאס אוועקשיקן וויכטיקע חברים פון משק, אפשפארן זיי פון דער ארבעט אין לאנד, פאר א יאר צי צוויי ארבעט אין חוץ לארץ . . . עס ווערט דערציילט אין בילדער וועגן דעם היזק אין קיבוץ, ווי אומפארמיידלעכע פייערן אויף די פעלדער, גניבות, שאדן פון מסתוננים (אראבישע אריינדרינגלער) און דערביי, ווידער — דער שטענדיקער וואוקס פון דער היים, פון דער שפע, פון די בלומען אוןביימער ארום יעדער שטוב.

עס פעלן אויף דער אויסשטעלונג — און עס איז געווים א שאד — די באזונדערע וויכטיקע אינדוסטריעז, וועלכע א סך קיבוצים האבן שוין לאנג אנטוויקלט, און צו וועלכע די נעכטיקע "פעלד־ארבעטער" ווייזן ארויס פאכמאנשאפט אין דער ארבעט און אין דער פארוואלטונג. א פאזיטיווער און חנעוודיקער טייל איז דאס "לעבעדיקע ווינקל פון קינ־דערוועלט", וואו עס הערט זיך דאס מעקען און קו־קו־רי־קען פון זייער ווירטשאפט אין קיבוץ . . . אויך זייערע שפיל־פלעצער.

א גאר געלונגענער טייל זיינען די בילדער און צייכענונגען פון דער באוואוסטער "מקלחת" (שפריצן) אין קיבוץ, וואו צענדליקער אינער־לעכע פראבלעמען ווערן דארטן "פארגעבראכט" און "אפגעשווענקט"... ס'איז דא "די געפאר", אז די נייע צייט פון אן אייגענער דירה, מיט א

באַזונדערער מקלחת, זאָל איינגאַנצן "אָפּוואַשן" דעם ווינקל פֿאַר באַהאַנדלען "נאַקעטע פּראָבלעמען" . . .

ביים אַרויסקומען אין הויף איז אַ גייסטיקע אָפּפרישונג צו דערזען די פֿאַרלאַגן פֿון קיבוצים, וואו הונדערטער ביכער אויף אַלע געביטן פֿון מענטשלעכן שאַפֿן ווערן אַרויסגעגעבן. און די באַזונדערע אַנדערשקייט וואָס דערפֿרייט דעם צוקוקער באַשטייט אין דעם, וואָס צענדליקער מחברים פֿון די ביכער זיינען אַליין חברי־קיבוץ. די ביכער ווערן דאָ פֿאַרקויפֿט מיט גרויסע הנחות פֿאַר די באַזוכער. מוזיק פֿון ישראלדיקע לידער באַגלייט אייך אַרוים ווייט אין הויף. אויפֿן וועג צום טויער פֿאַרכאַפּט אַ קליין בילד מיט קעפּ — איבער זיי — דער סימבאָל פֿון כנסת מיט אַן אויפֿשריפֿט: "ואלה עשו את המלאכה" (און די האָבן געטאָן די אַרבעט). מ'גייט אַוועק מיטן געפֿיל, אַז "אַן אַרבעט איז באמת אָפּגעטאָן געוואָרן . . . און זי ווערט נאָך ווייטער געטאָן!"

אין די בערג פון אפרים

דער טראדיציאנעלער טאנץ־פעסטיוואל אין לאנד איז היינטיקס יאר געווידמעט דעם צענטן חג־העצמאות און ער איז דער בייטראג פון דער הסתדרות קולטור־אפטייל צום יום־טוב. די הסתדרות פירט אן א שטענדיקע טאנץ־בילדונג אין די קיבוצים און אין די שטעט. דער פעסטיוואל קומט פאר דאס מאל, צום צווייטן מאל, אין קיבוץ דליה, וועלכע האט אונטערגענומען די שווערע, אבער דאנקבארע מי — אויפ־צובויען אויף אירע רחבותדיקע פעלדער, דריי בינעס מיט ליכט־עפעקטן, אקוסטיק און אז.וו. און אין די בערג געשאפן פלאץ פאר דרייסיק טויזנט מענטשן צום זיצן, אויף דער פרייער לופט, און הנאה האבן פונעם פעסטיוואל.

ס'איז בפירוש כדאי צו שילדערן דעם גרויסן פאלקס יום־טוב און די ווארעמע אטמאספערע וואס האט געהערשט צווישן עולם, וואס האט בייגעשטייערט "זיין חלק" מיט גוטער דיסציפלין און טיפן דורשט, צו געניסן פון דער ישראלער הערואיק, וועגן וועלכן עס דערציילן די טענץ.

מיט זון־פארגאנג בין איך אנגעקומען אין די הרי־אפרים פון א שכינותדיקן קיבוץ, עין־השופט, וואו עס האט א גאנצן טאג געזשומעט ווי א בינשטאק מיט געסט אויפן וועג קיין דליה. געפארן זיינען קינד און קייט, באלאדענע מיט קאלדרעס און עסנווארג. צונויפגעדריקטע

קוים דעם אָטעם צו כאַפּן, איז מען געשטאַנען אין די לאַסט־אויטאָס, וועלכע האָבן זיך שווער געהויבן איבער די שטיינערנע וועגן. זיי זיינען שטיין געבליבן אין די פעלדער פון דליה. אַראָפּגעשפּרונגען, לאָזט מען זיך גיין צום הויפּט שליאַך, וואו דער שטויב הייבט זיך און פאַלט צוריק מיד פון אַזויפיל טריט . . . אויף ווי ווייט נאָר דער בליק קען כאַפּן, זעט מען ווי עס ציען זיך און יאָגן זיך איבער די געדרייטע וועגן אין די בערג, לאַסט־אויטאָס, אויטאָמאָבילן, מאָטאָרציקלען, אָנגעפילטע מיט געסט צום יום־טוב. דאָס בילד פון די יאָגנדיקע, בליצנדיקע אויטאָס האָט אַרויסגערופן אַסאָציאַציעס מיט די שווייגנדיקע איילנדיקע קאַנוואָיס ערב סיני־קאַמפּן . . . נאָר די פרייליכע פּוסגייער ביי די זייטן האָבן דערמאָנט: "ס'איז אַ שמחה היינט!"

דער הימל האָט זיך גענומען טונקלען און ווי נידערן אויף דער ערד, און דער עולם שטראָמט און שטראָמט. די ווייסע הייזער פון דליה נעמען זיך צינדן מיט ליכט, גריסן די געסט. דער וועג איז שטיינערדיק און נאָך לאַנג, אָבער אָט זעען זיך שוין דינע זיגזאַג פּאַסן עלעקטרישע דראָטן געצונדן איבער די בערג, אַ סימן, אַז מיר קומען אָן צום אַמפּיטעאַטער.

פאַר די אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ ים מיט קעפּ. ווי קומען אַלע מענטשן שוין אַהער? זינט ווען זיצן זיי דאָ? לעבן אונדז, אָפּגעצאַמט, זיינען פּאַרגרייט ערטער פאַר געסט־דיפּלאָמאַטן, וועלכע וועלן אויך פּאַרזוכן דעם טעם פון זיצן אויף הילצערנע בענק אין די בערג . . . צווישן די פיל הויכע מלוכה־לייט פון ישראל זיינען געווען אַזעלכע דיפּלאָמאַטן, ווי דער אַמבאַסאַדאָר פון סאָוועטנפאַרבאַנד, פון יוגאָסלאַוויע, פון בראַזיל, און דער בילדונג־מיניסטער פון איסלאַנדי.

דערווייל האָבן די טענצער גופא זיך אָפּגערוט אין די בערג, קעגן־איבער דער בינע, וועלכע מ'זעט נאָך ניט. זייערע נאַציאָנאַלע קליידער האָבן צוגעדעקט די שטיינער. די רעגנבויגן קאָלירן פון יעדער באַזונדערער גרופּע האָבן איצט געבלייכט אין דער פינצטערניש. איך האָב זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די "שטערן", וועלכע וועלן באַלד באַווייזן זייער קונסט, און כ'האָב דערזען "קינדער פון אַ גאַנץ יאָר", יונגוואַרג, ערשט פון דער שול־באַנק . . . און אַרבעטער, וואָס ווייסן דעם טעם פון אַ שווערן טאָג אַרבעט אין פעלד, אין שטאַל,ביים טראַקטאָר,

צי אין א פאבריק אין שטאט, ביי וועמען טאנצן איז א בייזאך און א פארגעניגן. אט־די "ביי־זאך" איז ביי דער ישראלער יוגנט אן אר־גאנישער טייל פון טאג־טעגלעכן לעבן און אויסלעבן זיך.

די עלעקטרישע ליכט־שנורן האבן זיך אינגאנצן אויסגעלאשן. פונעם הימל האבן העלער איצט ארויסגעקוקט די בלאסע שטערן . . . די בינע האט זיך נאך ניט אנטפלעקט, נאר לינקס פון די בערג, האט זיך דערזען באלויכטן אונטער א דעכעלע דער ארקעסטער און כאר. ס'האט זיך דערהערט געזאנג : "הלילה הזה, הלילה הזה". דין־דינע מוזיק־טענער האבן דאס געזאנג ארויסגעשיקט אין די בערג . . . ליכט האט גענומען אויפלויכטן צופוסנס פון צען הויכע פאלמע־ביימער — יעדער בוים האט סילועטיש באצייכנט כות, חירות, שלום, ביז דעם צענטן בוים — די פרייד פון חג־העשור.

נאכן בלאט מארטירער־געשיכטע וואס מ'האט "ארויסגעלייענט" פון די צען אויפגעלויכטענע ביימער, האט זיך דערהערט דאס געזאנג פון "התקוה" און ס'האט זיך געדוכט אז פון די בערג גייט אויף דאס גע־זאנג און די שטערן הערן . . . וואס איז דאס פאר א נאכט? ווי קאנען בערג אויפשטיין און זיך אזוי צעזינגען? עס האט דערנאך געפעלט כוח זיך צוריק אוועקזעצן אויף די הארטע בענק, נאך אזא טיפער איבערלע־בונג, וואס האט די נשמה דערהייבן, שיר ניט מיטן הימל זיך צעקושן...
און ווען די ליכט־פראזשעקטארן האבן ווי פון דער העלער הויט ארויס־געשטראלט און אנטפלעקט די בינע (דריי בינעס אין דער פארם פון א האלבער לבנה) איז דאס אין דער מינוט געווען שיר ניט ווי איבעריק.
נאר ווען פון דער ווילדערניש ארויס האבן גענומען אנקומען "טעכטער פון ציון" מיט קראנצן אויף די קעפ, מיט דינע ביבלישע קליידער און ארויסגעטאנצט פון די בערג־שליאכן העכער, העכער אנטקעגן די אנ־קומענדיקע "עולים", און יענע טענצער, מיט געזאנג האבן זיי באגעגנט "עלו, עלו מתוך הלילה", און אין איין קייט האבן זיך פארוועבט אלע טענצער אויף דער רויער ערד צווישן די בערג, דעמאלט האט דער געמיט אויפגעוואכט צו דערווירקלעכקייט — צום טאנץ פעסטיוואל!

אזוי האבן גענומען אנקומען, איינע נאך דער אנדערער, טאנץ־גרו־פעס פון בארג און טאל, וועלכע האבן דערציילט "מעשהלער אן צאל". אט, טענצער מיט ברוינע נאקעטע פלייצעס, און אין די הענט דינע

ביקס, ״אָנו הפּלמח״ באַגלייט זיי דאָס געזאַנג. נאָך זיי, יונגע בחורים צעוויגן אַ גרוזינישע ״דעפּקע״, וואָס איז אַ געמיש פון לייכטער גראַציע און אַזיאַטישן כוח. זיי טאַנצן באַרוועס, נאָר עס ציטערן די ברעטער אונטער זיי . . . נאָך יעדער טאַנץ לעשן זיך די ליכט־סיגנאַלן און קומען אויף מיט יעדער נייער גרופּע. ״מי יבנה הגליל?״ דערהערט זיך דאָס געזאַנג ווייט פון די בערג און עס צעטאַנצן זיך פריילעך די בויער פון גליל. דאָס זינגען און שפּילן פאַר יעדער טאַנץ־גרופּע ווערט אויסגעפירט פון אַ קליינעם אַנסאַמבל, וועלכער שטייט אָנגעשפּאַרט אין אַ בערגל, באַלויכטן מיט אַ בלייכער ליכט. עס דערשיינען באַלד צאַרטע טעכטער אין אַ ביבלישן טאַנץ. אַ תּפילהדיקער מאָטיוו גייט אויף פאַר זיי פון די בערג. ״ערב של שושנים, לילה ירד לעט״, און איבער די קעפּ איז די לופט קיל און מ׳קאָן דעם אָטעם הערן פון דער נאַכט . . .

ווידער און אָבער חלוצים־טאַנץ, וואַסער־טאַנץ, שניט־טאַנץ, פישערטאַנץ, און הומאָריסטישע טענץ. צום גרויסן קאָנטראַסט — אַ טאַנץ פון די מינדערהייטן אין ישראל. די ערשטע דערשיינען די דרוזן. ניט נאָר זייערע נאַציאָנאַלע קליידער באַצייכענען זייער אַנדערשקייט, נאָר דאָס טאַנצן די ״דעפּקע״ וואָס איז אָריגינעל זייער טאַנץ, דאָס צופּייפן אויף אַ פייפל פון אַן אַראַבישן מוזיקאַנט, אַ האַלב־מאָנאָטאָנעם ניגון, זייער טעמפּעראַמענט אויסצוקלאַפּן ריטמיש זייער אינערלעכן כוח, פון שטיין ״מיט ביידע פיס אויף דער ערד״ — דאָס אַלץ ברענגט אַריין גאָר אַן אַנדערע אַטמאָספערע.

באַלד טאַנצן אַריין ישראלער טענצער און פאַרפלעכטן איין טאַנצנדיקע קייט. דער עולם נעמט אויף דעם געקייטלטן רינג מיט שטאַרק פריידיקע אַפּלאָדיסמענטן. דערנאָך אַראַבער מיט ברייטע ווייסע הויזן, מיט שווערע שיך אויף די פיס, די מוזיק פייפלדיק, תּפילהדיק (עס טאַנצן נאָר מענער (אַראַבער טאַנצן ניט מיט פרויען), און אַט, די טשערקאַסן, מיט מעסערס אין די גאַרטלען. זיי באַווייזן מעסער־קונץ, מוסקולן־ און אַקראָבאַטיק קונץ. און דער האַרמאָשקע צושפּילער טאַנצט אויך מיט זיי. אַ קליין יינגעלע, צווישן זיי, באַווייזט די טאַנץ־קענטשאַפט. ביי אַ פריילעכער באַגייסטערונג פון עולם פאַרלאָזן די מינדערהייטן די בינע־ברעטער.

עס דערהערט זיך די קלאָרע שטים פונעם הילכער: ״איצט וועלן מיר

זען ווי אַזוי עס האָבן געטאַנצט אונדזערע עלטערן״.

עס קומען אָן יידן אין קאַפּאָטעס, אין שטריימלעך און אין ווייסע זאָקן, יידענעס אין אַטלאַס און אין זייד — מיט פולע בלוזעס, מיט שטערן־טיכלעך . . . זיי טאַנצן אַ שער — דעם טאַנץ וואָס דורות יידן האָבן אויף יידישע שמחות געטאַנצט (די סאַברעס רופן דעם טאַנץ ״אַ שערעלע״). צווישן די טענצער זיינען דאָ מענטשן אין די זיבעציקער יאָרן. זיי האָבן געהאַט דעם זכות איינגעלאַדן צו ווערן פון זייער היים, ״מלבן״, די אינסטיטוציע פון אַלטע לייט, אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג, דזשאָינט און סוכנות, און די טענצער זיינען ניט אָפּגעשטאַנען מיט זייער התלהבות פון די יונגע. געהייבן די ברייטע קליידער און געבעטן ״נאָכאַמאָל״, געגוי ווי אונדזערע באָבעס פלעגן טאַנצן . . . דער עולם האָט, זיצנדיק אין די בערג, מיטגעטאַנצט, מיטגעזונגען און לאַנג, לאַנג מיטגעפּליעסקעט . . .

שיר ניט ווי פון גאָר אַן אַנדער וועלט, — און דאָך פון דער יידישער — דערשיינט אַ טאַנץ פון ״עולי קורדיסטאַן״ און פון ״עולי תימן״. אַ געמיש פון ווייסע קיטלען, פון ראַשיקע קאָלירן פרויען־קליידער, מיט מכשירים פון הויז־ווירטשאַפט אין די הענט, צעטאַנצן זיי זיך זיצנדיק, שטייענדיק, מיט אַלע אברים טאַנצן זיי . . . אַ שטיק שטייגער־לעבן וואָס איז אונדז פרעמד, שפּילט זיך אָפּ פאַר די אויגן. און ווי אַ סימבאָל נאָך די אַלע שטייגער־טענץ, קומען אָן קינדער, וואָס טאַנצן אויס זייער יוגנט און פרייד, מיט טויבן־שלאַקן אין די הענט. שפּעטער קומען טאַטעם מיט גאָר קליינינקע קינדער אויף די אַקסלען. עס טאַנצן צוויי דורות.

עס צינדט זיך דאָס ליכט אין די בערג. ס׳ווערט פריילעך צווישן עולם. מען דערקענט זיך מיט פריינט, משפחה — אַן אמתער פאָלקס יום־טוב אונטערן פרייען הימל. די קאַלטע באַרג־לופט דרינגט דורך, מ׳וויקלט זיך אין די וואַרעמע קאָלדרעס און מ׳צעוויקלט פּעקלעך וואָס מ׳האָט מיטגעבראַכט צום עסן און טרינקען. מ׳טאַנצט אונטער זיצנדיק, שטייענדיק. דער מיטליעריקער עולם וויל אויך טאַנצן . . . ז י י ן טאַנץ פון ״יענע טעג״ איז אויף דער בינע איצט ניט געטאַנצט געוואָרן. פאַרוואָס? צי האָט מען פאַרגעסן אין די ״נעכטיקע יונגע״ וועלכע האָבן אָנגעהויבן בויען דאָס לאַנד מיט טאַנצן אַ ״הורא״ נאָך אַ

שווערן טאג ארבעט ביזן ווייסן טאג אריין? אבער ס'איז א יוגנט־פעסטיוואל און מ'איז זיי מוחל מיטן גאנצן הארצן.

ווידער לעשט זיך דאס ליכט. עס קומען אויף פארשיידענע מיליטערישע טענץ. אן אריגינעלע שאפונג איז דער טאנץ "די מאשין". געקייטלטע הענט מיט ברוינע גופים, אין דער פארם פון א מאשין, צונויפגעפלאכטן, אט איז א לאקאמאטיוו און עס רירן זיך די אקסן, און עס דרייען זיך די רעדער און עס אטעמט די מאשין . . . דער כוח פון הענט איז מייסטערהאפט אנטפלעקט. צום סוף טאנצן די "נעורים". א יוגנט־פרייד, "יום־טוב אין אלע טעג" צעגיסט זיך איבער די בינעס. זיי פארפלעכטן זיך אין א הארא־טאנץ—דער עולם קלאפט זיי צו ריטמיש, לאנג, לאנג . . . אין דעם אויגנבליק טוען זיך א צעפלאקער די בערג. עס צעלויכטן זיך ווידער די צעזן ביימער, עס צינדט זיך אן די מנורה אינמיטן די בערג קעגנאיבער דעם עולם. פון אלע זייטן נעמען אנקומען טענצער, זייערע נאציאנאלע קאסטיומען אונטערן פינקלענדיקן ליכט בלענדן און רייצן דעם בליק, פארכאפן דעם אטעם.

דער אפיציעלער פראגראם האט זיך געענדיקט. דער עולם ווערט געלאדן בלייבן לענגער, ס'וועט זיין "בידור לילה", א צוגאב־פראגראם פון פארשיידענע טענץ, פארברענגען ביז אין טאג אריין . . . איך האב שטארק חשק צו בלייבן, נאר כ'האב מורא ס'וועט מיר אומעטיק זיין אין די ליידיקע בערג . . . כ'קוק זיך ארום, און כ'גלויב ניט די אויגן. דער עולם זיצט שטיל, ווי ער וואלט ערשט אנגעקומען. די לופט איז שוין גוט קאלט. די האלבע לבנה שווימט ארויס. מ'דארף זיך שוין לאזן אין וועג אריין. מארגן איז א וואכעדיקער טאג, נאר עפעס איז אזוי אנגענעם צו זיצן נאך אויף די הארטע שטיינער.

פון דעם הילכער דערהערן זיך א פאר בקשות: די און די קיבוצים ווערן געבעטן צו פארלאזן אין דער און דער שעה. עס ווערט קלאר, דער "בידור לילה" איז מיט גוטער כוונה צוגעגרייט געווארן, כדי די שטאטישע און ווייטע געסט זאלן פריער קאנען ארויספארן א היים. און כך הווה, ווען דער טויזנט קעפיקער עולם האט גענומען שטראמען בארג אראפ, האט שוין דער הויפט־וועג פרייער געאטעמט. פון דער "שטאט" מיט אויטאמאבילן איז איצט געווארן א "שטעטל", די לעצטע קאנוואיען, אין דער באגלייטונג פון פאליציי־וואך, האבן בליציק זיך

געיאָגט איבערן שליאַך . . . נאָר די פּוסגייער האָבן מידע און פריי־לעכע, זיך געלאָזן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. מ׳האָט געזונגען און אונטערגעטאַנצט מיט די קאָלדרעס און דער וועג איז איבערגעלאָפן גיך . . .

דער נאַכט־וועכטער פון עין־השופט, מיט דער ביקס אויפן אַקסל, האָט אונדז שטרענג געפרעגט: ״ווער גייט דאָרט?״ ״אייגענע, פון דליה, מיר זיינען מיד״. ער האָט אונדז מכבד געווען מיט קאַלטער מילך אין דער נאַכט־קיך. דער קיבוץ איז רואיק געשלאָפן. די פרישע לופט האָט געצויבערט. מיר האָבן זיך געזעגנט פריילעכע, אויפגעמונ־טערטע, ווי מחותנים וואָס קומען אהיים פון אַ גרויסער חתונה.

דערעפענונג פון וויסנשאַפטלעכער ביבליאָטעק אין ווייצמאַן אינסטיטוט

אויפן נאָמען פון אברהם און יהודית וויקס

עס איז באַוואוסט, אַז דער מכון ווייצמאַן איז, ווי רוים, נים "געבויט געוואָרן איבער נאַכט". יעדע אָפּטיילונג, יעדע געביידע, האָט אַ באַזונדערע געשיכטע, וואָס איז אויך די געשיכטע וועגן די יידן, וועלכע האָבן פאַר דעם צוועק בייגעשטייערט גרויסע סומען געלט, און אַ שטיק וואַרעם יידיש האַרץ . . . כדי צוצוקומען צום יידישן האַרץ אין אַלע עקן וועלט, איז אי אַ קונסט, אי אַ גרויסע מי, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אוים מאיר ווייסגאַל, דער לאַנג־יאָריקער פריינט פון פּראָפעסאָר ווייצמאַן און דער שטענדיקער פאַרוואַלטער פונעם מכון.

מיט אַ צופרידענעם טאָן הערט מען פון אים היינט, וואָס איז אַמאָל אַ זעלטנקייט פאַר ווייסגאַלדן: "די צענטראַלע ביבליאָטעק, וואָס אַ דאַנק די פריינט וויקס האָבן מיר זי דערגרייכט, וועט אויף אַ לאַנגער צייט (אויב מיר קאָנען אַזוי זאָגן) זיין די לעצטע בויאונג אין מכון. ביז איצט זיינען מיר פאַראינטערעסירט געווען נאָר אין וויסנשאַפט־אַרבעט, איצטער ווילן מיר איינזאַמלען אין "יד־ווייצמאַן" אַלע אינערע ווערטן פון ישראל. דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין נייע כוחות, מירן האָבן אַ שטענדיקע גראַדואיר־שול פאַר סטודענטן זיי זאָלן קאָנען זיך פאַרפולקאָמען פאַר זייערע דיפּלאָמעס. מיר האָבן פּלענער פאַר אַ נייער ווענ־

דונג", און, גיט ער צו מיט א שמייכל, "מיר האבן אויך די אלטע זארג פון קאנען אויפהאלטן דעם מכון" . . .

ווער זיינען די פריינט וויקס? פארוואס דווקא האבן זיי בייגע־שטייערט פאר דעם צוועק? אברהם וויקס איז אן ענגלישער ייד, א גרוי־סער סיגארעטן פאבריקאנט. ער און זיין פרוי זיינען שוין עטלעכע מאל געווען אין ישראל (זיי זיינען אויך די אייגנטימער פון די "נעלסאן־סי־גארעטן" אין ישראל.) מיט צוועלף יאר צוריק האבן זיי זיך באקאנט מיט פראפעסאר וויצמאן און מיט מאיר וויסגאל. די באקאנטשאפט איז פארוואנדלט געווארן אין א פריינטשאפט. ווען זיי האבן זיך פאר־אינטערעסירט מיט מכון און אויסגעפונען, אז ס'פעלט א צענטראלע וויסנשאפט ביבליאטעק, האבן זיי בייגעשטייערט פאר דעם צוועק. דעם דריטן נאוועמבער אין 1953 איז געלייגט געווארן דער ווינקלשטיין פאר דער געביידע, וואו אברהם וויקס איז בייגעווען.

דער היינטיקער יום־טוב איז פארגעקומען אינעם נייעם "אולם וויקס" פאר וועלכן א צווייטער ברודער, מיכאל וויקס, האט בייגעשטייערט די נויטיקע פאנדן. דער זאל געפינט זיך גענוי קעגנאיבער דער ביבליא־טעק. צווישן דעם עולם זיינען געווען געהויבענע געסט: דער נשיא המדינה און זיין פרוי, ווערא וויצמאן, יושב ראש הכנסת י. שפרינצאק, בילדונג־מיניסטער זלמן ארן, דער הויפט־ביבליאטעקאר דוד וואל, מאיר וויסגאל, ישראל זיוו און זיין פרוי און סיר פראנסיס ראנדעל, בריטי־שער אמבאסאדאר.

ישראל זיוו האט אנגעפירט מיטן יום־טוב און ער האט ביים סאמע אנהייב געזאגט: "מיר קאנען זען דעם היינט דורכן נעכטן, און דעם נעכטן קאנען מיר אן ביכער ניט זען. מיר האפן אז אין דער ביבליאטעק וועלן אונדזערע קינדער לערנען און ברענגען נוצן דעם פאלק און דער מענטשהייט". ער דאנקט די פריינט וויקס פאר צושטייער געבן אזא מאנומענט דעם מכון וויצמאן.

אויסער פון ישראל זיינען אנוועזנד געווען פיל וויסנשאפטלייט פון אויסלאנד, וועלכע זיינען ספעציעל געקומען צו דעם יום־טוב און צו דער זעקסטער הזכרה נאך פראפעסאר וויצמאן. עס זיינען אנוועזנד א סך קולטור־מענטשן, קינסטלער און פיל פריינט פון די וויצמאנס.

סיר פראנסיס ראנדעל באטאנט אין זיין באגריסונג, אז ער איז

שטאַלץ וואָס פּראָפעסאָר ווייצמאַן איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט זיין לאַנד, "און היינט זיינען מיר ווידער נאָענט דורך דער משפחה וויקס. איך גלויב, אַז אונדזערע לענדער האָבן פיל געמיינשאַפטלעכעס אין דער געשיכטע און מיר קאָנען פיל לערנען איינס פון צווייטן".

דר. וואָרמאַן פון דער "ספריה הלאומית" אין ירושלים, האָט אויסגעדריקט זיין וואונטש, אַז די נייע מאָדערנע וויסנשאַפט ביבליאָטעק זאָל מיטאַרבעטן מיט דער ביבליאָטעק אין קרית אוניברסיטה און מיט אַנדערע וויכטיקע ביבליאָטעקן אין לאַנד.

אַ רירנדיקער מאָמענט אויפן יום־טוב איז געווען, ווען דער נשיא גיט איבער דעם שליסל צו מר וויקס און זאָגט: "דאָס איז דער שליסל צו אונדזער צוקונפט".

"ס'איז אַ כבוד און פרייד", האָט מיסטער וויקס געזאָגט, "וואָס אונדזערע נעמען וועלן זיין פאַרבונדן מיט דער וויסנשאַפט ביבליאָטעק, פון וואַנען ס'וועלן אַרויסקומען גרויסע געלערנטע".

צו רחל בן־צבי איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד איבערצושניידן די לענטע פאַר דער נייער געביידע.

פאַנאַרן מיט מילדער ליכט, וואָס צווישן די ביימער, באַלייכטן די גרינע אַלייען וואָס פירן צו דער געביידע, וועלכע פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט איר געבוי און סטיל. די געביידע איז לענגלעך, ניט הויך, דער דאַך — מיט ווייסע שפּיציקע פּיראַמידן. זי איז "עיר־קאַנדישאַנד".

"דאָס איז נויטיק פאַר די ביכער", דערציילט מיר דער אַרכיטעקט אל־חנני, וועלכער האָט געבויט דעם גאַנצן מכון ווייצמאַן זינט 1946. כאָטש ער איז היינט אַ שטאָלצער מחותן אויף דער שמחה, נעמט ער זיך די מי רואיק צו דערציילן געווויסע פּרטים.

"די שאַפעס זיינען שוין גרייט אַריינצונעמען 70 טויזנט ביכער. שפּעטער וועלן צוגעבויט ווערן נאָך שאַפעס, וואָס וועלן אַריינעמען אַלע וויסנשאַפט־ביכער פונעם מכון. דאָס ליכט איז טאָגליכט, די פענצטער צו צפון־מזרח — איין ברייטע גלאָזוואַנט — מיט דרויסנדיקע לאָדנס, וואָס דרייען זיך אויטאָמאַטיש לויט דער צייט פון טאָג און לאָזן ניט צו די זון. דער דיל איז פון קאָרק און פאַרשלינגט דעם קלאַנג. אויך די ווענט און סטעליע זיינען געבויט אַזוי, כדי די אַקוסטיק צו פאַרשלינגען. די קאַלירן זיינען סאָלידע, גרוי־בלוי. אויך דאָס ווייכע מעבל צום רוען

איז אַנגענעם פאַרן אויג. די אַרבעט־טישן — פּשוטע, באַקוועמע. צווי־שן אייניקע גרויסע צימערן געפינט זיך אַ "דרויסנדיקער הויף" מיט פאַרפלאַנצטע סאַברעס. דאָרט שטייען ווייכע שטולן 'צו כאַפּן לופט' און געניסן פון טאָגליכט ביי דער אַרבעט.

אַלע קאַטאַלאָגן זיינען שוין פאַרטיק (אין דער ענגלישער שפּראַך). דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער נייער סיסטעם צו געפינען גרינ־גער אַ בוך, איז דוד וואַל, אַן אַמעריקאַנער ייד, מיט גרויס דערפאַרונג אין ביבליאָטעק־קענטשאַפט. ער האָט אַ צייט געאַרבעט אין דער קאָנ־גרעס ביבליאָטעק אין וואַשינגטאָן. די קאַטאַלאָגן האָט מען צום ערשטן מאָל געמאַכט אין לאַנד. דאָס איז די אַרבעט פון די מעבל־פאַבריקאַנטן "קוקער און גערבער", וועלכער דערציילן מיט שטאָלץ, אַז זיי האָבן גע־מאַכט דאָס גאַנצע מעבל פון דער ביבליאָטעק און אַלץ איז תוצרת הארץ.

די געהילף־ביבליאָטעקאַרין, עלמאַ ראָזנהעק, דערציילט, אַז 450 וויסנשאַפט־צייטונגען אַ יאָר קומען אָן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אין מכון, און אַז די צייטונגען זיינען זייער נויטיק פאַר דער אַרבעט, "ווייל זיי שפּיגלען אָפּ דעם פּראָגרעס".

אינעם אונטערשטן עטאַזש געפינט זיך די טעלעפאָן־צענטראַלע, וואָס פאַרמאָגט 600 טעלעפאָן־דראָטן און פאַרבינדט די גאַנצע "וויצ־מאַן אימפּעריע". די ביבליאָטעק וועט זיין אָפן יעדן טאָג. וויסנשאַפט־לער פון גאַנצן לאַנד וועלן זיך קאָנען מיט איר באַנוצן.

אַ צווייטע גרויסע פונקציע וועט די געביידע אויספילן דערמיט וואָס אויפן ערשטן עטאַזש געפינט זיך דער "גנזך וויצמאַן", וואו עס זיינען איינגעזאַמלט אַלע אַרכיוון פון פּראָפעסאָר וויצמאַן. דער פאַרוואַלטער פון אַרכיוו איז דר. גויאַל און ער דערציילט, אַז אַ סך דאָקומענטן, כתב־ידן, זיינען ביז איצט, ליידער, צוליב ניט־באַקוועמען פּלאַץ און מאַנגל אין לופט, קאַליע געוואָרן . . . אַצינד פאַרכאַפּט דעם בליק דער סאָליד־טונקעלער צימער, וואָס הייסט "גנזך וויצמאַן". ביים אַריינקומען אי־נעווייניק זעט מען דאָס ערשטע אויף אַ פּעדעסטאַל, אַ שמאָל ברוין טישל, דאָס איז פּראָפעסאָר וויצמאַנס ערשטער טישל פון מ אַ ט ע ל ע — אויף אים געפינט זיך זיין אַלטער זייגער, אַ פאַרגעלטער קאַלענדאַר, אַ סיגאַרעטן פּושקע און אַ שוועבעלע קעסטעלע פון אַלטן בראָנז, אַ שבת־

לייכטער. ס׳ליגט אינמיטן טיש אַ פֿאַרגעלט קליין סידורל (וואָס פּראָ־פֿעסאָר ווייצמאַן האָט געבעטן מ׳זאָל אים דאָס ברענגען ערב יום־כּפּור). פֿון דעם קליינעם סידורל האָט ער געלייענט דעם לעצטן טאָג: ״אָדם יסודו מעפר וסופו לעפר״.

אויף דעם זעלבן טיש געפֿינט זיך אַ פּאָרטרעט פֿון ווערא ווייצמאַן, פֿון זייער אומגעקומענעם זון, דעם פֿליער, און — אַ וואַזע מיט פֿרישע בלומען . . .

אין שאַפֿעס, אונטער גלאָז, מאַנוסקריפּטן, דאָקומענטן, ״די היסטאָ־ריע פֿון יידנטום״, ״גלות ציוניזם״, אָריגינעלע בריוו פֿון דר. הערצלען, און מתנות פֿון גרויסע שטאַטסלייט, ספֿר־תורהס, מגילהס, זיי־נע דיפּלאָמעס, ״דוקטור לספֿרות העברית״ און אַנדערע. אויף זייטיקע שאַפֿעס — זיינע ביכער. אויף די ווענט, היסטאָרישע בילדער, ביז דער אַנטשטייאונג פֿון מדינת ישראל, און דאָקומענטאַרישע בילדער פֿון דער גרינדונג פֿון ״יד־ווייצמאַן״ ביז — זיין לוויה . . . אַ בראָנזענע סקולפּ־טור פֿון זיין קאָפּ ״אין די לעצטע טעג״, קוקט אומעטיק אַראָפּ פֿון אַ קליינעם פּעדעסטאַל . . .

דער עולם שפּאַנט אום פֿאַרכישופֿט. די אַטמאָספֿערע איז אַ געליי־טערטע. אויך ווערא ווייצמאַן שפּאַנט אום צווישן עולם אַ פֿאַרגאַפֿטע, פּונקט ווי זי וואָלט צום ערשטן מאָל געזען דעם פּאַרמעגן . . .

דער עולם ווערט געלאַדן צו אַ פֿייערלעכן כּיבוד. לאַנג איז דער שפּאַ־ציר. בלומען אין פֿאַנטאַסטישע קאָלירן, הויכע ביימער, ווייכע גרינגראָז טעפּיכער פֿירן צום זאַל, וואו דער עולם לאָזט זיך וואוילגיין. מ׳טרינקט לחיים און מ׳פֿאַרבייסט מיט כּל־טוב. מ׳גיט אָפּ מזל־טוב די הויפּט־מחותנים, דער משפּחה וויקס.

איך כאַפּ אַ קורצן געשפּרעך מיט מאַדאַם וויקס.

״יאָ, יאָ, איך בין גליקלעך״, זאָגט זי, ״במעט מיין גאַנצע משפּחה איז דאָ היינט. מיר וועלן איינגיכן ווידער באַזוכן ישראל, אָבער״, גיט זי צו מיט אַ קרעכץ פֿון אַ מאַמען, ״מיין טאָכטער נעבעך, וואָס גראָד זי איז די ציוניסטין, האָט ניט געקאָנט קומען, ווייל זי האָט פֿיר קליינע קינדער״.

סיר פֿראַנסיס ראַנדל דרייט זיך אַ פֿריילעכער אַרום צווישן עולם.

כ׳פרעג זיין מיינונג וועגן דעם היינטיקן יום־טוב און ער ענטפערט מיר: ״איך האָב נאָר איין וואָרט פאַר אַלץ — פּרעכטיק״.

אין זאַל איז ענג און ס׳איז באמת פריילעך פון די כלעריליי געשפּרעכן וואָס ס׳פירן די מחותנים אויף דער שמחה. איך ״נאַש״ אַן אינטערע־סאַנטן קוריאָז וועגן דער הזכרת ווייצמאַן, ניט נאָר דערפאַר ווייל פּראָ־פעסאָר ווייצמאַן איז אין נאָוועמבער געשטאָרבן, איז די דאַטע פּראָ־קלאַמירט געוואָרן אַלס רעגירונגס יאָרצייט, נאָר ווייל דער חודש נאָ־וועמבער איז פאַר אים באַזונדערס סימבאָליש: ער איז אין נאָוועמבער געבוירן געוואָרן, אין נאָוועמבער האָט ער חתונה געהאַט, זיין פרוי איז געבוירן געוואָרן אין נאָוועמבער, די באַלפור דעקלאַראַציע איז געגעבן געוואָרן אין נאָוועמבער, און ער איז געשטאָרבן אין נאָוועמבער . . .

דער זייגער ווייזט שוין אויף שפּעט. ס׳איז ניט גרינג אַוועקצוגיין. מ׳געזעגנט זיך לאַנג און וואַרעם. אַ געפיל פון גרויס יראת הכבוד באַגלייט יעדן איינציקן. שפּאַנענדיק דורך דעם רחבותדיקן הויף, וואו וועגן פירן אין אַלע זייטן, דערמאָנט, בפרט איצט, איין וועג: ״דאָ ניט ווייט רוען די ביינער פון פּראָפעסאָר ווייצמאַן״.

ערשטער יוגנט קאָנגרעס אין ישראל

אַ קאָנגרעס פון יונגע יידישע זין און טעכטער איז אַ ערנסטע און נייע געשעעניש אין דער געשיכטע פון קאָנגרעסן, און פון ישראל.

צום ערשטן מאָל טרעפן זיך יידישע קינדער פון פרעמדע לענדער, מיט פרעמדע שפּראַכן, מיט פאַרשיידענער דערציאונג־ און קולטור, — מיט פאַרשיידענע איינפלוסן פון זייערע רעגירונגען און געזעצן, — זין און טעכטער פון כלערליי טעריטאָריעלע גרענעצן — און אַט זיינען זיי אויף ישראל ערד, און אַלע מחיצות זיינען ווי אָפּגעווישט געוואָרן. ווער וואָלט געזאָגט, אַז דאָס זיינען פרעמדע? ווי איין בוים מיט צווייגן . . . אַ פּאַנאָראַמע פון רעגנבויגן קאָלירן, (אַ סימן אַז עס לייטערט זיך) האָט מען געזען פאַר די אויגן, ביי דער דערעפענונג פונעם ערשטן יוגנט־קאָנגרעס אין ירושלים, אין דעם פרעכטיקן קאָנפערענץ־זאַל פון קרית אוניברסיטה.

דער טיפער ציטערדיקער יראת הכבוד וואָס עס האָט ביי זיי אַרויס־גערופן דאָס אָנקומען פונעם נשיא המדינה און זיין פרוי אין זאַל, איז געווען אַ צייכן פון דעם "גאָלדענעם פאָדעם" וועלכער בינדט אינערלעך צונויף דאָס יידישע פאָלק . . . אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען אין דער לופט בשעת זיי זיינען אויפגעשטאַנען ווי איין מענטש — אַזעלכע קבלת־פּנים "קלעפּ" ווי די יונגע זין און טעכטער האָבן געגעבן דעם נשיא בן־צבי, ביי זיין באַווייזן זיך פאַר זיי, האָבן זיי אפשר נאָך קיינ־מאָל פריער ניט געגעבן קיין שום פּרעזידענט.

פאַרשיידן זיינען זייערע יידישע פּראָבלעמען אין די לענדער פון וואַנען זיי קומען, און איינהייטלעך איז זייער ציל — געפינען אַ וועג צו יידישער גאַנצקייט, געפינען ז י ך , אינעם פאָלק.

350 דעלעגאַטן זיינען געקומען צו דעם קאָנגרעס, פון אַרום 100 יוגנט־קלובן און אָרגאַניזאַציעס, פון עקסטרעם רעכטע, ביז לינקע (אויסער קאָמוניסטן), רעליגיעזע, געזעלשאַפטלעכע, ספּאָרט־קלובן, יוגנט וועלכע איז גרופּירט אַרום טעמפּלען און סינאַגאָגעס, ישיבות, אוניווערסיטעטן, און אז.וו.

אַנטקעגן זיי, אפשר אויך צום ערשטן מאָל אַזוי דירעקט, האָבן געשטעלט די טריט פאַרטרעטער פון אַ סך יוגנט גרופּעס אין ישראל, וועלכע האָבן ניט נאָר זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט יונגע, וועמען זיי האָבן ניט געקאַנט, נאָר וויסן ניט גענוג וועגן זייערע פּראָבלעמען, פאַרשטייען ניט גענוג זייערע אינערלעכע דראַנגען אין די געגעבענע — זייערע אומשטענדן . . . און וואָס נאָך ערגער אפשר איז דאָס, וואָס די ישראלער יוגנט האָט זיך אָפּט דערלויבט "מיט זיכערקייט" צו שאַצן און אונטערשאַצן, דעם כוח פון דער יידישער יוגנט איבער דער וועלט, — דער עיקר אויף דעם איינציקן סמך, "וואָס זיי קומען זיך ניט באַזעצן און העלפן בויען ישראל".

דעריבער איז דער ערשטער פּרואוו פון דער סוכנות צונויפצוברענגען פאַרטרעטער פון די אַלע לענדער, כדי זיך באַקאַנען און זיך דערלערנען, ניט נאָר אַ גוטער געדאַנק, נאָר דאָס קאָן זיך אַרויסווייזן צו זיין דער געזונטער וואָרצל פאַרפלאַנצט אינעם באָדן פון יידישן קיום, ווייל ווער דען אויב ניט די יוגנט דאַרף פון אייגענער דערפאַרונג לערנען? ווער דען, אויב ניט די יונגע אַליין, דאַרפן אין זיך געפינען דעם כוח צו פורעמען זייער צוקונפט?

70 לשונותריידן זיי, נאָר אַט שטייט אַ יוגנטלעכער אויף דער בינע, און אין זיין פרעמדער שפּראַך וואָס ער רעדט, צוליב וועלכער מ'דאַרף זיך וויקלען אין "אויערן" כדי צו הערן די איבערזעצונג, קלינגט עפּעס אַזויפיל אייגנס, — דער זעלבער יידישער טאָן, די יידישע ערנסטקייט, דער מאַך מיט דער האַנט, דער בליץ פון די אויגן, דער שמייכל . . . און ווי מיט אַ מאַגנעט האָט ער, אָדער זי, צוגעשמידט צו זיך דעם גאַנצן יונגן עולם אין זאַל. מ'פילט באַשיינפערלעך, אַז איין אַטעם פאַרבינדט

אלעמען: די מיט די שווארצע בערדלעך און די מיט די בלאנדע קעפ; די מיט די נאר־קינדערשע פנימלעך, און די מיט דערוואקסענע פארהאר־טעוועטע פנימער, וועלכע קוקן ארויס פון ברוינע אוניפארמען מיט מע־דאלן באהאנגען פון "צ.ה.ל."; די מיט די נייעסטע מאדע־קליידער, און די מיט די חלוצישע בלויע בלוזקעס — ביי אלעמען קלאפט שטיל דאס יידישע הארץ . . .

עס איז אוודאי צום ערשטן מאל, אז פארטרעטער פון יידישע יוגנט־קלובן טרעפן זיך פנים אל פנים מיט די גדולי־הדור פון מדינת ישראל, וועלכע האבן אי פאטערלעך, אי ווי גייסטיקע פירער, פאר זיי אויפגע־דעקט אלע "נאקעטע פראבלעמען", וועלכע שטייען פאר דעם יידישן פאלק איבער דער וועלט, און איז וועלכע די יוגנט דארף נעמען אן אנ־טייל, ווייל דאס זיינען אירע פראבלעמען!

צום ערשטן מאל האבן זיי געהערט דעם נשיא המדינה מיט א שטילן קרעכץ דערמאנען דאס וואס צווישן זייערע רייען היינט איז ישראל פעלן די יונגע זין און טעכטער פון די סאוועטישע יידן, און אויסגע־דריקט זיין טיפן וואונטש, אז הלוואי צום צווייטן קאנגרעס, זאלן זיי אויך זיין דא . . .

צום ערשטן מאל האבן זיי געהערט פונעם יושב ראש הכנסת, יוסף שפרינצאק, אז דער היינטיקער כינוס דערמאנט אים אין דעם "אויפ־שטאנד" פון יונגע מענטשן מיט 60 יאר צוריק, וועלכע זיינען געקומען אויסלייזן די וויסטע ערד, און האבן געשאפן דעם נייעם דור סאברעס, געשאפן די העברייאישע שפראך און ליטעראטור, ביזן היינטיקן יום־טוב פון צען יאר מדינת ישראל.

צום ערשטן מאל האבן זיי געהערט אזא טיפע באלערנדיקע אפשאצונג וועגן פראבלעמען פון יידישער יוגנט אין דער וועלט, וועגן איר געמיינשאפטלעכער פארגאנגענהייט און איר צוקונפט, פונעם פאר־וואלטער פון דער יוגנט סעקציע און חלוציות ביי דער סוכנות, דר. בנשלום.

במשך פיר מעת־לעת האבן זיי געהערט דברי־תורה פונעם ראש הממשלה, דוד בן־גוריון, פון משה שרת, פון דר. נחום גאלדמאן, פון זלמן שז"ר, און פון אנדערע גייסטיקע לייטער וועגן דעם יש פון מדינת

ישראל, וועגן קיום העם, אז ז י י דאַרפן זיין די בריק צווישן ישראל און אַנדערע לענדער.

זיי האָבן געהערט וועגן אייז יידישן גורל, און אַז ז י י קאָנען זיין דער כוח צו צעמענטירן די גאַנצקייט פון פאָלק, אַז אויף זייערע יונגע פּלייצעס ווערן אַרויפגעלייגט גרויסע פליכטן — "די עפּאָכע פאָדערט דאָס!"

ניט ווייניקער וויכטיק פאַר זיי איז געווען דאָס, וואָס זייערע אייגענע מנהיגים פון אַלע עקן וועלט, וועמען זיי האָבן אויך ביז היינט ניט געקאָנט, האָבן דערציילט "מעשהלעך אַן צאָל". זיי האָבן געהערט "צרות רבים — און געפונען אַ חצי נחמה" אין דעם, ווי גרויס עס איז די אַסימילאַציע אין די לענדער וואו זיי וואַקסן, ווי עס פאַרמערן זיך געמישטע חתונות, וועגן — נאָרמעס אין די קאָלעדזשעס, וועגן "טאָלעראַנץ", און ניט־תמיד גלייכע רעכט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועגן יידישער גייסטיקער אָרימקייט, וועגן צינלאָזיקייט אינעם לעבן ביי דער יידישער יוגנט, און נאָך און נאָך אַזעלכע גרוסן . . .

עס איז ניט געווען קיין "קאָנגרעס ווי אַלע קאָנגרעסן", וואו טאַטע־מאַמע זיצן און "ברעכן זיך די קעפּ" פאַר זייערע קינדערס צוקונפט. ס'איז געווען אַן אוניווערסיטעט פון זעלבסט־בילדונג, פון זעלבסט־דער־קאָנען ז י ך — און דעם צווייטן!

אַ סך פון זיי ריידן עברית, און כמעט אַלע זינגען די זעלביקע העברייאישע לידער, און דורך דעם געזאַנג וואָס עס "ברעכט אויס" אויף די וועגן, אין די קאָרידאָרן, אין די אויטאָבוסן, און בפרט ביי דער יום־טוב־דיקער נעילה פונעם קאָנגרעס, איז צו זען און צו באַגרייפן, אַז ניט נאָר לענדער דערקאָנען זיך, נאָר ממש "פרעמדע קאָנטינענטן באַגעגענען זיך ווי אייגענע!"

נאָכן קאָנגרעס וועלן זיי שפּאַצירן איבערן לאַנד, זיך באַקאָנען מיט די אויפטואונגען, און מיט דער ווירקלעכקייט, אויף וויפיל זיי קאָנען זי אָננעמען. אַ שאָד נאָר, וואָס ניט אַלע דעלעגאַטן קאָנען זיך דערלויבן צו בלייבן אין ישראל לענגער ווי די צוויי וואָכן, פאַר וועלכע עס דעקט זייערע הוצאות די סוכנות.

"אָבער די צוויי וואָכן וועלן אונדז געבן כוח אויף צוויי יאָר", זאָגט מיר אַ יונגע מיידל פון אויסטראַליע (פון די הבונים). "ווען אַפילו מיר

וואָלטן ניט געזען מער אין ישראל, ווי נאָר דעם וואונדערלעכן טעמפּל פון וויסן, דעם קרית אוניברסיטה אין די הרי ירושלים — פון וואַנען גייסט ווערט פאַרשפּרייט אין יידישע מוחות — אויב נאָר דאָס אַליין וואָלט אונדז באַשערט געווען צו זען, וואָלטן מיר געזאָגט ׳דיינו׳, אָבער אונדזער מזל איז גרעסער, מיר שעפּן מער ווי מיר האָבן זיך פאָרגע־שטעלט. דאָס לייגט אַרויף אויף אונדז גרויסע פליכטן צום אַהיים קו־מען. מיר פילן זיך איצטער ווי אַמבאַסאַדאָרן פאַר דער איבעריקער יוגנט".

אויב דער ערשטער קאָנגרעס האָט געקאָנט שאַפן דעם דערהייבענעם געפיל ביי די יונגע יידישע זין און טעכטער, וועלכע זיינען געקומען אַלס דעלעגאַטן און פאָרן אַוועק אַלס "אַמבאַסאַדאָרן" — קאָנען מיר זאָגן "דיינו", בפרט אַז עס קומט נאָך צו דער גלויבן, אַז דער קאָנגרעס האָט געשלאָגן וואָרצלען אין דער יוגנט־וועלט, סיי דורכן באַקאָנען זיך מיט פאָרטרעטער פון ווייטע לענדער, סיי דאָס פאַרטראַכטן זיך וועגן די זעלביקע פּראָבלעמען . . . און אחרון אחרון, דאָס באַקאָנען זיך מיט דער ישראלער יוגנט, וועגן וועמען זיי האָבן נאָר געהערט "עקסטרעמע מיי־נונגען". גאָר אַנדערש וועלן זיי זיך קאָנען, פון היינט און ווייטער, און גרינגער וועלן זיין די וועגן אויף וועלכע זיי וועלן זיך באַגעגענען.

עס איז צו האָפן, אַז ניט אויף שטענדיק פאָרן אַוועק פון דאַנען די יונגע "אַמבאַסאַדאָרן". בשעת מיר זאָגן זיי אַ האַרציקן צאתכם לשלום, זאָגן מיר זיי אויך בואכם בשלום.

אונדזערע אמעריקאנער פריינט

(א באגעגעניש מיט עמא שייווער)

ס'איז א באוואוסטע זאך, אז יידן אין אמעריקע העלפן מיט א ברייט הארץ און מיט גרויסע געלט־מיטלען דעם אויפבוי פון ישראל. מיר ווייסן אז א סך פון זיי באזוכן דאס לאנד, באוואונדערן דאס "ווערק", באגייסטערן זיך פאר מער ארבעט לטובת ישראל (און אמאל אויך פארקערט), אייניקע אינוועסטירן געשעפטעלד, אייניקע זיינען פילאנטראפן, אבער ניט תמיד קומט אונדז אויס צו באקאנען זיך גרינטלעך מיט דעם מענטשן, וועלכער ווייזט ארויס די באשטימטע באציאונג צו ישראל. מיר הערן מערסטנס, לײדער, נאר דעם נאמען, לויט וויפיל אדער לויט וועלכער ביישטייערונג זיינער . . . דאס איז ניט נאר ניט דער ריכטיקער צוגאנג, נאר ס'איז "ניט געזונט" פארביידע צדדים, ווייל אויב מיר ווילן ערנסט העלפן פארפעסטיקן די בריקן מיט יידן פון חוץ־לארץ, איז איינער פון די "גוטע וועגן" זיכער דער, אז בשעת עס קומט אזא מענטש אין לאנד אריין (בפרט נאך אויב מער ווי איינמאל) און ער ווייזט ארויס ממש א מין חסידישע התלהבות פארן לאנד און ער זוכט זיך אויס "זיין ווינקל", אדער מער ווי איין ווינקל, וועלכע זיינען אים צום הארצן, פאר וועלכע ער איז גרייט בייצושטייערן ברייטהארציק א סומע געלט, און ער טוט עס טאקע, זאל דער נאמען ניט לעבן נאר

עטלעכע טעג איז דער פרעסע אין פארבינדונג מיט דעם "ציפער", און פארשווינדן . . . נאר מיר זאלן זיך באקאנען מיט דעם מענטשן וואס אונטער דעם ציפער; פון וועלכע מאראלישע קוואלן שעפט ער דעם דאזיקן געפיל? פארוואס קומט ער ניט, ווי אנדערע, סתם "א קוק טאן", און אויסגעבן די פאר דאלער, קויפן מתנות, ארויפכאפן א צאל אינטערעסאנטע בילדער אלס אנדענק, נאר מיט אמתן גלויבן גיט ער זיין צושטייער פאר דעם צוועק וועלכן ער זעט אלס וויכטיק, און ער פארט אוועק נאך רייכער ווי ער איז געקומען — אנגעשעפט מיט באפרידיקונג פון האבן צוגעטראגן א חלק צום בנין הארץ.

איינע פון אזעלכע מענטשן איז די באקאנטע זינגערין פון אמעריקע, עמא ארלאזאראוו־שייווער, וועגן וועלכער מיר ווילן "מאכן א גוטן אנהייב" און דערציילן א ביסל וועגן איר פערזענלעכקייט און וועגן איר קרובהשאפט מיט ישראל.

עמא איז געוואקסן אין א שטוב פון נאציאנאלן גייסט. די עלטערן, וועלכע זיינען געקומען קיין אמעריקע פון רוסלאנד (קאטערינאסלאווער געגנט), זיינען געווען חבד'ניקעס, און אין אמעריקע זיינען זיי געווארן די ערשטע מיטגלידער פון דעם נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד און פון די פועלי־ציון.

"אין אונדזער שטוב האבן געלעבט די גרינדונגס־יארן פון דער באוועגונג", זאגט מיר עמא מיט א שמייכל. "דער פאטער, וועלכער האט גענומען אביסל פראטעסטירן קעגן רעליגיע, האט געפונען אן איינהאלט אין דער ארבעט לטובת ארץ־ישראל".

אויך די מוטער איז ביז היינט נאך א חברה פון די פיאנערן פרויען.

שפעטער איז די משפחה אריבערגעפארן קיין דעטראיט. דער פאטער האט געהאלטן א ספרים־געשעפט, וואו עס האבן זיך אויך געפונען יידישע ביכער. עמא האט געלערנט, אויסער ענגליש, אויך אין דער תלמוד־תורה. "אין יענע טעג" פלעגט זי זינגען ביי די פועלי־ציון־אונטערנעמונגען. די פועלי־ציון פארטיי האט מען גערופן "דער געזאנג־פאריין", ווייל תמיד פלעגט מען דארטן זינגען. ברוך צוקערמאן, דער לאנג־יאריקער מנהיג פון דער פועלי־ציון באוועגונג אין אמעריקע, וועלכער איז א קרוב צו עמאן, האט זי אויסגעלערנט זינגען דאס ערשטע יידישע ליד. עמא דערמאנט דאס ביז היינט מיט דאנקבארן געפיל.

"די שטוב" האָט געפּירט דערצו, אַז עמאַ זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן מיטן אַלגעמיינעם שטראָם. זי איז געוואָרן אַ חברה אין די יונגע פּועלי־ציון.

"איך בין ניט געווען אַקטיוו", דערציילט זי מיר שיר ניט מיט אַ טאָן פון שולד, "ווייל כ'האָב אָנגעהויבן לערנען מוזיק אין דער דעטראָיטער קאָנסערוואַטאָריע".

שפּעטער, ווען אין דעטראָיט האָט זיך געגרינדעט אַ שטאַטישע אָפּער־רע, האָט עמאַ אויף דעם ערשטן אויפטריט שוין געזונגען די הויפּט־ראָל.

זי האָט געהייראַט מיט משה שייווער, וועלכער איז היינט באַקאַנט אַלס איינער פון די אַקטיווסטע חברים אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, בפרט פאַרן געווערקשאַפטן קאַמפּיין און אין די יידישע שולן. צוזאַמען זיינען זיי געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרס פון די אומפּאַרטייאישע יידישע כאָרן, "וואָס האָט אויפגעלעבט די שטאָט מיט יידיש געזאַנג". עמאַ דערמאָנט מיט באַזונדערן שטאָלץ דאָס וואָס ניט נאָר איז זי אָפט געווען סאָליסטין, נאָר אַז זי האָט דורכגעפירט מיטן דעטראָיטער סימפאָנישן אָרקעסטער אַ יידישן אָוונט פון יידישער מוזיק.

זי האָט שפּעטער געזונגען מיט דער מאָנטאַ קאַרלאָ אָפּעראָ און אויך אין מעקסיקע, וואו זי איז געווען אַ מיטגליד אין דער מעקסיקע שטאָט־אָפּעראַ, און דאָ דערציילט די זינגערין אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד וואָס איז מער ווי פאַרזענלעך. אין מעקסיקאָ־סיטי, אינעם גרעסטן מוזיק־זאָל, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אַרויסגעדונגען פאַר קיין שום קאָנצערטן, האָט עמאַ מצליח געווען, צוזאַמען מיט די דאָרטיקע שול־טוער, דורכצופירן אַ גרויסן קאָנצערט אין דעם זאָל לטובת די יידישע שולן. "די געשיכ־טע האָט אַרויסגערופן אַ היפּשן טומל אין שטאָט און האָט אויך געהייבן די חשיבות פון די יידישע שולן".

ביים סוף פון דער צווייטע וועלט־מלחמה איז עמאַ געווען אין סאַמע בלי פון איר מוזיקאַלישער קאַריערע, אָבער דער גרויסער חורבן פון אייראָפּייאישן יידנטום האָט אין איר דערוועקט "אַן אינערלעכן רוף" צו פאָרן צו די שארית הפליטה, זינגען פאַר זיי. זי האָט געזאָגט: "אויב דער אומגליק האָט מיך אויסגעמיטן, וויל איך קומען דערפרייען זייערע שווערע הערצער מיט אַ יידיש ליד".

דעם פּלאַן אירן האָט זי פאַרגעלייגט פאַר די פירער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכע האָבן אים ניט נאָר ניט אָפּגעוואָרפן, נאָר האָבן אים ערנסט אויפגענומען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער קאָנגרעס אַרויסגעשיקט אַ קולטור־דעלעגאַציע צו די "די־פּי קעמפּס" אין איירא־פּע, וואָס איז באַשטאַנען פון דעם יידישן דיכטער ה. לייוויק, דעם העברייאישן דיכטער, פּראָפעסאָר אפרת און די זינגערין עמאַ אַרלאַזאָ־ראָוו־שייווער.

ווען יענער היסטאָרישער נסיעה האָט עמאַ, ביים צוריקקומען, פאַר־עפנטלעכט אַ בוך אונטערן נאָמען: "מיר זיינען דאָ!", וואו די זינגערין דערציילט "שיינע און טרויעריקע" דעראינערונגען, און מיר זאָגט זי איצט, מיט יאָרן שפּעטער אין ישראל — "דאָס איז געווען און וועט פאַרבלייבן די שטאַרקסטע איבערלעבונג אין מיין לעבן. אין יענע טעג האָב איך געקאָנט שעפּן כוחות פון מענטשן וועלכע האָבן אַליין אָנגע־וואוירן אַלע כוחות. זייער דורשט און הונגער פאַר געזאַנג, פאַר אַ יידיש ליד איז אומבאַשרייבלעך. ס'איז געווען פאַר זיי ניט ווייניקער נויטיק ווי ברויט". "דאָס", זאָגט עמאַ, "האָב איך געפילט אַפילו נאָך איידער כ'האָב זיך מיט זיי געטראָפן פנים אל פנים".

און איר מינע ווערט אַביסל פאַרענדערט ווען זי דערציילט ווען די שבעה מדורי גיהנום וואָס די קולטור־דעלעגאַציע איז דורכגעגאַנגען ביי זייערע אויפטריטן און באַגעגענישן מיט די פּליטים. "דאָך האָב איך זיך דעמאָלט געפילט ביי די פולע קינסטלערישע כוחות".

ניט תמיד האָבן די פּליטים געוואוסט איר נאָמען. זי האָט כסדר גע־טראָגן אַ מיליטערישן אוניפאָרם און מ'האָט זי גערופן "די אַמעריקאַנער זינגערין". זעקס חדשים האָט זי געוואַנדערט פון איין "די־פּי קעמפּ" צו אַ צווייטן און האָט כסדר דערפרייט די צעוויטיקטע הערצער מיט איר געזאַנג.

ווען איר מאַן האָט זי געבעטן זיך אומקערן אַהיים, איידער זי פאַר־לירט די לעצטע כוחות, האָט זי אים געענטפערט: "מיין גאַנצע אַר־בעט — מיין פולע פליכט — האָב איך נאָכנישט פאַרענדיקט. אַהער וועל איך זיך דאָך קיינמאָל מער ניט אומקערן, דערפאַר וויל איך נאָך זינגען, כל־זמן מ'דאַרף דאָ האָבן מיין ליד".

איר מאַן, משה שייווער, האָט פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון איר

שליחות און האָט אָנגענומען איר עצה צו קומען קיין אייראָפּע און אליין זען מיט די אייגענע אויגן דעם מצב דאָרטן . . .

עמאַ האָט באַרייכערט איר מוזיקאַלישן רעפּערטואַר מיט אַ סך נייע חורבן־לידער, וועלכע זי זינגט זייער אייגנאַרטיק. זי האָט פיל געטאָ־לידער רעקאָרדירט.

ביי פאַרשיידענע יידישע מסיבות אין אַמעריקע האָט עמאַ, ביי איר צוריקקום אַהיים, מערסטנס פאַרגעבראַכט געטאָ־לידער.

"איך בין דאָך ניט קיין שרייבערן, אָדער רעדנערין", זאָגט זי מיר, מיט אַ מילדן פינקל אין די אויגן, "אָנשטאָט צו דערציילן, האָב איך געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון דאָרטן — מיט זינגען געטאָ־לידער".

עמאַ און משה שייוועך האָבן אַ געראָטענעם בן־יחיד, אייזיק. ער איז אַ גוטער תלמיד אויך אין עברית. שוין עטלעכע מאָל איז ער מיט די עלטערן געווען אין ישראל. אויף זייער לעצטן באַזוך אין קרית־יובל, אין ירושלים, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ מגרש משחקים לילדים (אַ שפּילפּלאַץ פאַר קינדער), וואָס הייסט: "גינת יצחק". די שייוועכס האָבן פאַר דעם צוועק געגעבן הונדערט טויזנט דאָלער. דאָס איז געווען די בר־מצוה מתנה פאַר זייער זון. אַלע בר־מצוה מתנות אין מזומן, וואָס אייזיק שייוועך האָט באַקומען פון זיינע פריינט אין אַמעריקע, האָט ער אַוועקגעגעבן צו קבוצת שילער, ווייל דאָרטן האָט ער אַ סך חברים. מיט אַ זומער פריער האָט ער פאַרבראַכט אין קבוצת שילער עטלעכע חדשים.

די בית הסתדרות אין רמלה טראָגט משה שייוועכס נאָמען.

זיינע צוויי ברידער, דערפאָלגרייכע געשעפטסלייט אין אַמעריקע, זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון אים. לעצטן זומער, אויף זייער באַזוך אין ישראל, האָבן זיי געגעבן הונדערט טויזנט דאָלער צו בויען דעם בית העם אין באר שבע אויפן נאָמען פון נתן ודוד שייוועך (עם זיינען אויך פאַרקריצט די נעמען פון זייערע עלטערן און פון אַ שוועסטער, וועלכע איז געפאַלן אין געטאָ).

יעדן יאָר קומען עמאַ און משה שייוועך קיין ישראל צו זען ווי דאָס לאַנד אַנטוויקלט זיך. כמעט אויף יעדן באַזוך זייערן טראָגן זיי צו נייע אינוועסטאַציעס.

באַלד ווי ס'איז געגרינדעט געוואָרן "בית בערל", נאָך פאַר דער

אנטשטייאונג פון דער מדינה, האבן עמא און משה שייווער, אדאנק דער פערזענלעכער באמיאונג פון זלמן שז"ר און גרשון זק, בייגע־שטייערט פופציק טויזנט דאלער פאר דער ביבליאטעק, וועלבע טראגט דעם נאמען פון משה שייווערס עלטערן.

עמא האט ליב אויפצוטרעטן אין ישראל.

"חוץ דעם תענוג פון אז אויפטריט אין ישראל בכלל", זאגט זי, "איז א צווייענדיקער תענוג צו זינגען פאר אזא וואונדערלעכן עולם, וואס ווייסט אזוי גוט ווי אזוי אויפצונעמען א קינסטלער. זיי צאלן אפ צוריק אזויפיל".

אויף איר לעצטן באזוך אין ישראל האט עמא געזונגען ביים יום־טוב פון לייגן דעם ווינקלשטיין פארן בית־העם אין באר שבע.

"ס'איז געווען פאר מיר א גרויסער יום־טוב. ס'איז דא דער גע־פיל", רעדט זי מיט התלהבות וועגן יענעם אויפטריט, "ווי אלע זינגען־מיטן מיטן קינסטלער. ס'איז א פארגעניגן אויפצוטרעטן פאר אזא עולם. ער האט ניט קיין פארגלייך אין קיין שום לאנד".

אין אמעריקע איז עמא שייווער ניט נאר באקאנט אלס א גרויסע זינגעריןְ, נאר אלס א י י ד י ש ע זינגערין. אין איר רעפערטואר אויף אירע כלערליי אויפטריטן שליסט זי איין יידישע און העברייאישע לידער, און ווער ס'הערט עמאס וואונדערלעך אויסזינגען אזעלכע לידער האט דעם געפיל, ווי זי וואלט דאס געטאן מיט א באזונדער שלי־חות. געבענטשט זאלן זיין אזעלכע יידישע טעכטער, וואו זיי געפינען זיך, און געבענטשט איז ישראל — מיט אזעלכע פריינט.

"ערשטע ליבע"

ווען גרשון זק האָט אין איינעם אַז אויפֿדערנאַכט אַנגעקלונגען איז טיר פֿון מיין היים אין ניו־יאָרק, און אויף מיין פֿראַגע: "ווער איז דאָרט?" געענטפֿערט: 'גרשון פֿון תל־אביב', און דער נאָמען האָט ווי אין אַ חלום אַ קלונג געטאָן, ווייל כ'האָב אים גוט געדענקט פֿונעם זיידנס שטוב אין דיאַקאָוויץ, האָב איך אין אויגנבליק געעפֿנט די טיר, ניט טראַכטנדיק אַפֿילו איין מינוט ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך, בפֿרט אַז אין אַמעריקע איז מען זיך נוהג צו היטן פֿאַר אַ ניט־באַקאַנטער שטים.

קיינער פֿון אונדז האָט מסתם ניט געוואוסט, אַז מיר באַגעגענען זיך איצט (צום ערשטן מאָל זינט אונדזער קינדהייט) אין "גרוים היסטאָרישע טעג", אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט געבוירן ווערן די יידישע מדינה. און בעת שפּעטער, ביי מיר אין שטוב, איז אָנגעגאַנגען די קאָרעספּאָנדענץ צווישן אים און די שייוועדס אין דעטראָיט לטובת דער ביבליאָטעק פֿאַר בית בערל (מיט דער הילף פֿון מיין שרייב־מאַשינקע און מיט מיין שוואַכער דערפֿאַרונג אַלס סעקרעטאַרין . . .) איז אים מסתם אויך ניט איינגעפֿאַלן, אַז ער וועט דאַרפֿן צואיילן די און אַנדערע שליחותן און זיך אומקערן ניט קיין ארץ־ישראל, נאָר אין מדינת ישראל.

ווען דער גרויסער היסטאָרישער טאָג איז געקומען און די פֿאַרייניקטע פֿעלקער האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס פֿאַר דער גרינדונג פֿון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, און מיליאָנען יידן אין ניו־יאָרק (און איבער גאַנץ אַמעריקע) האָבן באַלד, ווי אַ ים וואָס פֿליסט איבער די ברעגן, זיך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן מיט זייער עקסטאַז און אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט און געוויינט פֿאַר פֿרייד, און אומעטום האָבן יידן געמאַכט אַ שהחיינו אויף דעם נס וואָס איז געשען, דעמאָלט איז גרשון זק

געזעסן אַ טרויעריקער אין זיין האָטעל־צימער און ניט געקאָנט אַרויס־גייז זיך מיטפרייען און מיטטאַנצן מיטן עולם, ווייל "ער האָט געזען ווי אין עטלעכע שעה אַרום וועט זיך שוין גיסן בלוט אין זיין היימלאַנד".

אין יענער גליקלעכער נאַכט, וועלכע איז פאַרבליבן אין זכרון פון יידן איבער דער גאַנצער וועלט, ווען ער, גרשון זק, האָט זיך געזאָרגט פאַרן גורל פון זיינע ליבע און טייערע אין דער היים, האָט ער מסתם ניט געוואוסט, אַז איניגיכן וועט ער, אַ זון פון דור־דורות חסידים, ווערן דער "ערשטער אַדמיראַל פון פלאָט אין מדינת ישראל". וכך הווה. נאָר לאָ־מיר לאָזן די עפּאָכע פון אַ פלאָט וואָס איז נאָך קיין פלאָט ניט געווען און פון אַדמיראַלן וועמענס טאַטעס און זיידעס זיינען קיין אַדמיראַלן ניט געווען, צו דער צוקונפטיקער געשיכטע פון מדינת ישראל, און דערציילן וועגן "זיין ערשטער ליבע" צו וואָס עס האָט אים געצויגן צוריק — צו דער וועלט פון חינוך, וואָס איר האָט ער געווידמעט, סיי אין שריפט, סיי אין אַרבעט, אַ סך יאָרן. ער איז געווען פון די ערשטע באַגייסטערטע גרינדער פון די "זרם העובדים"־שולן פון דער הסתדרות, וואָס האָבן פאַרשריבן אַ בלאַט געשיכטע אין דער דערציאונג פון לאַנד אין יענע צייט. ער איז יאָרן לאַנג געווען לערער און מנהל פון די זרם העובדים שולן פון וועלכע אַ סך נייע לערער זיינען אַרויסגעקומען, איז קיין חידוש נישט וואָס די "מלמדישע נשמה" אין אים האָט ניט געקאָנט רוען און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין הויפּט־געביט, צו חינוך, און אַ פּאָר יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז ער געוואָרן דער "טאַטע פונעם געדאַנק" (און זיין פאַרווירקלעכער) צו גרינדן דעם כפר הירוק, וואָס איז אידייאיש אַ געזעצלעך קינד פון מקוה ישראל און פון עיינות, אָבער פאַקטיש, ווי יעדער נייער דור פון אַ שפּעטערדי־קער תקופה, אַנדערש, מער געוואַגט, מער אונטערנעמעריש, מער צוגע־פּאַסט צו דער נייער צייט . . .

כאָטש ס'איז קיין נייעס ניט אין ישראל (און פריער אין ארץ־ישראל) צו שאַפן נייע אינסטיטוציעס, בפרט פון דער הסתדרות, איז אָבער די גרינדונג פון דער נייער אַגריקולטור־שול, כפר הירוק, אויף אַזאַ מאַס־שטאַב, אין דער צייט ווען די מדינה אַליין איז נאָך געווען "אַ קינד וואָס שטעלט די ערשטע טריט", געווען אַ געוואַגטער שריט אַריינצונעמען ניי־געקומענע קינדער מיט פאַרשיידענע שפּראַכן, פאַרשיידענע קולטורן

(און אמאל אן קולטור), זיי אוועקזעצן אויף איין שול־באנק מיט די יש־ראל־געבוירענע קינדער און זיי ניט נאר לערנען די זעלבע שפראך און קולטור, איינפלאנצן די זעלבע ליבע צו ערד, צום פאלק און דער מדינה, נאר גיבן זיי איין דאך איבערן קאפ, וואו זיי זאלן, חוץ דורך לערנען און ארבעטן צוזאמען, זיך לערנען לעבן און פארברענגען צוזאמען, זיך גע־שטאלטיקן אלס רייפע מענטשן פאר זיך און פאר דער געזעלשאפט.

היינט האט כפר הירוק שוין אריבערגעוואקסן די אייגענע גרענעצן וואס ער האט זיך ביים סאמע אנהייב אנגעצייכנט, ווען דאס גאנצע לאנד האט געלעבט מיט באגריפן פון "גרענעצן", ווען איבער יעדער נייער אונטערנעמונג פון בילדונג, צי דערפינדונג אדער פון בוי־ארבעט און אינדוסטריע, איז ערגעץ־וואו געהאנגען דער שאטן פון "איינגע־האלטנקייט", סיי דערפאר ווייל די קאסעס זיינען געווען ליידיק, סיי דערפאר ווייל די דאגות־שלום זיינען געווען פיל . . . נאר ווי יעדער אידייע, וואס האט געזונטע ווארצלען, צעבליט און וואקסט מיט נייע שטאמען וואס ווייסן ניט פון גרענעצן, אזוי האט אויך כפר הירוק זיך צעבליט ווי א לעבעדיקער פרדס, וועמענס געטרייער שומר און גלייכ־צייטיק, דינאמישער בויער ס'איז ביז היינט גרשון זק.

אין משך פון די וואסערע אכט־ניין יאר פון זיין עקזיסטענץ האט שוין כפר הירוק ארויסגעגעבן חלוצים פאר נייע קיבוצים, לערער, אינ־סטרוקטארן, אגראנאמען און אפילו טאלאנטן פאר בינע און קונסט. כפר הירוק האט שוין אויך זוכה געווען צו פראווען די ערשטע חתונה פון אירע צוויי תלמידים — "מיזוג גלויות". די כלה, א געענדיקטע לע־רעריז, פון סורישע יידן, און דער חתן, איתאי, טאקע דער אייגענער זון פון גרשון זק, וועלכער לערנט פאר אגראנאם און וועט שפעטער פאר־זעצן זיין ארבעט אין כפר הירוק.

געווען איז דאס א חתונה, וועלכע וועט געוויס אריינגיין אין דער נייער געשיכטע פון דער יונגער מדינה. צווישן די מחותנים זיינען גע־ווען אי נוער פון "דער גאנצער וועלט", אי גדולי הדור פון ישראל, אי אנשי רוח און אנשי חינוך, אי צוויי משפחות, "צוויי וועלטן", וואס פארייניקן זיך מיט דער שמחה פון זייערע קינדער, אבער אין די הער־צער פון אייניקע מחותנים האבן זיך זיכער געוועבט דינע פעדימלעך טרויער, ווען די לאנגע גילגולים וואס מ'וועט נאך דארפן דורכגיין ביז

צו דער פולער גאולה פון מיזוג גלויות, דערווייל איז דאס "מיזוג זוגות" און זאל זיין מיט מזל!

כפר הירוק קען שוין ניט אריינגעמען אלע וועלכע ווילן אהין קומען לערנען, אי אוים מאנגל אין פלאץ, אי ווייל דער ניווא פון לערנען פאַדערט א סך פונעם נייעם תלמיד (סובסידיעס באקומט דער מוסד פון דער מדינה און פון דער הסתדרות.)

אז מ'טוט היינט א קוק אויף דער צעבליטער פעסטונג, וואס ליגט צווישן תל־אביב און הרצליה. פון איין זייט שפיגלט זי דער ים און פון דער צווייטער זייט בליען פעלדער און ישובים, און זי אליין וויברירט דעם בליק מיט כלערליי בלומען, מיט גרינגראז, סטעזשקעס וואס רינגלען ארום די היימען פון די קינדער, פון די לערער און פארוואלטער, דעם חדר האוכל, די שול און ביבליאטעק־צימערן. געפלאסטערטע וועגן פירן צו די שטאלן, גערטנער און פעלדער, ספארט און באד־פלעצער, און מ'דערמאנט זיך אין "יענע טעג", ווען גרשון זק, דער "פראקטישער טרוימער", האט צום ערשטן מאל איינגעלאדן די נאענטע משפחה ארויסצופארן "זען זיין טרוים". ער האט זיך אפגעשטעלט מיט אונדז אויף א געל־זאמדיקן שטיינערנעם שטח, וואס איז געווען צו גרוים פארן אויג צו באנעמען, און ער האט גענומען טייטלען, מעסטן און ציילן די סעדער און די ביימער־אלייען "בדרך" מיט חסידישן גלויבן וואס ער האט געירשנט פון זיינע זיידעס און פון זיין גרויסן טאטן ר' חיים זק, דער שוחט, וואס ניט נאר איז ער א גרויסער תלמיד חכם, נאר ער איז פון די חסידים מאמינים. מיט פערציק יאר צוריק בערך איז ער מיט זיין פרוי און פיר קינדער געקומען קיין ארץ־ישראל פונעם שטעטל דיאקאוויץ, אוקראינע, דורך מאסקווע, וואו די קינדער האבן באקומען א מאדערנע דערציאונג און ער אליין, הרב ר' חיים זק, איז געווען א לאנגע צייט דער סעקרעטאר פון הרב מאזע אין מאסקווע.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל, האט זיך ר' חיים זק דווקא געוואלט באזעצן אין גבעתים, וואו ער האט אויסגעפונען אז ס'האבן זיך דעמאלט קאנצענטרירט די מערסטע פועלים־פריידענקער, כדי דארטן איינפלאנצן גלויבן ... גארניט גרינג איז מיין פעטער ר' חיים אנגעקומען דארטן צו קויפן א מגרש, ער האט אבער מצליח געווען און ער וואוינט אלע יארן, בית 120 יאר, מיט זיין ליבער פרוי, מיט צוויי פון די פיר קינדער,

מיט אייניקלעך, אין זיין באַשיידענער היים אין גבעתיים.

מיט אייניקע יאָר צוריק האָט ר' חיים פאַרפאַסט אַ ספר וואָס הייסט "עבודת חיים". ס'איז אַ זאַמלונג וועגן הלכות פועלים. אין זיין הקדמה צום ספר זאָגט ער, אַז ער איז נאָר מסביר, ער גיט גאָר ניט צו זיין אייגנס. אויף דעם דאָזיקן ספר האָבן געגעבן די הסכמה הרב שלום יוסף פרידמאַן, הרב הראשי לארץ ישראל שליט"א יצחק אייזיק הלוי הערצאָג, הרב הראשי לארץ ישראל ראשון לציון בן־ציון מאיר חי עוזיאל, און הרב יעקב משה חרל"פ שליט"א, ראש ישיבת מרכז הרב בירושלים. זיי שרייבן אויך וועגן זיין אייגענעם גרויסן יחוס . . .

ווען ר' חיים איז אַלט געוואָרן אַכציק יאָר עד מאה ועשרים, איז אין "הצופה" אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ מאמר אונטערן נאָמען "פון מאָסקווע ביז רמתיים". דאָרטן איז געגעבן געוואָרן די ביאָגראַפיע פון ר' חיים זק און וועגן די פיל מעשות און חכמות וואָס ער ווייסט צו דערציילן פון הרב מאַזע.

יאָרן לאַנג איז ר' חיים דער סעקרעטאַר פון מזרחי אין גבעתיים און שוחט איז ער נאָר פאַר די פרומע יידן. ביז היינט נאָך שטייט ער אויף יעדן פאַרטאָג פיר אַזייגער "ווייל מ'דאַרף אַריינקוקן אין אַ ספר" איידער ער גייט דאַווענען צום ערשטן מנין און הערנאָך אין משרד אַריין.

ווען אַ זון פון אַזאַ טאַטן ווערט אַ מתנגד, האָט ער גענוג "חסידישן אייזן" פון וואָס אויסצושמידן זיינע מתנגדישע כלי־זין. אויב עמיצער וויל היינט געפינען אין כפר הירוק שפּורן פון "יענע טעג", קאָן ער זיי מסתם געפינען אין די פּראַטאָקאָלן. די היינטיקע טעג אָטעמען מיט פרייליכער יוגנט, מיט שטענדיקער אַרבעט און אַנטוויקלונג (און מיט דיסציפּלין), מיט מסירת נפש מצד די לערער, פאַרוואַלטער און אויפפּאַסער, מיט פרייד פון דערגרייכונג און מיט שטענדיקער טרייבקראַפט פאַר מער דערגרייכונגען, מיט וואָס ס'איז באַשאַנקען דער "פאָטער פונעם געדאַנק".

ניט נאָר צו פאַרמעסערן און פאַרשענערן כפר הירוק זאָרגט גרשון זק, ביט ווייניקער זאָרגט ער בסדר פאַרן גייסטיקן בנין, פאַרן קולטורעלן ניווא פונעם נייעם דור אין ישראל בכלל. אויף דעם געביט, מער ווי פאַר אַנדערע, זשאַלעוועט ער ניט זיין מי און קאַפּאַציטעט, דורך רעגלמעסיקן שריפט און טאַט. אַז מ'זאָגט "ערשטע ליבע" איז דאָך ניט שייך . . .

איזידאָר נאַגלער — צוגאַסט אין ישראל

„צוליב׳ן וואַלד זעט מען ניט די ביימער" — אַזוי קאָן מען אין ישראל זאָגן, וואָס שייך דעם לעבן אין לאַנד. מ׳איז אַזוי פאַרטאָן מיט טעגלעכע פּראָבלעמען, אַז מען פאַרזעט אָפט די פולע דערגרייכונגען פון יעדן טאָג. איז גוט וואָס עס קומען געסט און זיי העלפן אויסטיילן די ביימער פונעם וואַלד!

איינער אַזאַ גאַסט איז געווען אין ישראל איזידאָר נאַגלער, דער וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל אין אַמעריקע. דער גאַסט פון דער הסתדרות אין ישראל. נאַגלער איז געווען איינער פון די ערשטע „פּיאָנערן" צו ברענגען דעם געדאַנק פון העלפן ישראל, צו דער ברייטער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט.

„זייער שווער איז געווען אין יענע טעג," דערציילט נאָגלער, „אַריינצודרינגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַזאַ געדאַנק".

דאָס ערשטע איז נאַגלער אויפגענומען געוואָרן פון פּנחס לבון, הויפּט פירער פון דער הסתדרות, וואו מ׳האָט זיך פריינטלעך דורכגערעדט וועגן אַרבעטער־פּראָבלעמען, און וועגן פריינטלעכע באַציאונגען מצד דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג צו ישראל.

ביי אַ קבלת פּנים פאַר נאַגלערן מצד דעם וועד הפּועל פון חיפה, אונטערן פאָרזיץ פון יוסף אַלמאָגי, וואָס האָט אים פאָרגעשטעלט אַלס איינעם פון „די אַרבעטער־פירער אין אַמעריקע, ביי וועמען דאָס יידישע האַרץ האָט געקלאַפּט וואַרעם פאַר ישראל".

האָט נאַגלער צווישן אַנדערעם געזאָגט:

„אין חלום האָב איך ניט געגלייבט אין אַזאַ פּראָגרעס וואָס איר האָט געמאַכט — זינט איך בין דאָ געוועזן מיט 21 יאָר צוריק. דעם כוח פון אַרבעטער־הענט פילט מען אין יעדן בנין, אויף יעדער גאַס, אומעטום. ישראל האָט איבערגעשטיגן יעדע פאַרשטעלונג פון ווייטנס. כ'בין געוועזן אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך — ניטאָ קיין פאַרגלייך צו אייער לעבנס־סטאַנדאַרד. אויך די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג שטייט ניט אָפּ פון אַנדערע לענדער. די קולטורעלע און סאַניטאַרישע — שטייגט איבער. איך האָב געזען אייערע שפּיטאָלן, זיי זיינען פאַנ־טאַסטיש, אָבער מ'דאַרף בויען נאָך — צופיל מענטשן וואַרטן נאָך אין די קאָרידאָרן . . . דאָקטוירים האָט איר פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי אַמע־ריקע".

אַלמוגי האָט דערציילט נאָגלערן: „איר ווייסט ניט אַז איר האָט היינט געמאַכט אַביסעלע געשיכטע. איר זענט דער ערשטער אַרבע־טער־פירער, וועלכער רעדט אין דעם אַרבעטער קולטור־הויז, וואָס הייסט 'ביתנו' און טראָגט דעם נאָמען פון וויליאַם גרין. דאָ האָפן מיר פאַר־צוזעצן די אַרבעט אין קולטור־גייסט. מיר בעטן אייך מיטנעמען אונ־דזערע גרוסן צו די אַרבעטער־פירער און די מיטגלידער".

„איינע פון די וויכטיקע איבערלעבונגען פון מיין באַזוך אין ישראל, וועט בלייבן אין מיין זכרון — דער זכות פון לייגן די ערשטע לאָפּעטע ערד פאַר אַ קולטור־הויז אויפן נאָמען פון יוסף ברעסלאַו, ע"ה, אין נהורה", האָט נאָגלער געזאָגט.

אין חבל לכיש, וואו ס'זיינען פאָרגעקומען געפערלעכע קאַמפן בשעת סיני־קאַמפּיין . . . נאָסערס חיילות האָבן פאַרגאָסן יידיש בלוט, אָבער זיי האָבן ניט איינגענומען די יידישע ערד, רינגלען היינט אַרום און עם בליען, ווי אין רעגנבויגן־קאָלירן, ניין יונגע ישובים, מערסטנס פון מזרח־אייראָפּע. נהורה איז דער צענטער פון געגנט. אירע גרינדער זיינען רבקה און מרדכי גובער, וועמענס צוויי זין עם זיינען געפאַלן טאַקע דאָ ניט ווייט . . . זיי האָבן פאַרלאָזן די איינגעזעסענע היים פון כפר־וואָרבורג און געקומען „אויף אַ נייער וויסטעניש" בויען אַ ישוב און געפינען טרייסט אין דערציען נייע קינדער . . .

רבקה גובער נעמט אויף די געסט. זי באַווייזט אַן אַלבום פון דער קורצער געשיכטע פון נהורה און זי זאָגט: „מיין זון איז געפאַלן אַ פּאָר

קילאָמעטער פון דאַנען״ . . . פריער האָט דאָס אָרט געהייסן אויף אַראַביש ״קאוקאַ״, דאָס מיינט אַ שטערן, אָבער דער נאָמען האָט זיך תמיד געשראָקן . . . האָבן מיר אים געביטן פאַר כוכב, און אַזוי זיינען געבוירן געוואָרן אַלע אַנדערע ליכטיקע נעמען פון דער געגנט, וועלכע הייסן: נגה, זוהר, שחר, א.אַז.וו.״.

אין דרויסן זינגען קינדער. אויף דער בינע הענגען אויפשריפטן אויף ענגליש און עברית: ״אַ קולטור־הויז אויף דעם נאָמען פון י. ברעסלאַו״.

מרדכי גובער עפנט דעם יום־טוב און באַגריסט די חשובע געסט.

יצחק חסקין, פינאַנץ־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, אין זיין באַגריסונג דערציילט: ״אַף מיין באַזוך דאָ מיט אַ יאָר צוריק, האָבן די גובערס זיך פאַרקלאָגט, אַז עס פעלט אַ קולטור־הויז״. ער האָט זיי צוגעזאָגט זיך באַמיען . . . איצט איז זיין שמחה גרויס, וואָס ס׳איז אים געלונגען צו באַווירקן די אַרבעטער־פריינט אין אַמעריקע פאַר דעם צוועק, און זיי האָבן בייגעשטייערט די ערשטע 75 טויזנט דאָלער (25 די אינטערנעשאַנאַל, 25 די דזשאָינט באָארד, 25 לאָקאַל 35) און די קולטור־הויז וועט טראָגן דעם נאָמען פון יוסף ברעסלאַו, אַ וואָרימער ייד, אַ לאַנגיאָריקער אַרבעטער־פירער, און אַ גרויסער פריינט פון דער ישראל־אַרבעטערשאַפט.

גערירט פון דעם אַלעם האָט איזידאָר נאַגלער באַגריסט אין נאָמען פון פרעזידענט דוד דובינסקי און דער גאַנצער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן: ״איך האָף אַז מיר וועלן אייך אויף ווייטער העלפן, פונקט ווי מיר העלפן אויפשטעלן אַרבעטער־פּראָיעקטן אין פיל לענדער אין דער וועלט״.

אייזיק העמלין באַגריסט איזידאָר נאַגלער און זיין פרוי.

באַלד ווערט אונטערגעשריבן די ״מגילת היסוד״ פון אַלע אַנוועזנדיקע, און פון אַן עלטסטן תושב אין נגב, אַ קורדישער ייד, עזרא יחזקאל, וועלכער לייגט אַ לאָפּעטע ערד, מאַכט אַ ברכה און זאָגט: ״ווער עס לייגט אַ ווינקלשטיין אין ישראל, בויט אַ בנין אין גן־עדן״.

נאַגלער און זיין פרוי לייגן די ערשטע לאָפּעטעס ערד, דערנאָך חסקין, די העמלינס און די שרייבערין פון די שורות, אַ מיטגלידערין פון דער אינטערנעשאַנאַל, האָט אויך געהאַט דעם כבוד צוצוטראָגן אַ לאָפּעטע ערד, פונקט ווי דאָס האָט געטאָן אַ ״ספּאָנטאַנער גאַסט״, אַ ריטייערטער קלאָוקמאַכער, מיסטער עסטרייכער, אַ מיטגליד פון לאָקאַל 117. ער איז געקומען אָפּגעבן כבוד יוסף ברעסלאַו, ע״ה.

„אַ לאַנד אָן גרויע מינוטן"

אַ חשובֿע דעלעגאַציע איז געקומען אין לאַנד — אַ פאַרטרעטער־שאַפט פונעם ענגלישן יידנטום. און ניט דווקא נאָר פון די ציוניסטישע יידן, נאָר פון כּלערליי שיכטן פון רעליגיעזע קרייזן, פון האַלב־אַסימי־לירטע, פון לאַנדסמאַנשאַפטן, און אויך פון נאַציאָנאַלע קרייזן, ביי וועמען ישראל איז "אַ זייער סימפּאַטישע, אָבער גאַנץ ווייטע וועלט".

די אָפּטיילונג פון אויסערלעכע ענינים פון דער סוכנות האָט איינגע־לאַדן אויף אַ באַזוך פון צען טעג, אַ פאַרטרעטערשאַפט פונעם בריטישן יידנטום, צו קומען קיין ישראל און מקיים זיין דעם פּסוק: "סיאינג איז בעליווינג", דאָס הייסט, וואָס מ'זעט מיט די אייגענע אויגן, גלויבט מען . . . און די ערשטע רייד וועלכע מיר האָבן געהערט אויף אַ צו־נויפטרעף מיט זיי אין בית־סוקולוב, ערב זייער פאַרלאָזן ישראל, זיינען געווען: "פון דער ערשטער מינוט וואָס מיר זיינען אין ישראל, האָבן מיר ניט געהאַט קיין גרויע מינוטן". "מיר האָבן דאָ געפונען אַ זייער געלונגענע קאָמבינאַציע: איר זענט געטריי דער ביבל, און איר האָט אייגענע גרויסע דערגרייכונגען".

די פרייד פון דער יוגנט האָט זיי איבערהויפּט שטאַרק איבעראַשט, און זיי האָבן דאָס באַלד געזאָגט: "מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען אַזאַ פריילעכע יידישע יוגנט". "דערקאָנענדיק שפּעטער דאָס לאַנד, האָבן מיר באַגריפן פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי פריילעך, 'ווייל זיי זיינען אַריינ־

געוואקסן אין לעבן׳ ״ און אינעם זעלבן טאָג פון באַגייסטערונג הערן מיר: ״ביז איצט האָבן מיר נאָר געוואוסט פון ישראל פון דער ביבל; איצט זיינען מיר געקומען זען אונדזערע ברידער אויף זייער ערד און זיי באַגריסן צו זייער יום־טוב פון צען יאָר זעלבסטשטענדיקייט״.

זייערע רייד וואָלטן געווים געקלונגען אַביסל נאַאיוו און אָנגעשלאָגן דעם באַקאַנטן טאָן פון לויב, וועלכן מ׳איז שוין אין ישראל געוואוינט צו הערן, און אַפילו אָפט, ווי אַ צעפּעשטשעט קינד, וויל מען הערן נאָך און נאָך . . . אָבער אַז מ׳דערוויסט זיך די וויכטיקע נעמען פון יעדערן באַזונדער פון דער דעלעגאַציע, און די הויכע פּאָזיציעס וואָס זיי פאַר־נעמען אין יידיש־ענגלישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, באַקומען זייערע רייד גאָר אַן אַנדער געוויכט און גאָר אַן אַנדער טעם, דעריבער איז כדאַי זיך באַקאָנען מיט די חשובע געסט, איידער מיר דערציילן ווייטער מיט וואָס זיי פאָרן אַוועק זיך צו טיילן מיטן בריטישן יידנטום.

די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון:

דזשעק מאָריסאָן, פּרעזידענט פון בני־ברית און גאָווערנאָר פון פּרייען שפּיטאָל; אָלדערמאַן א. מאָס, לאָרד־מעיאָר פון מאַנטשעסטער, פּאָרזיצער פון עטלעכע שפּיטאָלן, גאָווערנאָר פון מאַנטשעסטער שולן; ליידי רעדינג, מיטגליד פון עקזעקוטיווע, יידישער וועלט־קאָנגרעס, וויים־פּרעזידענטין פון נאַציאָנאַלן קאָונסיל פון יידישע פרויען און קינדער־אָרגאַניזאַציעס; מר. ס. טעף, אַקטיוו פאַר ישראל ענינים, די־רעקטאָר פון קאָנסערוואַטיווער געזעלשאַפט; מר. דזשאַן דייט, פּרע־זידענט פון געז. יידישע פּאַרטיידיקער, פּאָרזיצער פון יידישער קאָמי־סיע וועגן אַראַבישן באָיקאָט; סיר סיימאָר קאַרמינסקי, ריכטער פון הויכן געריכט, קאַסירער פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס; מר. לעדערמאַן, פּרעזידענט פון פעדעראַציע פון רעליגיעזע שולן; דר. ישראל ברוידי, הויפּט־רב פון ענגלאַנד; דר. באַרנעט דזשאַנער, פּאַרלאַמענט מיטגליד, פּרעז. פון באָארד אָוו דעפּיוטים פון ענגלישע יידן; מר. ר. נ. קאַרוואַ־לאָ, פּרעזידענט פון ענגליש־יידיש אַסאָסיאיישאָנס, וויים־פּרעז. פון פּאָרטוגעזישער באָארד אָוו גאַרדיענס; מד. דזשאָרדזש קליפּאָרט כהן, פּאַרלאַמענט מיטגליד, וויים־פּרעז. פון געזעלשאַפט פון יידן געוועזענע אין מיליטער־דינסט; מר. פוירסי כהן, פּאַרפּאַסער פון ביכער וועגן סאָציאַלער פּאַרזיכערונג און אַרבעטלאָזיקייט.

מיט דער באַקאַנטער ענגלישער רואיקייט איז טאַן, הערן מיר ווײ־טער: „די שטיינער אין נגב קאָן מען בײקומען מיט ליבע און פאַר־שטענדעניש — דער עיקר וואָס מיר האָבן אויך געפונען אינדוסטריע אין לאַנד און מיר זיינען שטאַרק באַווירקט. מיר האָבן געזען אייער באַוואַסערונג־סיסטעם און דענקען אַז זי איז מער עפעקטיוו ווי אין ענגלאַנד. מיר גלייבן אַז ישראל וועט קאָנען, אויסער אַ גייסטיקן בײ־טראַג, אויך גיבן דער וועלט אַ טעכנישן און אַרכיטעקטאָרישן צו־שטייער. וואָס שייך דער פּאָליטיק אין לאַנד, זיינען מיר פאַרייניקט אונ־טער איר. מיר ווילן זיין שותפים, און ניט קיין שלאָפנדיקע".

אויף דעם האָבן שפּעטער קאָרעספּאָנדענטן געפרעגט, „וואָס מיינט איר קאָנקרעט מיט 'ניט־שלאָפנדיקע שותפים'? זענט איר גרייט צו באַ־ווירקן יידן זאָלן קומען זיך באַזעצן דאָ?"

און זיי האָבן געענטפערט:

„מיר פילן זיך איצטער זיכער צו קומען און דערציילן די ענגלישע יידן, וואָס מערסטע פון זיי זיינען ניט אין די ציוניסטישע רייען, וואָס מיר האָבן געזען, און כאָטש מיר האָבן אויך געזען דאָ ניט־פאַרענדיקטע זאַכן, שוועריקייטן און אַז.וו., האָבן מיר אָבער געפונען דאָ 'אַ פילאָסאָ־פיע פון גלויבן' — אַט־דעם 'ספּיריט' ווילן מיר זיי איבערגעבן, און אפשר וועט דאָס אַליין זיין אַ וויכטיקער טייל פון אונדזער הילף פאַר ישראל".

אייניקע פון דער דעלעגאַציע זיינען שוין פריער געווען אין לאַנד און קאָנען איצט „ניט גלויבן זייערע אויגן אויף דעם פּראָגרעס". זיי האָבן באַטאָנט די זייער פריינטלעכע באַציאונג פון יעדערן אין ישראל צו זיי, די פריינטשאַפט צווישן דער ענגלישער אַמבאַסאַדע און ישראל רעגי־רונג, דאָס וואָס זיי האָבן דאָ אָנגעטראָפן אַ צאָל ענגליש־יידישע יוגנט־לעכע, כאָטש ניט קיין גרויסע צאָל, אָבער זיי האָבן זיך גוט איינגעלעבט אין לאַנד און צו זיי זיינען געקומען די עלטערן זיך דאָ באַזעצן. אַרומ־פאָרנדיק אין לאַנד האָבן זיי געזען די קאָנטראַסטן: „ווילדערניש אויף איין זייט, און גרין און בלוי אויף דער צווייטער". „מיר האָבן געזען פריילעכע און ניט קיין טרויעריקע פּנימער, און דאָס אַליין איז אַ שטאַרקער כוח צו בויען אַ שטאַט".

„זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל" — דערציילן זיי ווײ־

טער — "איז פֿאַרגעקומען אַ אינערלעכע אויפֿלעבונג אינעם ענגלישן יידנטום, מיר פֿילן זיך שטאָלץ מיט דער הילף וואָס מיר האָבן ביז איצט געגעבן, מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס'איז געווען כדאַי, און דאָס וואָס מיר האָבן איצטער געלערנט דאָ וועלן די יידן אין ענגלאַנד זיך וועלן דערוויסן פֿון אונדז".

כיט אַ טאָג פֿון אַ "אַנגענעמער אַנטוישונג" האָבן זיי דערציילן, אַז "די מענטשן אין קיבוץ זיינען, בדרך־כלל, צופֿרידן, אויסער געוויסע מאַטעריעלע שוועריקייטן" און אַז אין רעליגיעזע קיבוצים האָט מען זיך געווענדט צו זיי נאָך הילף, "כדי צו קאָנען בויען שולן". זיי האָבן די ווענדונג אָנגענומען פֿאַר זייער אַ פּאָזיטיווער דערשיינונג און אונטער־שטראָכן: "מיר אין ענגלאַנד זיינען בפֿרט פֿאַראינטערעסירט צו וויסן וועגן די גרויסע קולטורעלע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, מיר זיינען פֿאַראינטערעסירט זיי צו שטיצן ווייטער".

זיי האָבן דערציילט, אַז אַ גרויסע צאָל אַרבעטנדיקע יידן העלפֿן אין די ישׂראל־קאַמפּעינס, און אויך גוים וויסן פֿיל וועגן ישׂראלס פּאָזי־טיווע זאַכן און ריידן מיט דרך־ארץ וועגן דעם שטאַט, בפֿרט הערשט "גרויס באַוואונדערונג פֿאַר ישׂראלס אַרמיי, פֿאַר אירע דערגרייכונגען, וועלכע קענען ווערן אַ מוסטער פֿאַר מיליטערישער געשיכטע".

וועגן דן פּינעס, דער פֿאָרזיצער פֿון זשורנאַליסטן פֿאַריין, וועלכע האָט די דעלעגאַציע אָפֿיציעל אויפֿגענומען און באַגריסט, האָט זיך געווענדט צו מאיר גראָסמאַן, דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער אָפּטיילונג פֿון אויסערלע־כע ענינים פֿון דער סוכנות, צי וואָלט ער געוואָלט עפּעס צוגעבן צו די אַלע באַמערקונגען, האָט גראָסמאַן בלויז געזאָגט, אַז "סיי די באַגעגע־ניש, און סיי דאָס אַרומשפּאַצירן מיט דער חשובער דעלעגאַציע איבערן לאַנד, איז געווען אַ קענגזייטיקע אינטערעסאַנטע דערפֿאַרונג".

און ווען מיר האָבן ביזן סאַמע סוף פֿון דער וואַרעמער באַגעגעניש, וואו עס האָט אויך ניט געפֿעלט דער כאַראַקטעריסטישער ענגלישער הומאָר, אויסגעהערט, אַז אין משך פֿון די צען טעג האָבן זיי באמת גע־זען דאָס לאַנד פֿון אינעווייניק, ניט נאָר געגעסן פֿון פֿריינטלעכע אויפֿ־נאַמעם מצד דער סוכנות, מצד דער ענגלישער אַמבאַסאַדע און אַז.וו., נאָר זיי האָבן באַזוכט חבל לכיש, דעם גליל, דגניה, צפֿת, טבריה, נצרת, עפֿולה, זכרון יעקב, דעם ווייצמאַן אינסטיטוט, רעליגיעזע אַנשטאַלטן,

און דער ראש העיר פון תל־אביב, מר לבנון, האָט זיי ניט נאָר געגעבן אַן אויפנאַמע אין דעם גרויסן האָטעל, „מלון דן", נאָר האָט זיי געלאַדן צו באַזוכן די אינדוסטריעלע געביטן פון תל־אביבער ראַיאָן, אין רמת־גן, הרצליה, חדרה, ווי אויך „תנובה" און אז.וו.. דעמאָלט האָבן מיר באמת געקאָנט פאַרשטיין זייער פרייד און דעם אמת פון זייערע גרוסן, וואָס זיי וועלן איבערגעבן די יידן אין ענגלאַנד, „וועגן זייערע ברידער אויף דער ערד".

אחרון אחרון, האָט הרב ישראל ברוידי, דער רב הכולל פון ענגלאַנד, איינער פון דער דעלעגאַציע, וועלכער האָט שוין עטלעכע מאָל פריער באַזוכט ישראל, אין עברית דערציילט אַ פּאָר איינדרוקן פון היינט: „איך בין געווען פריידיק איבערראַשט, ווען איך בין געלאַדן געוואָרן אין ‚אי שם' צו אַ באַגעגעניש מיט חיילים. און זיי זיינען געקומען ‚ברצונם הטוב', צו הערן דברי תורה. דערזעענדיק דאָס דאָזיקע בילד פאַר זיך, האָט עס מיך באַוואויגן צו זאָגן זיי דאָס ריכטיקע וואָרט. איך קום אַלע יאָר קיין ישראל; די פרייד, ווען עס דערקאָנט מיך אַ חיל אין גאַס, איז ניט אָפּצושאַצן. מיר פאָרן אַוועק מיטן קעגנזייטיקן געפיל פון ‚גיבן און נעמען'."

דאָס לעצטע מאָל מיט יוסף שפּרינצאַק

אַ קאַלטער ירושלימער פרימאָרגן. אַרום דער כנסת שטייען שוין מענטשן, אָנגעקומען פון נאָענט און ווייט. דאָס פאָלק זאַמלט זיך צו דער לוויה פונעם פאָלקס־פירער, וועלכער רוט איצט אַליין אין כנסת, איינגעטונקען אין אַ ים מיט בלומען. אַ שוואַרץ־דראַפּירטער פּעדעס־טאַל שטייט אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג און ער דערצאָרנט דעם בליק, — באַלד וועט מען אויף אים אַרויפליינגן דעם ארון . . . און דאָ וועט מען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד יוסף שפּרינצאַקן.

עס פאָרמירן זיך די רייען פון מושטירטע סאָלדאַטן. די לוויה וועט זיין אַ מיליטערישע. עס איז שווער צו פאַרבינדן איצט די מושטירטע רייען מיטן נאָמען יוסף שפּרינצאַק; נאָך שווערער — מיטן טויט . . .

פון דער זייטיקער טיר פון דער כנסת ווערן אַרויסגעטראָגן איינע נאָך איינע די קראַנצן בלומען, וועלכע האָבן אַ מעת־לעת איינגעדעקט דעם ארון אינמיטן פון כנסת־זאַל, קעגנאיבער דער ליידיקער, שוואַרץ־דראַ־פּירטער שטול, אויף וועלכער עס איז צען יאָר ווירדיק געזעסן יוסף שפּרינצאַק . . .

אַכט אַזייגער גאַנץ פרי. די גאַסן זיינען שוין שוואַרץ מיט מענטשן, וועלכע שטראָמען פון אַלע עקן לאַנד. זיי בלייבן שטיין פאַרגליווערטע, באַגריסן זיך העפלעך, אָבער אויף דער נשמה איז קאַלט . . .

ניט נאָר די חברי הכנסת, די אויסדערוויילטע פון פאָלק, שטייען איצט פאַרזאַמלט און פאַראַבלט. נאָר ס׳דוכט זיך, דאָס "גאַנצע פאָלק" איז געקומען צו דער לוויה. אויף אַלעמענס פּנימער קאָן מען אַרויס־לייענען — "אַ גאַנצע עפּאָכע" וועלכע יוסף שפּרינצאַק האָט מיט זיך פאַקערפּערט. ניט דווקא דעם יושב־ראש הכנסת איז מען געקומען באַ־גלייטן צו אייביקער רו, נאָר דעם מענטשן, דעם חבר פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דעם פריינט פונעם איינצלנעם, און דער פריינט פונעם כלל, דעם וואַרימען יידן, וועלכער האָט תמיד געהאַט אַן אָפן האַרץ פאַרן נייעם עולה, ווי פאַרן ותיק, מיט וועמען ער האָט אַלע יאָרן אָנגעהאַלטן די זעלבע פריינטשאַפט, "אַן מחיצות", דער אוהב פון קינסטלער און קונסט, פונעם שרייבער און פונעם בוך, פוןביידע שפּראַכן אויף וועלכע יידן שאַפן. ווי אַן העב־רייער, האָט ער פונקט אַזוי ליב געהאַט אַ יידישן בוך און דעם יידישן שרייבער. יידיש האָט ער גערעדט "ניט צופעליק", נאָר נאַטירלעך און האַרציק; ער האָט נחת געקליבן פון יעדן גוטן יידישן בוך, פון אַ גוט ליד געשאַפן אין לאַנד, אָדער איז אַן אַנדער אָרט וואו יידן לעבן. יוסף שפּרינצאַק האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק מיט אַלע זיינע מעלות און חסרו־נות. ער איז געווען איינער פון די וויניקע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען דאָס יידישע פאָלקסלעבן אומעטום. פאַר אים איז געווען שווער אָפּצור־שיידן אַ יידן פון גלות פון אַ יידן אין ישראל.

ווער קאָן זיין היינט אַ גיבור און ניט טרויערן? ס׳איז אַוועק אַ טאַטע, — ס׳איז אַוועק אַ גרויסער זון!

די כנסת שטייט איצט פאַרשוואַומען אין אַ ים מיט געבויגענע קעפּ. אַלע נאָענטע געביידעס, באַלקאָנען, פענצטער, דעכער זיינען באַלאַגערט מיט פאָלקס־מענטשן. זייערע אויגן און אויערן אָנגעשפּיצט צום אַריינגאַנג לעבן וועלכן יוסף שפּרינצאַק רוט איצט . . . אין דער טיפער שטילקייט הערט זיך די שטים פון י. רוקח, דעם וויצע־פּאַרזיצער פון כנסת, וועלכער איז אים מספּיד. עס דוכט זיך, זיינע רייד דרינגען אַרויס פון אַלעמענס הערצער, אפילו פון די, וועלכע זיינען איצטער ווייט פון דאַנען. "ער האָט פאַרגאַנצט אַלע קרומקייטן, ער האָט דער־נעענטערט די קעגנער מיט זיין שכל און שמייכל. ער האָט תמיד גע־פאָדערט גוטן מוט — אין דעם האָט ער געגלויבט — און אַנדערע באַ־

ווירקט מיט זיין גלויבן. ער איז געווען דער מענטש פון חלום און דער מענטש פון ווירקלעכקייט".

אינעם יום־טוב פון צען יאר כנסת ישראל האט ער ווי א יידישער פרינץ געשיינט . . . מיט זיין פערזענלעכקייט האט ער סימבאליזירט דעם תוך פון צען שווערע יאר אחדות, למרות הכל, למרות הכל!

לעבן דער סוכנות געביידע האט זלמן שז"ר אים מספיד געווען. ער האט מיט זיין גייסטרייכן כוח געשילדערט די "גאלדענע עפאכע" פון יוסף שפרינצאקס לעבן זינט מאסקווע, וואו ער איז געבוירן געווארן, ביז פוילן, בעסאראביע, ארץ־ישראל. שז"ר האט אים פארגליכן מיט הערצלען, וועלכער האט אין די גסיסה־מינוטן געפאדערט: 'ארדענונג' 'זיצן' . . . אויך יוסף שפרינצאק האט אין זיין גוססן א הייב געטאן די האנט (נאר דער האמער האט אים געפעלט . . .) און מיט די לעצטע כוחות ארויסגערעדט: "הפסקה" . . .

איצט שלענגלען זיך לאנגע רייען אויטאמאבילן אויף די שליאכן פון די הרי־יהודה, בארג־ארויף, צו הר הרצל, ווי צו א גרויסער חתונה . . . די "מחותנים" זיינען חברי קיבוץ, חברי הכנסת, די נאענטע משפחה, און אזוי פיל פריינט . . . חברים פון וועלט־פארבאנדן, און אויסלענדישע דיפלאמאטן אין שווארצע צילינדערס. דער ווינט בלאזט די יידישע פאנען און די אויסלענדישע פאנען . . . די זילבערנע דעכער שפיגלט די זון בארג־ארויף, בארג ארויף . . . ביי די זייטן (אפגעצאמט מיט שטריק) שטייען, ווי געמויערטע בריקן, פאלקס־מענטשן, אין ארבעטער־קליידער, עס שטייען יונגע קינדער, פרייגעלאזענע פון לערנען איצט, עס שטייען מאמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט. דער ווינט בלאזט די שווארצע און ווייסע קעפלעך ("דאס פאלק אין געבוירן ווער־רן", שפרינצאקס חלום . . .), זיי ווייסן נאך ניט אלע די אמתע ווערט פון דעם מענטשן וועמען זיי באגלייטן היינט צו זיין אייביקער רו — (זיי וועלן ערשט לערנען . . .), זיי פילן אבער, אז א גרויס יידיש הארץ האט אויפגעהערט קלאפן.

זינט הערצלס לוויה האט דער הר הרצל אזוי ניט "אויפגעלעבט" מיט מענטשן, פון די אויסדערוויילטע פון פאלק, פון די ערשטע בויער פון לאנד, פון הויכע דיפלאמאטן פון פיל לענדער אין שווארצע סורטוקן, און פון יידן מיט זיבעציק לשונות . . . אלע האבן דעם אטעם פארהאלטן

ווען אונטערן לויטערן הימל האָט זיך צעטראָגן די שטים פון "אל מלא רחמים" . . .

איבער זיין פרישן קבר איז "אויסגעוואַקסן" אַ באַרג מיט פרישע בלומען, אַ לעצטער לעבעדיקער וואַרעמער גרוס פון דער ערד, וועלכע יוסף שפרינצאַק האָט אַזוי ליב געהאַט, און אין איר איז ער געבליבן רוען!

פתח תקוה — 80 יאָר יונג

קומט מען אַריין קיין פּתח תקוה, דערזעט מען „אַ שטאָט ווי אַלע שטעט". שמאָלע און ברייטע גאַסן, אַלטע און נייע געביידעס, קראָמען מיט כּל־טוב, האַנדל, טומל — יידן זעט מען אַלערליי און שפּראַכן הערט מען אויך כּלערליי . . .

ביים אַריינפאָר, אַרומגערינגלט מיט גרין גראָז, שטייט אַ מאָנומענט, אין זכר פון באַראָן ראָטשילד, וועלכער האָט פיל געהאָלפן בויען די קאָלאָניע.

היינט, אינעם יום־טוב פון איר 80־יאָריקן געבוירנטאָג, איז דאָ צו דערציילן אַביסעלע געשיכטע וועגן די „סאַמע ערשטע פון יענע טעג", וועלכע האָבן געקעמפט פאַר „אַ טאָג יידישער אַרבעט" און האָבן אפשר אַליין ניט געגלויבט, אַז די ערשטע קאָלאָניע אין ארץ־ישראל (די מאַמע פון די קאָלאָניעס), וועט ניט נאָר געבוירן שפּעטער אַזעלכע קאָלאָניעס ווי עין־גנים, מחנה יהודה, וועלכע פייערן היינט זייער 50־יאָריקן געבורטסטאָג, נאָר זי וועט אויפבליען צו אַ שטאָט פון 60 טויזנט נפשות, מיט אַן אַרבעטער־באַפעלקערונג, אין וועלכע אַלע פּאַרטייען זיינען פאַראייניקט, מיט גרויסע בודזשעטן פאַר הייזער־בוי, פאַר וואַסער־לייטונג, פאַר קולטור־ און דערציאונג אַנשטאַלטן, פאַר געזונט אַנשטאַלטן.

אין פּתח תקוה זיינען היינט פאַראַן 72 קולטור אַנשטאַלטן, אויסער

די שולן, וואו 8,500 קינדער באקומען עלעמענטארע בילדונג. עס זיינען דא עטלעכע גימנאזיעס, לערער־סעמינארן, א שול פאר קינדערגארטן־לערערינס, ישיבות, א פראפעסיאנאלע שול, אולפנים פאר נייע עולים, א קאנסערוואטאריע פאר מוזיק, ביבליאטעקן.

פתח תקוה איז פארעכנט אלס דער גרעסטער מעדיצינישער צענטער אין לאנד. אין און ארום איר זיינען דא פינף שפיטאלן, אריינגערעכנט דעם באוואוסטן ביילינסאן־שפיטאל. (די באפעלקערונג פון פתח תקוה איז פיר פראצענט פון דער לאנד באפעלקערונג.)

עס ווערט געשאצט, אז ארום 70 פראצענט פון איר שטח באשטייט פון אגריקולטור און באוול־פלאנטאציעס, און קלענערע פריוואטע גערטנער. אין די זייטיקע גאסן קאן מען זען בולטע סימנים פון איר אנהייב אלס קאלאניע. עס שטייען נידעריקע הייזער, איינגעטונקען אין חנעווערדיקע גרינע סאדן, און אין שאטן — צום קאנטראסט, זיינען אויסגעוואקסן ברייטע גאסן, גרויסע געביידעס, ווייסע ברייטע שאסייען, שטאטישע גערטנער, ספארט־פלעצער, א.אז.וו.

נאך דער אנטשטייאונג פון דער מדינה איז אין גן־עצמאות אויפגעשטעלט געווארן א מוזיי, "יד־לבנים", וועלכער פארמאגט קונסט־אפטיילונגען, ביבליאטעקן און לייען־צימערן, אן אפטייל פאר געווער, וואס דערציילט געשיכטע . . . ביים אריינגאנג, אויף א ברייטן גראניט־טאוול, זיינען אויסגעקריצט די נעמען פון 228 גיבורים פון פתח תקוה און אומגעגנט — געפאלענע אין קאמף . . . צום יום־טוב איז דערעפנט געווארן אן אפטייל "זכר ראשונים", אין אנדענק פון די ערשטע גרינדער. ס'איז אויך ארויסגעגעבן געווארן א יובל־בוך, געשריבן פון ג. קרעסל. דארט ווערן דערמאנט די ערשטע קעמפער פאר א טאג־ארבעט, אריינגערעכנט יצחק בן־צבי, דוד בן־גוריון און פיל מיניסטארן און כנסת־מיטגלידער.

אינעם בוך ווערט באטאנט, אז כאטש דער קאמף פאר יידישער ארבעט איז געווען א שווערער איבערן גאנצן לאנד, איז פתח תקוה געווען דער צענטער וואו עס האבן אנגעהויבן ארבעטן די ערשטע פון דער צווייטער עליה אין 1904. דא איז ארויפגעלייגט געווארן א "חרם" אויף יידישער ארבעט ; דא זיינען שפעטער אנטשטאנען די ערשטע ארבעטער־פאריינען ; דא האבן יידישע ארבעטער געפילט דעם טעם פון ארעסטן און קאמפן מיט אראבישער און ענגלישער פאליציי... שפעטער

זיינען אין פּתח תּקוה אויפגעקומען די ערשטער פּאָליטישע פּאַרטייען.

היינט איז פּתח תּקוה אַלט געוואָרן 80 יאָר! ס׳איז אַ גרויסער צווייענדיקער יום־טוב. ס׳איז דער געבורטסטאָג און ס׳איז מדינת ישראל! קינד און קייט זיינען אויף די פיס. די גאַסן זיינען פול מיט מענטשן. די געביידע פון שטאָט־ראַט, וואוהין עס שטראָמט דער עולם, איז איינגעטונקען אין ליכט און אין פאָנען. דער ציפער "80" לויפט מיט גרין־רויט־געלן ליכט. ס׳איז היינט אויך מוצאי שמחת תורה. דער עולם טאַנצט אין די גאַסן . . . אַרום דער בינע, וואָס קעגנאיבער דער שטאָט־ראַט געביידע, וואו די פייערונג קומט פאָר מיט געזאַנג און טענץ. כוואַליעט מיט אַ ים קעפּ. קליינע קינדער האַלטן זיך איינגעקלאַמערט אין די אָפּגעצוימטע דראָטן און זיינען פאַרכישופט . . . צווישן די געסט זיצט איצט "דער עלטסטער תושב פון פּתח תּקוה", אברהם שאַפּירא, דער פאָטער פון דעם "שומר". ער אַליין איז אַ בלאַט געשיכטע פון ארץ־ישראל. כאָטש ער איז איצט שטאַרק פאַרכישופט מיטן יום־טוב, וואָג איך אים צו פרעגן: "האָט איר געגלויבט דאָס צו דערלעבן?"

"ניין, כ׳האָב דאָס ניט געחלומט!"

"וואָס איז דען דעמאָלט געווען?"

"ס׳איז געווען דער הימל, די ערד, זומפּן פון קדחות! כ׳האָב ניט געגלויבט אַז איך וועל דערלעבן צו זען דאָס פאָלק אין אַזויפיל קאַלירן . . . איך בין היינט דער איינציק־לעבעדיקער פון יענע טעג — פון חניתה ביז אילת איז קיינער ניט געבליבן . . ."

דאָס געזאַנג "מים, מים, בששון" הערט זיך בשעת מעשה, און דער עולם הייבט זיך, זיצנדיק, שטייענדיק . . . אברהם שאַפּירא זיצט ׳רואיק׳ איצט. ווער קען מעסטן די טיף פון זיין פרייד?

דער הימל איז טונקל, אַז שטערן, נאָר די יום־טוב ליכט שיינען. ס׳איז שוין האַלבע נאַכט און דער עולם איילט זיך ניט אַהיים, און מאָרגן איז אַ גרויסער טאָג. די שטאָט וועט צוטיילן דעם כבוד פון ערן־בירגער צו יצחק בן־צבי, איינעם פון די ערשטע חלוצים, וועלכער האָט זוכה געווען צו ווערן דער צווייטער נשיא פון מדינת ישראל.

גאַנץ פרי זיינען שוי די גאַסן ווידער פול מיט מענטשן. אויסגעפּוצטע שול־קינדער מאַרשירן צום טויער, פון וואַנען דער נשיא און זיין פרוי דאַרפן אָנקומען. די זון שיינט און די פאָנען פלאַטערן אין לופט. אַרום

דער שטאָט־געביידע שטייט אַ מיליטערישע וואַך. אינעווייניק וואַרטן געהייבענע געסט: דער רבי הראשי פון פּסח תקוה, הרב ראובן כ"ץ, א. שאַפּיראָ, שלמה שטאַמפּער, דער זון פון יהושע שטאַמפּער, איינער פון די דריי ערשטע גרינדער פון פּתח תקוה. ס'איז אויך דאָ די גאַנצע שטאָט־־פּאַרוואַלטונג. מ'וואַרט אין אַ יום־טובדיקער שטילקייט . . .

דער נשיא האָט שוין געדאַרפט דאָ זיין. עס דערפילט זיך אַן אומרו־איקייט צווישן עולם. מ'זוכט אים דורך די פענצטער, און אָט שפּאַנט דער נשיא מיט זיין פרוי, אין באַגלייטונג פונעם ראש העיר פון פּתח תקוה, פנחס ראַשיש, באַגלייט פון אַ סך מענטשן. זיי גייען צופוס פונעם הויפּט־טויער פון דער שטאָט. דער נשיא האָט געוואָלט אָפּגעבן כבוד דער באַפעלקערונג, איז ער געגאַנגען דורך דער שטאָט . . .

דער עולם אין דרויסן נעמט זיי אויף מיט גרויס פרייד. דאָס מיליטער גיט אַפּ סאַלוט, אַ מיליטערישער מאַרש ווערט אויפגעשפּילט. זיי קומען אַריין עטוואָס פאַרמאַטערט, אָבער מיט אַ געלייטערטן שמייכל און דריקן יעדן גאַסט די האַנט.

מיט גערירטן טאָן זאָגט ראַשיש: "ס'איז אַ גרויסער זכות פאַר אונדז. אונדזער חלום מיט 80 יאָר צוריק איז געוועזן: דורך דער טיר פון האָפענונג צונויפזאַמלען די יידן וועלכע וועלן קומען; איצט נעמען מיר אויף יידן פון דער גאַנצער וועלט. מיט פרייד האָבן מיר באַשטימט דיר אָנבאָטן דעם ככבוד פון ערן־בירגער". ער לייענט פאַר די מגילה און גיט עס דעם נשיא אַלס מתנה.

יצחק בן־צבי ענטפערט שטיל און שטאַרק גערירט פונעם כבוד. "ס'איז אייער זכות, איר זעצט פאָר וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן. פּתח תקוה וועלכע איז געוואָרן אַ שטאָט, איז געבליבן די "מאַמע". איר זענט עדות ווי מיר זיינען אויסגעוואַקסן, און איך גלויב אַז דאָס לאַנד וועט נאָך וואַקסן. "ויזרע יצחק בארץ וימצא מאה שערים". ביי מיר איז אַ זכות צו באַקומען דעם דאָזיקן כבוד איצט. עס טוט ווי וואָס די, וועלכע האָבן אויסגעלייזט די ערד, זיינען שוין ניטאָ היינט . . . ס'איז מיין פרייד צו זען מיט אונדז שאַפּיראָן און שטאַמפּערן" (ער רופט אַן נעמען פון די סאַמע ערשטע: סאַלאָמאָן, גיסין, מאַכלים, סאַפּיר), און ער זאָגט: "זיי זיינען געווים ווערט, גיכער פון מיר, צו ווערן די ערן־ביר־גער. דאָס דאַרף די רעגירונג געדענקען" . . . ער דערציילט אויך, אַז זיין

פרוי, רחל ינאית האָט אַפילו לענגער פון אים געאַרבעט אין פתח תקוה. ער דערמאָנט דעם גדוד העברי, מיט בן־גוריון אַלס דעם שטענדיקן "גרויסן עקשן" און גייסטיקן לייטער און ער ענדיקט: "היינט האָב איך געזען דאָס פאָלק. אַ סך נייע זין האָבן זיך איינגעגלידערט אין דער שטאָט, איך בענטש אייך און אייערע זין!"

בייטאָג איז געגעבן געוואָרן אַ יום־טובדיקער מאָלצייט פאַר פיל געסט, וואו עס האָבן זיך בפרט געטראָפן "סאַברעס" פון פתח תקוה — אַ סך אַלטיטשקע מיט ווייסע קעפּ און געבויגענע גופים... פאַרברוינטע פּנימער פון קאָלאָניסטן און פון קיבוץ־מענטשן איבערן לאַנד. מ'כאַפּט זיך אַרום פריילעך, מ'דערקאָנט זיך נאָך אַ סך יאָרן און מ'צעקושט זיך... "יאָ, יאָ, דאָס בין איך!" לאַכט מען הויך און די קנייטשן גלייכן זיך אויס... מיט כל־טוב זיינען די טישן פול. משקה און בלומען, ווי אויף אַ חתונה.

צווישן עולם זעט מען דעם ערשטן מנהל (דירעקטאָר) פון די "פיקאָ"-שולן אין פתח תקוה, מ'ווייזט מיר אַז אויף ברוך ראַפּ, דאָס ערשט־געבוירן קינד אין פתח תקוה... די שפּראַכן יידיש און רוסיש קלינגען פריש... ווי די שפּראַכן פון יענע טעג וואָלטן זיי איצטער נאָך מער דערנעענטערט...

צום טיש פון נשיא הייבן אַן "פון זיך אַליין" שטראָמען איינע נאָך די אַנדערע פונעם עולם, אמת "אַלטע באַקאַנטע", מ'דריקט זיך וואַרעם די הענט, מ'דערלאַנגט מתנות — אַלטע פאָטאָגראַפיעס... רחל בן־צבי קושט זיך האַרציק מיט אַמאָליקע חברטעס בשעת זי שפּאַצירט דורך די טישן. דער שפּאַציר איז אַ לאַנגער און אַ פריילעכער...

יצחק בן־צבי באַקומט דעם יובל־בוך אַ מתנה און ער זאָגט צווישן אַנדערעס: "איך ווייס פאַר וועמען איך שטיי. אַלע ווייסן מיר וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען און וואָס דער היינטיקער יום־טוב מיינט פאַר אונדז".

ספּאָנטאַן צעזינגט זיך דער עולם: "שבת אחים גם יחד"...

פאַרנאַכט האָט זיך דער יום־טוב פון ערשטן טאָג געענדיקט אין גן עצמאות. אַ גרויסער עולם וואַרט אויף דער פרישער לופט, אין גאָרטן פון "יד לבנים", וואו עס דאַרף באַלד דערעפנט ווערן די אָפּטיילונג פון "זכר ראשונים".

דאָס ערשטע האָבן דער נשיא און זיין פרוי אָפּגעגעבן כבוד דער גרויסער רשימה געפאַלענע קינדער. זיי אַליין זיינען פאַראָבלטע על־טערן. זיי האָבן פאַרלוירן זייער אַ יינגסטן זון אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פון ישראל. זיי גייען אַרום מיט אָפּגעווישטע טרערן . . . די האַלבע פאָן גייט אַרויף און "אל מלא רחמים" דערהערט זיך. טיפע שטילקייט נעמט דורך . . .

מר ראַשיש זאָגט: "דאָס נייע ווינקל איז אונדז טייער. מיר וועלן געדענקען אַלע יענע פון די ערשטע פּרדסים, פון דער הגנה".

שלמה שמאַמפער און הרב כ"ץ, וועלכע זיצן מיטן נשיא, בענטשן דעם טאָג . . . די ערשטע עקשנים, און דעם נשיא. דער זכר פון יענע טעג שוועבט אין לופטן . . .

דער נשיא זאָגט: "אַמאָל פלעגן קינדער קומען אויף די קברים פון עלטערן; היינט קומען די עלטערן אויף די קברים פון זייערע זין, וועל־כע האָבן געגעבן זייערע לעבנס פאַרן פאָלק" . . . ער דערציילט אַ קורץ און רירנדיק קאַפּיטל געשיכטע און ער פאַרענדיקט: "די תלמידים וואָס איך האָב היינט געזען איבער די גאַסן פון פתח תקוה איז אַ כינוס גלויות — דאָס איז דער סימבאָל פון גאולה".

צו רחל בן־צבי איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד איבערצושניידן די לענטע צו דער טיר פון "זכר ראשונים". באַלד ווערט דער בנין באַ־לאַגערט פונעם גרויסן עולם.

ס'איז שוין שפּעט. די זון זעצט זיך צווישן די צווייגן. דער טומל און דער יום־טוב קלינגט אין לופטן. די פייערונגען וועלן נאָך דויערן. עס וועלן נאָך זיין געהייבענע געסט: דער ראש הממשלה, דוד בן־גוריון און כנסת מיניסטאָרן. עס וועט נאָך זיין פריילעך, אָבער היינט, דער ערשטער טאָג איז אַ **גרויסער טאָג!**

נאָך אַ שיף קומט אָן...

אַ קאַלטער רעגנדיקער פרימאָרגן. די שיף שטייט פאַראַנקערט. אויפן אונטערשטן דעק איז ענג. קליינוואַרג לויפט אום צווישן די פעקלעך. מאַמעס טוליען פּיצלעך קינדער צו דער ברוסט און באַשיצן זיי פון ווינט. זיי שטרעקן וואַרעמע בליקן צו דער יבשה — צו ישראלדיקער ערד. אַ פרוי פאַרקלאָגט זיך פאַר מיר: "קיינער פון מיין משפּחה איז ניט געקומען". איך טרייסט זי: "ס'איז נאָך פרי, מ'וועט נאָך קומען", און איך ווייז איר אָן אויפן עולם וואָס זאַמלט זיך פון יענער זייט דראָטן ביים ברעג.

די לופט איז גרוי. אַ פאָטאָגראַפער באַמיט זיך נעמען בילדער אין דעם האַלב־פינצטערן פרימאָרגן. אָט גייען די ערשטע אַראָפּ די טרעפּ. נעט זייער קליידונג, און נעט זייערע פעקלעך.

"פאַרדאָן", בעט זיך העפלעך אַן אַראָפּגייער, בשעת זיינע רענצלעך האָבן פאַרטשעפּעט אַ מיטגייער . . .

"סאַנדראַ, סאַנדראַ!"—דערהערט זיך אַ שטאַרקע פרויען־שטימע פון שיף, אַ "ווייסע הענטשקע־האַנט" הייבט זיך אין לופטן, עס דאַכט זיך איר, אַז אימיצער איז געקומען . . . און סאַנדראַ הערט ניט — דער ווינט שלאָגט אָפּ צוריק די שטים . . .

אַ פרוי פון באָטשאַן ווענדט זיך צו מיר:

"איך דאַרף אָנקלינגען אין דער מיליציע — ווי טוט מען עס?"

״פאַרוואָס עפּעס אין מיליציע?״

״אימיצן אַרויסרופן, אַזוי האָט ער געשריבן״.

זי וויגט בשעת מעשה דאָס קינד צום שלאָפן.

״ווער נאָך איז מיט אייך אויף דער שיף?״

״מיין מאַן, ער וואַרט אויבן פאַר די פּאַפּירן. פון פערציק מענטשן בין איך איינע געבליבן״.

טרערן נעמען רינען . . . און זי פאַרכאַפּט זיך:

״גאָט צו דאַנקען מיר זיינען שוין אָנגעקומען״.

איך פרעג דעם שיף־באַאַמטן, צי קען מען דעם נאָמען (מעסינגער) אַרויפרופן דורך משטרה (פּאָליציי). אין אַ פּאָר מינוט גיט ער מיר אַ תשובה:

״מ׳קאָן!״

״אַזוי, אַ קאַפּיטאַן רעדט יידיש?״ — און זי וויינט . . .

״אַ יינגעלע איז פאַרלוירן״. ער לויפט אום איבערן ענגן דעק און וויינט אויף רומעניש . . . ״דער טאַטע איז שוין אַראָפּ״ — האַלט ער אין איין טענהן. אַ מיטליאַריקע פרוי טרייסט אים, גלעט אים און ער באַרואיקט זיך.

״איך בין אַליין געקומען קיין ארץ״, זאָגט זי שטיל, ״כ׳בין שוין אַלט״ — און צוויי יונגע בלויע אויגן באַנעצן זיך . . . ״דריי זיינען מיר געבליבן נאָך אַשוויענטשים, מיין טאָכטער און מיין איידעם. זיי לאָזט מען נאָך ניט אַרויספאָרן״.

״כ׳וועט זיי לאָזן, אין אַ קורצער צייט אַרום וועט איר זיי קומען באַ־געגענען״, טרייסט איך זי.

זי דאַנקט מיט אַ צאַרטן שמייכל. צי וועט זי נאָך קענען באַקומען אַרבעט אין אַ פריזער־סאַלאָן? פרעגט זי פאַרזאָרגט. איך זע אַ גלאַטן פּנים פון אַ פרוי אין די פריע פערציקער, דער קאָפּ בלאָנד, עלעגאַנט פאַרקעמט, די בלויע אויגן לויטער.

״איר האָט אַ גוטע פּראָפעסיע — און גוטע אויסזיכטן!״

גאַנצע משפחות גייען שוין איצט אַראָפּ די טרעפּ פון דער שיף. רואי־קע, גוט געקליידטע, די פּעקלעך ווייניקע. עס מערקט זיך זייער ״די סטאַנדאַרטע צאָל״ . . . די קינדערשע פּנימלעך זיינען זייער בלייכע. ״מילכיקע בעקלעך״ — די ישראל־זון וועט זיי פאַרברוינען און די

קאַלירן וועלן זיך אויסמישן. אַ סך יונגע עלטערן און קליינע קינדער מערקן זיך, קיין יוגנט אין עלטער פון 18-20 זעט מען אָבער ניט.

"זיי גיט מען ניט דערוויל קיין אַרויספאָר־וויזעס", הער איך פון אַ יונגן מאַן.

"וויפל צייט האָט איך גענומען צו באַקומען די וויזע?"

"מ׳לויפט זיך גענוג אָן; ווער עס וויל איינשטעלן, זיין אויף אַלץ גרייט, העלפט גאָט און מ׳באַקומט דאָך" . . .

טעמאַ לערער, אַ פרוי פון באַטאַשאַן, רעדט אַ גוטן העברייאיש. 16 יאָר האָט זי געלעבט אין טאַשקענט. מיט דריי יאָר צוריק האָבן די עלטערן זי אַרויסגענומען צוריק קיין רומעניע. זי האָט געאַרבעט אין אַ באַנק, קען רוסיש, פראַנצויזיש, רומעניש, יידיש און עברית.

"איך זאָל נאָר קענען מיין קינד באַזאָרגן אין אַ "מוסד", ווייזט זי אָן אויף איר צען־יאָריק טעכטערל. "אויך זי קען שפּראַכן, זי איז אַזוי פּייאיק", נעמט זי מוטערלעך גלעטן איר שטערן.

"ווי רופט מען דיך?"

"מאַריאַ".

"מרים", — פאַרריכט איר די מוטער שנעל. — "איך האָב דיר געזאָגט, אַז דאָ וועסטו שוין הייסן מרים" . . .

לאַנגע, שטילע רייען אַרום די באַאַמטן־טישן. די פּאַפּירן געשטרעקט אין דער הייך. רואיקע שרייבן זיי אונטער און רואיקע, כמעט היימישע, שפּאַנען זיי אַריין אינעווייניק אינעם מחסן (דער גרויסער אויפנאַם־צימער פאַר עולים). די קינדער באַקומען פּעקלעך מיט נאַשעריי, אַ וואַרימע גלאָז קאַווע און צובייסן איז אָנגעגרייט באַלד ביי דער טיר. יידיש רעדט זיך איצט גרינג, נאָר רומעניש איז די "הערשנדיקע שפּראַך".

מיט דער שיף זיינען היינט אָנגעקומען אויך 180 פּוילישע יידן. זייער באַגאַזש איז אומבאַגרענעצט און ער מערקט זיך מיט זיין אַנדערשקייט צווישן "די פיר רענצלעך" וואָס אַ רומענישע משפּחה ברענגט מיט. אַ שטיפער אַ יינגעלע לויפט אום ווי אַ וויכער איבערן מחסן.

"מישאַ, מישאַ", בעט זיך אויף רוסיש די מוטער ביים מאַן, בשעת זי זיצט "שווער" אויפן "מחסן־טיש", — "כ׳קען אים ניט נאָכלויפן".

„ער איז ניט אין דרויסן, ער'ט צוריקקומען, ער איז צווישן יידן", — טרייסט איר דער מאַן, בשעת זיין גוף איז געבויגן איבערן באַגאַזש וואָס ער פאַרבינדט צוריק נאָכן קאָנטראָל.

„וואוהין פאָרט איר?"

„קיין חצור, ניט גוט, האָ?"

„פאַרוואָס?"

„פאַרוואָס? כ'וויים, מ'זאָגט . . . כ'בין ניט געזונט, דעם גאַנצן וועג האָט די 'שוועסטער' אויף מיר אויפגעפּאַסט. איז דאָ דאָרטן אַ דאָק־טאָר?"

„אוודאי איז דאָ", — כאַפּט אוים ביי מיר דעם ענטפער אַ סוכנות־באַאַמטער.

כ'בין אָנגענעם איבערראַשט פון דעם העפלעכן טאָן, און כ'פרעג דעם באַאַמטן (אויף עברית) — „ווען זיך אַזוי אויסגעלערנט?"

ער ענטפערט: „וואָסי, עס קומט זיי ניט?"

דער קאָנטראָל גייט גיך און גרינג. וואָס געפינט מען אין די רענצ־לעך? „דריי מאָל גאַרנישט". ניט קיין ראַדיאָס, ניט קיין וואַש־מאַשי־נען, ניט קיין ניי־מאַשין, און זעלטן אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט . . . דאָ און דאָרטן האָט מען אונטערוועגנס, איז וויז, זיך אָנגעגרייט אַביסל „סחורה". דהיינו? אַ ביסל זיידענע טיכלעך, און נאָך אַזעלכע נאַריש־קייטן, כדי צו קאָנען פאַרקויפן פאַרן ערשטן קיום, און פאַר דעם צאָלן זיי אָפּ שטייערן . . .

„די חברה פרידאַ פון קיבוץ וואו איז?" פרעגט זיך נאָך אַ יונגערמאַן.

„שמואליק", אַ שטענדיקער סוכנות־אָנגעשטעלטער ביים באַגעגענען עולים, וואַרפט אים צו אַ גיכן ענטפער:

„באַלד קומט זי!"

„אין וועלכן קיבוץ פאָרט איר?"

„איך ווייס ניט, מ'האָט מיר געהייסן זיך נאָכפרעגן אויף דער חברה פרידאַ" — און ער בלייבט רואיק וואַרטן.

דער מחסן ווערט וואָס אַמאָל ליידיקער. אין דרויסן וואַרט גרייט די טראַנספּאָרטאַציע פאַר די באַשטימטע ערטער איבערן לאַנד. זיי דאַרפן נאָר צוליב זיכערקייט ווידער אָנגעבן די נעמען ביים אַרויסגיין. 119 משפחות זיינען היינט אַרויסגעפאָרן פון דער שיף אין דריי משקים,

דערציילט מיר דער חבר פון "תנועת המושבים", וועלכער גיט זיך אָפּ מיט דעם סידור.

"איז תמיד דער פּראַצענט אַזאַ?"

"ניין, ניט תמיד. היינט זיינען מיר צופרידן מיט דער צאָל !"

דער גרויסער רעש האָט זיך איינגעשטילט. מ'זעט איצט אינעם גרויסן מחסן קליינע גרופּן מענטשן זיצן ביי טישלעך, פריילעכע ביי דער באַגעגעניש מיט משפּחה, וואָס באַשטעלט אַ פרישן מאָלצייט מיט גע־טראַנקען, בשעת מ'וואַרט אויף טראַנספּאָרטאַציע. קיין מאַפּעס אין האַנט זעט מען ניט ביי זיי, ווי ביי אַ סך פריערדיקע עולים, זיי זוכן די מאַפּע אין דער תעודת־עולה, וואו ס'איז אָנגעצייכנט זייער וואוין־אָרט. די קרובים באַרואיקן זיי: "ס'איז גוט", און זיי לערנען מיט זיי אַ "קאַ־פּיטל געאָגראַפיע פון ישראל". דאָ און דאָרטן דרייען זיך אום 'בודדים' — איינצלנע, ניט קיין יונגע, אָבער גאָר אַלטע זעט מען ניט.

נאָר אַ פּאָר אַקאַדעמיקער זיינען היינט אָנגעקומען. מיט איינעם אַ באַוואוסטן אַפּטייקער, וועלכער פאָרט קיין כפר־סבא, האָב איך גע־כאַפּט אַ געשפּרעך. עס האָט אים באַגעגנט אַ ברודער אַ וותיק. ער רעדט אַ פּרעכטיקן עברית, און ס'איז שווער צו וויסן ווער עס איז דער עולה. ער מיידט אוים וועגן זיך עפּעס צו דערציילן און איז נאָר נייגע־ריק צו וויסן, צי איז דער פּלאַץ ניט צו קליין, צי וועט ער דאָרטן קאָנען מצליח זיין. דער ברודער שמייכלט רואיק צו, און אונדז בלייבט ווייניק זאָרג פאַר דעם עולה.

אַ ד י ר ה איז דאָס פּאָפּולערסטע וואָרט וואָס מ'הערט צווישן די עולים. די זאָרג פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ איז גרויס, זיי האָבן דאָך איבערגעלאָזט היימען . . . אַנדערש איז געווען די ערשטע שפּראַך אויף די ליפּן פון די פּוילישע עולים, וועלכע האָבן דאָס ערשטע גערעדט וועגן אַ ר ב ע ט. אויף דער שיף זיינען זיי שוין געווען גרייט אָנהייבן (אמת, ניט יעדע אַרבעט). און די רומענישע יידן? ווי זיי וואָלטן זאָגן: "אַר־בעט, וואָס הייסט? אַוודאי, וואָס־זשע, מיר האָבן, חלילה, קיין הענט ניט דערצו? דער עיקר — אַ דאַך איבערן קאָפּ, און די קינדער זאָלן לער־נען". זיי זוכן מיט יידישע אויגן אין לופט די הסכמה.

מיר זיינען מסכים !

אַ שפּאַציר אין כּפר בילו

(צום יובל פון אַ דאָרף פון התישבות אלף)

בּידעריקע שטייען די הייזער, פאַרטונקען אין בלומען און פּרוכט־ביי־מער. די שליאַכן זיינען זאַמדיק. טייבעלעך רוען אויף שינדל־דעכער. הינער קרייען און פייגעלעך זינגען אין די צווייגן. אַ הונט איז וואַך לעבן אַ שטוב. רו און שלווה. בלייבסט שטיין פאַרוואונדערט: צי האָסטו ניט פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין אַן אַפּרו־פּלאַץ? ביסט דאָך אָבער בפירוש אָנגעקומען קיין כּפר בילו.

כ׳פרעג זיך נאָך אויף אַ חבר. ״דאָרטן לעבן דעם גרויסן אֶקאַליפּטוס״ — זאָגט מען מיר, וואוינט ער. גיי זוך דעם גרויסן אֶקאַליפּטוס צווישן הויכע רייען ביימער . . . געפונען די שטוב — מ׳ענטפערט ניט. ס׳איז אַ גאָלדענער נאָכמיטיק. כ׳בלייב זיצן אין סאָד. באַלד בין איך צוריק אויפן שליאַך.

וואו נעמט מען אַ מענטשן צו וועמען צו ריידן? כ׳בין אָנגעקומען, זעט אויס, אין אַ שלעכטער צייט, דריי אַזייגער בייטאָג אַרבעט מען. פון ווייטן זע איך אַ פערד און וועגעלע אָנקומען, מסתם זיצט דאָרט אַ מענטש. כ׳פרעג זיך נאָך אויף אַ חבר.

״ער איז היינט ניטאָ אין דאָרף״, — הער איך.

״וואו איז די אַדמיניסטראַציע?״

מ׳ווייזט מיר אַן די שטוב. ס׳עפנט מיר די טיר אַ פּקיד (באַאַמטער) און ער זאָגט: ״חברה, ביסט טאַקע געקומען?״

״וואָס מיינסטו?״ — פרעג איך אַ פאַרוואונדערטע.

״כ׳האָב געקוילנגען״, זאָגט ער, ״זאָלסט היינט ניט קומען, ווייל די חברים וועלכע דאַרפן דיך אויפנעמען זיינען היינט ניטאָ״.

איך באַרואיק אים: ״ס׳מאַכט ניט אויס, כ׳וועל זיך דערווייל אַליין באַקאַנען מיטן דאָרף און צוואַרטן ביז די חברים וועלן קומען״ . . .

באַין ברירה שפּאַן איך שוין ווידער איבערן שליאַך. די זון שפּיגלט די הויכע ציפּערן ביימער. עס באַווייזן זיך שוין דורכגייער. כ׳שטעל אָפּ די ערשטע פרוי און איך שטעל איר אייניקע פראַגן וועגן בילו. זי הייסט פאַניע קליגער, איינע פון די וותיקות, פון די ערשטע 50 משפחות וועלכע זיינען מיט 25 יאָר צוריק אַרויף אויף דער ערד. דאָס איז געווען די גרופּע: ״אינטענסיווע א״, פון רחובות.

״שווערע יאָרן זיינען מיר דורכגעגאַנגען אין דעראָבערן געגנט ערד, און אין אַרויסציען פון איר חיונה. מיר האָבן זיך פאַרדונגען אויף דרויסנדיקער אַרבעט כדי מפרנס זיין די משפחה. אין די שבתים און ימים־טובים, און נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין ׳דרויסן׳, האָבן מיר צעאַקערט און געפלאַנצט אונדזער שטיקל ערד. מיר פרויען האָבן גע־אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. די קליינע קינדער האָבן מיר געלאָזט ביי אַ שכנה. פאַרטאָג פלעגט מען אָפּבאַקן ברויט, אַנגרייטן די קינדער עסן און זיך יאָגן אַנצוקומען אין צייט צו דער אַרבעט. דערנאָך האָט גע־וואַרט די שטוב־אַרבעט, וואַשן, נייען, קאָכן. דעם ערשטן קינדערגאַרטן האָבן מאַמעס אַליין אָנגעפירט. יעדן טאָג, לויט דער ריי, איז געווען אַן אַנדער מאַמע די לערערין . . . אַזוי האָבן מיר געבויט דעם דאָרף און דערצויגן אַ דור וואָס איז אויפגעוואָקסן מיט די ביימער פאַרוואָרצלט אין דער ערד״ . . .

שפּאַצירנדיק ווייטער האָב איך באַמערקט אַ גרעסערן בנין, ער איז געווען פאַרשלאָסן. דורך די פענצטער האָב איך געזען הענגען בילדער פון יוגנט אין שוואַרצע ראַמען. ס׳איז אָנגעקומען דער פּקיד און מיך געפרעגט ווי עס גייט מיר. ״אויסגעצייכנט״ — האָב איך געענטפערט. צי וואָלט ער מיר געקאָנט עפּעס דערציילן וועגן די זין אין די שוואַרצע

ראַמען? — אין דעם מאָמענט איז צוגעקומען אַ פֿרוי אין אַרבעט־קליי־
דער און געפֿרעגט: ווער בין איך? וואָס וויל איך וויסן?

„אַזוי, אַ עתונאית? (אַ זשורנאַליסטין). שרייבט נאָר דעם אמת",
ווענדט זי זיך צו מיר אין אַ שטרענגן טאָן. „דער עיקר זאָל מען דער־
קאָנען ריכטיק די פֿרוי אין ישראל", — זעצט זי פֿאָר אירע פֿאָדערונ־
גען...

„כ'בין אָבער ניט געקומען נאָר שרייבן וועגן פֿרויען", אַנטשולדיק
איך זיך.

„גוט, כ'וועל אייך דערציילן וועגן אַלעמען", זאָגט זי שוין פֿריינט־
לעכער. „פֿאַרוואָס שטייט מען אין דרויסן?" — ווענדט זי זיך צום
פּקיד, „ברענג דעם שליסל, נעם אויף אַ גאַסט שיין".

דאָס ערשטע מאָל אַז כ'האָב איבערגעטראָטן אַ שוועל אין בילו. מיר
זײַנען אַרײַן אין „בית־תרבות" — אויפֿן נאָמען פֿון דוד פּאַליושוק, אַ
וותיק און אַ קולטור־מענטש.

„איר זעט די קינדער? דאָס זײַנען אונדזערע שענסטע צווײַגן אָפּגע־
האַקט אין מיטן בליען... אַט זײַנען די צוויי זין פֿון רבקה גובער, זיי
זײַנען דאָ געבוירן און דערצויגן געוואָרן. ווייסט איר וואָס דער נאָמען
גובער באַדײַט אין ישראל?"

„אַביסל ווייס איך", זאָג איך. „למשל דאָס, אַז דער דיכטער ה. לײַ־
וויק האָט אָנגעשריבן, נאָך זײַן באַזוך בײַ די גוברס, אַ ליד, 'די צוויי
זילבערנע בעכער' געווידמעט דעם גרויסמוט פֿון די עלטערן, וועלכע
שטעלן אַוועק צוויי פֿולע בעכער וויין פֿאַר די זין — פּסח צום סדר..."

„איז דאָך צבי, דער ייִנגסטער, אַליין געווען אַ דיכטער, אַ גרויסער
כּוח וואָלט אַרויסגעוואַקסן", זאָגט זי, „ווען ער לעבט, אָבער ער איז
אַוועק פֿאַרזעצן דעם קאַמף, ווען זײַן ברודער אפרים איז געפֿאַלן...
און אַזוי די אַנדערע". זי ווישט זיך די טרערן בשעת זי דערציילט וועגן
יעדערן באַזונדער אַ הערצאיש קאַפּיטל...

„מיר וועלן מוזן בויען אַ נײַעם פּלאַץ פֿאַרן נוער (די יונגע), זיי קע־
נען דאָ ניט פֿריילעך זײַן, ווען זיי זעען כּסדר די שוואַרצע ראַמען אַרום
זייערע חברים. מיר האָבן פּראָבלעמען, מיר וואָלטן זיך אַ סך מער אַנט־
וויקלט, ווען רחובות איז ניט אַזוי נאָענט".

„האָט איר אייגענע שולן? אַ ביבליאָטעק?"

„קיין שולן האָבן מיר דאָ ניט, נאָר אַ ביבליאָטעק. לעצטנס ברענגט מען אַהער אויך אַ פֿילם צו ווייזן, אָבער רחובות איז אַ נאָענטע שטאָט".

גאָר איז אַז אַנדער טאָן הער איך:

„איך בין געוועזן אויפֿן וועג צו צעאַקערן די ערד פֿאַר קרויט — כ'וועל שוין היינט ניט אַרבעטן".

צי וועל איך איר נאָר דערלויבן גיין איבערבייטן די קלייד?

זי איז צוריקגעקומען און מונטער מיך געלאָדן אין שטוב.

אַ גרויסע שאַפֿע ביכער גריסט דאָס ערשטע דעם אַריינגייער. אַ סך בילדער אויף די ווענט, בלומען, פֿרישע פֿרוכט, אויך האַנט־געשטריקטע טישטעכלעך. אויף דער ערד זיצט אַ יונג בחורל, מיט דער פּלייצע צו דער טיר. ער איז פֿאַרטאָן אין איבערלייגן אַ פֿאַליצע ביכער. ער דרייט אויס דעם קאָפּ, ערשט ווען די מאַמע זאָגט אים אַז אַ גאַסט איז אַריינגעקומען . . .

די חברה זיבה איז פֿול מיט ליוב און באַוואונדערונג פֿאַר די פֿרויען פֿון כפר בילו. „איר מוזט זיך מיט זיי באַקאַנען!"

כ'טו אַ קוק אויפֿן זייגער, ס'איז שפּעט. כ'קאָן שוין קיין סך ניט באַזוכן, כ'האָב דאָ צופֿיל אַרומגעשפּאַצירט . . . „כ'וואָלט זייער וועלן ריידן מיט אַ חבר אין דאָרף".

„מיר וועלן באַלד אַריינגיין צו קבצנען, פֿריער מוזט איר עפּעס טועם זיין".

זי אַנטשולדיקט זיך וואָס זי לאַדט מיך אין קיך. כ'זיץ לעבן אַ ברייטן טיש. זי דערלאַנגט פֿון כל־טוב.

„פֿיר־און־צוואַנציק יאָר לעבן מיר אין דער שטוב. פֿריער איז געווען נאָר איין צימער, ערשט דערנאָך האָבן מיר צוגעבויט די שטוב. איר זעט אָט־דעם שטאָל?" — ווייזט זי מיר דורכן פֿענצטער, — „אַ יאָר צייט האָבן מיר אין אים געלעבט איידער מיר האָבן זיך אויסגעבויט אַ צימער".

זיצנדיק אין דער געראַמער קיך, וואו עס שטייט אַ גרויסער מקרר („רעפֿרידזשערייטאָר"), וואו ס'קוקט אַרויס שיין געשיר פֿון שאַפֿעס, וואו קאָרידאָרן פֿירן אין עטלעכע צימערן, איז שווער צו גלויבן, אַז אין יענעם קליינעם שטאַלעכל האָבן זיי געלעבט אַ יאָר צייט . . . עס קומט אויפֿן געדאַנק וועגן די נייע עולים, ווי שווער עס איז פֿאַר זיי צו גלויבן

און פאַרשטייז, אַז די וותיקים האָבן אַזוי אָנגעהויבן . . .

איך מוז דורכויס מיטנעמען אַ ביסל מאַנגעס — די לעצטע שוין פונעם בוים — בעט זיך זיבה.

"וויפל דונאַם ערד האָט יעדערער? און ווער באַאַרבעט זי?"

"מאַקסימום האָט אַ משפּחה 25 דונאַם. מיין מאַן אָבער קאָן זיך ניט אָפּגעבן מיטן משק, ער אַרבעט אין תל־אביב. אַ צאָל וותיקים אַרבעטן אויסערן משק", זאָגט זי.

"און די ערד?"

"מיר אַנטוויקלען נאָר אַ טייל, געבוג פאַרן אייגענעם געברויך".

"איך מוזט מיט מיר אַריינגיין כאָטש אויף איין מינוט צו ליזאַ פאַ־ליושוק", בעט זיך ביי מיר שיר ניט חברה זיבה.

עס באַגעגנט אונדז אַ פרוי אין דער געשטאַלט פון אַ "ליבער מוטער". זי לאַדט אונדז צום טיש, וועלכער איז מאַסאָווע און ער דערציילט גע־שיכטע "פון יענע טעג" . . .

"מיין מעבל איז די זעלבע וואָס געווען, איך דאַרף ניט בייטן", זאָגט זי שטיל. זי הייבט אָן דערציילן ווי אַזוי זי און איר מאַן האָבן געאַרבעט ביי "זיף־זיף" און געלעבט אין עכו מיט אַראַבער און פאַרבליבן פריינט מיט זיי, אַז אפילו לעצטנס האָבן אַראַבער פון עזה איבערגעשיקט גרוסן קיין בילו . . . איין זון האָט ליזאַ — איז ער "דער שיינדליק פון דאָרף", כאַפּט אונטער זיבה. זיי וואוינען צוזאַמען. די צימערן ביים יונגן פּאָר־פאָלק זיינען מאָדערנע, אין העלע קאָלירן דאָס מעבל — אַ קאָנטראַסט פון צוויי עפּאָכעס אין איין שטוב.

"אַרבעט איר נאָך אין משק?"

"ניין, שוין ניטאָ די כוחות, איך באַשעפטיק זיך מיטן אייניקל און לייען אַ גוט בוך".

זי באַדויערט וואָס איך אייל זיך.

"איר מוזט עפּעס מיטנעמען פון אונדז".

זיבה פילט ווידער אָן דאָס קיישעלע מיט אַ נייער פּרוכט . . . די וואַרעמקייט פון די פרויען נעמט דורך ביז די טיפענישן.

צום חבר קבצן זיינען מיר אָנגעקומען שוין שפּעט אין אָוונט. ער איז ניט געווען אין שטוב. די פרוי, צפורה, אַ קורץ געוויקסיקע, מיט אַ שטייף ברוינעם פּנים, איז געווען פאַרטאָן אין הויף ביים גרייטן עסן

פאַר די הינער. מאַטע עלעקטרישע ליכטלעך, געצווייגן איבער דראָטן, האָבן באַלויכטן די פולע שטייגן. זיבה האָט איר געלאָזט וויסן אַז אַ גאַסט איז געקומען. זי האָט זיך אַנטשולדיקט וואָס זי איז נאָך באַשעפ־טיקט ביי דער אַרבעט.

"אַזוי שפּעט אַרבעט איר נאָך אין דרויסן?"

"ס'איז ניטאָ קיין שפּעט", זאָגט זי, "ס'איז דאָ נאָר אַ סך אַרבעט. מיר האָבן לאַנד, בהמות, הינער, בלומען־צוכט. מיר טוען אַלץ אַליין — מיר זיינען חקלאים (פאַרמער)".

"אָבער אַז אַ משק איז אַזוי פאַרצווייגט, דאַרף מען דאָך האָבן הילף".

"מיר גלויבן ניט אין אָנשטעלן אַרבעטער, דאָס מיינט אויסנוצן יע־נעם. מיר דאַרפן לעבן פון אייגענער מי".

צפּורה דערציילט ווי אַזוי זי מיט איר מאַן אַרבעטן אַליין (אַמאָל האָבן די קינדער געהאָלפן) — און וואָס זיי האָבן מיט אייגענער פּראַצע דערגרייכט. דער געשפּרעך קומט פאָר אין הויף.

"מירן אויפוועקן די הינער", בעט זי צפּורה, "לאָמיר אַריינגיין אין שטוב".

"ס'איז שפּעט, ווען קומט אייער מאַן?"

"תיכף".

זי איז מכבד מיט פרישער מילך. איך באַמערק, אַז די שטוב איז נעט געראַמט.

"ווען באַווייזט איר צו טאָן די שטוב־אַרבעט?"

"איך געפין אויף אַלץ צייט", ענטפערט זי מיט אַ שמייכל, — "אַפילו אויף קולטור־אַרבעט אין דאָרף, זאָל זיבה זאָגן. אַז מיר ווערט ניט צו־געגרייט קיין פייערונג, קיין פּראָגראַם".

ס'קומט אַריין איר מאַן. אַ הויך, ברייט־פּלייציקער, קרעפטיקער גוף, אַן אָפן, ברוין שמייכלדיק פּנים, שטייף־מוסקולירטע הענט, אַ בראָנזע־נער ברוסט־קאַסטן זעט זיך אַרויס פון דער ווייסער העמד. ער זעצט זיך ביים טיש, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, און "איז גרייט צו הערן".

"גרייט צו הערן בין א י ך", זאָג איך.

צפּורה העלפט אָנהייבן דעם געשפּרעך.

"די שרייבערין וואונדערט זיך פאַרוואָס מיר אַרבעטן אַליין אין משק".

"ווייל מיר שטעלן פרינציפיעל ניט אַז קיין אַרבעטער", פאַלט ער אַריין אין די רייד.

"צי דענקט איר ניט אַז די צייט האָט אַריבערגעלעבט די פּרינציפּן? מיר לעבן דאָך אין אַ תקופה פון קליטת עליה, פון בנין הארץ", זאָג איך, — "צי איז באַשעפטיקן נייע עולים אַז עוולה?"

"אַז מ'וויל איז דאָס אַז עוולה", זאָגט ער. און ער נעמט דערציילן וועגן דער "גרונט־אידייע" פון לעבן אויף אייגענער ערד. "עס וואָלט שוין געווען זייער שלעכט ווען אַלע וואָלטן אויפגעגעבן דעם געדאַנק אַז אַ משפחה קאָן זיך מפרנס זיין פון אייגענער אַרבעט. ווי אַזוי וועלן מיר דערציען די נייע עולים צו זיין חקלאים? מיר מוזן זיי וויַיזן די אידייע!"

איך פיל, אַז כ'וועל אַוועקגעטראָגן אין אַ שיינער, ווייטער וועלט פון זיינע רייד . . . כ'וואָג אים דאָך איבערשלאָגן:

"אין ליכט פון היינטיקערווירקלעכקייט, ווי קאָן מען זיין אַ חסיד און נאָר גלויבן אין תורה שבכתב? ווי וואָלט דאָס לאַנד אויפגענומען די עולים, ווען אַלע חקלאים, קבוצים, האַלטן זיך אַזוי שטרענג ביי די פּרינציפּן?"

"מיר האָבן אויפגענומען עולים", ווערט זיין שטים האַפערדיק. "50 נייע משפחות פון פּוילן לעבן אין 'בילו הרחבה'. זיי האָבן ניט גרינג אָנגענומען דעם געדאַנק, צוערשט חושד געווען, ניט פאַרשטאַנען צו וואָס . . . מיט געדולד האָבן מיר זיי געלערנט, באַקומען פאַר זיי ערד, געהאָלפן זיי בויען זייערע הייזער, זיי האָבן שוין אַ שיינעם משק, זיי ווייסן שוין אַפילו וואָס ס'הייסט פאַרקויפן מיט אונדז קאָאָפּעראַטיוו די פּראָדוקטן, עס לעבט זיך זיי גוט. די קינדער, גאָלדענע יוגנט, זיי וואַקסן מיט אונדזע, זיי וועלן זיין חקלאים".

"היינט, אינעם יאָר פון אונדזער יובל, נאָך 25 יאָר, אַז מיר דער־מאָנען זיך וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען: אַנטוישונגען, שרעק פון ניט אויסהאַלטן (אַ סך חברים זיינען טאַקע אַוועק אינמיטן), קיין סוב־סידיעס פון דער רעגירונג זיינען ניט געווען . . . און אַז אונדזערע פּרדסים האָבן שוין גענומען געבן פּרוכט, זיינען געקומען די מלחמה־יאָרן, מיר האָבן פאַרלוירן זיך . . . אָבער אונדזער גלויבן צו בויען אַ משק האָט גובר געווען אַלץ!"

"מיר מוזן, ליידער, איבעררייסן דעם געשפּרעך", זאָג איך, "כ'וועל

שוין באַלד ניט האָבן מיט וואָס אַהיים צו פֿאָרן".

"ס'איז דאָ תחבורה ביז שפּעט, זיצט נאָך רואיק", בעט זיך צפּורה. אינעם אויגנבליק ברענגט זי אַריין אַ בוקעט בלומען, דאַליעס ווי די בערן, די קאָלירן פֿאַנטאַסטיש. — "נעמט זיי מיט, דאָס איז מיין אַר־בעט! איר דאַרפֿט אונדז נאָכאַמאָל באַזוכן".

"פֿון איין באַזוך לערנט מען ניט די גאַנצע תורה".

"מירן זיך שוין טרעפֿן ווי אַלטע פֿריינט", זאָגט זיבה אַ צופֿרידענע.

אַלע הייבן זיך אויף מיך באַגלייטן. מיר שפּאַנען דורכן הויף. די הינער שלאָפֿן. דעם הונט גיט מען אַ צייכן ניט צו בילן. די ריחות פֿון דער נאַכט פֿאַרשיכורן. דער הימל איז אַן שטערן, איך זע ניט דעם וועג. זיי אָבער שפּאַנען מיט זיכערע טריט. זיבה טראָגט דאָס שווערע קיישל פֿרוכט פֿאַר מיר, און צפּורה — די בלומען.

"אַט באַלד איז שוין דער כביש (שאָסיי)", טרייסטן זיי מיך. און מיר איז אַנגענעם וואָס דער כביש איז נאָך ווייט. דער גאַנג איז אַ וואָרע־מער, אַ געלייטערטער. כ'טראַכט שטיל: "געבענטשט זאָלן זיין די יחידי־סגולה, די גלוביקע, וואו זיי זאָלן ניט זיין!"

עס טוט אַ בליץ אויף דאָס גרויסע ליכט פֿונעם אַנקומענדיקן אויטאָ. "אַזוי ווי יונגע" לויפֿן זיי אים כאַפּן . . .

"פֿאַרגעסט ניט אָפּצופֿאַרען די בלומען מיט זודיקע וואַסער, וועלן זיי לענגער לעבן", — זאָגט צפּורה.

מיט וואַרעמען האַנט־דרוק געזעגנט מען זיך.

"פֿאָס גוט אויף אויף איר", בעטן זיי דעם שאָפֿער.

"איך זע אַז איר האָט דאָס שוין געטאָן", זאָגט ער מיט אַ שמייכל.

כ'בלייב זיצן איינגעדעקט מיט די בלומען. פֿון זייערע ריחות, און די איבערלעבונגען פֿון טאָג, ביז איך דעם גאַנצן וועג פֿאַרכישופֿט . . .

אַ ניט־געוויינלעכע מסיבה אין אגודת עתונאים

אַוודאי, אַז איר וועט ריידן מיט אַ נייעם עולה, אַפילו אַן אינטעליגענטן, וועט ער אייך באַלד זאָגן: "וואויל איז אייך, איר זענט שוין אַ וותיק אין לאַנד" . . . ווער עס איז אָבער בייגעווען ביים גמר האולפּן פון עתונאים (זשורנאַליסטן) אין בית־סוקולוב, פון נייע עולים, וועלכע זיינען בערך אַ יאָר צייט אין לאַנד, דעם ווילט זיך זאָגן (כאָטש זיי וועלן דאָס אַזוי גרינג ניט פאַרשטיין) — "וואויל איז אייך צו זיין היינט אַן עולה חדש".

די שרייבערין פון די שורות איז מיט ניין יאָר צוריק געווען אַן עולה חדשה אין ישראל, און ווי אַנדערש איז דעמאָלט געווען . . . ניט דאָס לאַנד האָט זיך געקאָנט פאַרגינען ווי עס דאַרף צו זיין אויפצונעמען די אַנשי רוח, און ניט זיי אַליין האָבן געהאַט דעם מוט און דעם שכל צו פאָדערן ערשטע הילף, באַלד לערנען גרינטלעך די שפּראַך, כדי וואָס גיכער זיך קאָנען איבערפלאַנצן אויף דעם נייעם באָדן; און דער רעזולטאַט? — אָ, ניין, כ'וויל ניט, חלילה, שווער מאַכן די הערצער פון די היינטיקע גראַדואַנטן־זשורנאַליסטן און שרייבער, בעסער זיך מיטפרייען מיט די מחותנים, די 100 תלמידים (מערסטנס פון פוילן), וועלכע פייערן היינט דעם יום־טוב פון ענדיקן אַן אולפּן נאָך פיר חדשים לערנען.

אולפּנים, וואו אימיגראַנטן לערנען עברית, איז שוין לאַנג ניט קיין נייעס אין ישראל, אָבער אַן אולפּן ספּעציעל פאַר "פּען־מענטשן", איז נאָך ביז איצט ניט געווען, בפרט אַז דער אולפּן איז בפירוש צושטאַנד געקומען אַ דאַנק די קאָלעגן־וותיקים פון זשורנאַליסטן פאַריין. אמת, מ׳קאָן זאָגן, אַז אין דעם זיינען "שולדיק" צום גרויסן טייל, די איצטיקע תלמידים אַליין (נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי האָבן געהאַט פריערדיקע ידיעות אין עברית), די מערסטע האָבן פּשוט די צורה פון אַן אלף ניט געקאַנט . . . און כלערליי דאגות האָבן זיי נאַטירלעך אין ישראל אויך ניט געפעלט ביים אָנקומען, אָבער צו זייער גרויסן נייגער באַלד זיך נעמען גרינטלעך לערנען עברית, איז ממש קיין גלייכן נישטאָ. אָט־דער דורשט צו דעראָבערן די נייע שפּראַך, האָט זיי געפירט צו די געהעריקע אינסטאַנצן. זיי זיינען איינציקווייז געקומען צו קאָלעגן מיט זייערע בקשות, און די טיר איז פאַר זיי ניט פאַרמאַכט געוואָרן; פאַרקערט — אַ חברישע האַנט איז אויסגעשטרעקט געוואָרן.

דער זשורנאַליסטן פאַריין אין תל־אביב האָט געגרינדעט פאַר זיי אַן אולפּן, טאַקע אין בית־סוקולוב, פריי פון יעטווידן אָפּצאָל, מיט געטרייע און פאַסיקע לערער (2 כיתות), פינף מאָל אַ וואָך האָבן די לערער עט־לעכע שעה אַ טאָג "אַריינגעקלאַפּט תורה" אין די דאָזיקע תלמידים. זיי האָבן מיט גרויס מסירת נפש געטאָן זייער אַרבעט. דאָס האָט מען היינט ביי דער פייערונג באַשיינפּערלעך געפילט און געזען, בשעת די גראַ־דואַנטן זיינען געזעסן און צווישן זיך גערעדט עברית, ווי די שפּראַך וואָלט פון תמיד אָן געווען זייערע . . .

כאָטש ס׳איז באַוואוסט, אַז די אולפּנים אין לאַנד באַקומען שטיצע פון די רעגירונגס־אינסטאַנצן, ווי: בילדונג־אַמט, אַבסאָרביר־אָפּטייט לונג פון דער אַגענטור, ווי אויך פון אַרבעט־אַמט איז עס אָבער אַ זעל־טענע דערשיינונג, אַז ביי אַ גמר אולפּן זאָלן בייזיין מיניסטאָרן און הויכע באַאַמטע פון די באַטרעפנדיקע אַנשטאַלטן.

דן פינס, דער פאָרזיצער פון דער מסיבה, וועלכער איז דער איצטיקער סעקרעטאַר פון זשורנאַליסטן פאַריין) האָט זיך ניט געשעמט צו זאָגן דעם אמת אין זיין באַגריסונג: "ווי אומעטום, זיינען אויך צווישן די נייע זשורנאַליסטן דאָ די וואָס מ׳רופט ׳מקרים קשים׳ (שווערע פאַלן), דאָס הייסט, ניט אַלע וועלן אַזוי גיך קאָנען איינגעגלידערט ווערן אין

צייטונגס־אַרבעט, זיי וועלן דאַרפֿן זוכן אַנדערע אַרבעטן. אין דער זעלבער צייט, אָבער, אַרבעטן שוין, זינט איייניקע חדשים, 14 זשורנאַ־ליסטן אין צייטונגען און זיי ווייזן אַרויס פֿייאיקייט אין דערלערנען די אַרבעט אויף עברית".

כדי צו דערמעגלעכן אַז די צייטונגען זאָלן זיי אָנשטעלן, האָט דער אַרבעט־אַמט פֿאַר דעם צוועק בייגעשטייערט פֿינף טויזנט לירות. דער אַרבעטער־מיניסטער, מרדכי נאַמיר, דריקט אויס זיין צופֿרידנקייט וואָס ער קאָן פֿערזענלעך ברענגען סיי די באַגריסונג פֿון זיין מיניסטע־ריום, און סיי אינעם אייגענעם נאָמען. צווישן אַנדערעס זאָגט ער: "אומעטום איבער דער וועלט זיינען די טירן פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַ־ריינען פֿאַרשלאָסן מיט טויזנט שלעסער פֿאַר נייע מענטשן; ביי אונדז זיינען די טירן אָפֿן. דאָס העלפֿט צו פֿאַרגרינגערן אייערע אויסזיכטן אויף מאָרגן. דוכט זיך, אַז דווקא איר וועט ניט אַרומגיין ליידיק... איך גלויב איר וועט געפֿינען אייער וועג, און דער עיקר, די פּראָפֿאַרציע, צו קאָנען אויסשפּילן אייערע גרויסע פֿליכטן, און איר זאָלט שפּעטער קאָ־נען אויפֿנעמען אַנדערע, וועלכע וואַרטן אָנצוקומען אַהער".

די ערנסטקייט אויף די געזיכטער פֿון די גראַדואַנטן האָבן עדות געזאָגט, אַז ס'איז זיי שווער זיך צו דערמאָנען ווען און וואו זיי האָבן געהערט אַזעלכע רייד פֿון אַן אַרבעטער־מיניסטער...

ווען דער דירעקטאָר פֿון אולפּן איז געבעטן געוואָרן צו ריידן, האָט ער אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט אָנהייבן, איבער די שטאַרקע "קלעפּ" וואָס ער האָט באַקומען פֿון די תּלמידים...

"איר האָט זיך זייער גוט באַמיט", האָט ער געזאָגט מיט האַרץ, "ווייל איר ווילט זיין וואָס איר זענט געווען. איר האָט זיך אויך אָנגעשלאָגן אין שוועריקייטן, ניט ווייל אייך פֿעלן ידיעות, נאָר ווייל אייך פֿעלט נאָך 'יידישער וויסן'. מיר האָבן זיך באַמיט צו אַנטפּלעקן פֿאַר אייך דאָס לאַנד מיט אַלע פּראָבלעמען... עס איז ניט גרינג צו קומען און ליב האָבן אַלץ... פֿאַרשטיין אַלץ... מ'מוז מוותר זיין אַ סך. מיר האָבן געהערט אייערע טענות, אַז ניט אַלץ שטייט נאָך אויף דער געהעריקער הויך. מיר האָפֿן אָבער, אַז איר זאָלט קאָנען פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אַלץ איז דאָ געבוירן געוואָרן... אויב אונדזער באַמיאונג אייך צו לערנען

פאַרבינדן דעם עבר מיטן היינט, איז אונדז אַביסל געלונגען, זאָגן מיר: דיינו!"

אינעם זעלבן פּאַטערלעכן טאָן פאַרענדיקט ער: "איך געדענק ווי שיין איר האָט אויפגענומען טיילן פון הגדה און מקרא, דאָס ווייזט אַז איר קומט אַהין ... זייט מצליח!"

נאָכדעם איז געווען נאָטירלעך צו הערן אַ באַגריסונג פון אַ תלמיד, שמעון קאַנץ, וועלכער אַרבעט שוין, אגב, זינט זיין אָנקום אין לאַנד, ער איז דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער וואָכנצייטונג, וואָס די מפּא"י גיט אַרויס (אויף יידיש), "ישראל טאָג־איין, טאָג־אויס". שמעון קאַנץ איז טאַקע איינער פון די ווייניקע וועלכע האָבן פון פריער געהאַט גוטע קענטעניש אין עברית: "כ'האָב געמיינט כ'וועל ניט קענען ריידן, אפשר איז גאָר מיין כוח נאָר אין דער פען, האָב איך מורא געהאַט ... פּלוצלונג איז מיר גרינג צו זאָגן דאָס, וואָס מיר אַלע פילן. די ערשטע טעג אין לאַנד האָבן מיר ניט געפונען די וואַרעמקייט וואָס האָט אונדז געפעלט. מיר האָבן תמיד נאָר געהערט: 'סבלנות' (געדולד) ... אָבער אין מצב פון ניט־סבלנות זיינען מיר געקומען צו אייך און געפונען די וואַרעמע האַנט". קאַנץ דערמאָנט באַזונדערס דעם נאָמען פון זשורנאַליסט מאַרק גפן און ער זאָגט: "'פּניו המסבירים' האָט אונדז געוויזן, אַז מיר זיינען ניט קיין פאַרגעסענע. מיר האָבן איצט דעם **געפיל אַז מ'האָט פאַר אונדז עפּעס געטאָן, אַז ס'איז ניט מעבאַניש**. מיר שעצן דאָס!" ער האָט אין אַלעמענס נאָמען באַדאַנקט די לערער און די באַזונדערע געטריישאַפט פון דער סעקרעטאַרין פון אולפּן, שושנה שאַקען, וועלכע האָט מיט איר גוטער באַציאונג אַ סך בייגעשטייערט צו זייערע דערגרייכונגען.

דער לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר פון תל־אביבער זשורנאַליסטן־פאַריין, משה רון, וועלכער האָט בלי ספק זיין חלק אין דער גרינדונג פון דעם אולפּן, האָט דער לעצטער באַגריסט אין אַ גאָר געהייבענעם טאָן און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ בקשה צום אַרבעטס־מיניסטער, נאָמיר: "אויף **ווייטער צו העלפן די מענטשן ...**"

די יום־טובדיקע מסיבה האָט דערגרייכט איר קלימאַקס, ווען איינער פון די תלמידים האָט פאַרגעלייענט די ערשטע זעלבסטשטענדיקע אַרבעט אין עברית, וואָס האָט עדות געזאָגט סיי אויף זיין שוין היפּשן

באַזיץ פֿון דער שפּראַך, און סיי אויף טאַלאַנט און דינעם הומאָר. אַלע אָנוועזנדיקע האָבן מיטגעלעבט די דערגרייכונג.

דער יום־טוב האָט לאַנג נאָך געדויערט אַרום די טישן און אין די קאָרידאָרן פֿונעם פּרעכטיקן בנין, בית־סוקולוב, וועלכער איז די היים פֿון די זשורנאַליסטן אין תל־אביב.

חולתה

ס׳איז שווער צו וויסן, צי וויל חולתה האָט אַזעלכע "שטאַרקע שכנים", איז דאָרטן דער חלוצישער כוח שטאַרק און פריש, ווי ער איז געווען מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען די ערשטע דרייסיק בחורים און מיידלעך זיינען אַרויף אויף דער פּלאַכער, נאַקעטער ערד. צי וויל די שכינים האָבן אַזעלכע חלוצים, זיינען זיי "בייז" און ס׳פּאַרגליסט זיך זיי אַמאָל פּרואוון זייערע כוחות אין אַ פּאַרוועט . . .

דאַרף מען היינט אַרויספאָרן אין גליל העליון זען וואָס מ׳וואָלט נישט געגלויבט פון ווייטנס, וויל פון ווייטנס ווייסט מען נאָר אַז אַ צאָל ישובים זיינען שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן פון סירישע קוילן. מ׳ווייסט אויך, אַז דאָס האָט אויפגעוועקט אַביסל די עפנטלעכע מיינונג און אַוודאי באַאומרואיקט דעם ישוב און דער רעגירונג, וועלכע האָט באַשטימט אַ באַדייטנדיקע סומע צו פאַרגיטיקן די געטראָפענע ישובים, נאָך איידער די הויכע רעגירונגס־באַאַמטע האָבן זיי באַזוכט.

מ׳ווייסט אָבער ניט גענוג וועגן דעם גרויסן פאַרמעגן וואָס די שכינים האָבן ניט מצליח געווען צו צעשטערן מיט זייערע 800 קאַנאָנען שאָסן... מ׳ווייסט ניט וועגן דעם "אינערלעכן כוח" פון יעדן איינציקן וואָס לעבט זיין טאָג־טעגלעך לעבן, זאָרגט זיינע זאָרגן און פרייט זיך מיט זיינע פריידן.

קומט מען אַריין קיין חולתה דערשרעקט אויפן ערשטן בליק דאָס בילד פון צעשטערונג. אין מיטן הויף סטאַרטשען אַרויס "סקעלעטן־

דראַטן" פון צעקרישלטע ווענט — דאָס זיינען סימנים פון דעם אַמפּי־טעאַטער . . . דער בלויער הימל שפּיגלט זיך איבער דער נאַקעטקייט.

"עס וועט זיין אַן אַנדערער, אַ שענערער", טרייסט מיך מיין באַגלייטער. די ווערטער רעדט ער אַרויס מיט אַזאַ רואיקייט, אַז דער שטאָטישער גאַסט ווערט אַזש אומרואיק . . . ווי קאָן ער אַזוי "גרינג" ריידן וועגן דעם?

ווייטער אַביסל זעט מען בלויע און ראָזע ווענט — צעלעכערטע מיט צענדליקער לעכער . . . שטיקלעך דאַך האַלטן זיך מיט די לעצטע כוחות אויף זיי.

"דאָס איז געווען די קינדערהיים". (ממש פון די וויגקינדער.)

אַ גרויל גייט דורך איבערן לייב.

"און די קינדער?" רייסט זיך אַרויס אַ פראַגע.

"אַלע זיינען געזונט און שטאַרק. אַ פּאָר מינוט נאָכדעם ווי מ'האָט זיי אַריינגענומען אין בונקער, איז די געביידע צעשטערט געוואָרן".

אונדזערע פרומע עלטערן וואָלטן אוודאי געזאָגט: "אַ נס מן השמים". און די אנשי־חולתה זאָגן: "ככה זה, היה לנו מזל!"

"וואו געפינען זיך די קינדערלעך?"

"מיר האָבן פאַר זיי דערווייל געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ, אין דער אייגענער היים גיט מען זיך אַן עצה . . ."

דער פּשוטער ענטפער דערפרייט און באַרואיקט, כאָטש דאָ און דאָרטן, וואו נאָר דער בליק פאַלט, זעען זיך לעכער אין די ווענט, גריבער אין דער ערד, האַלב־פאַרשאָטענע און האַלב־נאַקעטע.

ווערסט פאַרהאַרטעוועט אויף דיין שפּאַציר און שעמסט זיך צו פרעגן אַדער אַרויסווייזן אַ מינע פון זאָרג. דו זעסט ווי שטאַרק דער שונא האָט דאָ צעריסן די ערד און ווי גאַנץ עס איז דאָס געמיט פון די וועלכע האָבן זיי דערווייל פאַרשאָטן, און זיי שפּאַנען איבער איר מיט זיכערע טריט.

ס'איז שבת אינדערפרי. טאַטעס שפּאַנען אום מיט קינדער אין משק. מ'זעצט אַרויף קליינוואַרג אויפן "טענדער" פאַר אַ שפּאַציר. דאָס קליינוואַרג איז לעבעדיק און פרייליך . . . ניט אַזוי רואיק זיינען אָבער די קינדער אין עלטער פון צען־צוועלף יאָר. אויף זיי האָט אַביסל גע־ווירקט דאָס "אַפּטע לויפן זיך באַהאַלטן" . . . זיי גיבן אַמאָל אַ פרעג

אַז אומרואיקע פראַגע . . . איצט זעט מען ווי זיי זיינען פאַרטאָן אין ספּאָרט־שפּיל צוזאַמען מיט קינדער פון דער מושבה פון יסוד־המעלה.

חולתה פאַרמאָגט עטלעכע טויזנט דונאַם באָדן. הונדערטער פרוכט־ביימער: עפּל, פלוימען, אַפּריקאָסן, טרויבן און מאַסלינעס, גרינס און באַנוול.

פון דער אויסגעטריקנטער ערד אין חולה, וואו עס זיינען געווען פיש־רעזערוואַרן, האָט חולתה אויף איר חלק באַקומען 600 דונאַם באָדן און איצט בליט זי מיט פרישער גרינקייט צוזאַמען מיט דער אי־בעריקער ערד, וואָס גיט צו אַ באַנייטן אויסזען דעם גליל.

היינטיקן יאָר האָט חולתה דעם ערשטן שטאַב פון אירע זין און טעכ־טער אין דער אַרמיי. אַ העלפט פון זיי — געבוירענע אין קיבוץ, און אַ העלפט פון עלית הנוער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין חולתה. אַלע קערן זיי זיך אום אַהיים פון דער אַרמיי צום משק.

וואָס זיינען היינט די הויפּט־פּראָבלעמען פון חולתה? כאָטש אין חולתה איז דאָ אַ גרופּע נייע עולים פון אינדיע, "אַ גוטער עלעמענט פאַרן קיבוץ" און אַ מחנה נח"ל (נוער חלוצי לוחם), איז אָבער די אַלגע־מיינע פּראָבלעם פון פאַרגרעסערן דעם קיבוץ מיט נייע מענטשן, אויך זייערע . . . אָבער קודם־כל — פאַרשטאַרקן די זיכערקייט און צוריק אויפבויען די פאַרוויסטונג! ס'מיינט בויען גענוג בעטאָן־הייזער, וואו־הין ס'זאָל איבערגיין די יוגנט און אַנדערע חברים, וועלכע לעבן נאָך אין הילצערנע הייזער.

ווי גרויס איז געווען דער שאָדן אין געלט? עס ווערט געשאַצט ביז אַרום פערציק טויזנט פונט שאָדן (חוץ אַרבעטס־צייט). עס זיינען צעשטערט געוואָרן: דער אַמפיטעאַטער, די קינדערהיים, צוויי שול־געביידעס, איין קינדערגאָרטן, דער גאַנצער בית־חולים, דריי שיכון־געביידעס און עטלעכע הילצערנע געביידעס.

דאָס בילד וואָס מ'זעט איצט אין חולתה האָט אויף די געסט פון דער ממשלה געמאַכט ניט קיין גרינגן איינדרוק . . . גיבן צו די חברים. זינט דער באַפרייאונגס־מלחמה האָט מען אין ישראל ניט געזען אַזאַ צעשטע־רונג . . . זיי האָפן אַוודאי אַז די רעגירונג וועט מאַכן גרויסע באַמיאונ־גען צו פאַרגיטיקן די פינאַנציעלע פאַרלוסטן. דער באַזוך פון הויכע רע־גירונגס־מענטשן אין די געטראָפענע ערטער האָט זייער דערמוטיקט,

בפרט האָבן די קינדער אויפגענומען צופרידענע אַזעלכע געסט . . .

וואָס זיינען די קאָנקרעטע פּלענער איצט? ווי אַזוי וועט זיין דער נייער געבוי?

"דערווייל הענגט אָפּ דער טעכנישער פּלאַן אין די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן", שמייכלט צו מיר באַגלייטער. "אגב, וועט שוין אויך דער נייער עסצימער 'וואָס לעבט שוין לאַנג אין פּלאַן', איצטער צושטאַנד קומען". "ס'איז צו שווער", דערציילט די חברה יפה, "תמיד גרייטן די טישן עטלעכע מאָל פאַר איין מאָלצייט אין קיך. די משפחה אין חולתה האָט שוין אַריבערגעוואַקסן דעם קליינעם עסצימער".

און אחרון, אחרון, צו דער גרופּע עלטערן אין חולתה איז לעצטנס צוגעקומען אַ טאַטע מיט אַ מאַמען, פון אַ זון מיט אַ שנור און דריי אייניקלעך. זיי האָבן אויפגעגעבן אַן איינגעזעסענע היים אין תל־אביב און געקומען לעבן און אַרבעטן מיט די יונגע אין קיבוץ. געענוי אויף מאָרגן נאָך זייער קומען, האָבן זעט אויס די "שטאַרקע שכנים" פּראָטעסטירט און גענומען באָמבאַרדירן . . . ס'האָט זיי פאַרדראָסן אויף דער חוצפּה פון דעם וותיק און איינגעזעסענעם בירגער צבי קאַפּשטיין, וואָס ניט געגוג וואָס ער האָט אָפּגעאַרבעט צענדליקער יאָרן אין "המשביר", פּאַקטיש געווען איינער פון זיינע גרינדער, דאָרטן געפירט פיל יאָרן די הויפּט־בוכהאַלטעריע, דערנאָך, ערשט מיט אייניקע יאָר צוריק געפאָרן קיין אַמעריקע זיך לערנען די תורה פון באַקן ברויט און אויפשטעלן נייע מאַשינען פאַר אַ קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי "לחמנו", פון וועלכער ער איז ביז איצט געווען דער פאַרוואַלטער. דער קאַלענדאַר האָט אַ ווייז געטאָן אַז ער דאַרף אַרויס אויף פּענסיע, אָבער ניט תמיד שטימען די אַרבעטס־כוחות מיטן קאַלענדאַר, האָט דער ענערגישער מענטש גענומען זיינע כוחות, זיין פּענסיע און זיי געבראַכט קיין חולתה. האָבן, זעט אויס, די "שכנים" געזאָרגט : וואָס וועט אַ ייד מיט אַזוי־פיל דערפאַרונג טאָן אין די פּשוטע חשבונות פון אַ געוויינלעכן קיבוץ? דאַרף מען אים צושטעלן אַ סך אַרבעט, דאַרף מען אַביסל אַ רודער טאָן די ערד . . . די חברים זאָגן, שיר ניט ווי פרומע יידן — ס'איז די רפואה פאַר דער מכה. איצט זיצט דער נייער פאָטער טאָג־טעגלעך (אויפדערנאַכט נעמט ער נאָך אין צימער צו זיך אַרבעט) מיט די יינגערע בוכהאַלטערן, מ'מאַכט קאַלקולאַציעס, מ'בויט בריקן אין די ביכער,

זיין גאַנצע דערפאַרונג שפּרייט זיך אויף נייע האָריזאָנטן . . .

מיט אַ רואיקן טאָן פון גלויביקע און צופרידענע, דערציילן די נייע עלטערן אין קיבוץ וועגן זייערע פּלענער אינגיכן אָנצוהייבן זיך בויען אַ באַקוועמע היים אין חולתה. עס ווילט זיך האָפן, אַז ווען זיי וועלן פייערן זייער חנוכת־הבית, זאָלן שוין די "שכנים" ניט זיין ברוגז, און שלום זאָל זיין אין בית־ישראל !

מצבת הרצל

דער הר הרצל, וועלכער געפינט זיך אין די בערג פון יהודה, איז דער העכסטער בארג אין ירושלים. אין משך פון עלף יאָר, זינט די ביינער פון בנימין זאב הרצל, זיינען אין כ"ב אב, תש"ט, אריבערגעפירט גע־וואָרן, לויט זיין צוואה, אויף ישראלער ערד, איז דער באַרג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלטענעם אַזיס, וואָס זיין גלייכן איז שווער צו געפי־נען ניט נאָר אין ישראל, נאָר אין אַ סך לענדער.

סימבאָליש פאַר הערצלען, איז דער באַרג אַרומגערינגלט מיט קברים פון געפאַלענע אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פון ישראל. עס האָבן דאָ געפונען זייער אייביקע רו אַלע פאַרטיידיקער פון ירושלים, ווי אויך די פינף־און־דרייסיק בחורים וועלכע זיינען געפאַלן אין די חברון־בערג און די געפאַלענע אין גוש־עציון (איינער פון זיי, מרדכי קאַפּשטיין, אַ לייב־לעכער געשוועסטערקינד פון דער שרייבעריז פון די שורות). אַלע האָבן זיי מיט זייערע לעבנס פאַרצאַמט דעם וועג פון שונא, וועלכער האָט גע־וואָלט אַריינדרינגען קיין ירושלים . . .

צווישן די דאָזיקע העלדן האָט אויך געפונען איר אייביקע רו די וואונ־דערלעכע יידישע טאָכטער פון אונגאַרן, די דיכטעריז און פאַראַשוטיס־טין, חנה סענעש.

דער הר הרצל איז אַ צעבליטע פעסטונג, געשפּרייט אויף 330 דונאַם ערד, וואָס אָטעמט מיט מאַרטירערטום און גייסט, ווי נאָר מ'דערנעענ־טערט זיך צו אים . . . עלף יאָר איז הערצלס קבר געווען באַדעקט מיט

ערד און בלומען, וואס איז געגערט געווארן מיט ליבע און פארערונג וואס דאס פאלק, סיי אין ישראל, סיי פון אויסלאנד, האט אן אויפהער צוגעטראגן, קומענדיק כסדר צו גאסט צו אים . . .

היינט, אינעם הונדערטסטן געבוירן־טאג פון הערצלען, אינעם יאר תש״ד, איז אויפגעשטעלט געווארן פון דער מדינה א מארמארנע מצבה איבער זיין קבר. די אויפדעקונג פון דעם מאנומענט איז געווען אי מלוכהדיק, אי פאלקסטימלעך.

אין א בראנזענעם ירושלימער זומער פארנאכט האט צום הר הרצל געשטראמט, צופוס און אויף רעדער, דאס פאלק פון אלע טיילן פון לאנד. דער עולם, א געמישטער, וותיקים פון קיבוצים און פון שטעט, אנשי רוח און הויכע מלוכהלייט, נייע עולים און געסט פון אויסלאנד, מענער מיט שטרויענע הוטן, דאמען אין ווייסע הענטשקעס . . . פון יענער זייט שטריק וואס צאמט איצט ארום דעם בארג שטייען ווענט מיט מענטשן — קיבוץ גלויות, זיי טייטלען מיט די פינגער אויף אינעווייניק . . . קינדער פרעגן און עלטערן ענטפערן . . .

פון ביידע זייטן קבר וועלכער איז נאך פארדעקט מיט דער יידישער פאן, שטייען צוויי אקסל־בריקן פון צה״ל (צבא הגנה לישראל), ווי אויך צוויי שורות פון יוגנט־פארטרעטער פון כלערליי מיליטערישע גרופן, צוקאפנס פון קבר, אויף שמירה שטייען א מיידל מיט א בחור, גרייט אפצודעקן די פאן . . .

געגנוי זעקס פארנאכט קומען אן די גדולי הדור, דוד בן־גוריון און זלמן שז״ר. זיי פארנעמען די שטולן אין דער ערשטער ריי, קעגנאיבער דעם גרינגעשפרייטן טעפיך וואס פירט צום קבר. אינמיטן שטייט א ליידיקער שטול גרייט פארן נשיא המדינה, יצחק בן־צבי. אים פארנעמט שפעטער דער ממלא מקום הנשיא, קדיש לוז, וועלכער איז דער פארזיצער פון כנסת. דער עולם גיט אפ כבוד מיט אויפשטיין. פאטאגראפערס ווי די בינען גיבן זיך א לאז מיט זייערע אפאראטן און באלאגערן די חשובע געסט . . .

דער עולם בלייבט זיצן רואיק. אלע בליקן אנגעווענדט צום קבר, וואו עס שטייען גרייט די חזנים אין שווארצע קיטלען. מיליטערישע מושטירונג און דער ״ביוגל״ דערהערט זיך אין לופט. אין די בערג צעקלינגט באלד דאס געזאנג פון כאר: ״הללויה, הללויה״, ברענגט צוריק די עכא...

עס גייען אַרוים, איבער דעם שמאַל־געשפּרייטן טעפּיך, צום קבר, קדיש לוז, דוד בן־גוריון, זלמן שז״ר. זיי בלייבן שטיין. אויף זייערע ערנסטע פּנימער קען מען אַרויסלייענען אַ גאַנצע עפּאָכע. זייער טיפער שווייגן זאָגט איצט מער ווי רייד און זיי שווייגן אוים די היסטאָרישע עטלעכע מינוט, בשעת די מיליטערישע צערעמאָניע גייט אָן. די בלוי־ווייסע פאָן ווערט פאַוואָלינקע אַראָפּגעצויגן פונעם קבר דורך צוויי יונגע קינדער. תפילות דערהערן זיך פון חזן ווילקאָמירסקי: ״ירושלים הבנויה״ . . .

פאַר די אויגן גלאַנצט דער שוואַרצער מאַרמאָר־שטיין, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט : ה ר צ ל . אַרום און אַרום, דין גרינגראָז, געשפּיגלט אונטער גאָלדענער זון . . . די עכאָ ברענגט צוריק די קלאַנגען פון די תפילות ווי אַ דינעם אַקאָמפּאַנימענט . . . בן־גוריון, דער מענטש פון טרוים און דער מענטש פון טאַט, דער וועלכער האָט איז משך פון איבער פינף צענדליק יאָר צוגעטראָגן אַזאַ גרויסן חלק צום ווערק וואָס הייסט מדינת ישראל, ווען ער איז היינט — ראש הממ־שלה, ווענדט זיין בליק צו די יונגע זין און טעכטער אין זייערע פאַר־שיידענע אוניפאָרמען, און ער קלערט געוויס: אָט דיווירקלעכקייט האָט הערצל ניט דערלעבט צו זען, אָבער זיין טרוים איז דאָס געווען!

עס דערהערט זיך דער קדיש זאָגן פון חזן בר זכאי: ״יהיא שמי רבא״. דער עולם שטייט ווי אַ וואַנט פון מאָזאַאיק. אונטן אין טאָל ליגט די שטאָט ירושלים ווי אַ שטיינערנע פעסטונג, שפּעטע זון־שטראַלן פאַלן אויף איר . . . די שטים פון חזן : ״הוא יעשה שלום עלינו ועל כל יש־ראל״ צעטראָגט דער ווינט ווייט, ווייט . . . צווישן עולם הערט מען שטיל: ״מיר האָבן זוכה געווען . . .״

אַלע זיינען צוריק אויף די ערטער. אַ קלאָרע שטים דערציילט וועגן ״היינטיקן טאָג״. ״צוועלף יאָר נאָך דער באַפרייאונג פון ירושלים ווערט אויפגעדעקט פון דער מדינה, צוזאַמען מיט דער סוכנות, די מצבה פון בנימין זאב הערצל, וועלכער האָט געשטאַרקט דאָס הארץ פון פאָלק. ער האָט געפאָדערט דרך־ארץ און ניט רחמנות . . . די מצבה וועט ברענגען די בשורה צום גאַנצן פאָלק, פאַר ווען די טויערן פון לאַנד זיינען אָפן . . .״

דער עולם שטייט שטיל און הערט ווי עס ווערן געלייענט אויסצוגן פון הערצלס טאָגבוך אין די בערג פון ירושלים. עס דוכט זיך אַז די

ווערטער דרינגען ארויס פון דעם שווארצן מארמארנעם שטיין, וואס וועט באלד איינדעקן הערצלס ביינער אין דער ישראלער ערד.

נאכדעם ווי די גדולי־הדור האבן אפגעגעבן דעם לעצטן כבוד דעם אפ־געדעקטן קבר, האבן זיך צו אים א לאז געטאן פיל פויערים, יונגע און אלטע, אין ווייסע בלוזעס און כאקי־הויזן, אין די הענט ווייסע טאר־בעלעך וואס זיי לייגן איינציקווייז אוועק ארום און ארום הערצלס קבר. אין יעדן טארבעלע ליגט א שטיין פון ישוב און אויפן טארבעלע אויס־גענייט דער נאמען פון וואנען עס קומט. שפעטער קומט אן א "יונגע ארמיי" — קינדער אין ווייס־ און בלוי, פון אלערליי ישובים. אויך זיי לייגן אוועק, ווי בלומען, זייערע שטיינדעלעך . . . דער גאנצער עולם באלאגערט דעם קבר און שטיל איז מען זיך מתייחד מיטן "פאטער פון דער מדינה". מ'לאזט זיך דערנאך אראפ מיט די בערג וואס פירן ארויס פון בית־עלמין . . .

דער מארמארשטיין בלייבט רוען אנטקעגן דער ראם פון בלוי־ווייסע טארבעלעך, וואס יעדער נאמען אויף זיי דערציילט "מעשהלעך אן צאל" און איבער אלעמען פאלן די קופערנע זונשטראלן.

אויף אַ ליטעראַרישער שמחה

אין מיטן די זיצונגען און הייסע דעבאַטן וואָס זיינען אָנגעגאַנגען צען מעת־לעת אין ירושלים ביים אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט מען אין איינעם אַ פאַרנאַכט געקאָנט זען ווי אַ גרופּע פרויען־דעלעגאַטן איילן אַרויס פון זאַל, און שטילע, אָפּגעריסענע קלאַנגען הערן זיך: "חיים גרינבערג פּרעמיע". דהיינו? עס וועט היינט צוגעטיילט ווערן צו רחל שז"ר־קאַצענעלסאָן די ליטעראַרישע פּרעמיע, וואָס עס טיילן אויס יערלעך די פּיאָנערן־פרויען פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

דער ירושלימער אָוונט איז היינט אַ וואַרעמער און ס'איז אָנגענעם צו שפּאַצירן אין די גאַסן. אין דעם זאַל פון "ארגון אמהות עובדות" (די אַרבעטנדיקע מוטערס) האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ פּאָר הונדערט מענטשן און מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם איינגעהערט זיך צו די דערעפענונגסווערטער פון יהודית שמחונית, וועלכע האָט באַגריסט די געסט. "דאָס האַרץ איז פול", האָט זי געזאָגט, "און ס'איז שווער צו ריידן וועגן רחל שז"ר, ווייל סיי זי אַליין, סיי איר גאַנצע משפחה נערט אונדז מיט גייסט".

בתיה שמעוני האָט אינעם נאָמען פון ירושלימער חברות באַגריסט מיט אַ ברכה: "געבענטשט זאָל זיין די פרוי צווישן פרויען".

אינעם ענגן זאַל האָט געהערשט אַ שטילער רוח הקודש. אַלע בליקן פונעם עולם, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען חברי־הכנסת, בראש מיט זלמן שז"ר, וועלכער איז אַזאַ נאָענטער מחותן אויף דער שמחה...,

זיינען געווען אַנגעווענדט צום "אויבן־אָן", וואו ס'איז געזעסן באַשיידן און שטיל רחל שז"ר, וועלכע האָט היינטיקן יאָר שוין זוכה געווען צו באַקומען דעם "פּרס ישראל" פון דער מדינה, וועגן וועלכן זי האָט שפּע־טער גערעדט.

חיה סורקין האָט אין אַ געשמאַקן יידיש דערציילט וועגן "דעם גרויסן פאַרגעניגן וואָס היינטיקס יאָר ווערט געגעבן דער פּריז צו אַ חברה פון וועלכער מיר האָבן אַזויפיל געלערנט". זי דערמאָנט דעם מאַנאַטשריפט "דבר הפועלת", וואָס רחל שז"ר האָט אים פון ערשטן טאָג אָן רעדאַק־טירט 40 יאָר צייט און זי זאָגט: "פון דעם חודששריפט האָבן מיר גע־לערנט די יסודות פון דער נייער געזעלשאַפט. זאָל רחל שז"ר נאָך פיל יאָרן זיין אונדזער לערערין".

גייסטרייכע ווערטער האָט מען געהערט פון שלמה צמח, וועלכער האָט גערעדט וועגן דער סינטעז פון די דריי שותפים פון היינטיקן קול־טור יום־טוב. וועגן חיים גרינבערג זאָגט ער: "אין אים איז געווען פאַרקערפּערט אַלץ וואָס דאָס לאַנד האָט אונדז געגעבן. זיין נאָמען אַליין פאַרפליכטעט אונדז גיכער צו שווייגן, דאָס איז דער פאַרדינטס־טער לויב וועגן אים". וועגן די פּיאָנערן־פרויען זאָגט ער: "עס איז ניט קיין וואונדער וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך דעם נאָמען חיים גרינ־בערג הייליק צו האַלטן, ווייל אים האָבן זיי אַ סך צו פאַרדאַנקען אין זייער אַל־מענטשלעכער אַרבעט". און וועגן דעם דריטן שותף, וועגן רחל שז"ה, זאָגט ער: "זי איז די סינטעז פון אַרבעט און דער העברייִ־אישער ליטעראַטור. ס'איז ווי מן השמים די באַשטימונג פאַר איר דעם חיים גרינבערג־פּריז".

שרה פעדער, פאָרזיצערין פון חיים גרינבערג דערציאונג־פאָנד, דער־ציילט: "שוין פינף יאָר אַז מיר טיילן אוים אויף חיים גרינבערגס נאָ־מען פּרעמיעס. ער האָט אין אונדז איינגעפלאַנצט די פאַרבינדונג מיט אייך דאָ. פון אים האָבן מיר ביי זיין לעבן געלערנט גייסטיקע ווערטן. עס איז דעריבער געווען אונדזער נאַטירלעכער דראַנג צו באַשטימען נאָך זיין טויט דעם דערציאונגס־פאָנד".

צום סוף זאָגט שרה פעדער: "ס'איז מער ביי אונדז ווי פאַרערונג פאַר רחל שז"רס אַרבעט; ס'איז אַ טיפע דאַנקבאַרקייט", בעת זי גיט איבער די פּרעמיע צו דער "כלה פון אוונט".

אין שטילן טאָן, מיט אַ געפיל פון גרויס יראת הכבוד, זאָגט רחל שז"ר: "ס'איז מיר שווער איצט צו זאָגן וואָס איך פיל. פון אַלע מיינע לעבנס־פאַרדינסטן מאַך איך איצטער אַ חשבון־הנפש. דאָס יאָר איז מיר באַשערט געווען צו באַקומען צוויי פרעמיעס. אַזאַ פרייד איז אַפילו צו שווער מיטאַמאָל . . . איך וויל דאָך, מיט אַ ניכטערן געדאַנק, אונטער־ציִען אַ סך־הכל: פיל זיינען די אונטערנעמונגען פון אַרבעט אין אונד־זער לאַנד, אָבער דאָס וואָרט 'מדינת ישראל' זאָגט אַלץ. צענדליקער יאָרן בין איך פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג. איך פרעג זיך: וואָס זאָגט עס מיר? מיר זיינען דאָך נאָר אַ טייל פון אַנדערע באַוועגונגען, דאָך איז דאָס אַזאַ מין קייט, אַז מ'קאָן זי מיט קיין נאָמען ניט אָנרופן". זי דערציילט וועגן דער נייער פּראַקטישער אַרבעט פון באַגעגענען עולים און זי זאָגט: "אַז דעם וואָלט אונדזער אַרבעט ניט געווען געבענטשט".

וועגן דער פרעמיע ברענגט זי אַרויס אַ געוואָגטן געדאַנק: "מיר האָבן אַמאָל געטראַכט: ווער דאַרף באַקומען אַ פּריז? מיר גלויבן ניט אין דעם . . . איצט אָבער זיינען מיר אויסגעוואַקסן אין צאָל און אין באַגריף. איך אַליין פיל היינט אַז אין דער ענדערונג איז דאָ אַ ברכה". זי זעצט פאָר דעם געדאַנק, בשעת דער עולם, קאָפּ אויף קאָפּ, שלינגט אירע רייד. "אין אונדזערע רייען זיינען דאָ אַ סך חברות וועלכע פאַר־דינען אַן אויסצייכענונג. איך האָף זיי וועלן דאָס באַקומען". זי דריקט אויס אַ וואונטש אַז דער "דאָ" און דער "דאָרטן" זאָלן שטאַרקער פאַר־בונדן ווערן מיט שאַפנדיקער אַרבעט.

ווען עס באַקומט דאָס שלום־וואָרט בעבאַ אידלסאָן, הערשט נאָך אַלץ אַ געמיטלעכע שטימונג. דער עולם האָט פאַרגעסן די שפּעטע שעה, אַ גרינגן "אָפּרו" אויף די געמיטער זעט מען . . . אין קורצע ווערטער זאָגט בעבאַ אידלסאָן: "פאַר מיר, אַ חברה פון כנסת, וואו מיר פאַר־מאָגן אַמאָל מער פּראָבלעמען ווי מיר האָבן יידן אין ישראל, איז אַ פאַרגעניגן צו זיין ביי דעם היינטיקן קולטור יום־טוב. גוט וואָס מיר פאַראייניקן זיך יעדן יאָר מיטן גייסט פון דעם גרויסן פירער חיים גרינ־בערג, ווייל פיל גייסטיקע מענטשן ווערן לײדער פאַרגעסן". וועגן רחל שז"ר זאָגט זי, "זי איז ניט נאָר אַ שרייבערין און רעדאַקטאָרשע, נאָר אַ גרונט־לייגערין פון אונדזער באַוועגונג". זי דאַנקט דער פּיאָנערן־פרויען־באַוועגונג אין אַמעריקע פאַר צוטיילן צו רחל שז"ר דעם היינ־

טיקן כבוד און ווינשט איר נאָך פיל יאָרן צו זיין שעפעריש, "כדי מיר זאָלן דעם גייסט איינזאַפּן".

דער אָוונט איז געשטיגן צו פולער האַרמאָניע און גייסט, ווען רחל שז"ר האָט אים געשלאָסן מיט אַ "באַשיידענער מעלדונג". דהיינו? אַז דעם מזומן וואָס זי באַקומט פון דעם חיים גרינבערג־פּריז, גיט זי אַוועק פאַרן צוועק פון איבערזעצונג. און אַז דאָס ערשטע ווערק איבערגעזעצט צו ווערן זאָל זיין פון דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער שרייבערין רבקה אַלפּער.

אַ געפיל פון צער און פרייד האָט אַלעמען אַרומגענומען . . . מ'האָט דערלאַנגט כיבוד און געטראַנקען. לאַנג האָט מען געוואַרט אין דער ריי צוצוקומען זיך צעקושן און באַגריסן די "כלה" פון היינטיקן אָוונט.

די ירושלימער לופט איז געווען קיל און פריש, ווען דער עולם האָט זיך אַ פּריילעכער אַרויסגעלאָזט אין גאַס. מ'איז לאַנג געשטאַנען אין בינטלעך און רעדלעך ביים געזעגענען זיך . . . אויף די גאַסן האָט אין אַ וואָכעדיקן אָוונט אָפּגעקלונגען דער יום־טוב.

חנוכת הבית פון אינטערנעשאָנאַל שפּיטאָל אין באר שבע

אין ישראל איז איצט ניט קיין געוויינלעכע צייט. עס זיינען די טעג פון ערב־וואַלן צו דער פערטער כנסת. די באַפעלקערונג לעבט שוין חדשים לאַנג אין שטאַרקער נערוון־אָנשטרענגונג איבער די אַלע פּראָבּלעמען (און זיי זיינען דאָ פיל), וועלכע דאַרפן אין דער צוקונפט, דורך דער ניי־געוויילטער רעגירונג, געלייזט ווערן.

"די וועגט ריידן" טאָג־טעגלעך (אַמאָל שרייען זיי אַפילו מיט כל־ערליי צווזאָגן און באַשולדיקונגען). אָפּגערעדט שוין פון הונדערטער עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען וואָס ווערן טאָג־טעגלעך און נאַכט־נאַכטלעך אָפּגעהאַלטן איבערן לאַנד. עס שאַפט זיך ממש דער איינדרוק, בפרט פאַר אַ גאַסט אין לאַנד, ווי אַלע געוויינלעכע פּראָבלעמען וואָלטן איצט פאַרגעסן געוואָרן, ווי דאָס לעבן גופא וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, און נאָר די פּלאַטפאָרמעס עקזיסטירן . . . דאָס איז אָבער נאָר אַן איינדרוק. אין אמתן גייט אַן אין ישראל דאָס לעבן ווי געוויינלעך, און "געוויינלעך" מיינט ניט נאָר וואָכעדיקייט אַליין, עס מיינט, אַז אין מיטן אַ וואָכעדיקן טאָג קומט פאָר אַ יום־טוב.

מדינת ישראל, וועלכע ציילט קוים עלף יאָר, איז נאָך אינעם פּראָצעס פון וואַקסן, ווי אַ קינד, וואָס פרייט זיך מיט יעדן געבורטסטאָג, און מיט יעדער נייער דערגרייכונג. ניט איין מאָל זעט עס אויס, אַז אין ישראל

גייט מען פון "איין חתונה צו דער צווייטער", דאָס הייסט, מ'איז כסדר פאַרנומען מיט ימים־טובים, און איין יום־טוב זעט תמיד אויס וויכטי־קער ווי דער צווייטער . . . ס'איז, דאַכט זיך, ערשט געווען "נאָך יום־טוב" און ס'איז שוין ווידער ערב יום־טוב ! עס פרעגט זיך אַמאָל : ווען־זשע האָבן אָט־די אַלע מענטשן צייט צו אַרבעטן? און נאָך פרעגט מען זיך : ווי קאָנען דאָס טויזנטער מענטשן יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק אויפהייבן זיך און פאָרן צו אַ פייערונג, צי דאָס איז פון איין שטאָט אין דער צווייטער, צי אין ווייטן גליל, צי אין ווייטן נגב? . . . (דער באַגריף ווייט איז דאָ בכלל אַ שוואַכער . . .), אָבער ווער עס לעבט אין לאַנד און ווייסט אַז די "פאַרער" זיינען די אמתע מחותנים פון דער אָדער יענער שמחה, אַז זיי זיינען געווען די גרינדער פון דעם אָדער יענעם ישוב, וועלכער פייערט היינט אַ יובל, אַז זיי זיינען די גרונטלייגער, די בויער (און די געלט־שאַפער) פון דער אָדער יענער אינסטיטוציע, אַז זיי האָבן אַ חלק אין דעם באַפרייטן פּאַרט אין חיפה און אין אַנדערע קאַמפן, און ווער שמועסט ווען די ניי־געקומענע עולים, וועמען מ'רופט היינט "יש־ראל השניה", זיינען סתם זוכה דעם ערשטן מאָל אין זייער לעבן צו פייערן אַ יום־טוב פון וואַסער, פון עלעקטריק, אָדער פון אַ נייער שול־געביידע, צי אַ שפּיטאָל אין זייער ישוב (און אַזעלכע געביידעס וואַקסן אויס ווי איבער נאַכט, כאָטש מ'בויט זיי בייטאָג אין די היצן און אין די רעגנס . . .), ווער עס ווייסט אָט־די זייט פון דער מטבע, ווייסט אויך, אַז די ימים־טובים זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט, כן ירבו !

וועגן איינעם אַזאַ יום־טוב פון אַ נייעם שפּיטאָל, וועלכער איז דער־עפנט געוואָרן מיט גרויס פייערלעכקייט און גרויסע געסט, דווקא אין די "שטורעם טעג" פון ערב־וואַלן, — וועגן דעם נייעם שפּיטאָל אין באר שבע, פון קופּת חולים, וועלכער טראָגט דעם נאָמען "אינטערנעשאַנאַל", איז כדאַי צו דערציילן איצט.

באר שבע, די האַרץ־שטאָט פון נגב, פייערט היינט עלף יאָר פון איר באַפרייאונג. ווען עס איז מיט דריי יאָר צוריק געלייגט געוואָרן דער ווינקלשטיין פאַר דעם שפּיטאָל, האָט די שטאָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע און צוואַנציק טויזנט. דעמאָלט האָבן זיך אויף די ברייטע ליידיקע און זאַמדיקע שטחים ערד "געוואָרפן אין די אויגן" נייע באַ־

קוועמע וואוינונגען פאַר די תשובים און פאַר די וועלכע וועלן דאַרפן קומען און "ווילן נאָכניט איינשטעלן" . . . נאָר דאָ און דאָרט האָט מען געקאָנט זען אַ בן־יחיד, אַ מאָדערנע צענטראַלע געביידע, ווי די נייע קינאָ אין צענטער פון שטאָט, אָדער די "האיאַס" געביידע, דער "האָסטל" מיט אַלע באַקוועמע איינריכטונגען פאַר פּראָפעסיאָנאַלן וועלכע קומען אויף אַ געוויסער צייט אַרבעטן אינעם נגב־געגנט אין ישראל.

היינט אַז מ'פאָרט אַריין אין באר שבע, ווערט מען ערשטנס באַלד פאַרכאַפּט פונעם היימישן טומל אויף די גאַסן, פול מיט מענטשן, און מ'ווייסט ניט וואו פריער צו ווענדן דעם בליק, וועלכע נייע געביידע פריער צו באַוואונדערן . . . אָט שטייט אַ שפּאָגל נייע געביידע פון אַגריקולטור־צענטער, כדי אַז די אַלע וואָס דאַרפן דערלידיקן לאַנד־ווירטשאַפטלעכע ענינים, זאָלן ניט דאַרפן תמיד פאָרן קיין תל־אביב. אָט איז אַ געביידע פון "שקם" — קראָמען פאַר דער אַרמיי און דער גאַנצער מיליטער־משפחה פון נגב. אַביסל ווייטער שיילט זיך אויס מיט גראַציע די געביידע וואָס איז אַ "קאָמיוניטי־סענטער" אין באר שבע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער שייווער־משפחה אין אַמעריקע, אויף וועלכער זיי האָבן גרויסמוטיק בייגעשטייערט. די געביידע פאַר־מאָגט אַלע מעלות פון אַ באַקוועמער היים און פאַרוויילונג־צענטער פאַר דער יוגנט, וועלכע געניסט פון אַ שווים־באַסיין און כלערליי ספּאָרט, ווי אויך קולטורעלע פאַרוויילונג.

כיט אַ טאָן פון שטאָלץ, אָדער ווי אַז אַמתער "שטאָט־טאַטע", דער־ציילט דער בירגערמייסטער דוד טוביהו : "דאָ ניט ווייט שטעלט מען זיך איינגיכן בויען אַ גרויסע שול (בית כנסת), אַביסל ווייטער — אַ צענטראַלע געביידע פאַר מסחר, אַ בית־משפט און אפילו אַ צענטראַלן מאַרק איז אַ פּלאַן צו בויען". צווישן די געביידעס (דאָס לעצטע וואָרט אין מאָדערנער טעכניק און סטיל) — הייבט זיך אַלעמאָל אַ כוואַליע שטויב, טאַקע נאָר ווי פון אונטער דער ערד אַרויס און צעגייט זיך ביסלעכווייז ווי רויך אין לופטן . . .

דוד טוביהו האָט מיט דריי יאָר צוריק פאַרשפּראָכן, אַז ביז פינף יאָר האָפט ער זאָל די באַפעלקערונג גרייכן ביז 50 טויזנט, און היינט, אין יום־טוב פון שפּיטאָל, הערן מיר פון אים, אַז זיין "צוזאָג" איז איז אַ

גרויסער מאָל מקיים געוואָרן — די באַפעלקערונג האָט דערגרייכט ביז 42 טויזנט. אויך די אינדוסטריע וואַקסט אַרוים פון די קליינע ראַמען.

וואָלט באר שבע היינט צו טאָג געפייערט נאָר די פּאָר פאַקטן: עלף יאָר זינט דער באַפרייאונג דורך דער יידישער אַרמיי, דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג, און באַשעפטיקונג, וואָלטן מיר געקאָנט זאָגן דהיינו, איז זי אָבער היינט אַ בעל־שמחה אין דרייען. דאָס פּאַרטיק ווערן פון דעם שפּיטאָל איז דער יום־טוב פונעם גאַנצן נגב, פון קופּת חולים, פון דער הסתדרות, און אחרון אחרון — דער יום־טוב פון דעמאַנסטראַטי־ווער פריינטשאַפט מיט דער "אינטערנעשאַנאַל" פון אַמעריקע, וועלכע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק, מיט "וויזיע און גוטן הארץ" בייגע־שטייערט, דורך פאַרמיטלונג פון דער הסתדרות פירערשאַפט — אַ מי־ליאָן דאָלער צו בויען אַ צענטראַלן שפּיטאָל אין נגב. איז קיין וואונדער ניט, וואָס דוד דובינסקי, וועלכער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג פון דער הסתדרות צו קומען זיך באַטייליקן אינעם יום־טוב, איז היינט איי־נער פון די ליבע געסט ביי דער פייערונג.

אויף אַ שטח פון 300 דונאַם לאַנד אַנטפּלעקט זיך, ווי אַ קונסט־שאַ־פונג, אַ ריי געביידעס, קלענערע און גרעסערע, געשלאָסן מיט אַריינ־גאַנג־דעכלער געדעקט פאַרן רעגן, אויף אַ שטח פון 35 דונאַם שפּראַצט שוין פריש גראָז, ווי גרינע טעפּיכער געשפּרייט אַרום דער געביידע. אַרום און אַרום דעם גאַנצן שטח זיינען פאַרפלאַנצט 15 טויזנטביימער, וואָס וועלן מיט דער צייט ניט נאָר ברענגען שאָטן, ניט נאָר פאַרדעקן די נאַקעטע אינדוסטריע געביידעס ניט ווייט פון שפּיטאָל, נאָר וואָס באַזונדערס וויכטיק אין באר שבע — זיי וועלן פאַרהיטן דעם שפּיטאָל פון אַפּטע שטויב־כוואַליעס וואָס זיינען היימישע געסט אין נגב...

אין דער ערשטער געביידע, וואו עס געפינען זיך די אויפנאַם־ און לעקציע־צימערן, ערשטע הילף, בלוט־בענק און אַלע ביוראָס — הענגט ביים אַריינגאַנג צו די ביוראָס, אַ מאַלעריי פון דוד דובינסקי, אין האַר־מאָנישע לאַנד־קאָלירן פון בלוי און געל־גרין. אויף אַן אַנדער וואַנט, אין די ברייטע קאָרידאָרן מיט טאָג־ליכט באַגאָסן, הענגען אַ ריי פאָטאָגראַ־פיעס פון די סאַמע ערשטע שפּיטאָלן פון קופּת חולים. פריער זעט מען דעם צריף אין עין־חרוד, אַ הילצערנע געביידעלע צווישן הויכע גראָזן; שפּעטער, אַ שפּיטאָל אין עפולה, וואָס האָט שוין באַדינט אַ שטיק עמק,

און דערנאָר, ווי אַ גאָלדענע קייט — ביז ביילינסאָן, ביז קאַפּלאַן, ביז — באר שבע! אַ וואַנט וואָס אָטעמט מיט לעבעדיקער געשיכטע און זי דערציילט, ווי ווייט מ'קאָן מיט ווילן און גלויבן, אין אַ פּאָר צענדליק יאָר, אַוועקשפּאַנען...

אין דער צענטראַלער געביידע, וואָס איין האַלב באַשטייט פון צוויי שטאָק, און אַ צווייטע האַלב פון פיר שטאָק, געפינען זיך די הויפּט־אָפּ־טיילונגען: כירורגיע ("עיר־קאָנדישאָנד"), אינערלעכע קראַנקייטן, אויגן, אָרטאָפּידיע, רענטגען, פאָרשונג, אַפּטייקן, היגיענע רעזערוון, ווי אויך די קיך מיט עכסט־מאָדערנער אויסשטאַטונג, און עס־צימערן פאַר דעם פּערסאָנאַל.

צוויי באַזונדערע געביידעס זיינען דאָ. איינע פאַר געווינערינס און איינע פאַר קינדער. ביידע זיינען באַזאָרגט מיט לופט־קילונג. פאַר דערוואַקסענע זיינען גרייט 150 בעטן; פאַר קינדער — 80, און פאַר געווינערינס — 70. צוזאַמען 300 בעטן. אין יעדן צימער זיינען דאָ פון דריי ביז זעקס בעטן. איצטער שטייען זיי פריש־געשפּרייט און די ציכטיקייט בלענדט דאָס אויג. ס'דוכט זיך, אַ שטילע תפילה גייט אויף פון זיי: "לאָמיר לאַנג נאָך קאָנען אַזוי ליידיק שטיין".

יעדער צימער האָט אַ ארויסגאַנג צו אַ אָפּענער טעראַסע קעגנאי־בער גרין־געשפּראָצטן גראָז. אַרום דעם שפּיטאָל איז שוין אויפגע־שטעלט אַן אינטערנאַט־שול פאַר "שוועסטער" (90 אין צאָל), ווי אויך אַ קליניק וואָס וועט באַדינען דעם גאַנצן נגב. די צאָל באַשעפטיקטע אין שפּיטאָל זיינען היינט שוין אַרום 400. אין הויף זיינען דאָ כלערליי רע־זערוו־געביידעס פון אינסטרומענטן, באַלויכטונג, וואַסער, — אין פאַל פון אַן אויסנאַם־צושטאַנד...

דורך די לאַנגע קאָרידאָרן שפּאַנט מען אַראָפּ אין קעלער (אויך "עלע־וויטאָרס" זיינען דאָ). "אין פאַל פון אַן אומגליק, חלילה, למשל, אַז די געביידע זאָל איינפאַלן", זאָגט משה סאָראָקע, וועלכער איז אָפיציעל דער פינאַנץ־סעקרעטאַר פון קופת חולים, און אומאָפיציעל "דער גאַנ־צער שולדיקער" פון אַלע לעצט־אויפגעקומענע שפּיטאָלן, ווי ביילינסאָן, קאַפּלאַן און איצט, באר שבע. מיט לייב און לעבן ווידמעט ער זיך צו פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־טרוים — אויפשטעלן וואָס מער און וואָס בעסערע שפּיטאָלן אין לאַנד. פון אים הערן מיר, אין געהייבענעם טאָן

איצט: "אין דעם קעלער קאָנען זיך אַלע ראַטעווען... ער איז אַזוי גע־בויט, אַז אַפילו, חלילה וחס, אין אומרועז, זײַנען מיר פאַרזאָרגט מיט "באַהעלטעניש", און ער ווײַזט אַז אויף די טירן וואָס פירן אין באַהעל־טעניש... איבערן קאָפּ, געצווײַגן און געדרייט, הענגען כּלערליי רערן, וואָס גיבן דעם איינדרוק ווי מ'וואָלט זיך געפונען אינעווייניק אין די געדערים פון אַ שיף...

"איר האָט געמאַכט אַ גוטן דזשאָב", הערט זיך די פרייל־עכע שטים פון דוד דובינסקי.

די אמתע באַגייסטערונג איז געקומען צום אויסדרוק ערשט אין דרויסן, ווען מ'האָט זיך אַרויסגעלאָזט באַקוקן די ברייטע שטחים לאַנד וואָס רינגלען אַרום די געבײַדעס מיט פרישן גראָז, מיט אַלייען פעלד־בלימעלעך אין רויט־געל און פיאָלעט קאָלירן, בעת פון ווייטנס זעען זיך די דעכער פון נייע וואוין־געבײַדעס, קוימענעס פון פאַבריקן, און ווען ניט דער שטויב וואָס הייבט זיך אַרום זיי (און ווערט נעלם פון זיך אַליין), וואָלט מען געקאָנט שטיין און גאַפן: "דאָס איז דער נגב?" און ביי דוד דובינסקי כאַפּט זיך אַרויס אַ טיפער וואונטש און ער זאָגט אין דעם מאָמענט: "ווען אונדזערע מענטשן וואָלטן דאָס אַליין געקאָנט זען, ווייל ווען איך זע אין איראָפּע די קינדער־גערטנער וואָס די אינ־טערנעשאַנאַל האָט געבויט, ווער איך אויפסנײַ באַגייסטערט".

אַרום יום־טובדיק געגרייטע טישן, מיט אַ רויטער נגב־בלום אין יעדן טעלער, זעצט זיך די משפּחה חשובע געסט עסן אַ מאָלצייט.

פּנחס לבון, גענעראַל־סעקרעטאַר פון הסתדרות, הייבט אויף דעם ערשטן כּוס לכּבוד דוד דובינסקין און ער זאָגט: "לחיים! איר זענט געקומען און מיר האָבן אייך באַזיגט".

דוד דובינסקי ענטפערט מיט אַ כּוס: "לחיים! באמת צום געזונט. עס זאָלן אויספעלן חוליים!"

לחיים טרינקט מען צום דירעקטאָר פון שפּיטאָל, דר. שטערן, צום ראש־העיר דוד טוביהו (געבטן איז ער, צופעליק, געוואָרן אַ זיידע פון אַ פערטן אייניקל...). אַלע, אַלע ריידן יידיש, אין כּבוד פון גאַסט, אַפילו די פרוי פון אַרכיטעקט שרון, וועלכע איז אַ באַקאַנטע שוישפּי־לערין אין אַרבעטער־טעאַטער "אוהל", רעדט אויך אַ גוטן יידיש און

אויף מיין פאַרחידושטער פראַגע, ענטפערט זי: "וואָס איז, כ'בין ניט קיין יידישע טאָכטער?"

צווישן פיל אַנדערע קוריאָזן וואָס הערן זיך איצט ביים טיש ווענן "נעכטיקן נגב", דערמאָנט סאַראַקע טוביהון אין די "שטאַרקע זאַמדן וואו מ'האָט אפילו מיט קיין דזשיפ ניט געקאָנט צוקומען צו דער נייער קינאָ וואָס מ'האָט געבויט אין 1953, און דווקא דעמאָלט איז שוין גע־בוירן געוואָרן מיין פלאַן פאַר אַ צענטראַלער בית חולים" . . .

לחיים, לחיים, הייבן זיך כוסות. דער עולם לאָזט זיך נאָכדעם אוועק אין פאַרשיידענע ערטער אין שטאָט זיך אויסרוען פאַר דער גרויסער פייערונג אין אוונט.

פיר בייטאָג. די באַר שבער לופט ווערט שוין קיל. דער עולם שטראָמט דורך אַלע וועגן צום יום־טוב. די מחותנים פון די שפּיטאָלן ביילינסאָן און קאַפּלאַן, פאַרנעמען די ערשטע רייען קעגנאיבער דער וויים און רויט דראַפּירטער בינע אין פעלד. טויזנטער בענק שטייען גרייט פאַר געסט. די יידישע, די אַמעריקאַנער און די אַרבעטער פאַן ווייען אין דער לופט. דער נגב ווינט לאָזט זיך שוין היפּש פילן און ער רייסט זיך אַריין אין פרייליכן טומל פון די אָנקומענדיקע געסט.

צווישן עולם שיילט זיך קלאָר און דייטלעך אוים די "ישראל השניה" דהיינו? די נייע עולים, בפרט פון די מזרח־לענדער, פאַר וועלכע מ'האָט נאָך קיין נומער ניט געגעבן; פון וועלכער עליה זיי זיינען . . . סיי מיט זייערע קאָלירנדיקע מלבושים, סיי מיט זייער טונקל־הויטיקייט און דאַר־ביינערדיקע גופים פון וועלכע עס שטראַלן אַרוים יידישע אויגן, פאַרחתמנע זיי אַ לעבעדיקן שטעמפּל: קיבוץ גלויות! זיי קומען שטיל שווייגנדיק, זייערע בליקן זאָגן עדות: "ביי אַזאַ חתונה זיינען זיי נאָך קיינמאָל ניט געווען" . . . און נאָך עפּעס דוכט זיך קאָן מען אַרויס־לייענען פון זייערע געזיכטער, אַז זיי טראָגן איצטער אַ תפילה אין האַרצן: "הלוואי און מיר זאָלן דעם שפּיטאָל לאַנג און אפשר קיינמאָל ניט באַדאַרפן" . . .

אין באַזונדערע צימערן שמועסן זיך פריינטלעך דורך דערוויל ביי משקה און צובייסן, די געסט פון היינטיקער שמחה: מיסטער אַגדען ריד, דער אַמעריקאַנער געזאַנדטער אין ישראל, דוד דובינסקי, די אויו־סערן־מיניסטאַרשע גאָלדע מאיר, דער אַרבעט־מיניסטער מרדכי נאַמיר,

דער אַרכיטעקט פון שפּיטאָל, מר שרון, און אַנדערע.

די נאַכט נעמט צופאַלן. די טויזנטער בענק זיינען שוין פאַרפולט מיט מענטשן, אויף דער תל־אביבער קינדער־אָרקעסטער, אויפן נאָמען פון שרה צאַדיקאָוו, און דער סימפאָנישער אָרקעסטער פון דער מיליטער, האָבן שוין פאַרנומען זייערע ערטער. אין דער קאַלטער טונקעלער לופט דערהערט זיך דאָס געזאַנג פון הענדלס "הללויה".

די אָפיציעלע דערעפענונג איז געווען ערשט דעמאָלט, ווען צוויי "שוועסטערלעך" אין ווייסע אוניפאָרמען האָבן סאַלוטירט און אויפגע־הויבן די פאָנען, בשעת איבער זייערע קעפּ האָבן זיך אָנגעצונדן מיט ליכט די אותיות: ק. ח. (קופּת חולים), איינגעראָמט אין אַ מגן־דוד . . . אַן איבערלעבעניש זיינען געווען די פּאָר מינוט שווייגן אין דער שטאָק־פינצטערניש (נאָר דער ווינט האָט געבלאָזן), געדאַנקען האָבן זיך אַוועק־געטראָגן אַ פּאָר טויזנט יאָר ווייט — אין דער באר שבע פון אברהם אָבינוס צייטן . . . נאָר די קלאָרע ווערטער פון יצחק קאַנייעוו, פאַר־וואַלטער פון קופּת חולים און דער אָנפירער פון היינטיקן יום־טוב, האָבן אויפגעוועקט פון חלום צו ווירקלעכקייט.

"מיט דער דערעפענונג פון דעם אינטערנעשאָנאַל שפּיטאָל, וואָס וועט סוף דעצעמבער שוין אָננעמען חולים, גרייכט די צאָל בעטן צו 2620, קעגן 640 ביי דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. דער בודזשעט פאַרן נגב איז 4 מיליאָן לירות אַ יאָר, איצטער וועט ער זיין 6 מיליאָן אַ יאָר. די איינגאָמע פון קופּת חולים אין נגב איז אַ מיליאָן און אַ האַלב אַ יאָר. דער דעפיציט ווערט געדעקט פון דער צענטראַלער קאַסע. דער אינטערנעשאָנאַל שפּיטאָל איז נאָר אַ רינג אין דער קייט פון באַמיאונ־גען מצד קופּת חולים צו געבן מעדיצינישע הילף איבערן לאַנד, און בפרט אין נגב". ער דאַנקט דער "הדסה", וועלכע האָט געטאָן פּיאָנערי־שע מעדיצינישע אַרבעט אין נגב און ער דאַנקט דוד דובינסקין פאַר זיין קומען זיך באַטייליקן אין דעם יום־טוב, וואָס אַ דאַנק דער ערשטער ברייטהאַרציקערביישטייערונג פון דער אינטערנעשאָנאַל, פון אַ מיליאָן דאָלער, איז צושטאַנד געקומען דער שפּיטאָל, וואָס טראָגט איר נאָמען. אַלע אַנדערע וואָס האָבן אַ חלק אין דער דערגרייכונג, די אַרכיטעקטן, אינזשינערן און די בוי־אַרבעטער ווערן דערמאָנט מיט דאַנק.

דוד טוביהו האָט אין זיין באַגריסונג בפרט אונטערשטראָכן: "היינט

וועז עס ווערט עלף יאָר זינט די יידישע אַרמיי האָט באַפרייט די שטאָט, קאָנען מיר זיך ניט פרייען מיט קיין גרעסערער פרייד, ווי דאָס געבוירן ווערן פון דעם שפּיטאָל".

מיניסטער פון געזונט, י. ברזילאי, וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער רעגירונג, האָט דערציילט, אַז אין דעם שפּיטאָל וועט ניט נאָר געגעבן ווערן הילף דער גאַנצער באַפעלקערונג פון נגב, נאָר לויט אַ ספּעציעלן אָפּמאַך מיט דער פאַרוואַלטונג פון קופת חולים, וועט צום ערשטן מאָל געגעבן ווערן הילף אויך צו ניט־מיטגלידער פון קופת חולים. די נייעס איז מיט באַגייסטערונג געהערט געוואָרן.

פּנחס לבון האָט פריער באַגריסט דעם אַמעריקאַנער געזאַנדטן, מיסטער ריד און "אונדזער טייערן חבר און געהויבענעם גאַסט, דוד דובינסקי".

ווי אַ צוויבער־מעשהלע, אַרויסגעלייענט פון אַ ביכל, האָט געקלונגען זיין לעבנס־גאַנג, וואָס לבון האָט פאַר דעם ריזיקן עולם געמאָלן: "אָנהייבנדיק פון די יאָרן אין לאָדזש אַלס בעקער יינגל, שפּעטער, סאָציאַליסט, טורמע, קאַמף, ביז זיין קומען קיין אַמעריקע אַלס 14 יאָריקער, און דאָרטן געשניטן קליידער און געוואַקסן אין די קאַמפן. שווערע יאָרן זיינען דאָס געווען אין אַמעריקע", דערציילט לבון דעם ישראלער עולם, "ביז די אַרבעטער האָבן דערגרייכט זייערע היינטיקע באַדינגונגען, אַ דאַנק זיינע געבענטשטע פייאיקייטן און שטענדיקן גלויבן אין רעכט פון אַרבעטער, איז ער געוואָרן איינער פון די אַמעריקאַנער צענטראַלע אַרבעטער־פיגורן. אַ וואַרעמער ייד, וואָס וויל דערקאָנען און אָפּשאַצן די שאַפונגען פון זיין פאָלק. זייענדיק אַ וואַרעמער ייד שטערט עס אים ניט צו זיין אַ גוטער אַמעריקאַנער". לבון דערמאָנט די פיל ביישטייערונגען פון דער אינטערנעשאָנאַל צו ישראל און בפרט פאַר דעם שפּיטאָל. "דער היינטיקער יום־טוב איז פאַר אונדז אַ סימבאָל פון פריינטשאַפט פון ישראל מיט אַמעריקע". און אין נאָמען פון דער הסתדרות ווינטשט ער די מיטגלידער און דער גלענצנדיקער פירערשאַפט פון דער אינטערנעשאַנאַל אַ סך יאָרן פון הצלחה.

אָנגעהויבן שיר ניט ווי אַ הסתדרות חבר מיטן וואָרט "חברים", אין אַ גוטן עברית, האָט מיסטער אָגדען ריד באַגריסט. ער האָט געלויבט דעם יום־טוב און אַפילו די "מוזיקה טובה". ער האָט געדאַנקט לבונען

פאר לאדן אים און האט דערציילט וועגן דערגרייכונגען פון דער אינטערנעשאנאל אין אמעריקע און קאנאדע, אז איר היסטאריע ציט זיך פון 1910 אן . . . איר מעדיצינישע הילף פאר מיטגלידער דורך שאפן "העלט־סענטערס", זיינען נאך אפילו אביסעלע פריער פון קופת חולים. ער דערמאנט פרעזידענט אייזענהאוערס אנערקענונג צו דער אינטערנעשאנאל פאר איר ביטראג צו דער אמעריקאנער ארבעטערשאפט. ער סאלוטירט באר שבע — אברהם אבינוס שטאט, ווינטשט מזל דעם שפיטאל, א גיבע רפואה צו די קראנקע און ער באגריסט באזונדערס הארציק דוד דובינסקי. אויפן טויזנט־קעפיקן עולם האט זיין פריינטלעכער אדרעס און זיין שיינער העברייאיש ריידן געמאכט א רושם . . .

די ליכט־סיגנאלן פון די פאטאגראפערס האבן באזונדערס גענומען פינקלען און טאנצן פאר די אויגן, ווען דוד דובינסקי האט זיך אויפגעשטעלט ריידן.

"איך באגרים אייך אלעמען אלס ייד", האט ער אנגעהויבן אין זיין פאלקסטימלעכן יידיש (שפעטער האט מען זיין רעדע איבערזעצט פארן עולם אין עברית). "איך בין ספעציעל געקומען צו אייער יום־טוב, פון וועלכן איך קלייב א סך נחת, אבער ניט מיר אליין קומען די שבחים, נאר מיין ארגאניזאציע, וועלכע העלפט ניט נאר אייך, נאר פיל ארבעטער־אינסטיטוציעס אין דער וועלט. ארבעטער פון פארשיידענע קאלירן און גלויבנס זיינען די 'משפחה' וואס הייסט אינטערנעשאנאל. פונקט ווי איר דא האט ניט דערגרייכט אייער זעלבסטשטענדיקייט אן קאמף און אן גלויבן, אזוי קעמפן מיר אין אמעריקע פאר א בעסערן לעבן". דובינסקי האט שטארק געלויבט די דערגרייכונגען פון דער הסתדרות און דערציילט פון "דעם גלויבן און צוטרוי פון דער אינטערנעשאנאל אין איר". "מיר גלויבן אז מדינת ישראל איז א דעמאקראטישע מדינה און אירע דערגרייכונגען אין די עלף יאר באגייסטערן אונדז". "אמעריקע", זעצט ער פאר, "איז א גרויסער רעזערוואר פאר דעמאקראטיע, און איר האט געוויזן א ביישפיל וואס א פאלק קאן מיט דעמאקראטישן גלויבן דערגרייכן. מיר האפן אויף שלום מיט די שכנישע לענדער, איר וועט מאכן א ביטראג צו סאלידאריטעט, מיר גלויבן אין אייך!" ער האט פארזיכערט דעם נייגעריקן עולם, אז די אינטערנעשאנאל וועט אויך ווייטער ארויסווייזן פריינטשאפט דער ישראלער ארבעטערשאפט. נאך

אַז איבערבליק איבער דער פּאָליטישער לאַגע אין דער וועלט, האָט דובינסקי אויסגעדריקט דעם וואונטש, אַז פּונקט אַזוי ווי ישראל האָט געשלאָסן פריינטלעכע בונדן מיט די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע, אַזוי וועט זי מיט דער צייט געפינען אַ וועג פאַר פריינטשאַפט מיט די אַראַבישע פעלקער. ער האָט פאַרענדיקט מיט ברכות צו דער רעגירונג און צו דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל. ער האָט באַטאָנט אַז ס׳איז אַ כבוד באַגריסט צו ווערן פונעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר ביי אַ יידי־שן יום־טוב אין ישראל. זיין רעדע ווערט אָנגענומען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פונעם עולם וואָס שטייט אויף ספּאָנטאַן און זינגט די התקוה.

:: :: ::

זינט דוד דובינסקי איז מיט אַ וואָך צוריק ״אויף אַ שטילן אופן״ באַ־געגנט געוואָרן אויפן פליפעלד לוד פונעם אַרבעטער־מיניסטער מרדכי נאַמיר און פון מיטגלידער פון ועד־הפועל פון דער הסתדרות און מ׳האָט ביי אַ קליינער מסיבה דאָרטן געהערט אַז ער איז די ״גאָלדענע בריק צווישן אַמעריקאַנער אַרבעטער און ישראל״, האָט ער דעמאָלט באַ־טאָנט: ״היינטיקס מאָל בין איך געקומען פּריוואַט, כ׳וויל ניט איינ־רייסן קיין וועלט, כ׳בין צופרידן וואָס כ׳האָב געהאַלטן וואָרט צו דוד בן־גוריון, וועלכער האָט מיך געפרעגט מיט פיר יאָר צוריק ווען וועל איך ווידער קומען? איידער די פינף יאָר וועלן אַוועק, האָב איך אים צו־געזאָגט . . . איך וועל זיך לאָזן פון אייך ׳עקספּלואַטירן׳, אָבער איך בעט אייך, טוט עס מיט יושר״.

און היינט, ביי אַ געזעגענונג־מיטיק, וואָס דער ישראלער זשורנאַ־ליסטן פאַריין האָט איינגעאָרדנט אין זיין כבוד אין בית־סוקולוב, האָבן מיר געהערט פון דן פינעס, דעם פאָרזיצער פון זשורנאַליסטן פאַריין: ״אין בית־סוקולוב נעמען מיר אויף חשובע געסט שרייבער, קינסטלער, היינט טרעפן מיר זיך מיט אַ גרויסער אַרבעטער־פּערזענלעכקייט, מיט אַן אַמעריקאַנער יידן מיט אַ גרויס יידיש האַרץ. מיר ווילן אים קאָנען נעענטער, מיר בעטן אים קומען אָפט״.

פּנחס לבון האָט געשילדערט פאַר די ישראלער זשורנאַליסטן די פּער־זאָן דוד דובינסקי: ״ער האָט די קוואַליטעטן און די חסרונות פון אונ־דזערע מענטשן פון דער צווייטער עליה. אין יענער תקופה זיינען פיל

טויזנטער אַוועקגעפּאָרן פון לאַנד, אָבער וועגן די וועלכע זיינען געבליבן ווייסן מיר היינט וואָס זיי האָבן דערגרייכט. פּונקט אַזוי איז דוד דובינסקי איינער פון דער אַמעריקאַנער גרויסער אימיגראַציע־עפּאָכע, וועלכע זיינען אינעם שטראָם פון אַסימילאַציע און ירידה (און עקאָנאָמישן אויפשטייג), ניט דערטרונקען געוואָרן; פאַרקערט — ער איז געוואַקסן דורך מעשים. ער האָט אויפגענומען די בשורה פון ישראל אין צייט". פנחס לבון דערמאָנט די בכבודיקע פאָררעדע פון דזשאָרדזש מיני צום בוך וועגן דוד דובינסקי: "מיר שטימען איין מיט דער אָפּשאַצונג", זאָגט ער, "היינט געזעגענען מיר זיך מיט אַ גרויסן ליבן פריינט".

דוד דובינסקי ענטפערט אין גוטן טאָן, און ווי זיין טבע איז אויך, מיט הומאָר (אַז אין אמתן וואָלט ער נאָך אַזאַ גוטער רעדע ניט געדאַרפט קאַליע מאַכן . . .). ער דערציילט וועגן קאַמפן און דערגרייכונגען אין אַמעריקע. "איך האָב נאָר פאַרגעזעצט", זאָגט ער. "אַמאָל האָבן נאָר יידן בייגעטראָגן צו אַלגעמיין גרויסע צוועקן, היינט טוען עס אויך די ניט־יידן". דובינסקי דערציילט די ישראלער צושויער וועגן דעם געענדערטן מצב אין דער קליידער־אינדוסטריע, וואָס ווערט קלענער אין די גרויסע שטעט און קומט אויף אין קליינע שטעט, וועגן דעם נייעם טיפּ מיטגלידער, וועגן דער קליינער צאָל יידישע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע, וועגן פיל גרויסע אינוועסטירונגען פון דער אינטערנעשאַנאַל אין בויען קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען, ווי אויך וועגן דעם פינאַנציעלן סטאַטוס פון דער יוניאָן, וואָס האָט באַזונדערס פריידיק איבערראַשט צו הערן.

"איך האָב דאָ געהערט אַזויפיל וואַרעמע ווערטער אויף מיין חשבון", זעצט ער פאָר, "כ'וויים ניט צי כ'הער זיי תמיד אין אַמעריקע ("איך אין ישראל הער זיי אויך ניט", כאַפּט אונטער לבון), אָבער מיין חלק הילף פאַר ישראל האָב איך געטאָן, און האָף אויף ווייטער צו קאָנען שטיין ביי אייער זייט, ווייל איר זענט און קאָנט זיין אַ ביישפיל פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די פיר יאָר זינט איך בין דאָ געווען, זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען צום גוטן. מער בטחון, מער עקאָנאָמישע זיכערקייט, דאָס גיט אונדז ווילן אייך צו העלפן אין וויכטיקע צוועקן".

דובינסקי דערציילט וועגן א געשפרעך לעצטנס מיט פנחס לבון וועגן א פלאן צו גרינדן אין ישראל אן אוניווערסיטעט פאר וועלט פירערס פון ארבעטער און ער זאגט: "איך בין פון דעם געדאנק געוואלדיק באַגייסטערט, מירן געווים וועלן דערצו צוהעלפן".

"דאס וואס כ'האב אין איין וואך צייט דורכגעלעבט אין ישראל איז שווער איצט צו שילדערן. דאכט זיך, דער יום־טוב פונעם שפיטאל אין באר שבע אליין וואלט געווען גענוג. האב איך נאך פאר א ווערער (די זשורנאליסטן קוועטשן מיט די אקסלען ביי דעם חנעוודיקן יידישן אויסדרוק) געהאט די פרייד צו עפענען דעם 'בית העם', די קולטור־הויז אין חבל לכיש (נאענטן נגב) אויפן נאמען פון יוסף ברעסלאו ע"ה, א וויים־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל און איינער פון די ערשטע ווארעמע פריינט פון די ארבעטער אין ארץ־ישראל. די יוסף ברעסלאו הויז אין נהורה איז א מאנומענט און א כבוד פאר זיין נאמען און פאר אלע די וועלכע האבן זי געהאלפן בויען".

אויף א פריינטלעכן אופן און אויף "מאמע־לשון" האט מען געשטעלט פראגן און באקומען ענטפערס. די היגע זשורנאליסטן האבן אויפריכטיק באדויערט וואס דוד דובינסקי פארט שוין אוועק, מ'האט ווארעם זיך געזעגנט מיט "להתראות" — אויף ווידער זיך טרעפן אין ישראל.

אויף אַ לײדיקער שיף

אַרום חיפה׳ער האַפן רױשט װי אין אַ בינשטאָק. דערנעענטערט מען זיך צום װאַסער, שײלט זיך אױס דער טומל נאָך קלאָרער. מ׳געזעגנט זיך מיט משפּחה און פֿרײנט אױף דער ״הרצל״־שיף, װאָס איז גרײט באַלד אָפּצופֿאָרן. מ׳רופֿט אױס נעמען, מ׳פֿאָכעט נאָך אַמאָל מיט אַ טיכל, יוגנט־גרופּעס שטײען איבערגעבױגן איבערן דעק און זינגען ישׂראלער לידער מיט אַזױפֿיל ״הארץ און נשמה״, אַז ער נעמט אָן אַ רחמנות אױף זײ װאָס זײ פֿאָרן אָפּ פֿון ישׂראלער ברעג . . . ס׳איז לעבעדיק, טומלדיק און אומעטיק. דער עולם פֿון דער יבשה איז װי אַן אָרגאַנישער חלק פֿון דער שיף . . .

ס׳איז צװעלף בײטאָג. די זון שפּיגלט איבער אַלעמענס קעפּ, דאָס װאַסער גלעט איצט די שיף און באַרואיקט דעם בליק. באַלד װעט זי אָפּשװימען פֿונעם ברעג (שױן צום װיפֿלטן מאָל . . .) און איבערלאָזן הינטער איר אַ װײַס שױמיקן שניט און לײכטן רױש פֿון װאַסער.

אַביסל װײַטער שטײט די שיף ״ישׂראל״ — איר דעק איז אינגאַנצן לײדיק. אירע קוימענס זעען אױס איצטער װי נאַקעטע העלדזער געשטרעקט אין דער לופֿטן. די כװאַליעס שװענקען שטיל אירע זײַטן, און ס׳דוכט זיך די שיף רוט. קומט מען אָבער אַרײַן אינעװײניק, אַנטפּלעקט זיך גאָר אַן אַנדער בילד. מענטשלעכע ענערגיע ״קאָכט און

זידט״, הוילע פֿאַרברוינטע פּליִיצעס, נאַסע פֿון שווייס, בויגן זיך, ציִען, הייבן, קלאַפּן און שרויפֿן. דער היימישער טומל פֿון כּלערליי שפּראַכן פֿילט אָן די ליידיקע שיף. דער אויסזען פֿון די אַרבעטער איז ״פֿון דער גאַנצער וועלט״, אָבער אַלע זיינען ישׂראלער, און אַלע זיינען קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער מיט דערפֿאַרונג פֿון אייניקע יאָר אַרבעט אויף אַ שיף.

אין דריי טעג אַרום שווימט זי אָפּ. מ׳האָט ערשט געענדיקט אָנלאָדן די פֿראַכט און ס׳איז ניט קיין גרינגע אַרבעט . . . אין משך פֿון דער וואָך צייט וואָס די שיף שטייט אין האַפֿן (חיפֿה־ניו־יאָרק) באַקומען אַלע, סיי די אַרבעטער, סיי די מאַנשאַפֿט (פֿון די קליינע ביזן קאַפּיטאַן), צוויי־דריי טעג אָפּרו אויף דער יבשה.

״מער קאָן זיך די שיף ניט דערלויבן״, דערציילט דער ״טשיף־סטוּאַרט״, זיגי, און מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן זאָגט ער: ״אין דער היים, ביי משפּחה, איז מען ליידער נאָר אַ גאַסט . . . און דאָ״, ווייזט ער אָן אויף זיין קליינעם צימערל, — ״איז די שטענדיקע היים, ווייל אַזוי פֿאָדערן די פֿליכטן״.

דער טומל פֿון קלאַפּן און זעגן, פֿון לויפֿן די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ, שטערט דאָס ריידן. כ׳בעט אַ באַגלייטער צו קאָנען כאַפּן אַ שפּאַציר איבער דער שיף. די ליידיקייט קוקט אַרויס פֿון אַלע ווינקעלעך. בענק זיינען איבערגעקערט אויף פֿאַרשטויבטע טישן, אין די קאַבינעס זיינען די בעטן אויסגעטאָן פֿון בעטצייג, די שאַפֿעס, די ווענט קוקן מיט ליידיקע בליקן אַרויס אויף געסט, וואָס זאָלן זיי באַלעבן מיט אַ נייעם אָטעם . . . די שיף־קאָרידאָרן, וואו עס גייט געוויינלעך אָן בשעתן פֿאָרן אַ שטענדיקע ״עמיגראַציע״, מ׳שפּאַנט הין און צוריק, האַלב־שאָקלענדיק, מ׳פֿאַרבלאָנדזשעט און כ׳געפֿינט ענדלעך דעם צימער . . . אָט־די קאָרידאָרן זעען איצט אויס אין זייער ליידיקייט נאָך לענגער און שמאָלער ווי תּמיד . . .

די שיף ״ישׂראל״ איז אינגאַנצן פֿיר־פֿינף יאָר אַלט. זי איז איינע פֿון די נייע שיפֿן וואָס ״שהם״, די ישׂראלער שיף־געזעלשאַפֿט, בויט לעצטנס. זי נעמט אַריין העכסטנס ביז 350 פּאַסאַזשירן. די מאַנשאַפֿט באַשטייט פֿון 150 מענטשן.

״עס לוינט זיך ניט צו בויען קיין גרויסע פּאַסאַזשיר־שיפֿן״, דער־

ציילט מיר דער "טשיף סטוארט" זיגי, "ווייל די אַלגעמיינע אויסגאַבן פון אויסהאַלטן זי, זיינען גרויסע, און פאַרדינען פאַרדינט מען מער־סטנס פון פראַכט. 'שהם' קלייבט זיך דעריבער אויף ווייטער צו בויען שיפן פון דעם פאַרנעם. אויף דער "ישראל" זיינען די צימערן, אַפילו די וועלכע הייסן ערגעץ אַנדערש 'דאָרמיטאָרי', נאָר איין אָראָפּגאַנג נידעריקער פון טוריסטן־קלאַס, מיט אַכט בעטן, קעגן פיר פון טוריסטן־קלאַס, צוויי פענצטער, שיסלען מיט לויפנדיק וואַסער. דער אונטער־שייד אין פרייז פון טוריסטן־קלאַס איז אַ קליינער. זייער אָפט פאָרן דאָרטן אויך פאַרמעגלעכע מענטשן, ווען עס איז אַ מאַנגל אין פּלאַץ. אַלע עסן צוזאַמען אין עסצימער פון טוריסטן־קלאַס.

אויף דער שיף איז דאָ אַ דאָקטאָר, אַ שוועסטער, צוויי שפּיטאָל־צימערן און אַן איזאָלאַציע־צימער. קינדער ביז פיר יאָר עסן באַזונדער מיט אַ ספּעציעלער אויפזעערן. זיי קאָנען, אויפן פאַרלאַנג פון די עלטערן, אַ גאַנצן טאָג זיך שפּילן אונטער גוטער אויפזיכט. עס געשעט, און עלטערן צעטיילן זיך מיט קינדער צום שלאָפן, ניט דווקא אויס מאַנגל אין פּלאַץ אין זייערע צימערן, נאָר צוליב פּולקאָמער רו.

"זיי איבערצייגן זיך גיך", גיט צו זיגי מיט אַ צופרידענעם שמייכל, "אַז די קינדער זיינען אין גוטע הענט".

"בכלל", זעצט ער פאָר, "באַמיען מיר זיך זייער ניט צו זיין הינטער־שטעליק פון וועלט־טוריסטיק. אונדזערע צווייטע, ערשטע און לוקסוס־קלאַסן האָבן די מעלות פון גרויסע שיפן, מיט דעם צוגאָב פון אינ־טימקייט. ס'איז, למשל, באַוואוסט, אַז אויף אַ שיף איז פאַרבאָטן אַנ־דערע פּאַסאַזשירן צו פאַרברענגען אין ערשטע קלאַס זאַלן, אָדער אויפן דעק, אָבער צוליב דער היימישער אַטמאָספערע וואָס עס שאַפט זיך אויף אַ קליינער שיף, ווערן 'פריינט' געלאַדן צו פאַרברענגען מיט פּאַסאַ־זשירן פון ערשטע קלאַס, און די דערלויבעניש ווערט זיי געגעבן" . . .

"ווי אַזוי איז דער אַלגעמיינער געפיל פון יידישע טוריסטן אויף אַ יידישער שיף? צי נעמט מען זי אַן אַלס אַ 'כותל מערבי, ווי אַלע כותל מעריב'ים?"

אַ, "ניין! ערשטנס פילן זיי זיך מערסטנס גוט, ווייל ס'איז 'זייער שיף', און אָפט ווילן זיי עפּעס 'אויסבעסערן' און זיי קומען גיבן עצות. זיי טוען דאָס מיט אַזאַ אויפריכטיקייט, אַז מיר הערן זיך צו" . . .

בכלל איז אַ שיף אַ וועלט פאַר זיך. אויף איר קומען פאַר "ליידן און פריידן". אין קעגנטייל אַמאָל צו קראַנקייט, וואָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך, קומען פאַר שמחות. עס איז ניט קיין נייעס, אַז געבורטסטעג ווערן כסדר געפייערט אויף אַ שיף, אפילו געבורטן זיינען נאַטירלעכע געשעענישן אַמאָל . . .

"אַ בר־מצוה" — דערציילט דער סטואַרט, — "איז אַ זעלטענע דער־שיינונג", אָבער, דערציילט ער וועגן אַ פייערלעכער בר־מצוה אויף דער שיף, אויפן וועג קיין ישראל, — "דאָס איז געווען אַ יום־טוב ניט צו פאַרגעסן" . . .

פאַר די פאַרוויילונגען אויף דער שיף זאָרגט אַפּט דער עולם אַליין. פרייטיק אָוונט איז תמיד פאַראַן אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם. אין דער ביבליאָטעק ווערן געלייענט ביכער אויף דריי שפּראַכן, דער עיקר: עברית, יידיש און ענגליש.

סוף אָקטאָבער ענדיקט זיך דער "ברען־סעזאָן".

"און גאָר אינגיכן", פאַרטרויט מיר זיגי אַ נייעס, "וועלן מיר פאַר־קויפן בילעטן, וואָס וועלן זיין גילטיק אויף אַ יאָר צייט, הין און צוריק. אויף אַזאַ בילעט וועט מען באַקומען אַ הנחה פון צען פּראָצענט. 'שהם' האָפט דערמיט אינספּירירן פאָלקס־מענטשן צו פאָרן אויף שיפן".

זיגי אַנטשולדיקט זיך וואָס ער קאָן מיך ניט לאָדן אין עסצימער פאַר אַ מאָלצייט. "אַז דער סטעף איז קליין, איז די קיך אויך באַגרענעצט". ער באַשטעלט סענדוויטשעס מיט קאַווע איבערצובייסן דאָס האַרץ.

דער טומל פון קלאַפּן און זעגן און פון זיבעציק לשונות, רודערט די פאַראַנקערטע שיף. "פאַרשוואַרצטע אַרבעטער" האַלטן אין איין קומען מיט פּראַגעס, דאָ פעלט אַזאַ שרויף, דאָ אַ שליסל צום מחסן — ס'איז "דער קורצער פרייטיק", כאָטש עס זיינען נאָך געבליבן אַ פּאָר טעג ביזן אָפּפאָרן.

טיר און פענצטער זיינען פאַרהאַקט, אַז אַ טראָפּן לופט. דער שטויב איז דער איינציקער לעבעדיקער עדות ווי אַנדערש די שיף זעט אויס אַז רייזנדיקע . . . אפילו דער אַליוון־זאַל פון ערשטן קלאַס, וואו מוזיק שפּילט געוויינטלעך און ליכט טאַנצט . . . וואו עס הענגען אין האַרמאָ־נישע גרינע קאָלירן ברייט־דראַפּירטע פאָרהאַנגען איבער די לענגלעכע ווענט, אין פאָרעם פון אַן אַליוו, און כלערליי געטריקנטע אַליוון־בלע־

טער זיינען אויסגעקלעפּט אויף אַ גלעזערנעם פּעדעסטאַל און אַ נאַקע־טער בוים היט זיי ביי דער זייט (אַנשטאַט וואָס זיי זאָלן דעם בוים פאַרדעקן . . .) אויך דאָרט שוועבט איצט אַן אומעטיקע לײדיקייט און די ווייכע שטולן בענקען נאָך אַ לעבעדיקן באַריר . . . שווער צו גלויבן, אַז אויף דער "פּאַרלאָזענער שיף", בשעת זי איז אויף דער יבשה, גייט אויף אַ פולבלוטיק לעבן ווען זי שווימט אַוועק ווי אַ וועלט פאַר זיך — צווישן הימל און וואַסער.

ווער עס ציילט די טעג אַנצוקומען וואָס גיכער צו לאַנג־צעשיידטער משפחה; ווער עס לעבט דורך טיפע האַרץ־קלאַפּעניש צו דערזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן די ברעגן פון אַ יידיש לאַנד; ווער עס קלייבט סתם נחת פון יעדן טאָג אויף אַ שיף, ווייל דאָס פאַרן איז אַן אַפּרו, אַ שפּאַציר; און וועמען דער גורל שפּילט אַפילו צו — און דווקא צווישן הימל און וואַסער — טרעפט ער אַן זיין זיווג . . . און אַלע סודות שלינגט **אַריין דער ים. . .**

פרדס אלישבע

אין ישראל ווערן כסדר געפלאַנצט נייע פּרדסים פון ציטרוס־ביימער. דאָס מאָל זיינען מיר עדות געווען פון פאַרפלאַנצן אַ פּרדס פון אַ גאָר באַזונדערן כאַראַקטער און באַדייט.

אין חדרה געפינט זיך אַן אַגריקולטור־שול, וואָס איז מיט 34 יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן דורך דער מועצת הפּועלות. בלויז 14 חלוצות זיינען געווען די ערשטע שילער. היינט פאַרמאָגט די שול 284 תלמידים, בחורים און מיידלעך — גלייך אויף גלייך; חוץ אַלגעמיינע לימודים לערנען זיי אַלע פאַזן פון אַגריקולטור. אין די לעצטע יאָרן האָבן זיי אַנטוויקלט, אויסער פי, עופות, בלומען, פלאַנצונגען און כלערליי גרינ־צייג, אויך באַנוול, בוריקעס, פּיסטאַזשקעס און — די סאַמע נייעסטע טאָמאַטן אונטער גלאָז. איבערהויפּט האָט זיך די שול צעוואַקסן נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה — 80 שילער זיינען צוגעקומען פון עלית־הנוער, פון פאַרשיידענע לענדער (אפילו דער פּערסאָנאַל איז פון קיבוץ־גלויות). עס לערנען אויך 60 עקסטערן און 22 אַראַבישע קינדער. אויסצוהאַלטן אַ שילער אַ יאָר קאָסט 1200 לירות (בערך 600 דאָלער). אויסער דער באַדייטנדיקער שטיצע וואָס די שול באַקומט פון דער בילדונג־אָפּטייל פון אַגריקולטור־מיניסטעריום אין ישראל, קאָסט די שול דער מועצת הפּועלות 140 טויזנט פונט אַ יאָר.

אלישבע קאַפּלאַן־אשכול איז געווען ניט נאָר איינע פון די גרינדערינס פון דער שול, נאָר טאַקע איינע פון די געטרייע לייטערינס לאַנגע יאָרן. ״אלישבע האָט געהאַט טאַלאַנט צו פאַרווירקלעכן טרוימען אין פאַקטן״,

האָט געזאָגט בעבאַ אידלסאָן ביים דערעפענען די צערעמאָניע אין מיטן פעלד, נית ווייט פון דער שול, און נאָענט פון דעם נייעם ישוב, שיכון אליעזר — אויפן נאָמען פון אליעזר קאַפּלאַן ע״ה. אויף דער בימה פון ברעטער מיט אַ וואַנט פון סנאָפּעס, אויף וועלכער עס הענגט אין אַ שוואַרצער ראַם אלישבעס שמייכלדיקער פּראָפיל־בילד, קעגנאיבער האַלבע לבנה־רייען פון סנאָפּעס, אויף ברוינער ערד, פאַר די געסט צום זיצן, געפינען זיך חשובע געסט און מיטגלידער פון אלישבעס משפחה. עס זיצט לוי אשכול (דער פינאַנץ־מיניסטער) מיט די צוויי טעכטער; יוסף ווייץ, שמואל דיין פון נהלל, עדה מיימון (פישמאַן) פון עיינות, זלמן שז״ר, ישראל מרום; די חברות פון כנסת, חנה למדן און זשעניע טווערסקי; ווי אויך וותיקים און נאָענטע פריינט אלישבעס.

דריי בייטאָג, אונטער דער הייסער זון, זיצן שוין הונדערטער געסט, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך אַ סך פּיאָנערן פרויען פון פאַרשיי־דענע לענדער (היינט צו־גאַסט אין ישראל). בפרט שיילן זיך אויס פון די סנאָפּעס די פילקאָלירנדיקע קינדער, די תלמידים פון דער שול, וועלכע הערן זיך צו מיט דרך־ארץ צו די רייד פון דער בימה.

בעבאַ אידלסאָן, אין אַ געמישטן טאָן פון טרויער און שמחה, זאָגט צווישן אַנדערעס: ״די מועצת הפועלות האָט געפּילט פאַר נויטיק איצ־טער צו אַנטוויקלען דעם שטח דאָ. מיט דעם איז געקומען דער געדאַנק צו פלאַנצן אַ פּרדס אויפן נאָמען פון אלישבען. מיר ווילן איר נאָמען פאַרבינדן מיטן בליענדיקן, לעבעדיקן, ווייל אַזוי איז געווען איר וויזיע. זי האָט תמיד געזען די ערד בליען! ס׳איז אַ זכות פאַר אונדז אַליין צו פלאַנצן דיביימער״.

דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער שול, יהודה אניב, אין אַן אויספיר־לעכן באַריכט פון דער אַנטשטייאונג פון דער שול ביז היינט, זאָגט: ״דער פּרדס וועט דערווייל געפלאַנצט ווערן אויף איבער הונדערט דו־נאַם, און וועט פאַרגרעסערט ווערן ביז 200״. ער דערמאָנט די כוחות וועלכע העלפן דער שול. עליזה שידלאָווסקי און גרוניה ראש זיינען איבערגעגעבענע אַרבעטאַרינס. ער דאַנקט דעם לייטער פון בילדונגס־אָפּטייל פון אַגריקולטור, ישראל חרודי, וואָס מיט פאַרשטענדעניש און אַ ברייטער האַנט, העלפט ער דער שול וואַקסן. און ״אחרון, אחרון, דער מועצת הפועלות, וועלכע דאַהנען אונדזערע דאגות״. ער דערציילט

אַז זיי לערנען די קינדער דאָס לעבן פֿון דער מדינה. זיי ווערן "שליחים" צו די ישובים, זיי גייען צו זיי אַרבעטן אויף אַ צייט — אָן שכר — ווייל די ישובים דאַרפֿן האָבן די כוחות. שפּעטער גייען זיי צוזאַמען מיט גרופּעס נח"ל (נוער חלוצי לאומי) אַוועק אויפֿן לאַנד.

איידער עס הייבט זיך אָן די ביימער־פֿלאַנצונג, דאַנקט בעבא אידל־סאָן די געסט, וועלכע זיינען געקומען זיך באַטייליקן אינעם יום־טוב. זי לייענט פֿאַר אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע פֿון קלאַראַ לעף, פּרעזידענטין פֿון אַמעריקאַנער פּרויען־פּיאָנערן, וואָס זאָגט: "... מיר דערמאָנען זיך אין די קערנדלעך וואָס אַלישבע האָט פֿאַרזייט נישט נאָר אין ישׂ־ראל, נאָר צווישן חברות אומעטום". אינעם גייסט פֿון ליבע צו ערד, לייענט פֿאַר אַ תּלמיד פֿון שול אַ ליד פֿון דער דיכטערין רחל, "כאן על פני האדמה" ("דאָ אויף דער ערד").

לוי אשכול מיט די צוויי טעכטער, אופֿרי און תּמר, לאָזן זיך אַוועק אין פֿעלד פֿלאַנצן דעם ערשטן בוים. נאָך זיי גייט יוסף ווייץ, "דער פֿאָ־טער פֿון ביימער־פֿלאַנצן אין ישׂראל", און אַזוי די איבעריקע געסט פֿון דער בינע, צו וועמען עס ווערן אין פֿעלד צוגעטיילט ביימעלעך. זיי צעאַקערן די ערד און וואַרטן אויף וואַסער. יוסף ווייץ בויגט זיך נידע־ריק, נידעריק, ווי ערשט נעכטן, ביים ערשטן בוים פֿלאַנצן.

"נו, ווער גיט וואַסער?" — רופֿט ער פֿריילעך אין דער לופֿטן.

אויף מיין פֿראַגע צו אים, צי פֿילט ער ביים פֿלאַנצן "נאָך אַ בוים" דעם זעלבן טעם פֿון יום־טוב ווי ביים ערשטן, ענטפֿערט ער מיר מיט אַ ברייטן שמייכל:

"ערשטנס, האָב איך אויף דער ערד געטראַטן נאָך מיט 48 יאָר צוריק, בשעת כ'האָב געאַרבעט אין חדרה; צווייטנס, יעדער טאָג וואָס עס ווערט פֿאַרפֿלאַנצט אַ נייער בוים איז אַ נייער יום־טוב. אַ יאָר מיט אַ פֿערטל, בערך", דערציילט ער ווייטער, "ווערן די וואָרצלען געכאָוועט אין דער משתּלה ("נוירסערי"); שפּעטער, אין אַ יאָר אַרום, וועט מען פֿון דעם ווילדן ציטרום פֿאַראיידעלען דעם מין, און, אם ירצה השם, אין פֿינף יאָר אַרום, וועלן שוין זיין פּירות, אַפֿילו פֿאַר אויסלאַנד".

דער שטויב הייבט זיך און מישט זיך אויס מיטן פֿריילעכן טומל אין דער לופֿט. גרינע ביימעלעך ווערן געטראָגן, ווי לולבים סוכּות, צום בענטשן. אַלע חברות פֿון אויסלאַנד האָבן זיך באַטייליקט אין דער

מצוה פון פלאנצן. רערן ווערן געבויגן פון בוים צו בוים, און פריש וואַ־סער גיסט זיך אין דער ערשט־צעאַקערטער ערד.

פון אַלעמען שיילט זיך אויס באַזונדערס דאָס בילד, ווי לוי אשכול שטייט אַנגעבויגן צום קליינעם ביימעלע, אַקערט מיט דער לאָפּעטע טיפער אַרום דעם וואָרצל, בשעת די טעכטער באַגיסן אים מיט אַ סך וואַסער . . .

אַנטקעגן שמייכלען ברייטע פעלדער, וואָס איבער זיי שפּאַצירט אום אַ טראַקטאָר . . .

דער עולם קערט זיך צוריק פון די פעלדער. די זון איז שוין ניט הייס, נאָר מילד. די לופט איז איצט פריש. מ׳זיצט שטיל אויף די סנאָפּעס און מ׳רוט זיך אָפּ. ס׳איז קלאָר וואָס יעדער איינער טראַכט און פילט איצט: ״דאָ, אויף דעם ווינקל ערד אין ישראל וועט צוריק צום לעבן אויפקומען — אלישבע!״

די פרוי פון יאָהאַנעסבורג

אינעם יאָר 1950 האָט מאַטילדאַ אסעראָף דעם ערשטן מאָל באַזוכט ישראל. זי האָט אַ צייט געלעבט אין קרית־ענבים, און האָט באַלד דער־פילט, אַז זי מוז עפּעס טאָן פאַר ישראל. ווען זי איז צוריקגעקומען קיין יאָהאַנעסבורג, וואו זי האָט דריי פאַרהייראַטע זין מיט אייניקלעך, האָט זי באַגריפן, אַז „אַ באָבע קען נאָך אויפטאָן עפּעס וויכטיקער, ווי נאָר זיין אַ גוטע באָבע פאַר די אייניקלעך". זי האָט זיך אינטענסיוו גענו־מען לערנען דעם פאַך פון נייען, שניידן, שטריקן, וועבן און אויסנייען. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז זי אַרויסגעפאָרן קיין ישראל, מיטן טרוים צוהילף צו קומען די נייע עולים, לערנען זיי קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. שוין אויפן וועג האָט זי אין לאָנדאָן איינגעקויפט סחורה, כדי ניט צו קומען מיט ליידיקע הענט קיין ישראל.

זי איז געקומען אין משרד עליה און פאָרגעשלאָגן איר פּלאַן. מ'האָט זי אָנגעקוקט מאָדנע . . . „אַז עולה קומט גאָר שוין גיבן דעם לאַנד, און גאָרניט בעטן פאַר זיך — אויסער אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואו צו קענען איינשטעלן אַן אַרבעטס־צימער און אויפנעמען מענטשן".

מ'האָט איר געראַטן צו פאָרן קיין חבל לכיש, וואו עס זיינען אויפגע־קומען עטלעכע נייע ישובים פון עולי מזרח־אייראָפּע. מאַטילדאַ איז אַרויסגעפאָרן קיין נהורה, דער צענטער פון לכיש, וואו עס איז דאָ דער בית־ספר, וואו עס לעבן די לערער, פאַרוואַלטער, גערטנער. זי איז ווי „צוגעוואָקסן צום אָרט".

די פּאַרוואַלטער, רבקה און מרדכי גובער האָבן איר אָפּגעגעבן איינע פון די הייזער, אַריינגעשטעלט אַן אַלטע נײ־מאַשין, אַ לאַנגן טיש צום מעסטן און שניידן דעם שטאָף, שאַפּקעלעך און פּאָליצעס פאַר "שער און אייזן", און דער אַרבעטס־צימער האָט באַקומען אַ פּנים — די נ ש מ ה האָט מאַטילדאַ באַלד אין אים אַריינגעהויכט, ווען זי האָט מיט אַ ברייטן שמייכל און אַ וואַרעם האַרץ אויפגענומען די פרויען און זיי גענומען לערנען ווי צו באַנוצן זיך מיט די צען פינגער, ווי הנאה צו האָבן פון אייגענער אַרבעט . . .

"איך האָב זיי געמוזט געבן די סחורה פאַר דער אַרבעט", דערקלערט מיר מאַטילדאַ, "ווייל איך האָב געוואָלט איינפּלאַנצן אין זיי דעם געפיל אַז די אַרבעט איז כדאַי, און אַז זיי וועלן באַקומען פאַר זיך די אַרבעט וואָס זיי מאַכן".

עס איז ניטאָ היינט קיין משפּחה אין לכיש, וואָס ווייסט ניט ווער איז מאַטילדאַ. ס'איז כדאַי זי צו זען ביי דער אַרבעט, בשעת זי עפנט די טיר פאַר "אירע טעכטער" און טראָגט זיי דעם "שלום" אנטקעגן מיט אַ שמייכלדיק פּנים.

"ניט גרינג איז מיר אָנגעקומען די פּרימיטיוויקייט פון אַ טייל פרויען צו לינדערן", זאָגט זי. "זיי האָבן, למשל, מורא געהאַט צו זיצן איינע לעבן דער אַנדערער, כדי 'פון דער נאָדל ניט געשטאָכן ווערן' . . . אָדער דערזעענדיק אַ לאַנגע שטריק־נאָדל, האָבן זיי געבעטן זי אַהיים נעמען אַלס אַ סואווועניר . . ."

מיט אַ סך גערולד און פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג האָט מאַטילדאַ געפונען וועגן ווי אַזוי אין זיי איינצופּלאַנצן דעם ווערט פון אַרבעט. זי האָט זיי געוויזן ווי מ'קאָן פון יעדן קליינעם שטיקל סחורה, און אַפילו פון פּאַפּיר, מאַכן נוצלעכע זאַכן. אירע אייגענע פאַרהאַנגלעך אין שטוב האָט זי געמאַכט פון קאָלירטן פּאַפּיר; ראַמען פון בילדער, אַרומגעוויקלט מיט פאַסן פון טיול. — "דערמיט האָב איך געשאָסן צוויי האָזן אויף איין מאָל: כ'האָב זיי אויך באַוויזן די וויכטיקייט צו האַלטן די שטוב שיין".

ווי נאָר זיי האָבן שוין געקאָנט מאַכן די "ערשטע זאַך", האָבן זיך אָנגעהויבן גוטע צייטן. מאַטילדאַ האָט שפּעטער אָנגעהויבן אויך באַזוכן די הייזער אין די פאַרשיידענע ישובים אין לכיש, און פאַרגעשלאָגן

צו מאכן, דא א טישטעכל פארן טיש, דא א קאשעק פארן מארק, דא א שאל פארן אוונט, דא א סוועדער. "איצט אז איך זע ווי זיי טראגן אן איינגן־געמאכטע זאך, קומט מיר צו א שטיק געזונט, און אז איך באמערק אז זייער קלייד אדער סוועדער איז צעריסן, שעם איך זיך ניט זיי בעטן זיי זאלן דאס אויסטאן און פאררוכטן" . . .

לעצטנס האט מאטילדא איינגעזען, אז זיי וועלן שעצן די ארבעט בעסער, אויב זיי וועלן פאר דער סחורה פאר א קלייד אדער בלוזקע, באצאלן א מינימום פרייז. מאטילדא לעבט פון א קליינעם חודשלעכן איינקונפט פון דער היים. "דער טשעק קלעקט מיר קוים אויף מיינע מיטלען", זאגט זי מיט א דינעם שמייכל, "און פון דעם מוז איך יעדן חודש אפשפארן פאר מיינע 'טעכטער' אויף סחורה".

מר זייליגמאן, א ייד פון באר שבע, דערוויסנדיק זיך וועגן איר ארבעט פאר די עולים, האט איר אנגעבאטן צו פארקויפן סחורה אין קאסט פרייז. אויך אין תל־אביב קריגט זי שוין סחורה אויף מעסיקע פרייזן. מאטילדא האט זיך געווענדט צו דער "וויצא" זי זאל ביי איר אפקויפן געוויסע פארטיקע ארבעטן, ווי שאלן, קוישן, כדי דורך דעם דערמוטיקן דעם חשק ביי די פרויען צו ארבעטן. דערווייל גייט זי אן אויף איר "אלטן שטייגער".

ס'איז כדאי צו זען ווי אזוי די פרויען קומען צו איר קלייבן א שטיקל סחורה (און האלטן בשעת מעשה דעם פונט צונויפגעקוועטשט אין דער האנט), די אויגן צעשטראלן זיך ביי זיי, ווען זיי זעען אז מאטילדא האט שוין איינגעקויפט "די מאדערנע קאלירן" . . . זיי ברענגען אפט מיט אן אויסגעטראגענע קלייד פון א מאמען אדער א קליין שוועסטערל, און בעטן זיך נאכשניידן לויט דעם . . . מאטילדא ווייסט שוין זייערע מאסן אויסנווייניק. ניט איינמאל קומען זיי זיך מיט איר בעראטן אויך וועגן זייערע משפחה־אנגעלעגנהייטן.

איצטער פארלאזט מאטילדא נהורה און פארט אריבער קיין אשקלון, ניט ווייל זי איז דא אומצופרידן. "ס'איז מיר אזוי שווער זיך צו שיידן מיט זיי. ווען כ'האב זיי דערציילט וועגן מיין פלאן, האב איך געזען טרערן ביי זיי . . . אויך איך וויין", זאגט זי, "ווייל סיי דער פלאץ, סיי די מענטשן זיינען מיר איינגעוואקסן אין הארצן. אז איך עפן אויף יעדן פרימארגן מיין פענצטער און כ'זע דעם לויטערן הימל איבער די פעלדער

און כ׳אָטעם די פֿרישע לופֿט, דאַנק איך אין האַרצן פֿאַר אַלץ וואָס איך גענים אין ישׂראל און פֿאַר דעם וואָס איך קאָן געבן צושטייער . . . אין מגדל אשקלון דאַרף מען כּיד איצטער נויטיקער ווי דאָ. איך וועל דאָרטן אויסלערנען אַ צאָל מענטשן צו זיין געהילפֿיק און אַנטוויקלען די אַרבעט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב, אָבער קיין נהורה וועל איך קומען איינמאָל אַ וואָך אַרבעטן מיט מיינע טעכטער״.

״וואָס זאָגן אייערע קינדער אויף אייער שריט?״

״זיי זיינען צופֿרידן מיט אַלץ וואָס באַפֿרידיקט מיך, אָבער כ׳קאָן ניט זאָגן אַז זיי זיינען ניט אַביסעלע ׳ברוגז׳ וואָס כ׳האָב אַלעמען געלאָזט דאָרטן . . . אוודאי בענק איך נאָך זיי — בפֿרט נאָך די אייניקלעך״ . . . זי נעמט אַרויס פֿון שופֿלאָד בילדער, און די אויגן שטראַלן . . . אירע ווענט אין שלאָפֿצימער זיינען באַהאַנגען מיט משפּחה־בילדער און אין צווייטן צימער זיצן תּמיד אַ פּאָר קינדער ״וואָס דאַרפֿן מיך דאָ״ . . .

״כ׳האָב אַמאָל אַ געפֿיל״, זאָגט מאַטילדאַ, ״אויסצושרייען צו די באַבעס פֿון דער וועלט: קומט קיין ישׂראל, וועט איר זען ווי נוצלעך איר קאָנט נאָך זיין, ווייל דאָרטן וואו איר זענט ווערט איר נאָר עלטער; דאָ, מיטן יונגן לאַנד, ווערט מען יינגער״.

ס׳איז שווער צו גלויבן, אַז די פֿרוי מיטן ברייט־שמייכלדיקן פּנים, און מיטן בלויען גלאַנץ אין די אויגן, תּמיד נעט געקליידט, אַז זי איז שוין אַ באַבע פֿון זעקס אייניקלעך און אַז די באַבע טוט חלוצישע אַרבעט מיט ברען און גלויבן, ניט ווייניקער ווי עס טוען דאָס יונגע.

בית דבורה באַראָן

אין חבל לכיש, וואו עס זיינען באַלד נאָך דער סיני־מלחמה, אויפגעקומען צען ישובים פון נייע עולים, מערסטנס פון די מזרח־עדות, און די ישובים רינגלען אַרום, ווי אַ רעגנבויגן, מיט זייערע קאָלירן פון ברוין־צעאַקערטע פעלדער, צעבליטע גערטנער און בלומען, דעם ישוב נהורה, וועלכער איז דער קולטור־ און דערציאונגס־צענטער אין לכיש. דאָרטן געפינען זיך די שולן, ביבליאָטעקן, דאָרטן וואוינען אויך די לערער און דערציער.

דאָרטן צווישן די שורות נייע הייזער אין ראָז־בלויע קאָלירן, שיילט זיך אויס איין הויז מיט אַ בראָנזענער שילד איבער איר:

„אגודת הסופרים העברים, המועצה האזורית לכיש —
בית הארחה לסופרים ואמנים ע״ש דבורה ברון, ז״ל.

„באַלד נאָכדעם ווי מיר האָבן עטאַבלירט דעם דערציאונג־צענטער אין נהורה", דערציילט רבקה גובער, די פאַרוואַלטערין פון די שולן אין לכיש, וועמענס נאָמען איז אַליין אין ישראל אַ קאַפּיטל געשיכטע, „האָבן מיר דערפילט אַ באַדערפעניש דאָ צו שאַפן אַ ווינקל פאַר אנשי רוח (פאַר שרייבער און קינסטלער)".

רבקה גובער האָט זיך נאָענט באַקאַנט מיט דער שרייבערין דבורה באַראָן שוין אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן. דבורה באַראָן איז עטלעכע יאָר געווען קראַנק און איז פון שטוב ניט אַרויס, נאָר נאָענטע פריינט האָבן זי באַזוכט. זי האָט געלעבט אין איר אייגן וועלטל מיט זיך — אירע שעפערישע כוחות זיינען געווען פריש כמעט ביזן סוף פון אירע טעג. איר איינציקע טאָכטער, צפורה, האָט אויפגעפּאַסט אויף איר די גאַנצע צייט פון איר קראַנק זיין. די מוטער מיט דער טאָכטער זיינען געווען „אַ גייסטיקער זיווג" צווישן די פיר ווענט פון זייער באַשיידע־

נער היים. דאָרטן האָט תמיד די שכינה געלויכטן. זייערע אויגן האָבן געשיינט מיט חסידישער התלהבות פון מענטשן וועלכע נעמען־אָן פאַר גוט זייער ביטערן גורל.

"איך האָב ניט געקאָנט געפינען קיין מער פאַרדינטן נאָמען", דער־ציילט רבקה גובער, "פאַר אַזאַ הויז, וואו אַ קינסטלער זאָל זיך קאָנען מתיחד זיין מיט זיך, ווי דער נאָמען דבורה באַראָן, וועלכער סימבאָלי־זירט אַזוי שטאַרק 'גייסט און איינזאַמקייט'".

דבורה באַראָן איז געבוירן געוואָרן אין 1887. איר פאָטער איז געווען אַ רב אין אַ ליטוויש שטעטל. קיין ארץ־ישראל איז זי געקומען אין 1911. פיל יאָרן האָט זיך פאַרוואַלטעט מיט דער ליטעראַרישער אָפּטיי־לונג פון דער וואָכנשריפט "הפועל הצעיר", פון וועלכן איר מאַן, יוסף אהרונוביץ איז געווען דער גרינדער און רעדאַקטאָר אַ סך יאָרן.

דבורה באַראָן האָט געשריבן פּראָזע. אין אירע קורצע דערציילונגען מאָלט זי מיט שטילע וואַרעמע קאָלירן דאָס שטייגער־לעבן פונעם ליט־ווישן שטעטל. זי נוצט ניט קיין איבעריקע ווערטער. מיט איר כוח פון שפּראַך געשטאַלטיקט זי מייסטערהאַפט די מענטשן. זי שעפּט פונעם אַלטן קוואַל פון דורות תלמידי חכמים, וועמענס בלוט עס פליסט אין אירע אָדערן.

מיט אַ היפּשער צייט שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן שרייבן וועגן ארץ־ישראלער לעבן. אין אַלע אירע דערציילונגען פילט זיך אַ דיכטערישער אָטעם. פאַר איר בוך "קטנות" האָט זי באַקומען דעם ביאַליק־פּריז. פאַר איר זאַמלונג "לעת־עתה" האָט זי באַקומען דעם רופּין־פּריז, און פאַרן בוך "פרשיות" האָט זי באַקומען דעם ברענער־פּריז. זי האָט פאַר־עפנטלעכט נאָך צוויי ביכער דערציילונגען, "מה שהיה" און "מאמש".

ווי נאָר מ'עפנט אויף די טיר פון בית הסופרים (שרייבער־הויז), באַ־געגנט מען זיך באַלד מיטן בליק פון דבורה באַראָנס פּראָפיל: אַ שיינע יידישע טאָכטער, מיט טיפע קלוגע אויגן. דאָס בילד הענגט איבער אַ קליין ברוין שאַפקעלע (איר שאַפקעלע) מיט ביכער. איבערן שאַפקעלע אַ באַשיידענע אויפשריפט: "פונעם ליטעראַרישן אַרכיוו פון דבורה באַראָן. אינעווייניק געפינען זיך, אויסער אירע שאַפונגען: תנ"ך, דברי ימי עם ישראל פון דובנאָוו, ביאַליקס ווערק, בריוו פון י. ח. ברע־נער, לידער פון יעקב פיכמאַן, דוד שמעוני (שמעונאָוויטש), שאַפונגען

פון גרשון שאַפּמאַן, זלמן שז״ר און אַ בוך וועגן די געטאָ־קעמפער.

מ׳ווערט דורכגעדרונגען מיטן געפיל ווי די שרייבערין אַליין וואָלט איצט אַ געמיטלעכע מקבל פּנים געווען דעם גאַסט.

אין מיטן ערשטן צימער שטייט אַ קליין הילצערנער ברוינער טיש מיט פיר פּשוטע בענקלעך אַרום אים. איבערן טיש איז פאַרשפּרייט אַן אייגן־געשטריקטער טישטעך פון דער שרייבערין און אַן אַלטע גלעזער־נע וואַזע פון איר שטוב שטייט אויפן טיש. די לעבעדיקע בלומען וואָס אין דער וואַזע זיינען פריש־געריסענע יעדן טאָג פונעם גאָרטן אַרום דער שטוב.

צוויי אַנטקעגנדיקע טירן פירן אַריין אין צוויי אַנדערע צימערן. דאָס מעבל באַשיידן. דאָס איז איינגאַנצן דבורה באַראָנס ״פאַרמעגן״, וואָס באַצירט די פרישע נייע צימערן פול מיט ליכט. אין איין צימער שטייט אַ קליינינקע שוואַרצע ראַדיאָ אויף אַ טישל און די מוזיק־קלאַנגען וואָס הערן זיך איצט דאָ אין חבל לכיש וואַרפן אַן כלערליי אַסאָסיאַציעס. אַ היימיש־געשטריקטער טעפּיך איז פאַרשפּרייט לעבן בעט. עטלעכע קונסט־בילדער אויף די ווענט.

אין צווייטן צימער, לעבן פענצטער, שטייט אַ צווייטע בעט, נעט פאַרשפּרייט. אויף פּשוטע פּאָליצעס ליגן אַ סך ביכער, צווישן זיי — שולחן ערוך, תנ״ך, די ווערק פון אחד העם, בן־יהודה.

ביי דער זייט ליגט אַן אַלטער אַלבאָם מיט צייכענונגען פון ישׂשכר ריבאַק, ״אין אָנדענק צו אַ יידיש שטעטל״: דער דלות, דער שוסטער און שניידער ביי דער אַרבעט, די תורה, שבת, יום־טוב, אַ חתונה, ״סוף כל אָדם״ . . . דאָס לעצטע בילד אין אַלבום איז פון אַ יידן אַ תלמיד חכם און איבער דעם איז אָנגעשריבן: ״מ׳טאָר ניט, מיין קינד, זיין טרויעריק. ווען דו ביסט פריילעך איז די גאַנצע וועלט פול מיט שמחה, אָבער אויב דו ביסט טרויעריק, איז גלייך ווי דו וואָלסט עמיצן שלעכטס געטאָן״. קוקנדיק אויף דעם בילד מוז מען זיך באַלד פאַרטראַכטן וועגן דבורה באַראָן, ווי נאָענט עס איז געווען איר אייגן געמיט צו אַזעלכע געדאַנקען . . .

די שטוב איז באַלויכטן מיט טאָגליכט. די קליינע פענצטער שטייען אָפן קעגנאיבער דעם לויטערן הימל. פון ווייטן זעען זיך ווייסע ״פּינ־טעלער״. זיי מיניען דאָס אויגן. דאָס זיינען די נייע ישובים ווייט גע־

שפרייט איבערן שטח פון לכיש, וועלכע מ׳האט אלע געגעבן ליכטיקע נעמען: נוגה, זוהר, כוכב, שחר, נהורה . . .

א ליבע ווארעמקייט גייט אויף צווישן די פיר ווענט פון ״דער שטוב אין פעלד״, וואס באשטייט פון דריי צימערן מיט א קיך. אן עלעקטריש אייוועלע, א קליינער פרידזשידעיר, הייסע וואסער איז פארגרייט.

פאר דעם גאסט וואס קומט אן אהער בערך פאר צוויי וואכן צייט, ווערט די דירה ״זיינע״, כאטש ער איז פריי פון אפצאל. יעדן טאג קומט אריין א פרוי אויפראמען. פרישע בלומען און יונגע ביימער בליען ארום דער שטוב.

בלעטערט מען דעם קליינעם ״ספר אורחים״, וואוהין עס שרייבן אריין די געסט, אויך באזוכער פון אויסלאנד, זייער באוואונדערונג צו די פארוואלטער רבקה און מרדכי גובער, פאר זייער איינפאל צו שאפן א מאנומענט פאר א וויכטיקער שרייבערין און גלייכצייטיק מהנה צו זיין לעבעדיקע אנשי רוח אי מיט א היימיש ווינקל, אי ווייט פון שטאטישן טומל און שטוביקע דאגות. ניט סתם באוואונדערונג לייענט מען ארויס פון צווישן די דאזיקע שורות; מ׳פילט א טיפע דאנקבארקייט מצד די געסט־קינסטלער, וואס האבן זיך ממש געפלייסט — יעדערער אויף זיין אופן, וואס שענער און בעסער צו פארצייכענען אין דעם ביכעלע — זיין אפשאצונג.

ביז איצט האבן די גוברס זיך אפגעגעבן מיט דער רשימה פון געסט. לעצטנס האט די אגודת הסופרים איבערגענומען די שטוב פון דער מוניציפאליטעט, אויף 49 יאר און זי וועט פארוואלטן מיט דער ריי פון שרייבער און קינסטלער, וועלכע זאלן קאנען קומען פארברענגען צוויי וואכן ״מיט זיך אליין״ אין בית דבורה באראז.

ב׳גיי ארונטער די עטלעכע טרעפלעך פון ״מיין שטוב״, פון וועלכער כ׳וועל באלד איבערלאזן דעם שליסל פאר א נייעם גאסט, און עס באגלייט מיך אן אינערלעכער רוף, צוריקצוקומען אהער נאכאמאל אויף צוויי שעפערישע וואכן . . .

די פריילעכע שטימען פון שול־קינדער, אויפן נאמען פון דוד שמעוני, פארקלינגען די לופט מיט זיבעציק לשונות, און דווקא דער געפילדער ברענגט צוריק, ווי אן עכא, א שטילע האפענונג, אז די נייע דורות וועלן זיך אומקערן צו די אלטע קוואלן.

אַן אַקאַדעמיע פאַר חזנות

אין איינעם פון די ווישיקע געגנטן אין תל־אביב, רחוב קרן־קיימת אין בן־יהודה, וואו פעסטעביימער אַלייען פאַרשטעלן די הויכע געביידעס, און אונטן, אין שאָטן אויף בענק, זיצן מאַמעס און קוקן צו ווי קינדערלעך שפּילן און שטיפן, שיילט זיך אויס אַ ווייס־געקאַלעכטע באַשיידענע איין־שטאָקיקע געביידע, און איבער איר אַ שילד: "אַקאַדעמיע פאַר חזנים".

צווישן צענדליקער נייע שילדן וואָס וואַקסן אויס אין ישראל ווי אַיבער נאַכט, איז דער שילד דער זעלטנסטער און רופט אַריין אינעווייניק, צו זען וואָס טוט זיך צווישן די פיר ווענט, הינטער דעם שילד; כדאַי צו וויסן צי איז דאָס נאָר אַ געוויינטלעכע שול וואו שילער לערנען נאָטן, זינגען, און נאָך אַ געוויסן טערמין ווערן זיי "פּאַרטיקע חזנים"; צי שטעלט די אַקאַדעמיע מיט זיך פאָר עפּעס מער?

דער ערשטער איינדרוק ביים עפענען די טיר פון דער אַקאַדעמיע איז ווי מ׳וואָלט אַריינגעגאַנגען אין אַ מין פּריוואַטן אַריסטאָקראַטישן פּאַנסיאָן. אַ נעט מעבלירטע שטוב, פון עטלעכע ניט־גרויסע צימערן (אַפילו אַ קיך מיט אויסשטאַטונג איז גרייט אויף שמחות). אין איינעם פון די צימערן איז די קאַנצעלאַריע, אין די איבעריקע דריי שטייען טישן, נייע שול־בענק, וואַנט־טאָוולען, און אַ ריי יונגע קעפּ (מיט יאַרמעלקעס) זייענען אַריינגעטאָן אין "די פּאַסיקלעך און פּינטעלעך" וואָס אויפן וואַנט.

וואָס לערנט מען? ווער זיינען די לערער, די שילער? די דאָזיקע ניי־

געריקע פראַגן וואָרף איך אַן איינעם פון די פּאַרוואַלטער וועמענס רייַ עס איז געווען יענעם אַוונט צו זיצן וואָלונטיר אין ביוראָ (אינדערפרי אַרבעט אַ שטענדיקער מענטש). איך האָב געהערט וועגן אַן אַלזייטיקן צוגאַנג צו אַן אַלזייטיקער קולטור־אינסטיטוציע.

דעם געשפּרעך האָב איך שפּעטער פאַרגעזעצט מיט חזן לייב גלאַנץ, וועלכער איז דער פּאָטער פונעם געדאַנק שוין זינט פיל יאָרן, נאָך איידער ער איז געקומען מיט בערך צען יאָר צוריק פון אַמעריקע זיך באַזעצן אין ישראל. "באַזעצן זיך" פאַר אַ חזן פון דעם פאַרנעם פון לייב גלאַנץ, מיינט כסדר זינגען, שאַפן און איבערשאַפן מוזיקאַלישע ווערק. און זעט אויס, אַז ניט באַנוגנט האָט זיך לייב גלאַנץ מיט דעם וואָס ער איז דער שטענדיקער חזן פון דער בית־כנסת תפארת צבי אין תל־אביב, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר אַדאַנק גלאַנצס דאַווגען דאָרט, וואוהין עס קומען, ווי חסידים, מתפללים — יונגע און אַלטע, צו געניסן פון זיין געזאַנג — האָט ער זיך לעצטנס גענומען מיט חסידישן ברען צו פאַרווירקלעכן זיין געדאַנק; דהיינו? גרינדן אַן אינסטיטוט פאַר רעליגיעזער מוזיק אין ישראל. דער געדאַנק איז געווען היפּש ניי, אָבער ווי יעדער שטאַרק־פאַרגלויבטער, האָט אויך לייב גלאַנץ געפונען אָפּענע אויערן און הערצער (שפּעטער אויך געלט־מיטלען) פאַר דער דאָזיקער אידייע. אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי דר. אבן שמואל (יהודה קויפמאַן), אליעזר שטיינמאַן, פּראָפעסאָר ישראל אפרת, זלמן שז"ר, שרגאי, דוד זכאי און אַנדערע, זיינען צוגעטראָטן מיט ראַט און טאַט צו דער גרינדונג פון אַזאַ אינסטיטוציע אין ישראל. בערך מיט אַ יאָר צוריק איז געפייערט געוואָרן איר דערעפענונג. אין משך פון דער צייט האָט אַרויסגעשפּראָצט דער ערשטער צווייג — "די אַקאַדעמיע פאַר חזנים".

"ניט צו 'פּראָדוצירן' חזנים איז אונדזער אויפגאַבע", זאָגט חזן גלאַנץ, "נאָר איינפלאַנצן אַלזייטיקן יידישן וויסן אין יידישע קינדער".

ביי דער אַקאַדעמיע איז דאָ אַ קוראַטאָריום, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַזעלכע נעמען ווי פּאָול בן־חיים, דר. חיים בר־דין און אַנדערע. דער רעקטאָר איז לייב גלאַנץ, וועלכער האָט זיך, אגב, אונטערגענומען צו לייסטן זיין אַרבעט און לערע אָן געצאָלט.

שילער נעמט מען אָן נאָר טאַלאַנטפולע, אַזעלכע וועלכע קאָנען ווערן חזנים און דיריגענטן, אַזעלכע וועלכע זאָגן־צו בייצושטייערן קולטורעל

צו דער חזנישער פּראָפעסיע. כמעט אַלע שילער, אין די יאָרן פון ערב־און אין די פריע צוואַנציקער, קומען לערנען נאָך אַ טאָג אַרבעט (באַזונדערט פייאיקע שילער ווערט געגעבן די געלעגנהייט צו ענדיקן זייער נויטיקע בילדונג צוגלייך מיטן לערנען אין דער אַקאַדעמיע). זיי לערנען פיר שעה יעדן אָוונט, פינף אָוונטן אַ וואָך. אַרבעט אויף באַשטימטע געגענשטאַנדן ווערט פאַרגעבן אַ היים, ווייל די לימודים זיינען אינטענסיוו.

לאָמיר זיך באַקענען מיט די לערער און די געגנשטאַנדן, אין משך פון פולן קורס וואָס דויערט מינימום צוויי יאָר.

חזנישע מוזיק — לייב גלאַנץ. אַקצענט און פאָנעטיקס — משה קאַסאָווסקי. שבת און יום־טוב מנהגים אין ישראל און אין גלות — אברהם יערי. פונדאַמענטאַלע מוזיק און סאָלפעדזשיאָ — יצחק אדל. געשיכטע פון אַלגעמיינער און יידישער מוזיק — דר. חיים בר־דין.

חזן גלאַנץ רייסט איבער דערווייל דעם נאָך לאַנגן צעטל פון לערער און געגנשטאַנדן און ער באַטאָנט:

"די סאַמע וויכטיקסטע מיסיע פון דער אַקאַדעמיע און אירע לייטער איז ניט נאָר געבן אַ פּילזייטיקע בילדונג, נאָר דער עיקר — אַנאַליזירן פאַר די תלמידים די 'פאַלשע אמתן' און באַגריפן וואָס עקזיסטירן היינט אין חזנות, און אין געגנטייל, זיי געבן די געלעגנהייט צו באַקאַנען זיך מיט אָריגינעלע יידישע קוואַלן, פון וועלכע חזנים אין אַלע דורות האָבן געשעפּט זייערע תפילות און געזאַנגען".

נאָך אַ קורצן זמן פון לערנען האָט שוין יהושע זוהר אָנגעהויבן זינגען מיט די תלמידים קאָמפּאָזיציעס אין פיר שטימען. דר. בר־דין לערנט זיי די געשיכטע פון יידישער און אַלגעמיינער מוזיק. דר. פ. גרענדעוויץ לערנט זיי ווי אַזוי צו אונטערשיידן די יידישע מוזיק פון דער אַלגעמיינער און דאָך געפינען די פונדאַמענטאַלע שותפות, ניט מיט קיין "טרוקענער טעאָריע" אַליין, נאָר מיט אילוסטראַציעס דורך פּלאַטן.

די אַקאַדעמיע האָט דאָס מזל ניט נאָר צו האָבן אין אירע רייען פּערזענלעכקייטן אַלס גרינדער, נאָר אויך געניסן פון זייער גייסטיקן צושטייער. אין הומאַניסטיק גיט אַ סעריע לעקציעס דר. יהודה קויפמאַן אויף דער טעמע, "דער פילאָזאָפישער הינטערגרונט פון דער העברייאישער שפּראַך", און דוד זכאי אַנטפּלעקט פאַר זיי אוצרות פון הגדה.

"די תּלמידים שלינגען בוכשטעבלעך די תּורה", זאָגט לייב גלאַנץ אַ צופֿרידענער.

ניט מיט ווייניקער אינטערעס לערנען די תּלמידים אַנדערע געגנ־שטאַנדן, ווי גראַמאַטיק, אַקצענט, פֿאָנעטיק. צי דאָס זיינען געווען "נאַטירלעכע" לימודים פֿאַר חזנים אין אַלע צייטן איז אַביסל אַ ספֿק, היינט אָבער אין דער ישׂראלער אַקאַדעמיע איז דאָס אַן אינטעגראַלער טייל פֿון בילדונג "אויפֿן וועג צו חזנות".

איינער פֿון די געסט־לעקטאָרן איז געווען פּראָפֿעסאָר וואָלטער פּישל, פֿון דעם באַרקלי אוניווערזיטעט אין קאַליפֿאָרניע, וועלכער האָט זוכה געווען צו צוגעשמידטע אויערן בשעת ער האָט געשילדערט פֿאַר די תּלמידים "יידן און יידנטום אין מיזרח־אייראָפּע". ער האָט אויך באַוויזן מיט דאָקומענטן פֿון זיינע שטודיעס וועגן יידן אין קורדיסטאַן, פּערסיע, אינדיע, באַבילאָניע, א.אַז.וו. וועגן דער געשיכטע און קולטור פֿון תּימאַנער יידן לערנט זיי יהודה ראַטשאַבי. ד״ר. ישׂראל זאב באַקענט זיי מיט דער געשיכטע פֿון עגיפּטישע יידן. אַ סעריע לעקציעס ווערט איצט אָנגעהויבן צו דער געשיכטע פֿון תּפֿילות און געזאַנג, פֿון מר יונתן.

בקרוב וועט מען שוין אַפֿילו אָנהייבן לערנען די תּורה פֿון דיריגירן. דער לערער פֿון דעם קורס וועט זיין דער יונגער ישׂראל־דיריגענט, גאַרי באַרטיני. אַ גרופּע קאָמפּאָזיטאָרס: מנחם אַווידאָם, יוסף טל, בן־ציון אורגד, פּאול בן־חיים און אַנדערע, וועלן לערנען די געשיכטע פֿון קאָמ־פּאָזיציע. ד״ר. ח. שמואלי און אַנדערע וועלן לערנען מוזיקאָלאָגיע.

צווישן די לערער פֿון הומאַניסטיק וועלן זיין אליעזר שטיינמאַן, פּראָ־פֿעסאָר ישׂראל אפֿרת, אהרן מילחו. אין צווייטן זמן לערנען וועט איינ־געשלאָסן ווערן ספֿרדישע מוזיק, פֿאָלקס־געזאַנג, חסידיש געזאַנג, פֿון מיזרח־יידישע געמיינדעס.

כאָטש די ווייזערס האָבן זיך היפּש אַ רוק געטאָן פֿאָרויס און דער טומל פֿונעם רוישיקן דרויסן איז ניט געווען דער בעסטער אַקאָמפּאַני־מענט צו חזן גלאַנצס שטילן טאָן, דאָך האָט ער זייער געמיטלעך פֿאַר־געזעצט זיין געשפּרעך:

"די דאָזיקע אַרבעט פֿון עטאַבלירן אַזאַ אַקאַדעמיע איז נאָר אַ טייל פֿונעם גרויסן פּראָגראַם וועלכן מיר האָבן אונטערגענומען ביי דער גרינ־דונג. מיר שטרעבן צו פֿאַרפֿלאַנצן חזנות איבערן גאַנצן לאַנד, דורך

אראַנזשירן אַפּטע רעליגיעזע צערעמאָניעס, קאָנצערטן, אילוסטרירטע לעקציעס. אַ צווייטער וואונטש איז דאָ, צו אָרגאַניזירן סעמינאַרן פאַר יוגנט, ערב יעדן יום־טוב, וואו כ׳וועט דעמאָנסטרירן זמירות פון יעדן יום־טוב באַזונדער, און אויך טעאָרעטישע באַגרינדונג״.

צום סוף פאַרטרויט מיר חזן גלאַנץ נאָך צוויי ״יונגע פאַרלאַנגען״ וואָס די אַקאַדעמיע האָפט צו פאַרווירקלעכן: א) פאַרעפנטלעכן די בעס־טע שאַפונגען פון און פאַר חזנים פון פריערדיקע תקופות ביז היינט; ב) אַרויסגעבן אַ מין שולחן־ערוך צו לערנען חזנות און שאַפן אַ מעטאָ־דאָלאָגיע פאַר די אַלע, וועלכע ווילן לערנען דער יוגנט דעם געגנשטאַנד.

די אַקאַדעמיע ווערט אויסגעהאַלטן דורך מיטלען פון עטלעכע קוואַ־לן: פון אינסטיטוציעס, פון בילדונג־מיניסטעריום, פון וועד הפועל פון דער הסתדרות, ווי אויך טראָגן צו געוויסע סומעס יחידים אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

איך גיי אַרויס פון דער באַשיידענער שטוב אויף קרן־קיימת גאַס מיט אַ שטילער תפילה אין האַרצן: מצליח זאָל זיין אַזאַ אינסטיטוציע אין ישראל און נחת־רוח זאָלן האָבן די גרינדער און די לייטער אירע.

דער סאַטמער פּאָרט דורך...

אַמאָל קומט פון אַ מענטשלעכער שוואַכקייט דווקא אַרויס אַ טובה. איך, למשל, האָב אַ שוואַכקייט (כ'וואָלט געקאָנט אפילו זאָגן "אַ באַזונדערן טאַלאַנט") צו פאַרשפּעטיקן די באַן, און אַזוי ווי איך ווייס דאָס (און לייקענען וועט ניט העלפן . . .) קומט מיר אָפט אויס איבערצוטרייבן אין דער אַנדערער ריכטונג : איך קום שוין אָן צו פרי . . . און דווקא אַזוי איז מיר גרינגער ווי צו קומען אין צייט . . .

אַ דאַנק דער דאָזיקער שוואַכקייט מיינער האָב איך דורכגעלעבט די טעג אַ זעלטענע איבערלעבונג, וועגן וועלכער כ'וויל דערציילן.

איך פאָר אין אויטאָבוס אין תל־אביב, צו דער באַן־סטאַנציע און איך וואונדער זיך, וואָס עס פאָרן איצט אַזויפיל פרומע יידן. ווען מיר זייַנען אָנגעקומען צו דער סטאַנציע און איך האָב געוואוסט אַז ס'איז נאָך פרי, אַז אַמווייניקסטנס איז נאָך דאָ אַ האַלבע שעה אײדער די באַן גייט אָפּ, האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס יאָגט זיך אַזוי דער עולם יידן. ווען כ'בין צוגעקומען צו דעם באַן־טויער, האָב איך דערזען אַ ים מיט קעפּ. הונדערטער חסידים אין זייערע לאַנגע שוואַרצע מלבושים האָבן אָנגעפילט די גאַנצע באַן־סטאַנציע. ס'איז ניט מעגלעך געווען דורכצוגיין. מיט גרויס שוועריקייט האָב איך זיך צוגעשטופּט צום אינפאָרמאַציע־פענצטער צו פרעגן ווען די באַן פאָרט־אָפּ קיין נתניה. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כ'בין אָנגעקומען מיט אַ גאַנצער שעה

פריער. כ׳האָב זיך גענומען ישובן, צי איז כדאַי צו וואַרטן, אָדער אומ־קערן זיך אין שטאָט און פאָרן מיט "שירות".

איך האַלט נאָך אינמיטן ישוב הדעת מיט זיך און שוין ווער איך איינגעשלונגען פון די רווישנדיקע כוואַליעס חסידים, וואָס האַלטן אין איין צושטראָמען מיט פריילעכע הילכיקע אויסגעשרייען, און איך, מיט נאָך אַ פּאָר געציילטע "ניט־גלויביקע" זיינען צווישן זיי.

באַלד נאָך די חסידים נעמען אָניאָגן הונדערטער פריילעכע קינדער, מיט טלית־קטנדלעך אויף די ווייסע העמדלעך מיט לאַנגע אַרבל. זייע־רע לאַנג־געדרייטע פּיאות וואָס האָבן אַרויסגעהאַנגען פון אונטער די יאַרמעלקעס, האָבן כמעט פאַרדעקט די בלייכע פּנימלעך, פול מיט שוויים.

"יעדער קבוצה מיט זיין רבין!" האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען אין יידיש פון די מדריכים.

אין איין אויגנבליק האָט קליינוואַרג אַרויפגעצויגן איבער זייערע קעפּ אויפשריפטן מיט קידוש־לבנה שריפט: "ברכה לכבוד האדמו"ר הצדיק". ערשט דעמאָלט האָב איך זיך דערמאָנט וואָס כ׳האָב געלייענט אין דער פּרעסע, אַז דער "סאַטמער רבי" דאַרף אָנקומען קיין ישראל.

דער רעש האָט פאַרטויבט די אויערן. דער טויער צו דער פּלאַטפאָרם איז נאָך געווען פאַרמאַכט. די קינדער האָבן אים אויפגעפּראַלט און אַריינגעשטראָמט אינעווייניק. באַלד נאָך זיי, ווי ברוייזנדיקע כוואַליעס, די חסידים, און ממש, ווי ס׳וואָלט דאָ געווען די האַנט פון אַ רעזשיסאָר, זיינען באַלד אָנגעקומען פרויען פון פאַרשיידענע עלטערס, מיט קלאָר־ווייסע טיכלעך אויף די קעפּ. זייערע הענט געפּלאַכטן מיט די הענטלעך פון קליינע מיידעלעך, אָנגעטאָן אין בגדי יום־טוב, און אויך זיי שטראָ־מען אינעווייניק צו די באַן־רעלסן, און דאָס שוואַרצע בילד האָט מיט־אַמאָל באַקומען אַ ווייסן אָפּשיין . . .

איך האָב מצליח געווען צו באַפרייען זיך פון דער ענגשאַפט און כ׳בין צוגעגאַנגען צום בופעט טרינקען קאַווע.

"ווען דאַרף ער אָנקומען?" האָב איך אַ פרעג געטאָן ביי דער מיידל אין ווייסן פאַרטעך.

"תיכף!" — האָט זי געענטפערט און צוגעגעבן, "ער וועט ניט אַרויס־גיין פון דער באַן — ער פאָרט דאָ נאָך דורך אויפן וועג קיין ירושלים".

כ׳האָב אויף גיך באַצאָלט פאַר דער קאַווע, ווייל כ׳האָב דערפילט מיט אַמאָל אַז כ׳וועל ניט קאָנען ביישטיין דעם נסיון, אַז אויך איך מוז זען דעם רבין . . . כ׳האָב נאָר אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע און דערזען, איבערן ים קעפּ, ווי די באַן דערנענטערט זיך, און אינעם זעלביקן אויגנבליק בין איך שוין צווישן די וואָס יאָגן צו איר.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער ס׳איז ניט געווען סתם אַז „אָפּשטעלן זיך". ס׳איז געווען אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי ריזיקע כוחות. פון איין זייט, אינעווייניק — די „פּמליה" וואָס איז געפאָרן מיטן רבין; פון דער צווייטער זייט — די מאַסן חסידים אויף דער שמאָלער פּלאַטפאָרם, וואָס אין זייערע הילכיקע אויסגעשרייען איז די באַן דערטרונקען געוואָרן . . .

דאָס בילד וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן איז געווען משונה־מאָדנע, עפּעס ווי דאָ וואָלטן זיך פאַרביטן די יוצרות, ווי ניט דער ריזי־קער עולם באַגעגנט די „הייליקע באַן", נאָר ווי זי, די באַן, וואָלט מקבל פּנים געווען דעם עולם. דורך די אָפענע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט חסידים מיט לאַנגע פּיאות, אויגן האָבן געגלאַנצט מיט התלהבות. זיי האָבן זיך געשטופּט, אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ, צו די פענצטער מיט ניט־גע־צוימטע העוויות. די לאַנגע ציצית האָבן אַריבערגעהאַנגען איבער די פענצטער און דער ווינט האָט זיי געלופטערט . . . זיי האָבן געזונגען און צוגעפּליעסקעט מיט די הענט און אונטערגעטאַנצט שטייענדיק אין דער ענגשאַפט . . .

ענדלעך האָט זיך אַביסל איינגעשטילט דער פלאַם.

„וואו איז דער רבי?" האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פונעם עולם אין דרויסן.

„יחי הרבי, מורנו ורבינו" . . .

פּלוצלונג האָט זיך אויסגעוויזן: „אָט איז ער!" אַז דורך איינעם פון די פענצטער האָט מען אים דערזען. צום סוף האָבן גאָר אַנדערע דער־זען דעם רבין אין אַ ווייטערן פענצטער, וועלכן די באַן־אַרבעטער האָבן באַלד אַרומגעצאַמט ווי אַ באַשיץ־וואַנט. ערשט דעמאָלט האָט דער גאַנ־צער עולם, ווי אַ ים וואָס פליייצט איבער די ברעגן, זיך אַ לאָז געטאָן צו יענעם פענצטער. ס׳איז געווען סכנות נפשות. קליינע קינדער קלאַמערן זיך אין די מאַמעס און צוזאַמען ווערט מען געשטויסן . . . הענט נעמען

זיך שטרעקן צום רבין פון נאָענט און פון ווייט. אין דער לופט צעפּלאָ־טערן ווייסע אָרבל־הענט, ווי אָדלער־פליגל, און גליקלעך איז דער וואָס האָט זוכה געווען צו גיבן שלום דעם רבין . . .

קוים־קוים נאָר האָט זיך באַוויזן דאָס געשטאַלט פון רבין. זיין בלייך געזיכט האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער מיט אַ מין צוריקגעהאַלטנקייט, נאָר זיין קליינע ווייסע האַנט האָט ער אַ פּאָר מאָל אַרויסגעשטרעקט דורכן פענצטער. זי האָט זיך לייכט און ווייך באַוועגט און איז נעלם געוואָרן . . .

ס'איז געווען אַ רחמנות אויף די באַן־אַרבעטער, וואָס האָבן מיט לייַ־דיקע הענט געדאַרפט פאַרהאַלטן דעם ברוייזנדיקן ים חסידים. די ערש־טע קרעכצן פון לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך דערהערט, דעמאָלט האָבן די באַן־אַרבעטער אָנגעווענדט איבערמענטשלעכן כוח צו פאַרמיידן אומ־גליקן . . . די פּלאַטפאָרם האָט אויסגעזען ווי אַ שלאַכטפעלד. סוף־סוף האָט די באַן זיך גענומען רירן אויפן וועג קיין ירושלים, דעמאָלט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף פאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג . . .

לאַנג האָבן נאָך אָנגעהאַלטן די קולות און שטופּעניש. עלטערן האָבן געזוכט זייערע קינדער; משפּחות און פריינט האָבן זיך צונויפגעזאַמלט און פרייַלעכע, זינגענדיקע האָט מען איצט גענומען אַרויסשטראָמען פון דער באַן־סטאַנציע אין גאַס אַרויס.

פרייטיק אין תל־אביב

אפילו ווען עמיצער זאָל פאַרגעסן אַז היינט איז פרייטיק אויף דער וועלט, קאָן מען שוין דעם פרייטיק דערקענען צוועלף בייטאָג אין גאַס. דאָס ערשטע, אַרום די בלומען־קראָמען, וואָס ווערן באַלאַגערט מיט מענטשן, מ'שטייט קאָפּ אויף קאָפּ, מ'קלייבט בלומען און מ'וואַרט אויפן פאַרוויקלטן פּאַקעט. די פרישע ריחות פאַרשיכורן ניט נאָר די קויפער, נאָר אויך די דורכגייער.

אין די מאַרקן (שוק הכרמל און שוק לעווינסקי) זיינען פרייטיק די גרינסן, פרוכטן און בלומען ניט נאָר צען מאָל אַזוי פריש (און צען מאָל אַזויפיל), נאָר אויך די קויפער לאָזן זיך אַראָפּ פרייטיק אין מאַרק אַריין מיט אַזאַ נייגער איינצוקויפן אויף שבת, אַז מ'ווערט אָנגעשטעקט פון זייער הונגער און פרייד, וואָס מער אָנצופילן די קוישן מיט כל־טוב, און מ'פאַרגעסט ניט קויפן קיין בלומען.

די געשעפטן זיינען פול מיט סחורה, וואָס מ'שטעלט אויך אויס אין גאַס. די שמאָלע טראָטואַרן זיינען באַדעקט מיט קונים און פאַרקויפער. דער געדרענג איז גרויס, מ'קאָן קוים דורכגיין; מ'שטויסט זיך אַז אין פולע קוישן, מ'איילט זיך און מ'בלייבט שטיין ריידן מיט באַקאַנטע. ס'איז טומלדיק און ערב־שבתדיק.

אין די אויטאָבוסן איז אַ גאַנצע וואָך ענג, אָבער פרייטיק מיטיק צייט, צווישן צוועלף און דריי דעם זייגער, ווען מ'ענדיקט אַרבעטן, און סע

שליסן זיך אַלע ביוראָען, געזעלשאַפטלעכע־ און רעגירונג־אינסטיטור־ציעס, דעמאָלט קאָן זיך תל־אביב ניט פאַרשעמען פאַר די "ראָוש אַאורס" אין ניו־יאָרק. ניט נאָר איז ניט צו באַקומען אין אויטאָבוס אַ לײדיק אָרט ביז אַהיים, נאָר דער עולם ביי די סטאַנציעס באַפאַלט די אָפענע טירן מיט אַזאַ געיעג, מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'איז סכנות נפשות. די תורה פון אַרײנשטופּן זיך אינעווייניק בשעת דער אויטאָבוס איז בפירוש פול מיט מענטשן ביזן לעצטן טרעפּל און ס'איז ווייטער קיין שפּאַן ניט צו מאַכן, דאַרף מען זיך לערנען ביי די תל־אביבער. פּרייטיק איז די נהגים (שאָופערן) ניט מקנא צו זיין. די זעלבע נהגים, אויף וועלכע מ'בעסט זיך ניט איין מאָל אינמיטן וואָך, הלמאי זיי נעמען ניט תמיד אַרויף אַלע וואָס וואַרטן, אָדער אַמאָל שטעלן זיי זיך אינגאַנצן ניט אָפּ בשעת די וואַרטער זיינען זיכער אַז ס'איז דאָ אינעווייניק פּלאַץ און מיט קיין ברכה באַגלייט מען זיי ניט אין וועג, אָבער היינט, פּריי־טיק, האָט מען מיט זיי אמתן מיטלייד.

די אַנגעלאָדענע קוישן וואָס מ'טראָגט פונעם מאַרק מאַכט די ענג־שאַפט גרעסער, מ'האָט אפילו ניט קיין אָרט וואו אַ פוס אוועקצושטעלן. ניט איינמאָל ווייזט זיך אויס, אַז מ'טרעט אויף אַ חלה, וואָס זעט זיך אַרויס אַן אַ פּאַפּיר פון אַן אָפּן־געשטריקטן קויש וואָס ליגט אויף דעם דיל פון אויטאָבוס, אָדער גאָר אַ לעבעדיק פישל ווערט נמאס צו "מאַ־טערן זיך" צווישן די ציבעלעס און קאַרטאָפל און ס'שטעקט אַרויס דאָס קעפל . . . ס'איז ניט מקנא צו זיין דעמאָלט יענעם שכן וועלכער דער־פילט פּלוצלינג אַזאַ גלעט . . . היינט די צייטונגען וואָס מ'טראָגט מיט זיך. די ערב שבתדיקע פּרעסע אין ישראל איז אַ וועלט פאַר זיך. ערב שבת דערשיינען די צייטונגען אין פאַרשיידענע פאָרמאַטן, אין מער קאָ־לירן, מער אָנגעפּיקעוועט מיט לייען־שטאָף. דער מענטש וואָס קויפט זיינע פאַר צייטונגען יעדן טאָג (אויסער עברית, אויך אויף אַן אַנדער שפּראַך), קויפט פרייטיק צוויי־דריי מאָל אַזוי פיל. עמד וויל שבת געפינען אין די צייטונגען מער ראָמאַנען, מער סענסאַציעס, מער ספּאָרט, מער מסחר, מער פּאָליטיק . . . דער אינטעליגענטערער לייע־נער וועט קויפן כמעט אַלע צייטונגען פרייטיק (אין עטלעכע שפּראַכן), ווייל ער קאָן ניט ביישטיין דעם נסיון פון די ליטעראַרישע ביילאַגעס, וואָס איינע זעט אים אויס כמעט תמיד בעסער פון דער

צווייטער, און אין דער סאמע ענגשאפט אויפן וועג אהיים, צעעפנט מען די צייטונג (אפילו אז מ׳פארשטעלט א צווייטן) און מ׳שלינגט זי . . .

די צענטראלע גאסן פרייטיק בייטאג איז א סכנה איבערצוגיין. מער רעדער ווי פוסגייער; מער פייפן ווי פארן; מער איילעניש ווי ליכט־סיגנאלן; אפילו מער לשונות ווי מענטשן. און שיין איז צו זען אין דעם ערב־שבתדיקן ווירוואר פון רעדער און קעפ, שלייכן זיך דורך, ווי וויכערס, וועליסאפעדלעך. אויף אייניקע פון זיי איז אנגעבונדן אונטן א פעקל עסנווארג, און פארנט שטעקט ארויס דער געוויקלטער בוקעט בלומען. ס׳איז א מין עקזאטיש בילד, אויך א ניי־יידיש בילד, ווי אזוי אינעם געדרענג פון פיר רעדער באוועגן זיך קוים־קוים זיגזאגיש צוויי דינע רעדלעך, געדרייט פון א פועל אין זיינע פארקאלכטע אדער פאר־סאזשעטע ארבעט־קליידער, און ווי א וועגווייזער שטרעקט זיך פארויס דער לאנגער בוקעט צוגעבונדן צום וועליסאפעד . . .

ביי דער תחנה מרכזית (די צענטראלע אויטאבוס־סטאנציע) וואו ס׳איז בסדר טומלדיק און ענג, איז פרייטיק פון אינדערפרי ביז שפעט בייטאג, ווי אויף א גרויסן יאריד אין א קליין שטעטל (מיטן אויסנאם וואס די "גויאים" זיינען אויך יידן . . .). די פארקויפער שרייען אויס זייערע סחורות וואס אויף וועגעלעך, מ׳כאפט אין איילעניש מציאות, מ׳איילט אדער צום אויטאבוס אדער צום "שירות" (אן אויטאמאביל־געזעלשאפט וואס פירט זיבן פאסאזשירן פאר א מינימאלן פרייז א באַ־שטימטן מהלך אין שטאט), און בשעת די נהגים שרייען אוים זייערע מארשרוטן, פארפעלן זיי ניט אביסעלע זיך א קריג טאן איינער מיטן אנדערן אויף א הויכן קול אין ניט קיין איבערקלייבערישער שפראך, פארוואס יענער איז גיכער פול געווארן, אדער פארקערט, פארוואס רירט ער זיך ניט . . .

ארום די אויטאבוסן וואס פארן קיין חיפה, ירושלים, טבריה און אין די קיבוצים איבערן לאנד, וואו פרייטיק גייט אן א אימפעטיקע אי־מיגראציע, מ׳פארט פון דארף אין שטאט, פון שטאט אין דארף און פון שטאט צו שטאט אויף שבת, שטייען לאנגע רייען ווארטער, אנגעלאדן מיט פעק, מ׳איז אומגעדולדיק און אין כעס, וואס מ׳דארף שטיין אונ־טער דער זון (אמאל אויך אין רעגן, כאטש עס זיינען דא קליינע צודעק־דעכלעך, איז דאס אבער א שוואכע באשיצונג), מ׳זעצט זיך אויף די פעק

און מ'דרעמלט אונטער. ס'זיינען ניטאָ גענוג בענק צום זיצן בשעתן וואַרטן, ס'איז אַפילו קיין פּלאַץ ניטאָ פאַר בענק. די פּלאַטפאָרמעס זייַנען קליינע פאַר דעם גרויסן עולם, כן ירבו, דאָך באַפאַלט מען שוין ווייניקער די אויטאָבוסן, ווי אין די פריערדיקע צייטן, ווען עס איז פּשוט געשען יעדן איינעם אַ נס, ווער ס'איז אַריינגעקומען אַ לעבעדיקער אינעווייניק; היינט שטייט שוין אַ קאָנטראָלער ביי דער טיר און ער וועט ניט אַריינלאָזן צו פאָרן אין אַ ווייטן וועג אויב ס'איז שוין ניטאָ קיין זיץ־פּלאַץ און ער דערקלערט שוין רואיק, אַז באַלד וועט קומען אַ צווייטער אויטאָבוס, אָבער אויך דאָס איז אַן עוולה, מ'דאַרף ווידער וואַרטן, סיידן אַז גאָט העלפט און כ'טרעפט פלוצלינג אַן אַ פריינט, אַן אייגענעם, אָדער גאָר אַ חבר פון קיבוץ וואוהין מ'פאָרט, דעמאָלט איז ממש אַ מחיה דאָס צוואַרטן . . .

די לופט אין דער תחנה מרכזית איז טומלדיק און שטיקנדיק ניט נאָר איבער דער ענגשאַפט אַליין, נאָר פון די כלערליי מאכלים וואָס מ'פאַרקויפט אין גאָס, פון הייסע פאַלאַפל, חומוס, פריש־געבאַקענע פּיטעס, בייגעלעך און טערקישע קאווע. דער עולם עסט שטייענדיק, לויפנדיק, היינט די פיל רעסטאָראַנען וואָס רינגלען אַרום די תחנה, דאָרטן ווערן סערווירט מזרח מאכלים: שאַשליק, קאַבאַב (געבראָטן געהאַקט פליייש), עספּרעסאָ קאווע — אַלע ריחות טראָגן זיך אַרום אין גאָס און זיי רופן אַריין אינעווייניק . . .

ערשט פאַרנאַכט, ווען די זון גליט שוין מער ניט, כאַפּן די טראָטואַרן אַפּ דעם אָטעם. דעמאָלט זעען זיך אָן די אויסגעטראָטענע שליאַכן, וואָס ס'דוכט זיך, אַז זיי סאָפּען נאָך שווער פון די טריט און רעדער איבער זיי. איצט קאָן מען קלאָר איבערלייענען אַן אויפשריפט וואו עס גייט אַפּ דער אָדער יענער אויטאָבוס, מערסטע זיינען שוין אוועקגעפאָרן אויף שבת. די שמאָלע פּלאַטפאָרמעס זעען איצט אויס, אין זייער ליידיקייט, ברייטער. דאָ און דאָרטן איילן נאָך אַן אַ פאָר פאַרשפּעטיקטע פאָרער און דערפילן זיך פאַרלוירן אין דער ליידיקייט. מ'איז גרייט צו כאַפּן יעטווידן אויטאָבוס וואָס פאָרט אין שטאָט אַריין, מ'קויפט אין איילעניש אויך אַ בוקעט בלומען ביי די בלומען־פאַרקויפער, וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ ספּעציעל פרייטיק פאַרנאַכט מיט פריש־געריסענע און פריש־באַגאָסענע בלומען. זיי ליגן זיי אויס אויף דער ערד אַרום די לעצטע

סטאַנציעס נומער 4 און 5. מ׳דאַרף זיך היטן ניט אַרויפֿצוטרעטן אויף זיי בשעת מ׳האַלט אין אַרויפֿשפּרינגען אויפֿן לעצטן טרעפּל, און כאָטש האַלב־ליידיק, אײַלט זיך דער אויטאָבוס איבער דער ערב־שבתדיקער שטאָט. אויף רחוב אַלענבי, נאָענט פֿון דער בית כנסת הגדול, פּאַרקע־רעוועט ער זיך אין זײַטיקע גאַסן, כדי ניט דורכצופֿאָרן דורך דער שול, וואו בײַ פֿרומע ייִדן איז שוין שבת. דערנאָך אײַלט ער ווידער, איצטער אין איין ריכטונג — אויף רחוב זשאַבאָטינסקי, וואו עס געפֿינט זיך די געזעלשאַפֿט ״אגד״, דאָרטן בלײַבן זיי אויף דער גאַס, אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען, צו רוען ביז איבער שבת.

ערשט איצט, פֿאָרנדיק אין די האַלב־ליידיקע אויטאָבוסן, קאָן מען זען די אויפֿגעקלעפּטע צעטלעך, וואָס זאָגן געזנוי ווען מ׳דאַרף בענטשן ליכט און ווען ס׳הייבט זיך אָן דער שבת, און כדי ניט צו פֿאַרגעסן וואָס מ׳האָט ערשט איבערגעלייענט, באַגעגנט מען איצט די ״שומרי שבת״ אין גאַס — ייִדן יאָגן אַרום (מיט טרובעס און אָן טרובעס) און זיי שרײַען: ״שבת, שבת!״

אַרום די היימען, אויף די גאַסן, האָט פּריטיק בײַטאָג זיך שוין אײַנגעשטילט דער גאַנצער טומל, וואָס איז אַנדערע טעג פֿון וואָך, האַלט ער אָן ביז שפּעט, כאָטש דער טומל און די באַוועגונג הייבט זיך אָן זיבן אינדערפֿרי, ווען דער ערשטער ״הענדלער״ באַווײַזט זיך, און שרײַט ממש אונטער די פֿענצטער: ״בייגעלע, בייגעלע, טרי, טרי (פֿריש)״. דאָס קליינוואַרג איז שוין וואָד פֿאַר שול און דער בייגל־פֿאַרקויפֿער מאַכט געשעפֿטן . . . אַביסל שפּעטער יאָגט אָן אַ ייִד מיט צוויי פֿולע קוישן אין די הענט און ער שרײַט: ״בי־צי־י־ים טרי־אָר־אות״ (פֿרישע אייער). דערנאָך צעזינגט די אַביסל שטיל־געוואָרענע גאַס מיט דעם באַקאַנטן אויסגעצויגענעם ליד: אַלטע־ע זאַכן־ז, אַל־טי זאַ־כי־י־ין״. נאָכדעם יאָגט אָן פֿלינק אַ קליין ייִדעלע וואָס טראָגט דעם גאַנצן ווערקשטאַט זײַנעם אויף איין אַקסל און ער צעזינגט זיך, ווי אַן אמתער סאָליסט: ״מעעע—טאַקען פּרימור־אוס־ס״. (ער פֿאַרריכט נאַפֿט־מאַשינקעס.) באַלד וואַקסן אוים פּרימוסן לעבן אים, ער צענעמט זיי געשיקט מיט פֿאַרסאַזשעטע הענט אויף קליינע שטיקלעך און דער ווערקשטאַט אײַנמיטן הויף אַרבעט שוין. די קליינינקע קינדערלעך, נאָך פֿאַר קינדערגאָרטן, מיט נײַגעריקע אייגעלעך, רינגלען אים אַרום, ווי בלימעלעך.

אביסל שפעטער, ממש ווי עמיצער וואלט ערגעץ מיט א געניטער רע־זשיסארישער האנט אנגעפירט, פארן אז א פערד און וועגעלע (מיט א מין אראבישער פוילקייט . . .) און דער אנטרייבער שרייט : "יע־ע־רא־קא־אט, פעי־רא־אט" (גרינצייג, פרוכט). און העט שפעט באווייזט זיך אויף דער גאס א שווער־געלאדענער וואגן מיט ארבוזן, און די לופט צע־קלינגט מיט א שפאגל־נייער סחורה: "א־ווא־טי־א־אד אל־א־סא־קי־י־ן" (דאס הייסט, מ'איז ניט מחויב צו קויפן "בלינד" — ער איז גרייט אויפשניידן מיט א מעסער און באווייזן די קוואליטעט . . .).

שפעטער (דווקא ווען מ'האט אויף אים ארויסגעקוקט פריער), צע־קלינגט זיך א גלעקל אין גאס, דאס מיינט אז דער "נאפט־וואגן" פארט שוין. באלעבאסטעס יאגן מיט זייערע בלעכענע כלים וואס צעקלינגען זיך ווי אין אקאמפאנימענט צום גלעקל. זיי רינגלען ארום די פאס, פון וועלכער ס'צאפט זיך דער נאפט, און זיי ווארטן אין ריי ביז די בלעכן ווערן אנגעפילט מיט א "ווייסן ווערעד שוים", זיי טראגן דעם פולן בלעך מיט געמאסטענע טריט . . .

מיט גאר א באזונדערן "צוויבער־קלאנג" צעקלינגט די שטים פונעם אייזמאן : "קע־רא־א־אד, קע־רא־א־אד". ער שרייט הויך און שטארק, ווי ער וואלט זאגן : איך בין בילכער פון אלעמען . . .

אין די אנדערע פינף טעג פון דער וואך ווען די הענדלער קומען אין אלע שעהן פון טאג, איבערהויפט וועט מען זיי הערן שרייען ווען מ'לייגט זיך צו אפרוען נאכמיטיק, וואס איז סיי א מנהג, סיי א מוז אין ישראל, ווייל צווישן איינס און דריי בייטאג איז זייער הייס, אלע קרא־מען זיינען דעמאלט געשלאסן, ארבעטער וואס קומען אהיים עסן מיטיק רוען זיך אפ, אויב מ'לאזט זיי . . .

פרייטיק, אבער, ווי לויט א ניט־געשריבענעם אפמאך צווישן די הענדלער און זייערע קונים, שטילט זיך איין דער טומל אויף דער גאס א סך פריער. באלעבאסטעס האבן שוין אויך געענדיקט קלאפן די טעפי־כער אויף די ווערענדעס, דאס בעטגעוואנט האט מען שוין לאנג אריינ־גענומען אויסגעלופטערט, די וואזאנעס אויף דער ווערענדע שטייען שוין באגאסענע, איבער די טישלעך זיינען שוין פארשפרייט קלארע טישטעכלעך און פרישע בלומען שטייען אויף זיי . . .

אין הויף איז דאס גראז פריש באשפריצט, אדער מ'האלט נאך אין

שפּריצן, און אַ ליבע קילקייט פּילט זיך. די זון איז שוין העט ווייט איבער די דעכער. די לופט איז זויבער, פריש. דאָס קליינוואַרג קומט אַרויס אין גאַס אויסגעפּוצט פאַר שבת. די מיידעלעך אין קורצע קליידעלעך און גלאַנציקע שיכעלעך, מיט שפּילקעס און לענטעס אין די האָר. זיי קאָנען זיך ניט זעצן אויפן נאַסן גראָז, שטייען זיי קאָקעטיש אין בינטלעך לעבן די טירן און מאַמעס קלייבן נחת פון זיי. די יינגלעך, מיט קלאָר־ווייסע בלוזקעס, פריש־געקעמט די האָר, מיטן כדור (באָל) אונטערן אָרעם, גרייט פאַר אַן ערב־שבתדיקן שפּיל. אַנדערע, פון רעליגיעזע עלטערן—מיט אַ סידורל אין האַנט, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, וואַרטן בנימעותדיק צו באַגלייטן דעם פאָטער אין בית־הכנסת.

אין אַזעלכע פרייטיק נאָכמיטיק־שעהן קאָן מען זען ווי עס זיצן שוין מענטשן ביי טישלעך אין די בתי קפה אויף רחוב הירקון, קעגנאיבער דעם ים, בפרט פרויען ״בעריעס״ אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, מ׳איז פאַרטיפט אין מישן די לעצטע מאָדע־זשורנאַלן, בשעת מ׳וואַרט אויף ראַנדעוואו מיט פריינט. מ׳פרישט זיך אָפּ דאָס האַרץ מיט אַ קאַלטן טרונק און קרעם קוכן. אין אַן אַנדער בית קפה, קעגנאיבער דעם ים, שפּילט אַן אָרקעסטער פרייטיק נאָכמיטיק אויף דער פרייער לופט, צו אַמוזירן די ״ראָמאַנטישע פּאָרלעך״. איבער די ליידיק־געוואָרענע טראָטואַרן גייען פאַרביי די לעצטע פאַרברוינטע באָדער, וועלכע פאַרלאָזן שוין דעם ים. די זון גליט מער ניט, זי וואַרעמט מילד, ווי אַ גוטע מאַמע. די לופט איז קרישטאָל ריין. דער ים ליגט אַ סאַמעטענער, אַ גאָלדענער אַנטקעגן. ער קילט און רייצט דאָס געמיט . . . מיטאַמאָל צעצינדט זיך דער ים ביים האָריזאָנט, ווען די זון, אַ רויט־פלאַמיקער קנויל, פאַלט אין אים אַריין, און אין איין ערך־עין לעשט זי זיך אויס, דעמאָלט אָטעמט שטיל דער ים אונטערן בלוי־גרויען הימל און אַ טיפע שלווה שפּרייט זיך אויס . . .

צום קאָנטראַסט פון די בתי קפה קעגנאיבער דעם ים, טרעפן זיך פרייטיק בייטאָג יידישע שרייבער אינעם פּאַסאַזש אויף רחוב אַלענבי, אין אַ בית קפה, ביי אַ פּאָר טישלעך, אין אַ ווינקל, אין מיטן טומל רעדט מען זיך דורך וועגן שרייבערישע פּראָבלעמען. ס׳איז אַביסל חשבון הנפש און אַביסל שרייבערישע רכילות וואָס מ׳פאַרגעסט ניט אַראָפּשווענקען יעדן ערב שבת . . .

לעבן דער רעדאַקציע "דבר", אויף רחוב שיינקין, זיצן שרייבער פּרייטיק בייטאָג אין בית קפה "תכלת", אין דער גערדיכטער ענגשאַפט, לייענט מען די שבתדיקע פּרעסע, און מ'לייענט "זיך אַליין", מ'ציילט די גרייזן וואָס דער בחור הזעצער האָט געמאַכט און מ'איז צופרידן אויב מ'איז אָפּגעקומען מיט חסד. אַהין קומען אָפּט שרייבער "כאַפּן אַ רעדאַקטאָר" אַדער מיט אַ נייעם מאַנוסקריפּט, אַדער מיט אַן אַלטער טענה, הלמאי מ'האָט נאָכניט געדרוקט . . . דאָרטן האַלט מען אָפּ על רגל אחת, אַרום אַ קליין טישעלע, רעדאַקציאָנעלע זיצונגען, כאָטש די עבּפּרעסאָ־מאַשין רוישט און דער טומל איז גרויס. דאָרטן קאָן מען זען פּרייטיק בייטאָג אָמלענגסטן און אַמשטילסטן זיצן דעם תמיד־פּאָר־טראַכטן הערצל בערגער.

אויף דער ראַדיאָ "קול ישראל" הערט מען דאָס מעביר־זיין די סדרה. פּריער אין אשכנזישן נוסח, שפּעטער אין ספרדישן, תימנער, דורך אַלע נוסחאות, גיסט זיך ביסלעכווייז אַריין דער שבת אין שטוב אַריין . . . גייט מען דעמאָלט דורך די גאַסן, באַגלייטן די קלאַנגען דעם דורכגייער. טאָמער ווערן זיי אַביסל שוואַכער ביים איבערגיין די ערשטע שטוב, ווערן זיי באַלד שטאַרקער לעבן דער צווייטער שטוב. אַזוי קאָן מען אָפּגיין לאַנגע גאַסן און הערן דאָס זעלבע שבתדיקע געזאַנג. פּונקט אַזוי קאָן מען פּרייטיק אָוונט באַמערקן אַ בילד פון אַ נייעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, דורך יעדן אָפענעם פענצטער און אָפענער טיר. וואָס גייט אַרויס אויף דער וועראַנדע, זעען זיך אַרויס, כמעט פון יעדן צימער, וואָזעם מיט פרישע בלומען, און אויף די וועראַנדעס זיצן גאַנצע משפחות געמיטלעך, אין בגדי שבת, מיט זייערע געסט, מ'זיצט ביי אַ גלאָז טיי מיט עוגה (קוכן), וואָס קיין שום באַלעבאָסטע וועט ניט פאַרפעלן צו באַקן אויף שבת. אפילו אין די "צנע"־טעג, ווען זי האָט געדאַרפט "גנבענען פון זיך" דורך דער וואָך די געציילטע פּאָר אייער, האָט זי אויף שבת אָפּגעבאַקן אַ עוגה אין דעם סיר פּלא (וואונדער־טאָפּ), אַז ס'איז שפּעטער געוועזן אַ וואונדער ווי אַזוי מ'האָט זי געקאָנט נעמען אין מויל אַריין, כאָטש ישראלער באַלעבאָסטעס האָבן זיך זייער געפּלייסט נאָכצופאָלגן די נייעסטע "רעצעפּים" וואָס זאָגן בפירוש, אַז מ'קאָן מאַכן אַ גוטע עוגה פון צוויי אייער און ווייניק צוקער—אַזאַ טעם האָט זי מאָקע געהאַט. (אגב, אויך צוגרייטן אַ טשאָלנט פּרייטיק אויף שבת

איז געוואָרן אין אַ נייער ווערסיע אָנגענומען אין אַ יידישער היים אין ישראל.).

היינט איז דאָס שוין אַ לעגענדע. היינט דערלאַנגט מען שוין, חוץ אייגענע געשמאַקע געבעקס מיט "שלאָק" (קרעם) און פרוכטן, אויך געקויפטע און גוטע בעקערייען; פרוכט מיט פולער שפע שטייט אויף די שבתדיקע טישן. די ווערענדעס זיינען העל באַלויכטן, מיט בילדער באַצירט, אָבער דאָס סאַמע לעבעדיקסטע בילד שיילט זיך אויס, בפרט זומער (און אין ישראל איז זומער 8 חדשים דורכן יאָר), בשעת פרייטיק אויפדערנאַכט זיצן אויך אייניקע אויף די ווערענדעס און שפילן קאָרטן אויף העברייאיש . . .

צום קאָנטראַסט פון בייטאָגיקן טומל און ענגשאַפט, זיינען פרייטיק אויפדערנאַכט די גאַסן טונקעלע און שטילע. אַלע קראָמען זיינען געשלאָסן, אַלע טעאַטערס, אַלע קינאָס, נאָר רעסטאָראַנען זיינען אָפן, זייער באַלויכטונג גיט צו דער טונקל-געוואָרענער שטאָט אַ דינעם רייץ — ס׳איז איצט ניט צו געפינען קיין סימן פון וואָכעדיקער אומרו. די זעלבע מענטשן וואָס באַפאַלן אַלע טאָג די אָפענע טירן פון יעדער טראַנספּאָרטאַציע-מאַשין, זעען איצטער אויס ווי גאָר פון אַן אַנדער פּלאַנעט: רואיקע שטייען זיי איצטער אין די טונקעלע גאַסן, שבתדיק אָנגעטאָן און וואַרטן מיט ראַפינירטן געדולד אין דער ריי, ביז עס וועט אָנקומען אַ "שירות". מ׳וועט ניט איבערשפּאַנען עמיצן פריער, מ׳וועט רואיק בלייבן וואַרטן בשעת דער נהג פאַרמאַכט די טיר ווען עס זיינען שוין דאָ די זיבן פּאַסאַזשירן. אָדער, פאַרקערט, מ׳וועט רואיק, אַן אַ וואָרט, זיצן אינעווייניק און וואַרטן צוזאַמען מיטן נהג אויב נאָך איינער אָדער צוויי פעלן אויס (שבת קאָסט שירות טייערער).

די איינציקע וואָס ווייזן אַן איצטער אַ לייכטן טומל אין גאַס זיינען די יוגנטלעכע. פרייטיק אויפדערנאַכט לאָזט זיך דער נוער פון דער שול-עלטער אַרויס אויף זייערע וועליסאַפּעדן, אויך צופוס, אויסגעפּוצטע, פריילעכע, צו זייערע קלובן, וואו זיי זינגען און טאַנצן מיט זייערע עלטסטע ביזן ווייסן טאָג אַריין.

וואוהין פאָרט מען פרייטיק אויפדערנאַכט, ווען אין שטאָט איז אַלץ פאַרמאַכט? מ׳פאָרט שפּאַצירן ביים ברעג ים, וואו ס׳איז שטיל, פריש און טונקל . . . מ׳פאָרט צו גאַסט. פרייטיק איז דער אָוונט ווען משפחה

און פריינט באַגעגענען זיך אין די הייזער, ניט נאָר אין תל־אביב גופא, מ׳פאָרט צו גאַסט קיין חולון, רמת־גן, גבעתיים, יפו, קרית שלום, שכונת התקוה. ביז שפּעט ביינאַכט גייט אַז דאָס פאָרן און דאָס אָנקומען מיט שירות ביי די פאַרשיידענע שבתדיקע סטאַנציעס.

״שבתדיקע סטאַנציעס״ זיינען אויך דאָ פריִיטיק אויפדערנאַכט לעבן דעם בנין פון וועד הפּועל, פון וואַנען עס פאָרן אַרויס פריילעכע וואַנדערער, קינסטלער, זינגער, שרייבער, לעקטאָרן, אונטערן אויפזיכט פון וועד התרבות (קולטור־אָפּטייל) ביי דער הסתדרות, אַנגעפירט פון בצלאל שחר, אין פאַרשיידענע נאָענטע און ווייטע ישובים, אויפצוטרעטן פאַר דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. די נהגים באַקומען צעטעלעך פון זייערע פּאַסאַזשירן און זיי ״צעוואָרפן זיי״ וואו מ׳דאַרף. מיט שעהן שפּעטער קלייבט מען אַלעמען אויף צוריק. אַביסל מיד, אָבער אָנגעשעפּט מיט גייסטיקער באַפרידיקונג, קערט מען זיך שפּעט ביינאַכט אַהיים. יעדער איינער האָט אויפן וועג צוריק ״מעשהלעך אַז צאַל״ צו דערציילן וועגן ״זיין היינטיקן אָוונט״. די שרייבערין פון די שורות איז אַ סך מאָל געווען איינע פון די דאָזיקע ״פריילעכע וואַנדערער״.

פריִיטיק אויפדערנאַכט איז דער אָוונט ווען שרייבער, קינסטלער און קולטורעלע פאָלקס־מענטשן ״ברעכן זיך דעם שטערן״ וואו פריער צו גיין געניסן אַ געזעלשאַפטלעך גייסטיקן גענוס. קודם־כל זיינען פריִיטיק דאָ ביי עטלעכע סופרים ״אָפענע הייזער״, וואו קאָלעגן און פריינט קומען זיך צונויף אַרום 9 אַזייגער און פאַרברענגען אין געהייבענער אַטמאָספערע (מיט טיי און צובייסן) ביז שפּעט.

מ׳קומט זיך צונויף ביי פרוי מאַניע ביאַליק אין שטוב. דאָס איז אַ באַשיידענער המשך פון די עונג שבתים וואָס ביאַליק האָט איינגעפירט אין תל־אביב, וועלכע זיינען ביז היינט — אַ שם דבר. ביי מאַניע ביאַליק וועט מען קיינמאָל ניט פאַרפעלן צו טרעפן ביאַליקס לאַנג־יאָריקן סעקרעטאַר, דעם שריפטשטעלער משה אונגערפעלד. אַהין קומט דער זון פון ראַווניצקין, י. ד. בערקאָוויץ, זלמן שניאור, די משפחה דראַיאַנאָוו, דער קאָמפּאָזיטאָר נחום נאַרדי, וועלכער האָט געשאַפן מוזיק צו די מערסטע פון ביאַליקס קינדערלידער, וואָס דאָס פאָלק זינגט, די ״הבימה״־קינסטלער דוד וואַרדי און חוה יאַאַליט, וועלכע איז איינע פון די ״פרייע וואָלונטירן״ צו היטן אַז די אינטערעסאַנטע שמועסן זאָלן

זיך ניט פארציען אין דער לאנגער באנק אריין, ווייל פרוי ביאליק, וועל־כע איז, אגב, זייער גוטמוטיק און וואד אין געזעלשאפט, זאל ניט דארפן גיין צו שפעט שלאפן . . .

ענלעכע באגעגענישן קומען פאר ביי די דיכטער יעקב כהן, ראובן אבינועם (גראסמאן), ביי דן פינעס און חיים שורער. א ניי־געדרוקט ליד אדער א דערציילונג, אין אריגינאל, אדער איבערגעזעצט פון יידיש אין דער שבתדיקער ביילאגע, צי א לעצט־דערשינען בוך, ווערט גע־לויבט, אדער פארקערט, "מ'דעקט" אויך אביסל ליטעראַרישע רכילות, אביסל ערנסטע פאליטיק, און אלץ ווערט אראפגעשווענקט מיט הייסער שבתדיקער טיי. מ'גייט אוועק פון אזעלכע באגעגענישן תמיד רייכער ווי מ'איז געקומען. (אזא "אפענע שטוב" איז מוצאי שבת ביי מיכאל אסף.)

היינט די ליטעראַריש־געזעלשאפטלעכע קלובן פרייטיק אויפדער־נאכט אין תל־אביב, דאס איז גאר א באזונדערע דערשיינונג. אין מיטן וואך, למשל, קאן מען יעדן טאג, פון פארנאכט ביז שפעט אין אוונט, קומען אהין און געמיטלעך לייענען די ישראלער פרעסע, שפילן שאך, אריינקוקן אין קונסט־זשורנאלן, לייענען אויסלענדישע זשורנאלן, זיצן מיט קאלעגן און פריינט ביי א טישל אדער אין א ווייכער שטול און שמועסן וויפיל דאס הארץ גלוסט. מ'קאן עסן א געשמאקן מאלצייט פאר א מעסיקער פרייז, מ'קאן אויך, אז מ'וויל, "אין מיטן שטוב אין א ווינקעלע" זיצן מיט זיך אליין וויפיל דאס הארץ גלוסט. די אטמאס־פערע איז אן אנגענעמע, דאס ליכט געמיטלעך, בילדער פון ישראלער מאלער אויף די ווענט, פרישע בלומען אין וואזעס. אין אייניקע קלובן קאן מען זומער־צייט זיצן אויף דער אפענער וועראנדע (די קעלנערקעס ברענגען אהין ארוים די באשטעלונגען) און די "הייסע" שמועסן קילט אפ די לופט . . .

אנדערש אבער איז פרייטיק אויפדערנאכט. אין די קלובן ווערן סים־טעמאטיש געפלאנט און דורכגעפירט לעקציעס, סימפאזיאומס, פאע־זיע־אוונטן, יובילייס פון שרייבער, רעציטאציע־אוונטן, אויסצוגן פון א נייער טעאטער־פארשטעלונג, פאליטישע און רעציטירישע דעבאטן.

"מלוא" ווערט אנגעפירט פון ישראל כהן און דר. יעקב האראוויץ. "צוותא" ווערט אנגעפירט פון אברהם שלאנסקי און א. ב. יפה. דאס

גלייכן איז "מדורה" אונטער דער השפעה פון אהרן מגד.

די קלוב־זאַלן ווערן פּאַרוואַנדלט אין טעאַטער־זאַלן. בענקלעך ווערן צעשטעלט אויפצונעמען דעם עולם, וואָס פאַרזאַמלט זיך אַמאָל נאָך פריער איידער דער פּראָגראַם הייבט זיך אָן. די טירן ווערן אָפט גע־שלאָסן אוים מאַנגל אין פּלאַץ, דעמאָלט מוז מען זיך באַנוצן מיטן זכות וואָס מ'איז אַ חבר אין דעם אָדער יענעם קלוב, און ניט תמיד העלפט דאָס קאַרטל אויך, ווען יעדעס בענקל איז פאַרנומען און מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ ביי די טירן.

נאָך די פּראָגראַמען פאַרוואַנדלט זיך ערשט דער אָוונט אין אַ היימי־שער מסיבה. פריינט באַגעגענען זיך, מ'בייט זיך מיט בענקלעך און טישלעך. מ'איילט זיך ניט אַהיים גיין . . . (טיי און צובייסן ווערט אויך דערלאַנגט, שפּעטער באַצאָלט מען).

אין בית סוקולוב, די היים פון די זשורנאַליסטן, קומט פאָר פרייטיק אָוונט אַ "לעבעדיקע צייטונג". פריערדיקע יאָרן פלעגט זי פּאָרקומען אין דעם גרויסן מוגראַבי־טעאַטער נאָך אונטער דער השפּעה פון יוסף העפּטמאַן. צו אַזעלכע אָוונטן קומט כסדר אַ גרויסער עולם. דאָרטן קאָן מען הערן דעם קולטור־מיניסטער זלמן ארן און פיל אַנדערע הויכע מלוכה־לייט, שרייבער, זשורנאַליסטן, ריכטער און וויכטיקע געסט פון אויסלאַנד, דיסקוטירן מעניני דיומא־פּראָבלעמען.

אין בית ציוני אמריקה, אונטער דער אָנפירונג פון י. מ. אלקוב, קומט פאָר פרייטיק אָן עונג שבת, אַ לעקציע אָדער אַ באַגעגעניש מיט אַ גאַסט. אין בית תבורי און בית ברענער — אָנגעפירט פון דר. בערל פרימער, ווערט געפּייערט אַ שרייבערס ניי בוך מיט דער באַטייליקונג פונעם מחבר, לעקציעס, אָדער אַ קבלת פנים פאַר אַ גאַסט. אומעטום איז דער עולם גרוים און דורשטיק צו הערן און געניסן.

שפּעטער אין אָוונט טרעפן זיך די "עולמס" אין גאַס. דער עיקר אויף רחוב דיזענגאָף, אַרום כסית, וואו פרייטיק, שפּעט אין אָוונט, רוישט ווי אין אַ בינשטאָק. אויך אין מיטן וואָך זיצט מען אין כסית אינעווייניק און אין דרויסן "אַלאַ פּאַריז", אָבער דעמאָלט קאָן מען דורכגיין אויפן טראָטואַר און זען אַ מענטשן. מ'קאָן אפילו אַמאָל דערזען ווי חנה רובינה, אין איר פולער מאַיעסטעטישקייט, וואָס צויבערט אויף דעם בליק וואו און ווען כ'זעט זי, זיצט ביי אַ ווייס־געדעקטן טישל און עסט מיטיק.

ניט־ווילנדיק בלייבט מען שטיין און מ׳קוקט זיך צו, מ׳וויל זען ״ווי אזוי טרינקט א קייסער טיי״ . . . א היימישער גאסט אין כסית איז די תמיד־שפרודלדיקע ציליע בינדער. אין דער אפט־פארוויכערטער לופט, מיט א מעסער זי צו שניידן, זעט מען זיצן נתן אלטערמאן, א פארחלומטער, פארטראכטער, מיט זיינע גרויע אויגן, אדער א צעפלאמטער אין א דיסקוסיע מיט קאלעגן. אין כסית זעט מען אברהם שלאנסקי, ווי אן אמתער רבי מיט זיינע חסידים, זיצט ער ארומגערינגלט תמיד פון יינגערע שרייבער, וואס שלינגען זיין תורה און חכמה.

אין כסית זיצט כמעט יעדן אוונט, אין דרויסן ביי א קליין טישל, אליין מיט זיך און מיט זיין פעקל סיגארעטן, פארטראגן אין זיין וועלט פון יצירה, דער דיכטער אבות ישורון.

אין כסית זיצט אפט דער ״איינאונאיינציקער יוסיפון״, דער גרעסטער פארערער פון פאעזיע און פאעטן וואס איז דא אין ישראל. ער וועט קומען אין אויסרייסעניש אבי צו הערן א דיכטער אדער דיכטערין פארצולייענען פון זייערע ווערק. ער אליין לייענט ליידנשאפטלעך פאר פאעזיע. יוסיפון איז דער ארגאניזירער פון ״תלם״, די וואנדערנדיקע טרופע פון דער הסתדרות, וואס פארט ארויס צו די פארווארפענע ווינקעלעך אין לאנד און שפילט טעאטער פאר די פאלקס־מאסן, בפרט אין די נייע ישובים, וועלכע זיינען ווייט פון א שטאט. דער עיקר קומט די טרופע צו פייערן מיט זיי, דורך פארשטעלונגען, די ישראלער ימים־טובים, וואס זיינען אי דערציעריש, אין אן עונג.

אין כסית זעט מען אלע טאג פון א גאנץ יאר, דער עיקר, יונגע קינסטלער און ״קינסטלער בדרך״, מיט ברויזנדיקע געמיטער, מיט חלומות, וואס וועבן זיך מיטן סיגארעט־רויך און טוקן זיך אין א גלאז ביר אדער שווארצער קאווע, אבער פרייטיק אויפדערנאכט זעט כסית אוים שיר ניט ווי א באלאגערטע פעסטונג. טישן און בענקלעך זיינען צונויפגעוואקסן מיטן עולם, מ׳קאן קיין שפאן ניט טאן. אפט גלוסט זיך איבער די באשטעלונג ביז דער קעלנער קאן זיך צושטופן זי צו דערלאנגען. די טעריטאריע פון כסית ווערט דעמאלט אויסגעשפרייט ביז קפה רבל, וואס אויך דארטן זיצט מען אין גרוים ענגשאפט סיי אינעווייניק, סיי אין דרויסן. די גרענעצן ווערן כמעט אינגאנצן אפגעווישט צווישן די צוויי בתי קפה. א נס וואס אמאל, אינעם ים פון מענ־

טשן, דערזעט מען דעם קלאסישן קאפ פון אהרן מעסקין און אמאל אויך דעם זעלטענעם מענטשן, גענעראל יצחק שדה, און מ׳טיילט אפ די גרענעצן . . .

אויף די טראטוארן, וואו מ׳קאן קוים זיך דורכשטופן, באגעגנט זיך ״צופעליק״ דער עולם פון די פארשיידענע קלובן, אין אמתן אבער איז דאס ניט צופעליק, מ׳וויל נאך פשוט ניט אהיים גיין, מ׳וויל נאך טרעפן מענטשן, מ׳וויל וויסן ווי אזוי איז געווען דער אוונט ״דארטן״, מ׳ווארט אויף א נס ס׳זאל זיך עמיצער אויפהייבן פון א בענקל, אבער אומזיסט, פון בענקל הייבט זיך קיינער ניט אויף . . . (דאס איז, אגב, א וועלט צרה . . .).

ס׳איז א זעלטן בילד צו זען א פאר הונדערט מענטשן זיצן ״אין מיטן גאס״ פארטיפט אין פרייליכע געשפרעכן, אדער סתם אין א אור־טאפיע. אין די איבעריקע קלענערע בתי קפה אויף רחוב דיזענגאף שוויבלט און גריבלט מיט יונגווארג וואס כאפט אפ דאס הארץ און טרינקט עספרעסא. ס׳ווייזט זיך אויס דעמאלט, אז די גאנצע שטאט איז אזוי טומלדיק באלויכטן. אויפן שליאך שטייען גרייט די שירות־אויטאס אפצופירן דעם עולם אהיים, אבער דאס מאל איילט מען זיך ניט אריינצוגיין, מ׳שפאצירט אוועק געמיטלעך צופוס. ווער עס וואוינט ווייט וויל שפאנען כאטש א האלבן וועג און שמועסן. מ׳גייט מיט די זייטיקע טונקעלע גאסן און די שבתדיקייט באגלייט . . . מ׳גייט ביז דער ״הבימה״־טעאטער, וועלכער זעט איצט אויס ווי א ״פארזיגלטער פאלאץ״, וואו ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק האבן אים פארלאזן די שוישפילער און געלאדענע געסט פון א גענעראלער רעפעטיציע.

לעבן אירע ברייטע ארויפגאנג־טרעפ שטייען אנגעשפארט וועליסאפעדן און אויף די טרעפ זיצט יונגווארג, זיי רוען זיך אפ פון זייערע שבתדיקע ספארט־שפאצירן, זיי ריידן איצט שטיל, קאפ צו קאפ גע־בויגן . . .

מ׳שפאנט אוועק ווייטער, מיט דער ברייטער ראטשילד אליע, ביז יהודה הלוי גאס. פרומע יידן אין זיידענע קאפאטעס, מיט שטריימלעך, קומען פון רבישע שטיבלעך. זיי גייען לאנגזאם איינער אין אנדערן, זיי ריידן געלאסן. זיי טראגן דעם שבת קודש מיט זיך א היים . . .

אבינועם, ראובן [גראַסמאַן] 339
אבן שמואל, דר. [יהודה קויפמאַן] 321
אברהם אבינו 60 155 297 299
אורגד, בן־ציון 323
או נו 112
אונגערפעלד, משה 100 101 102 103 104 105 106 338
אונטערמאַן, איסר,, הרב 31
אדל, יצחק 322
אהרונוביץ, יוסף 317
אווידאם, מנחם 323
אזיאל, הרב בן־ציון מאיר חיי 240
אחד העם 103 318
אידלסאָן, בעבאַ 103 309 158 288 310
אליהו הנביא 62 125
אל־חנני 221
אַלטערמאַן, נתן 21 341
אַלפער, רבקה 289
אלקוב, י. מ. 340
אלקנבה, משה 67
אלמאַגי 122 127 129 239 241
אמיר, מנשה 37 40
אניב, יהודה 309
אַנטאָניני, לואידזשי 166 171
אסעראָף, מאַטילדאַ 312 313 314 315
אסף, אבנר 196
אַסף, מיכאל 43 46 47 339
אסף, מרים 47
אפרת, ישראל, פראָפ. 223 321 322
אַרלאַזאַראָוו, חיים 71
ארן, זלמן 220 340
ארטשטיין, זהבה 36
אשכול, אופרי 310
אשכול, לוי 309 310 311
אשכול־קאַפּלאַן, אלישבע 308 309 311
אשכול, תמר 130

באַראָן, דבורה 316 317 318
באַראַץ, יוסף 37
באַרטיני, גאַרי 323

בודקא 102
ביאַליק, חיים נחמן 100 106 317 338
ביאַליק, מאַניע 101 338 339
בינדער, ציליע 341
ביק, משה 122
בערגסאָן, פיטער 28
בערגער, הערצל 336
בערקאָוויץ, י. ד. 101 338
בן־גוריון, דוד 31 92 95 113 114 180 184 198 227 254 257 258
283 284 300
בן־דוד [משיח] 93
בר־דין, חיים דר. 322
בר־יהודה 207
בן־־חיים, פאול 321 322
בן־יהודה 318
בן־נון, הושע 163
בן־צבי, ינאית, רחל 153 221 257
בן־צבי, יצחק 92 153 170 188 198 206 225 254 255 256 257 258
283
בנשלום, דר. 227
ברייזמאַן, רבקה 109
ברזילאי, י. 298
ברוידי, ישראל, הרב, דר. 245 248
ברעסלאַו, יוסף 242 243 302
ברענער, י. ח. 86 317
בר־זכאי 34 284

גאַנאַני 70
גאָלד, הרב 34
גאָלדמאַן, נחום דר. 227
גאָלדשטיין, עקיבא 85
גאָרדאָן 86
גובער, אפרים 266
גובער, מרדכי 242 243 313 319
גובער, צבי 266
גובער, רבקה 242 266 313 316 319
גויאל, דר. 222
גורשקאָוויטש, פראָפ׳ 104
גינגאָלד, יהודה 175
גינגאָלד, פנחס 175
גיסין 256
גלאַנץ, לייב 321 323 324

גלעדי 59 60 62
געבירטיק 44
געלבאַרט 207 209
גפן, מאַרק 275
גראָסמאַן, מאיר 247
גרינבערג, אורי צבי 25
גרינבערג, חיים 286 287 288 289
גרין, וויליאַם 242
גרענדעוויץ, מ. דר. 322
גרשון 14

דאָבקין, שושנה 109
דבורה הנביאה 106
דובינסקי, דוד 67 69 71 72 73 111 112 113 115 116 117 118 121 122 123 124 126 127 129 130 158 160 166 167 168 169 293 295 296 297 298 299 301 302
דובינסקי, עמאַ 111 112 114 122 126 128 131 132 133 134 135
דובנאָוו, שמעון 317
דוד המלך 22 58
דיקמאַן 102
דייט, דזשאַן 245
דיין, משה 92 188
דיין, שמואל 309
דינער, סאָניע 74
דזשאַנער, באַרנעט דר. 245
דזשאָזעף, יוסף דר. 28
דעמבי [גלח] 102
דרויאַנאָוו [משפחה] 338

האָלצער, רחל 86
האַמבורג, סעם 136 139 140 141 142 143 144 145 146 150
האַראָוויץ, יעקב דר. 339
האַרצפעלד, אברהם 85 87 172 175 176 177 206
היגער, דר. 106
העמלין, אייזיק 160 170 243
העפטמאַן, יוסף 340
הערצאָג, יצחק אייזיק הלוי, הרב הראשי לארץ ישראל 92 240
הערצל, בנימין זאב, דר. 27 30 32 33 34 35 63 223 251 282 284
הערשל [פעטער] 11 12

וואַרדי, דוד 338
וואַרמאַן, דר. 221
וואָל, דוד 220 222

ווילקאָמירסקי 92 284
וויקס, אברהם 219 220
וויקס, יהודית 219 223
וויקס, מיכאל 220
וויינער, ע. מ. (צייכענער פון הילע)
וויינשטיין, רבקה 206
ווייסגאַל, מאיר 219 220
ווייץ, יוסף 194 196 309 310
ווייצמאַן, וועראַ 188 220 222
ווייצמאַן, חיים דר. 220 221 222 223 224

זק, גרשון 236 237 238
זק, ר׳ חיים 239 240
זאב, ישראל 323
זוהר, יהושע 322
זיבה 267 268 269 271
זיגי 304 305 306
זיוו, ישראל 220
זכאי, דוד 321
זימערמאַן, סאַשאַ 116 119
זילבערמאַן, נתן 40
זשאַבאָטינסקי, זאב 102

חושי, אבא 107 108 121 122 124 125 126 127 168 169 170 207
חושי, חנה 36
חושי, צפורה 74 78 79
חלפון, עליזה 74
חסקין, יצחק 243
חרודי, חיים 19
חרודי, סאָלקע 18 309
חרל״פ, יעקב משה, הרב 240

טאַבענקין 206
טאָלידאַני, הרב 31
טאָלסטאָי, לעוו 103
טוביהו, דוד 155 156 292 295 296 297
טווערסקי, זשעניע 309
טל, יוסף 323
טעפער 101
טעף, ס. 245
טראַכטנבערג 64

טרומפעלדאָר, יוסף 83
טשערניכאָווסקי, שאול 101

יאָאַליט, חוה 338
ידין, יוסף 201
יהודה הלוי 106
יהושע [מעלצער] 17
יודין, סאָפי 175
יונתן 323
יוסיפון 341
יוסף הצדיק 31
יערי, אברהם 322
יפה 280
יפה, א. ב. 339
יפה, רבקה 133
יחזקאל הנביא 31
יחזקאל, עזרא 234
יצחקי, יצחק 86
ישורון, אבות 341

כהן, דזשאָרדזש קליפאָרט 245
כהן, יעקב 10, 339
כהן, ישראל 339
כהן, פוירסי 245
כהנוביץ 164
כנעני, אליעזר 21
כנעני, יוחנן 21
כספי, שושנה 75 79 80
כ״ץ, ראובן, הרב 256 258
כרמל 207

לאַגוואַרדיע, פיאָרעלאָ 171
לאוסאָן 167
לאָדזשינסקי, זאב 196
לאַנדמאַן 128
לאָסקו, חיים 193 195
לבון (לוביאַניקער), זעליק 114 118
לבון, פנחס 166 170 171 241 295 298 300 301 302
לבנון 248
לוז, קדיש 193 195 283 284
ליפסקי, ה. 85
למדן, חנה 309

לייוויק, ה. 233 266
לעדערמאַן 245
לעווין, אברהם 97
לעווינסקי 101
לעף, קלאַראַ 310
לערער, טעמאַ 261

מאַכליס 265
מאיר [מאַיערסאָן], גאָלדע 138 139 145 170 296
מאס, א. 245
מאַן, מענדל 42 43 44 47 48 49 50 51 53
מאן, סאָניע 47 48 50 52
מאַן, צבי׳קע 49
מאָריסאָן, דזשעק 245
מגד, אהרן 240
מוהר, מאיר 103
מולחו, אהרן 323
מופטי 98
מיני, דזשאָרדזש 166 301
מיימאַן 104
מיימון, עדה 133 134 309
מעלצער, יהושע 21
מעסינגער 260
מעסקין, אהרן 342
מערימינסקי [מרום], ישראל 24 25 65 68 69 71 72 122 309
משה רבינו 106

נאַגלער, איזידאָר 241 242 243
נאָוואַק, מאָריס און פרוי 129
נאַמיר, מרדכי 111 113 114 159 274 275 296 300
נאַרדי, נחום 338
ניסאַנאָוו, צבי 84
נחמה [מומע] 53
נחמה׳לע [מעלצער] 19
נפתלי 138

סאַפיר 256
סאָלאָמאָן 256
סאַטמער רבי 325 326
סאָלקס, דר. 129
סאָראָקע, משה 159 294 296
סדן, דוב 102

סורקין, חיה 195 196 287
סוצקעווער, אברהם 106
סמיליאַנסקי, יהזר 28
סלוצקי, חיה 195
סענעש, חנה 282

עסטרייכער 243
עמיר 144

פּאַליושוק, דוד 266 268 300
פּינסקי, דוד 122 128
פּינעס, דן 247 275 339
פּעליפּע 67

פאַליקמאַן, מאו 66
פיכמאַן, יעקב 101 317
פישל, וואַלטער 323
פעדער, שרה 287
פראַנציסקאַטי, זינא 182
פרידמאַן, שלום יוסף, הרב 240
פרימער. בערל דר. 340

צאַדיקאָוו, שרה 297
צוקערמאַן, ברוך 231
צור, צבי 199
ציזלינג 28
צמח, שלמה 287

קאַפּעל 99
קאַפּלאַן, אליעזר 309
קאַפּשטיין, מרדכי 282
קאַפּשטיין, צבי 280
קאַצענעלסאָן, בערל 86
קאַרוואַלאָ, ר. ג. 245
קאַרמינסקי, סיימאָר 245
קאַנץ, שמעון 275
קאַנייעוו, יצחק 297
קאַצענעלסאָן־שז״ר, רחל 286, 287 288 289
קאַסאָווסקי, משה 322
קבצן 267 268
קבצן, צפּורה 268 269 271
קויגן, פּראָפּ׳ 103
קרעסל, ג. 254

קופערמינץ, חסיה 86
קויפמאַן, יהודה דר. 322
קליגער, פאַניע 265
קרופּניק, לאה 109

ראַווניצקי 101 140 338
ראָזנהעק, עלמאַ 222
ראָנדעל, פראַנסיס, סיר 220 223
ראָטשילד, בנימין באַראָן [ברוך אדמונד דה רוטשילד, בנימין יעקב] 63 88 89
90 91 93 253
ראָטשילד, דזשיימס דע 90 91 92
ראפּ, ברוך 257
ראש, גרוניה 309
ראַשיש, פּנחס 256 258
ראטשאבי, יהודה 323
רובניה, חנה 340
רובין 101
רון, משה 275
רוטשילד דה, רחבת עדלאידה [רחבת עדלאידה דה רוטשילד, עדה בת שמעון] 93
רוקח 250
ריבאַק, יששכר 318
ריד, אָגדען 296 298
רייזען, אברהם 130 161
רייך, אביבה 208
רעדינג, ליידי 245
רחל 35
רחל 310
רמז, דוד 31

שאור, דר. 108
שאַפּירא, אברהם 255 256
שאָפּמאַן, גרשון 318
שאָקען, שושנה 275
שבירו, אורי 149
שבירו, יעקב 149
שבתי, ק. 43 46 50
שדה, יצחק 342
שדמי 21 84
שייווער, ארלאזאראָוו, עמאַ 230 231 233 234 235
שייווער, אייזיק 234
שייווער, משה 232 233 234
שייווער, נתן 234

שורער, חיים 170 339
שניאור, זלמן 338
שילים 48
שרגאי, ש. ז. 321
שרון 295 297
שמואלי, ח. דר. 323
שמעוני, בתיה 286
שמעוני [שמעונוביץ], דוד 317 319
שמחוני, אסף 194 195 196
שמחונית, יהודית 194 196 286
שידלאָווסקי, עליזה 309
שטיינמאַן, אליעזר 321 322
שטרוק, הערמאַן 90
שז"ר, זלמן 227 251 283 284 286 309 318 321
שטאַמפער, יהושע 256
שטאַמפער, שלמה 256 258
שלאָנסקי, אברהם 339 340
שפרינצאַק, יוסף 25 28 31 92 122 184 207 220 227 249 250 251 252
שטערן, דר. 295
שחר, בצלאל 338
שרת, משה 92 227

תנחום 206